STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04349

SEFER ETS HAYIM

Isaiah Horowitz

Permanent preservation of this book was made possible
by Paul & Miriam Slater
in memory of
Leo Lichten, dear friend. KIA 11-20-44 R.I.P.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

עץ חיים

והוא ספר

קיצור שני לוחות הברית

מיר האבין עש מעתיק געוועזן אויף עברי טייטש · כדי עש זאלין פאר שטיין · גרויש אונ קליין · דרינן געפינט זיך יראה אונ מוסר · אונ אלע דינים פון אגאנץ יאר · הלכות חול · ושבת · וימים טובים וימים נוראים · וחנוכה ופורים · אונ הלכות תשובה · וצדקה · וביקור חולים · גמילות חסדים · הלכות תפלין · ציצית ומזוזות · אונ אלע תפלות אונ תחינות וואש צוא איטליכע זאך געהער · אונ אנדרע גוטע זאכין · ובזכות זה זאל קומן דער גואל צדק במהרה בימינו אמן :

Printed in poland

ווילנא

בדפוס פין, ראזענקראנץ, ושריפטזעטצער.

שנת תר"נ לפ"ק

ЭЦЪ ХАИМЪ.

Древо жизни. Обряды еврейской религіи.

Съ Виленскаго изданія 1883 года безъ измѣненій.

ВИЛЬНА.

Въ Типографіи Фина, Розенкранца и Шрифтзетцера.

На Лидскомъ переулкѣ домъ № 2598/13 1889.

Дозволено Цензурою 20 Сентября 1889 года Вильна.

כתיב

נר מצוה ותורה אור דער טייטש פון דעם פסוק איז אזו · די מצוה איז גליך צו איין ליכט צו לייכטן פר דעם מענטשן וויא דר פסוק שרייבט מצות ה' ברה מאירת עינים איז דר טייטש די מצות פון גאט זיינן לויטר זיי דר לייכטין די אויגן · אונ די תורה איז גיגליכן צו איין פלאם פייער צו לייכטן די וואס לערנן אונ טוען זיא אבר דר וואס לערנט אונ ערפילט ניט די תורה דר גייט אין דר פינסטר דאס מוז מען פר שטיין דאס ליכט אונ פייער איז צוויי זאכן · דהיינו ליכט דאס איז ליכט אליין · אונ פייער הייסט איין גרויסר פלאם פייער · אונ דאס איז דאך ידוע אז ביי אונזערע חכמים איז גיבליבן אז תורה לערנן איז די גרעסטע זאך אין דר וועלט דען דורך דעם לערנן קען מען קומן גוטע מעשים אונ מצות צו טאן דרום ווערן די מצות גירופן ליכט אונ די תורה ווערט גירופן פלאם פייער · נאך איין פרוש איז אז ביי דר ליכט אליין שיקט זיך אויך דר ביי צו ריידן דאס לשון אונ דר טייטש פון פלאם דען די ליכט אנטפאנגט אן זיך דעם פלאם אונ די ליכט קען ניט ברענן אן פלאם אויך דר פלאם האט קיין אן האלט ניט ווען ניט די ליכט איז דר צו · אזו אויך קען קיין מצוה ניט גיטאן ווערן ווען מען לערנט ניט פריער תורה ווארום דר וואס לערנט ניט פריער תורה וויים ער ניט וועלכיש עס איז איין מצוה אונ וועלכים איז איין עברה אונ אויך דר וואס לערנט תורה אונ איז ניט קיין ירא שמים האט די תורה ביי אים קיין תקומה ניט אונ אויף דעם מענטשן ווערט גזאגט דר פסוק ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי איז דר טייטש דר פון · גאט ב"ה זאגט צו דעם רשע וואס נוצט דיר צו דר ציילן מיינע גיבאט · דרום מוז מען זעהן אז מען וויל תורה לערנן זאל מען פריער זיין איין ירא שמים אונ דר נאך אז מען וויל וויסן דעם שורש וואס צו דר מצוה גיהער זאל ער לערנן תורה וועט ער קאנן קומן צו דעם שורש וואס גיהער צו די מצות אונ אזו וויא עס שטייט אין פסוק דרך חיים תוכחת מוסר דאס איז טייטש אונ דר וועג פון לעבן איז די שטראף כלומר דר וואס גוויינט זיך אין שטראף דאס מיינט מען ער פירט זיך אז ער זאל זיין איין ירא שמים קאן ער קומן צו דר תורה אונ אויך קען ער זוכה זיין צו עוה"ב יענע וועלט וואס דארטן איז דאס אייביג לעבן אונ דר וואס איז איין ירא שמים קען ער אנדרע לייט אויך שטראפן אונ פרום מאכן אונ דאס מיינט דר פסוק תוכחת מוסר די צוויי ווערטר איז אלין טייטש שטראף דאס מיינט מען דר מענטש באדארף פריער זיך אליין שטראפן אונ דר נאך זאל ער שטראפן לייטן אונ צו פירן זיי אין גוטען וועג אונ אז ער זעהט לייט קערן אפ צו בייזין איז ער מחויב צו לערנן זיי אז זיי זאלן בלייבן בייא דעם גוטין וועג :

דאש שטראפן לייטן איז איין גרויסע מצוה אונ דר מענטש איז מחויב צו שטראפן זיין

חבר

חבר ביז ער איז אים מבזה ווארום אז דער חבר איז אים מבזה ווייש ער שוין וואול אז דער חבר וויל קיין שטראף ניט מקבל זיין אבר איי ער איז אים מבזה איז ער מחויב אים צו שטראפן וויא ווייט ער קען כל זמן ער ווייש ניט אז דער חבר האט זיין שטראף ניט אן גינומן · אונ ווען דו וועסט איינעם שטראפן זאלסטו זעהן אים צו שטראפן נאך זיין נאטור נאך דאס מיינט מען עס איז פר האנדין איין מענטש וואס איז תיכף מקבל שטראף אונ עס איז פאר האנדין אזעלכער וואס איז ניט תיכף מקבל קיין שטראף דעם מוזטו פיל שטראפן אונ דו זאלסט דעם חבר שטראפן מיט גוטע רייד אונ זאלסט אים ניט פר שעמן אונ סייא דיין חבר איז אגרויסער מאן אונ סייא אקליינער מאן דער רב אדער דער מנהיג דר פירער פון דער שטאט אז דו זעהסט אז איינר טוט איין עבירה בדארפשטו אים שטראפן אונ אן צו זאגן אז ער זאל דאס ניט טאן אבר צום ערשטן איז מען מחויב זיך אליין צו שטראפן איי מען שטראפט דעם חבר · אונ ווען איינר שטראפט דעם אנדרין אונ ער וויל אים ניט פאלגן נעמט דר שטראפר אפ דעם זכות פון די מצות פון דעם וואס איז גישטראפט גיווארין אונ דעם שכר זיינעם אויף יענער וועלט :

דער קנה חכמה שרייבט מען מוז וויסן וויא עס איז דאס שטראפן איין גרויסע מצוה ·

אונ זאלסט זיין גיווארינט יענעם צו שטראפן נאר בשעת מעשה אז ער טוט איין עבירה זאל ער זעלבשט אים שטראפן אונ עס מעג זיין סיי אגרויסר אדר אקליינר מאן אבר נאך דעם אז ער האט שוין גיטאן איין עבירה אדר שלעכטע מעשים טאר מען אים אליין ניט שטראפן נייערט מען מוז גיין צו דעם רב אדר צו דעם מנהיג פון דער שטאט אונ דר ציילן אז דר מענטש האט גיטאן שלעכטע מעשים אונ דער רב אדר דער מנהיג איז מחויב יענעם צו לערנן אונ שטראפן חאטשע ער זעהט איצונד ניט אין אים קיין שלעכטע מעשים אונ קיין עבירות טאן :

דען דאס איז דאך ידוע וואס אונזרע חכמים שרייבן אז אפילו איין ממונה וואס איז גיזעצט גיווארן איבר די גרעבר וואס גראבן ברונן וואסר איז אויך פון גאט גיזעצט גיווארן אונ דאס איז דאך איין גרינגע אונ איין קליינע זאך קאן דאס אן גאט ניט גיטאן ווערן מכל שכן ווען איינר איז זוכה צו ווערן איין פרנס אדר איין מנהיג אדר איין ממונה אויף איין גרויסע קהלה איז דאס פשיטא פון השי"ת דען עס ווערט ניט גיזעצט איין פרנס אויף דאס קהל ביז מען רופט פריער אויס אין הימל אז דר מענטש וועט זיין אפרנס ברצון הממשלה דרום וייל דאס איז פון גאט גיהער דר פרנס צו נעמן זיך אין מחשבה אונ פר שטיין מיט זיין שכל מער אז אנאנדרער דען אזו וואויל אז די אלע בשעפענש וואס גאט ב"ה האט בשאפן איז דאס אלץ פון זיינט וועגין אונ פון זיין כבוד וועגן דהיינו אז גאט ב"ה האט איינעם גגעבן חכמה אונ פר שטאנד מער אז זיין חבר איז דאס כדי ער זאל מיט זיין חכמה קליגן אונ וייטר לערנן אנדרע אונ צו פרום מאכן לייטן מיט זיין חכמה אונ מיט זיין תורה אזו דאס גלייכין אז גאט ב"ה האט איינעם גיגעבין מער עשירות פר אנדרע אז ער זאל צדקה טאן אונ זאל זיין נשמה מזכה זיין אונ זאל שפייזן ארעמע לייט · אזו וויא עס שרייבן אונזרע חכמים זאלסט ערליך האלטן גאט מיט דעם וואס ער האט דיך גיליט זעליגט אזו איז אונזר זאך אויך וואס מיר האבן פריער גישריבן אז דר פרנס איז מחויב יענעם צו לערנן אונ שטראפן אז ער זאל קיין שלעכטס ניט טאן ווארום אפילו איין פרנס פון אקליין שטעטיל האט דאך אזו פיל כח אונ יכולת וויא איין פרנס פון איין גרויסע שטאט דען יפתח אין זיין דור איז אזו וויא שמואל אין זיין דור האטשע שמואל איז דאך גרעסר גיוועזן פר אים אונ איטליכר פרנס טאר ניט ווארפן איין מורא איבר די לייט ניט פון גאטס וועגן נייערט

בכדי ער זאל הערשין איבער זיי און זיי זאלן אים כבוד געבן בכדי ער זאל ווייזן אז ער איז איין פרנס מען זאל דרך ארץ האבן פר אים און דעם פרנס וועט מען בוודאי דער פר שטראפן אין גיהנם דורי דורות אויך טאר דער פרנס ניט שווער מאכן אויף דעם צבור זיי זאלן געבן פיל מס בכדי ער זאל ווינציג דארפן געבן דען עס איז קיין גרעסרר גזל ניט פר האנדן דער פר:

אויך אזו וויא דר דיין בימים הקדמונים איז מוזהר געווען אז ער האט ניט געטארט אויש הערן די טענות פון איין בעל דין אן דעם אנדרן ווארום אז דר אנדערר וואלט געוועזן וואלט ער אים אפ געענטפערט אויף די טענות אזו איז דר פרנס אויך דרויף מוזהר בשעת מען קומט צו פר אים׳ אויך זאל דר פרנס גזהר זיין ניט צו זיצן אויף די גאסן מיט אום ערלכע לייט ווארום אז זיי וועלן מוחזק ווערן מיט אים וועלן זיי שפעטן פון אים און וועלן אים מבזה זיין האטשע אונזרע חכמים שרייבן ווער עס האלט זיך נידעריג קעגן לייט איז מען אים מוחל זיינע עבירות׳ נון זעהן מיר דאך אז עס איז איין מצוה זיך נידערג צו האלטן׳ דש מיינט מען אז איינער האט אים גיזידלט און בעט אים מחילה זאל ער ניט זיין קיין אום דר בארמיגר און זאל אים מוחל זיין און זאל זיך קליין האלטן קעגן אים׳ אבער ניט ביי אונזר זאך וואש מיר האבן גרעט: אבער ווען איינער איז מזלזל און מבזה דעם פרנס פר לייטן טאר דער פרנס אליין אים קיין משפט געבן נייערט דר פרנס מוז די זאך קלאגן לפני הממשלה און דש איז איין גרויסר גדר ווען די כוונה פון די פרנסים איז לשם שמים׳ דרום געמט אייך אין הארצן דאס וואס מיר האבין גשריבן׳ און איטליכר רב אדער פרנס זאל מדריך זיין זיינע לייט צו תורה און מצות ובזכות זה וועלן מיר זוכה זיין צו קומן צו העכערע מדריגות אויף עולם הבא אמן:

אונזרע חכמים שרייבן ירושלים איז דרום חרוב גיווארן ווייל מען האט איינר דעם אנדרן ניט גישטראפט וויא דער פסוק שרייבט היו שריה כאילים לא מצאו מרעה דאס טייטש איז אירע הערן זיינן גיוועזן אזו וויא די הינדן און וויא די הירשין וואס האבן ניט קיין פאסטוך ער זאל זיי פאסין און זאל אכטונג געבן אויף זיי אזו האבן די ישראל דענסט מאל ניט גיהאט ווער עש זאל זיי פירן און שטראפן׳ נאך איין פירוש איז די ישראל זיינען גיוועזן וויא די ווידערש און דיא שאף אין איין היץ שטעקט איינער די קאפ פר דעם אנדערן און זעהן ניט איינס דאס אנדרע אזו דענסט מאל די יודין האבן אויך ניט גיזעהן איינר אויף דעם אנדרין׳ און ווען אפילו ער האט גיזעהן זיין חבר שלעכטס טאן האט ער זיך אויך גימאכט גלייך וויא ער זעהט ניט און האט אים ניט גשטראפט אונזרע חכמים שרייבן ווער עס קען ווערן און שטראפן זיין הויז גזינד און שטראפט זיי ניט ווערט ער גשטראפט פר גאר זיין הויז גזינד דאס גלייכן ווער עס האט ביכולת צו ווערן און צו שטראפין איין קהלה און שטראפט זיי ניט ווערט ער גשטראפט פר גאר דער קהלה:

דער ראשית חכמה שרייבט פר פיר זאכן ווערט דאס עשירות פר לענט פון די בעלי בתים און דאס זיינן זיי׳ איינס ווער עס מאכט אויף לייט פאלשע שטר חובות און מען מוז אים צאלין די שטר חובות׳ דאס אנדרע ווער עס נעמט רוחים׳ דאס דריטע ווער עס קען דיא לייט ווערין און שטראפין און שטראפט זייא ניט׳ דאס פערטע ער שאפט אויף אנדרע לייט צדקה צו געבן און ער אליין גיט ניט׳ נוא זעהן מיר ווער עס האט ביכולת צו שטראפן אנדרע און שטראפט ניט ווערט ער גשטראפט אויף דער וועלט און אויך לעולם הבא:

אונזרע חכמים שרייבן ווען איין למדן וואוינט אין איין שטאט און די לייט האבן אים ליב זאל ער ניט דרינגן אז דאס איז מחמת עס איז קיין גרעסרער למדן פר האנדן נייערט דרום האבן זיי אים ליב ווייל ער זעהט זיי גייען אין בייזן וועג און ער שטראפט זיי ניט און

דאס

דאס מיינן אויך אונזערע חכמים מיט דעם פסוק וכשלו איש באחיו דאס מיינט מען עס ועט געשטרויכלט ווערן איינער אן די זינד פון זיין חבר וועגן ווייל כל ישראל זיינען ערב איינער פר דעם אנדערן אבר ווען איינער שטראפט זיין חבר אונ ער וויל ניט מקבל זיין אזו איז ער פטור פון די ערבות · אונ דאס איז אויך די כוונה פון גאט ב"ה וואס ער האט געוואלט די יודין זאלן ערב זיין איינער פר דעם אנדרין כדי איינער זאל אכטונג געבן אויף דעם אנדרן אונ זאל דעם אנדרן שטראפן אונ מדריך צו זיין אין גוטין וועג בכדי ער זאל פר אים ניט געשטראפט ווערן אונ זאל פטור ווערן פון די ערבות אונ אזו וואויל עס איז איין מצוה צו שטראפן איז נאך מער מצוה מקבל צו זיין תוכחה אונ דרויף זאגין אונזערע חכמים אז עס איז שטראף אויף דער וועלט איז נחת רוח אויף דער וועלט אונ אל דאס בייז טוט זיך אפ פון דער וועלט אונ דיא שטראפער ווערט געזיסט אונ עס קומט אויף זייא בענטשונג :

נוא זעהן מיר דאך וואס פר איין גרויסע זאך איז די לייט צו שטראפן דרום איז רעכט אזו לאנג צו שטראפן ביז דר מאכט ווערט גמינערט פון דעם שטראפער מחמת זיין פיל שטראפן אונ ריידן אבר היינטיגע צייטן געפינט זיך ניט אזעלכע מענטשן וואס זאלן שטראפן אונ די לייט ווילן קיין שטראף ניט אן נעמן · דרום איז דער עיקר די געמיינע לייט זאלן לערנן אין אזעלכע ספרים וואס שטייט יראת שמים אין זיי אונ ווען ניט אלע וועלן מקיים זיין וואס אין זיי שטייט אפשר וועלן עטליכע יוא אן נעמן שטראף · דרויף האט שלמה המלך געזאגט שפתי צדיק ירעו רבים ואוילים בחסר לב ימותו דאס איז טייטש די לעפצין פון דעם צדיק טוען שפייזן אונ ציהן צו גוטין פיל לייט אונ די נארן וואס האבן איין געמינערט הארץ אונ נעמן קיין שטראף ניט צו וועלן שטארבן · רש"י שרייבט דרויף עס איז איין משל צו איין פאסטוך וואס פאסעט שאף נוא וועלכע שאף עס נעמט זיך אין זין צו עסן די זעלביגע שאף דר האלט זיך בייא דעם לעבן אונ וועלכע שאף עס וויל זיך ניט פאסין מוז די שאף פייגערן אונ דער פאסטוך האט דרינן קיין שולד ניט · אזו דא אויך דר צדיק שטראפט די לייט אונ די לייט וואס הערן קיין שטראף ניט קומט אויף זיי פורעניות אונ דר צדיק האט דרינן קיין שולד ניט נייערט דער מענטש איז זיך אליין שולדיג פון וועגן זיין שלעכט הארץ · נאך שרייבט דער מדרש שמואל אויף דר משנה לא המדרש עקר אלא המעשה דאס מיינט מען דר למדן זאל ניט מאכן זיין עיקר דרשה מיט פשטים כדי ער זאל ווייזן זיינע חריפות אונ זיין למדות נייערט המעשה ער זאל פר די לייט דרשענן שטראף רייד כדי ער זאל זיי ברייגגן צו טאן מעשים טובים :

דאס מאג מען וויסין ווען די לייט הערן צו די שטראף פון דעם למדן איז אסימן אז דער למדן איז גוט אונ פרום אונ איז מקיים וואס ער רעט אונ שטראפט אבר ווען דער למדן אליין איז ניט מקיים וואס ער רעט וועלין בוודאי אים די לייט אויך ניט פאלגין אונ וועלין ניט אן נעמען וואס ער זאגט · דרום ווען דער געמיינער מאן הערט איין למדן דרשענן אפילו ער דרשת פשטים זאל ער אויך צו הערין אונ מכל שכן אויב דער למדן דרשת מוסר אונ יראה דארף ער פשיטא צו הערן דען דאס זאגט ער דאך נאר פון דעם געמיינעם עולם וועגן · אונ דער געמיינער מאן זאל זיך אין זין נעמן וואס דער למדן זאגט אונ זאל אים פאלגן :

נוא איצונד שרייבט דער קיצור של"ה גרוים מוסר אונ קבלה זאכן חאטשע דר געמיינער עולם קען גאר אזו ווייט ניט לערנן פון דעם ספר נאר דר כלל איז אלצדינג וואס דר מענטש טוט אויף דער וועלט מאכט ער אצייכן אויף יענער וועלט סייא צו גוטן סייא צו שלעכטן חס ושלום דען די נשמה איז איין טייל פון די שכינה אזו וויא איין פונק פון איין גרוים פייער דרום זאל דר מענטש זיין נשמה ריין האלטין דען דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות

האבין

האבין איין אן האלט אן די צווייא הונדערט אונ אכט אונ פערציג גלידער אונ אין די דרייא הונדערט אונ פינף אונ זעכציג אדערין וואס דאס טרעפט אן סך הכל זעקס הונדערט אונ דרייצעהן אונ דאס האט איין אן האלטונג אין גרויסע מעכטיגע שמות הקדושים:

שער היראה

ויאמר דוד ער האט גזאגט דוד המלך ע"ה צו זיין זון שלמה דו זאלסט וויסן גאט דיין פאטר אונ זאלסט אים דינען מיט'ן גאנצין הארצין אונ מיט דיין גאנצין לייב דען גאט טוט פארשטין אלע הערצר אונ גאט פר שטייט אלע גידאנקן ווען דו וועסט גאט פארשטין וועסטו אים בוודאי גיפינן אבר ווען דו וועסט דאס האפונג פון גאט פר לאזן אזו וועט דיך גאט אימר אונ אייביג אויך פר לאזן · נאך איין פשט איז אין דעם פסוק וואס דוד זאגט עס זיינן פר האנדין צווייא ערלייא יראה איינע הייסט אוים וויינינגסטע יראה · אונ דיא אנדערע הייסט אינוויינינגסטע יראה דיא אוים וויינינגסטע יראה איז ער פארכט זיך פר זיך זעלבסט אונ האט זיך זעלבסט ליב · אונ די אינוויינינגסטע יראה איז ער פארכט זיך פר השי"ת אונ האט איין ליבשאפט צו השי"ת נוא איצונד וועלן מיר אייך געבן צו פר שטיין די יראת חוץ דאס איז ער פארכט זיך פר השי"ת דהיינו ער האט מורא עובר צו זיין אויף איין מצוה אדר צו טאן איין עבירה ווארום אויב ער וועט טאן איין עבירה אדר ער וועט עובר זיין אויף די רייד וואס אונזערע חכמים ווערן מען זאל עס ניט טאן וועט ער גשטראפט ווערן פון גאט מיט אזעלכע שטראף ווש מען איז חייב אויף דר עבירה'אדר דש גלייכן אז עס טרעפט זיך איין מצוה צו טאן וויל ער די מצוה ניט אוועק לאזן פון וועגן דעם שכר פון דר מצוה אז ער זאל דעם שכר ניט אן ווערן: נוא דר זעלביגר דינט גאט פון וועגן שכר אדר פון וועגן ער האט מורא פר עונש'נוא איז דש דינסט ניט קיין גוטע דינסט נייערט עס העלפט דאך צום וויינינגסטן היט ער זיך קיין ביין ניט צו טאן אונ ניט צו פר אום רייניגן זיך אן עבירות ווארום ער האט מורא פר איין עונש אבר קיין רעכט דינסט איז דש ניט · דען מיר האבן דאך גלערינט איר זאלט ניט דינען השי"ת אזו ווי איין קנעכט דינט זיין האר בכדי ווארום ער האפט אז דר האר וועט אים געבן שכר נייערט איר זאלט דינען גאט אז ווי איין קנעכט דינט זיין האר אונ האפט ניט צו נעמן קיין שכר · אונ די מורא פון גאט זאל זיין אויף אייך דש מיינט מען אלע אייערע דינסט זאל זיין פון גאטס וועגן אונ ניט פון וועגן דעם עונש פון דר עבירה אדר דעם שכר פון דר מצוה נייערט פון גאטס וועגן אליין: נאך איין יראה איז פר האנדן ער טוט גוטס פון וועגן אז עס זאל אים אדר זיינע קינדר קיין אום גליק ניט טרעפין אדער ער זאל קיין היזק אין זיינעם געלט ניט האבין אדער עס זאל אים זיין פרנסה ניט גימינערט ווערין אדער זיינע קינדר זאלין ניט שטארבין בייא זיינעם לעבין פון דעסט וועגין היט ער זיך איין עבירה צו טאן · דיא דינסט איז אויך גוט דהיינו ער האט אמונה אין השי"ת אז ער האט ביכולת אל דאס גוטס ברייניגן אויף דר וועלט · אויך שרייבין אונזערע חכמים אייביג זאלסטו דינען גאט אפילו ניט פון גאטס ליבשאפט נייערט פון דיין ליבשאפט וועגן איז אויך גוט ווארום דער וואס איז ביי דער מדריגה קאן ער קומען צו דער רעכטער יראה · דהיינו ער וועט דינען פון גאטס ליבשאפט וועגין: אויך איז פר האנדן איין אהבת חסד דאס איז דר מענטש דינט גאט פון וועגן זיין הצלחה ער זאל זיין איין מוצלח אמאל דינט דר מענטש גאט אז גאט זאל אים געבן פיל גוטס אונ עשירות אויף דער וועלט דאס איז קיין רעכטע דינסט ניט · נייערט אז עס זאל אים גוט זיין אויף דר וועלט אונ אויך לעולם הבא דאס איז איין גוטע מדה אונ ווען די אהבה איז פון

דעסט וועגן אזו וועט ער גהנה זיין לעולם הבא פון די שכינה אזו ווי איין מלאך אלהים אונ ער וועט זוכה זיין דורך זיינע גוטע מעשים אויף שטיין תחית המתים דער עיקר איז גאטש דינסט גיהער צו זיין מיט פרייד אונ מיט אגוטן גימיט קאן ער זיך בהעפטן אין די הייליקייט פון גאט אונ אויף אזו איין דינסט איז דר מענטש גיבאטן גווארן אבר ניט אויף אזו איין דינסט דאס ער וויל נאר נהנה זיין פון דעם עולם ווי מיר האבן פריער גישריבן נייערט דר עיקר איז צו דינן גאט ווייל ער איז איין גיוועלטיגר הער אויף דר גאנצר וועלט אונ עס איז קיין פריערגר פון אים ניט פר האנדן · אזו שרייבט דר זוהר בראשית מען זאל וועלן די הערשאפט פון גאט שרייבן זוא וואלט ניט גיקלעקט אל דאס פאפיר פון דר וועלט אונ דר מענטש וואס נעמט זיך אין זינען דאס גוועלטיקייט פון גאט אזו פאלט אויף אים איין גרויסע בושה אונ ער קומט צו דר רעכטר יראה דרום זאגט דער חכם דו זאלסט ניט ווידר שפעניגן קענן דיין הערין דען ער גיט אכטונג אויף גאר דער וועלט עס איז מלא כל הארץ כבודו:

אזו שרייבין אויך אונזערע חכמים פון וועגן ווייל די בושה איז אויף דיר וועסטו ניט זינדיגן אונ פון דאגן לערנן אפ אונזערע חכמים אז דר בעסטר סימן איז אז דער מענטש איז איין בײשן דען איין בײשן קען ניט באלד זינדיגן · אונ דער מענטש וואס איז ניט קיין בײשן זיינן בוודאי זיינע עלטערן ניט גיוועזן אויף דעם בארג סיני:

איר מענטשן איר זאלט וויסן אז עס איז פר האנדן פיר עולמות די הייסן אצילה · בריאה · יצירה · עשיה · אונ עש איז זייער פיל פון זיי צו זאגן אונ צו שרייבן נאר דש ווייניגסטע דר פון שרייב איך אייך אז איר זאלט וויסן אז די וועלט וואס מיר זיינן אויף דר ערד דש איז דש לעצטע אונ דש איז די מינצטע שטאפל אונ דש בשעפניש איז פון ליים אונ פון ערד · אבר אין אלע עולמות איז ניט פון אזעלכע שפלע זאכן בשאפן גווארן אז ווי די ערד איז אונ די ערד האט פיר יסודות · ערד · וואסר · ווינט · פייער · נוא זעהט מען דאך ווש פר וואונדרליכע בשעפניש הש"י האט בשאפן אויף דר וועלט · אונ נאך שרייבט דר זוהר גרויסע וואונדר פון די משונה בריות וואס עס זיינן אויף די זיבן ערדן פר האנדן אונ מיר זעהען דאך אויך די גרויסע בערג וואס עס איז פר האנדן אויף דער ערד:

דאש איז דאך ידוע די ערד הייסט דומם דש איז טייטש שטיל אונ אויס דר ערד קומט צומח איז טייטש שפראצונג עס וואקסט אלערליי גוויקס אונ אין די גוויקס שטעקט איין רוח אויך וואקסט פון דר ערד ווש הייסט חי דש איז לעבדיגע זאכן · בהמות אונ חיות עופות דגים פיך וויזל טירן פויגיל אונ פיש · אויך קומט פון דר ערד מענטשן דש איז מדבר דש איז טייטש ער קאן ריידן · אונ פרובט אונ פר שטייט איר ערליכע לייט ווש פר חשובה זאכן קומט אונ ווערט בשאפן פון דר ערד · גאלד · זילבר · קופר · אוצרות · אבנים טובות · ווער קאן עס אויס שרייבן אלערליי קרייטיכר שמעקדיגע אונ סגולות אונ רפואות אונ שיינע רויזן אונ שיינע בלומן וואס קיין מענטש קאן ניט אזו פיל פר שטיין ווי הש"י האט בשאפן אונ ווער קאן דש אויס שרייבן פון די חיות טהורים אונ חיות טמאים ווש פר איין וואונדר דש איז דש גלייכן דר העלפאנד אונ וויזיל טיר ווש זייערע שפייז איז וואונדרליך אונ דש קומט אליץ פון דר ערד ווש זיא איז איין יסוד פון דיא פיר יסודות וואס מיר האבין גישריבין אונ דאש איז דער מינצטער יסוד פון דיא פיר יסודות מכל שכן וואסער אדער ווינט אדר פייער איז אפשיטא אום מיגליך צו דער שרייבין נוא אז מען נעמט זיך דאש אליץ צום הארצין וויא גרויס עס איז דיא גבורה פון הש"י אזו דינט מען אים בוודאי מיט דעם גאנצין הארצין:

דיא גמרא שרייבט אין (ברכות) די כנסת ישראל אונ ציון זאגן צו הש"י דו גאט האסט

אונז פאר לאזין אזו ענטפערט הש"י צוא ישראל אונ צוא ציון מיינע קינדער וויא איז דש מיגלך אז איך האב אן אייך פר געסן צוועלף מזלות*) האב איך בשאפן אויף דעם הימל אונ איבר איטליכן מזל האב איך בשאפין דרייסיג אויבר ממונים די הייסן קרטון אונ איבר איטליכן אויבר ממונה האב איך געזעצט דרייסיג שרים די דא הייסן סיפרא אונ אין איטליכין שר האב איך גיגעבין דרייא הונדערט אונ פינף אונ זעכציג מאל צעהען טויזינט שטערן אונ אלין האב איך בשאפן פון דעם מענטשן וועגן אונ וויא קען דאס זיין אז איך האב אן אייך פר געסין אונ האב אייך גיטאן פאר לאזין:

אונ ווער איז דער מענטש וואס ער איז דאך באשאפין גיווארין פון דער ערד אונ זאל ח"ו דיא בושה אוועק לייגין אויף אזייט אונ זאל זיך ניט פארכטין פאר דעם גרויס גיאכפערטין קיניג גילויבט איז זיין הייליגער נאמען:

דאש נעמט אייך אין זינן די גרויסע ווירדיקייט פון אונזר בשעפר וואש ער האט אלדינג בשאפן וואש איז אום מיגליך צו שרייבן אונ צו פר שטיין געבן דש וש אונזרע ספרי לשון הקודש שרייבן איז דש נייערט וויא איין טראפן אויס דעם ים הגדול אונ מכ"ש אויף טייטש צו שרייבן איז פשיטא ניט מיגליך אויס צו שרייבן אונ ווען איר וועט דאס אלץ אין זינען נעמען וועט איר קומן צו יראה טהורה אונ איר וועט בוודאי תורה לערנן אונ איר וועט בוודאי מקיים זיין די מצות וואש מן התורה זיינן אדר מצות וואש מדרבנן זיינען · די מצות מדרבנן זיינן וויא איין צוים פר די מצות וואס מן התורה זיינן · זיי זיינן וויא איין צוים צוא איין קעסטליכין גארטין נוא ווען דער גארטין איז מיט איין צוים זוא גישיכט קיין שאדין ניט אין גארטין · אזו אויך ווער עס איז מקיים די מצות וואס זיינען מדרבנן איז דר בוודאי ניט עובר אויף די מצות וואס איז מן התורה:

נאך איינש גיהער מען צו פר שטיין אונ פרובן דהיינו ווען איינער ווערט בלינד ח"ו אונ איין דאקטר זאל אים היילן וואלט ער בוודאי דעם דאקטר ליב גיהאט אונ ווען ער וואלט בקומן אזו איין דאקטר ער זאל אים היילן וואלט ער בוודאי תיכף זייער גוט בצאלט · אדר דאס גלייכן איין אנדר גליד וואס איז ח"ו קיילע גיווארן וואלסטו בוודאי דעם דאקטר אפ גגעבן גאר דיין פר מעג אונ וואלסט אים בוודאי ערליך גיהאלטן אונ הש"י גיט דיר ליכטיקייט צו דיינע אויגן אונ הערונג צו דיינע אויערן אונ פיס צו גיין אונ הענט אלע זאכן צו טאן אונ איין מוח אונ איין הארץ צו פר שטיין אונ דש גיט דיר הש"י אלץ אום זיסט · נוא ווי זאל מען ניט גאט דינן מיט דעם גאנצן הארצן אונ הש"י טוט מיט דיר גוטס אימר אונ אייביג · פריער איידר דו האסט בייא אים פר דינט אונ ווען גליך גאט גיט דיר ניט אמאל אזו גיך דיין שכר אויף די מצות וואס דו האסט גטאן פון דעסט וועגן קאנסטו דאך השם יתברך ניט גינוגן בצאלן איינס פון וויפל מאל צעהן טויזנט וש הש"י האט דיר גיפעדרט שכר כלומר ער האט דיר גוטס גטאן איי דו האסט נאך מצות גטאן אונ דש וש הש"י האט דעם יצר הרע בשאפן איז דש אלץ פון אונזר טובה וועגן בכדי מיר זאלן דעם יצר הרע בצווינגען אונ ביי קומן אונ דאש איז גירעכינט ביי הש"י פר איין גרויסע זאך אז איין מענטש זאל איין מלאך קאנן בצווינגען · דען דר יצר הרע איז אזו איין מלאך וויא אנאנדר מלאך נייערט ער איז באשאפן גווארן אז דר מענטש וועט אים פאלגן נוא ווערט ער גירופן יצר הרע אונ ווען דער מענטש בצווינגט אים אונ פאלגט אים ניט אזו ווערט אויס אים איין מלאך מליץ:

אויך שרייבט דר מדרש אויף דעם פסוק מי הקדימני ואשלם איז טייטש ווער וועט זיך פעדערן מיר פריער צו באצאלן כלומר עס איז ניט פר האנדן קיין מענטש זאל פעדערן גאט צו

בצאלין

---

*) החוקרים החדשים לפי נסיונות חדשים מראים נפלאות גדולות מבריאתם · עד כי רוח האדם החודר כמו כורע ומשתחוה לפני יוצר הכל.

בצאלן ווארום וואלט דען דר מענטש מיך גיקאנט ליבן איי איך זאל אים פריער קיין נשמה גיט געבין ווער וואלט מצות מילה מקיים זיין ווען איך וואלט אים ניט צום ערשטין גיגעבין איין זון ווער וואלט מצות ציצית מקיים גיוועזן איי איך וואלט אים גיגעבן איין טלית גדול אדר איין טלית קטן ווער וואלט איין מזוזה גימאכט איי איך וואלט אים איין שטוב גיגעבן ווער וואלט מיר גיגעבן לקט שכחה פאה תרומות ומעשרות איי איך האב פעלדר גגעבן ווער וואלט צדקה גיגעבן איי איך זאל אים צום ערשטן געלט געבן ווער וואלט איין קרבן מקריב גוועזן אויב איך וואלט אים צום ערשטן ניט גיגעבן פיך עלי לשלם שכרו גאט זאגט אויף מיר איז צו בצאלן דעם שכר עס איז דאך אלץ מיינע וואס אונטר דר הימל איז אונ פון דאס אייגינע גיט מיר ערשט דר מענטש · נוא זעהט וויא זאל מען דעם אלמעכטיגן גאט ב״ה ניט דינן פר ליבשאפט דען גאט ב״ה גיט דעם מענטשין פר שטאנד אונ שפראך צו דעם צונג ער זאל קענן תורה לערנן איז פון דאנן אפ גילערינט אז אלע תרי״ג מצות וואס דר מענטש טוט אזו גיט הש״י אים זיין חלק צום ערשטין ווארום וואלט דען גיקאנט אמענטש איין שום זאך טאן אז הש״י וואלט אים ניט גיגעבין דיא הבנה אונ איין צונג צו לערנן תורה:

נאך איינש גיהער מען זיך אין זין צו נעמן דען מען גיהער הש״י ליב צו האבין אז מיר זיינען איין עם קדוש אונ מיר האבין איין היילגין נאמן ישראל אונ האסט אונז אויס דער וויילט צווישין אלע שבעים אומות הקדמונים אונ האט אונז גיהייליגט מיט זיין גיבאט אונ מיר ישראל ווערין גירופן וועגין אונזרע אבות גאטס חלק מיר זיינן זיינע קינדר אונ ער איז אונזר פאטר אונ וויא זאל מען אים ניט דינן פר ליבשאפט מיט דעם גאנצין הארצן אונ מיט גאר דעם לייב אונ מיט אונזר גוטץ אונ מיר גיהערן אונזר לייב אונ לעבן מוסר זיין פון זיין היילגן נאמן וועגן אונ וויל מיר לעבין גיהער בייא אונז זיין ליבשאפט איין גיבאקן אין אונזר הארצן זיין אז מיר זאלין טאן זיין ווילין מיט גרויס לוסט אונ מיט גרויס פרייד אונ מיט דער וועקענעש פון דעם הארצין דאס ווערט אן גירופן יראה פנימית אונ מיר האבן דאך שוין גשריבן דיא מצות זאל דער מענטש ניט טאן פון זיינט וועגן כדי ער זאל שכר מאגן בייערט פון גאטס ליבשאפט וועגין אונ מקיים צו זיין תורה ומצות לא תעשה אונ צו באצווינגן דעם יצר הרע פון גאטס וועגין:

שער האהבה

דער (ראשית חכמה) שרייבט די אהבה ווערט גפרובט מיט צעהן זאכן · איינש מען זאל די תורה פר ליבשאפט לערנן · דש אנדרע איז מען זאל הנאה האבן פון גאטס דינסט דהיינו מען זאל ניט איבר דאנק טאן מצות · דש דריטע מען זאל פיינט האבן דש וש גאט האט פיינט מען זאל ליב האבן דש וואש גאט האט ליב · דש פערטע איז אלע דש גוטס פון דר וועלט זאל ביי דיר אין די אויגין ניט גיאכט זיין קעגין גאטס דינסט · דש פינפטע איז עס זאל אים גיזיסט זיין אלע זיינע מידיקייט אונ אלע זיין פייניגן פון גאטס וועגן · דש זעקסטע דו זאלסט ניט פעדערין צו טראכטן דיינע זאכן פר גאטס ב״ה זאכין · דאס זיבענטע איז דו זאלסט די לייט מודיע זיין דש ליבשאפט פון גאט כלומר דו זאלסט די לייט מדריך זיין אין גאטס דינסט אונ אפ צו קערן די לייט פון דעם שלעכטן וועג בכדי אז אנדערע לייט זאלן אויך גאט ליב האבן · דש אכטע ניט צו הערן די אן ריידר אונ די וש פר שטויסן אים פון גאטס דינסט אונ ניט צו פארכטן זיך פר די שפעטר וש שפעטן אויס די לייט וש זיינן גוט אונ פרום · דאס ניינטע איז ווען עס טרעפט דיר עפעס ביי גוטס אדר שלעכץ חו זאלסטו זיך ניט מבטל זיין פון גאטס דינסט · דש צעהנטע דו זאלסט גאט ניט דינן פון שכר וועגן בייערט פון ליבשאפט

וועגין

וועגין אונ ווען מען נעמט זיך די צעהען זאכין אין זיין הארצין אונ טוט אזו וויא מיר האבן גשריבן דש הייסט אהבה גמורה אונ דש איז דר סדר אונ דר תכלית פון די יראה אונ פון די אהבה אונ אויף די צעהן זאכן וויש מיר האבן גישריבן איז דר פסוק גזאגט גיווארן דו זאלסט גאט ליב האבן מיט דעם גאנצן לייב אונ מיט דעם גאנצן גוטס · אונ מיר וועלן בשיידין די זאך פון די יראה אונ פון די אהבה · יראה קומט אוים דעם ווארט אהבה · אהבה קומט אוים דעם ווארט יראה דהיינו ווען מען צו טיילט דש ווארט יראה אויף צוויען אונ דש ווארט אהבה איז אויך אויף צווייען: דען נעמט דעם יו"ד אונ רי"ש פון יראה אונ דעם אל"ף אונ ה"א פון אהבה מאכט דש יראה אונ דעסט גלייכן ווידר פר קערט דש ווייזט אז מען האט יראה קען מען קומן צו אהבה אונ אז מען דינט השי"ת פר ליבשאפט קען מען קומן אלע מאל צו איין העכרע מדריגה:

נאך וועלן מיר אייך געבן פר שטיין ווארום האט השי"ת גירופן צו משה רבינו עבדי דש איז טייטש קנעכט אונ ווארום האט אים השי"ת ניט גירופן בן דש איז טייטש זון איז דען ניט מער כבוד צו רופן זון איידר צו רופן קנעכט · דש זאלט איר וויסן אז די מעלה ביי השי"ת איז בעסר צו רופן דעם מענטשן קנעכט איידר צו רופן אים זון דען ביי איין מלך שיקט זיך צו רופן קנעכט אונ אקינד ביי זיין פאטר שיקט זיך צו רופן זון אונ השי"ת ווערט גרופן מלך פון זיך זעלבסט נאך איי די וועלט איז בשאפן גיווארן איז ער אליין גיוועזן איין קינג אונ דש איז אויך די לייב פון השי"ת ער איז גיוועזן איין מלך איי די וועלט איז בשאפן גיווארן אונ איצונד אז די וועלט איז שוין בשאפן איז ער אויך איין מלך פון דער וועלט · אונ ער וועט זיין איין מלך לעתיד לבא אז די וועלט וועט נאיי ווערן · אונ השי"ת ווערט ניט גרופן פאטר ביז דש בשעפניש איז בשאפן גיווארן אונ דר נאך איז פר האנדן צווייא ערלייא קנעכט איין קנעכט האט איין מעלה אזו וויא איין זון אונ דער אנדערער האט ניט אזו איין מעלה וויא איין זון:

איצונד וועלן מיר אייך שרייבן פיר ערליי מדרגות פון גאטס דינסט וואס איינע איז העכר פון דר אנדרע די גמיינסטע מדריגה איז אז ווער עס דינט גאט בכדי ער זאל האבן עולם הבא דאס איז דאך בוודאי מותר צו טאן אזו ווי מיר האבן גישריבן אז דו זאלסט ניט דינן השי"ת פון וועגין דעם גוטס פון עולם הזה אבר ווער עס דינט השי"ת בכדי ער זאל האבין עולם הבא דאס איז די דינסט פון רוב העולם · דיא אנדערע מדריגה איז ער דינט השי"י אונ איז מקיים כל התורה כלה ווארום ער האט מורא יראה פנימית פר השי"י דרום איז ער ניט עובר אויף קיין שום מצוה · די דריטע מדריגה איז ער האט ליבשאפט אונ לוסט גאטס דינסט צו טאן מיט פרייד אונ מיט דעם גוטין ווילן אונ ווען מען דינט גאט אין אזו איין אופן ווערט דער מענטש גירופן איין זון צו השי"י:

דיא פערטע מדריגה איז גאר ווייניג פאר האנדין אין די דורות וואש זאלן זיין ביא דער מדריגה אבר משה רבינו האט די מעלה אויך גהאט אין זיך מער אז גאר דר וועלט דאס זעלביגע איז גאנץ אינווייניגסטע יראה דהיינו זיין כוונה איז מיט זיין דינסט השי"י נחת רוח צו טאן אונ צו בהעפטן זיך אין גאטס הייליגע דינסט פון וועגן גאטס גאכפרטן נאמן אז השי"י מיט זיין שכינה זאל אויף אים רוען · דען די שכינה האט איר רואונג אויף די צדיקים אונ דר וואס איז ביי דער מדריגה ווערט דער זעלביגר גירופן עבד מלך כמלך דאס איז טייטש איין קנעכט ויש דינט גיטריי זיינעם קיניג מוז מען ציית זיין וועגן דעם קינג אונ ביי דר מדריגה איז משה רבינו ע"ה גוועזן אונ אויף די זעלביגע לייט ווערט גזאגט דר פסוק סוד ה' ליראיו דש איז טייטש השי"י לאזט זייגע סודות וויסן צו זייגע פארכטר אונ לאזט זיין שכינה אויף זיי רוען: דוד המלך ע"ה האט גזאגט צו זיין זון שלמה המלך ע"ה דע את אלהי אביך ועבדהו דאס איז

טייטש דוא זאלסט גאט ב"ה קענען אונ זאלסט אים רעכט דינען אזוא וויא דיין פאטער דען עס זיינן אלערלייא דינסט פאר האנדן עס איז דא אזעלכר וואס דינט גאט בכדי לייט זאלין אים לויבין אונ זיין כוונה איז ניט פון גאטס וועגין פאר פלוכט זאל דער טאג זיין וואש דער זעלביגער איז גיבארין גיווארין :

אויך איז פר האנדן אזעלכר וואס דינט גאט ניט פון וועגן לייט זאלן אים לויבן נייערט אז לייט ווערן גוואר פון זיין פרומקייט איז ער זיך משמח דרויף וואס לייט זיינען דער פון גיוואר גווארן דאס איז אויך ניט גוט · אונ די דינסט וואס דער מענטש דינט הש"י בסתר ער פר בארגט זיינע מעשים אז די לייט זאלן ניט וויסן אונ זיין כוונה איז צו נעמן שכר אויף עולם הזה אונ ער זאל קיין עונש ניט האבן אויף עולם הבא דאס איז אויך נאך ניט רעכט וויא מיר האבן שוין גשריבן אין שער היראה נייערט דר מענטש איז מחויב דינען הש"י בכדי די שכינה זאל אויף אים רוען דאס הייסט ער זאל פילן דאס גאט אום רינגלט אים פון אלע זייטן אונ בדארף אכטונג צו געבן אויף דר גרינגסטע עבירה ניט עובר צו זיין דען ווען איינר טוט איין עבירה בשוגג מוז ער תשובה דרויף טאן אונ מוז איין כפרה דרויף האבן אז וויא מיר געפינען אין דר גמרא אז רבי עקיבא איז גקומען צו דעם פסוק אישה הפרם וה' יסלח לה דאס איז טייטש ווען איין אשה האט איין נדר גיטאן אונ דר מאן האט פר שטערט דעם נדר אין דעם טאג וואס ער איז גיוואר גיווארן אבר די אשה האט ניט גוואוסט אז איר מאן האט איר פר שטערט דעם נדר אונ האט אליין עובר גוועען אויף דעם נדר תאטשע דר מאן האט דאך דעם נדר פר שטערט פון דעסט וועגן בדארף זיא פארט תשובה טאן אונ איין פר געבונג דרויף האבן אונ ווען רבי עקיבא איז גקומן צו דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ האט גיזאגט מה דאך ווען איינער האט מתכוין גיוועען צו עסין חזיר אונ האט גיגעסן כשר פלייש נייערט ער האט גימיינט דאס איז חזיר מוז דר זעלביגר איין כפרה האבן מכל שכן ווער עס האט מתכווין גיוועען צו עסין חזיר אונ האט גגעסן חזיר מוז ער בוודאי איין כפרה האבן אונ מוז תשובה טאן אונ אזו האט איסי בן יהודה אויך גזאגט עס שטייט אין פסוק ולא ידע ואשם ונשא עונו איז טייטש ער האט ניט גיוואוסט אונ האט אום גערין איין עבירה גיטאן אזו מוז ער גרויסע ווידוים מתודה זיין דען די נשמה איז גאנץ קלאר מוז ער אכטונג געבן אז די נשמה זאל ניט פר אום ריינינגט ווערן דורך די עבירות דאס איז גלייך אז איין פלעק קומט אין איין גוט זיידן קלייד אונ ווען אפילו דר מענטש מאכט דאך דעם פלעק אום גערן פון דעסט וועגן בלייבט פארט דר פלעק אין קלייד אזו איז די נשמה אויך דאס האט שלמה המלך ע"ה גזאגט אלע צייט זאלן דיינע קליידר ווייס זיין דען דר מענטש האט קיין שום אוים רייד אונ קיין פר ענטפערונג ניט אויף זיינע עבירות · אפילו איין גימיינר מאן אונ מכל שכן ווער עס איז איין תלמיד חכם אונ איין למדן מוז זיך נאך מער היטן אז ער זאל צו קיין מכשול ניט קומען מיט איין גרינגע עבירה אונ בפרט מכל שכן צו היטן זיך ח"ו ניט עובר צו זיין אויף הארבע עבירות דען עס העלפט גאר קיין תירוץ ניט אויף די עבירות · אונ איצונד וועלן מיר אייך געבן פר שטיין דעם פסוק וסביביו נשערה מאד דאס איז טייטש די וואס ארום הש"י זיינן די טוען שטארק ציטערן כלומר מען איז מדקדק מיט די צדיקים אויף איין האר · שרייבט דר ראשית חכמה דאס ענין איז אזו וואס מער דר מענטש קומט צו דער קדושה איז מען מיט אים נאך מער מדקדק · עס איז איין משל ביי איין מלך איז פר האנדן אלערלייא קנעכט אטייל שטייען ביי דעם מלך אין זיינעם חדר וואו דר מלך זעלבסט איז אונ עס זיינן ווידר פר האנדן אזעלכע קנעכט וואס מוזן אלע צייט פר דעם מלך שטיין אין פיר הויז · אונ עס איז ווידר פר האנדן איין טייל וואס שטייען נאר אין פעלד אונ די אלע קנעכט איז בוודאי די מורא פון דעם מלך אויף זיי · נייערט די דאזיגע וואש זיינן

אליץ

אלין געהענטער צום מלך אויף. זיי איז נאך גרעסר די פארכט אונ אויף די וויש זיינן נאהנט לעבן מלך נעמן זיך אין דר מחשבה קיין אום תרבית אונ קיין עזות ווייל זיי זעהן דעם מלך תמיד פר זייערע אויגן אונ אזו זאגן אונזרע חכמים אויך די וויש נאהינט זיינן ביי הש"י איז מען מיט זיי מדקדק אויף איין האר מען שטראפט זייא אפילו אויף איין קליינע זאך:

דער זוהר פרשת וארא שרייבט אזו וואול דר צדיק בדיינקט זיך אייביג אז ער שטייט פאר הש"י אונ הש"י האט זיין השגחה אויף אים אזו איז אויך הש"י נאך מער משגיח אויף אים מער אז פון אלע בשעפינש אין דר וועלט · נמצא איז דער צדיק ארום גירינגילט בייא הש"י ווייל הש"י איז אים מקרב ער זאל אים פר זיך האבן אונ איז מגלה סתרי תורה דרום ווייל זיין נשמה איז גאנץ הויך אין דר קדושה מער אז איין אנדער וואס איין גימיינר מאן איז דרום מוז זיך דר צדיק אין דר מחשבה נעמן אז דר מלך מלכי המלכים הקב"ה גיפינט זיך ניט אין אים קיין שום אום רעכט דרום נעמט הש"י ביי אים צו די ליכט פון דער היליגר נשמה ווען ער טוט אזעלכש וואס אום רעכט איז אזו ווי מיר גיפינן אין זוהר אמאל זיינן די חברים פון רבי שמעון בן יוחאי ביי אננדר גישטאנן האט ער גיזעהן אונ פר שטאנן אין דר צורה פון רבי יוסי אז ער טראכט אין זיין מחשבה וועלטליכע זאכן הייבט אן רבי שמעון אונ זאגט צו רבי יוסי שטייא אויף אונ מאך דיין צורה גאנץ איז רבי יוסי אויף גשטאנן אונ האט זיך אין זיין מחשבה משמח גוועזן אין דר תורה איז רבי שמעון גשטאנן אונ האט זיך אויך משמח גוועזן אונ האט גזאגט צו רבי יוסי היינט ביסטו גאנץ פר הש"י אונ דיין צורה איז אויך גאנצן דען די צורה פון דעם מענטשן איז אויף דעם הימיל אויף גיצייכינט אונ ווען דער מענטש טוט ח"ו בייז אדער ער האט אין זיין מחשבה בייז צו טאן אזו ברעכט ער אפ פון זיין נשמה אונ דר ווייטרט זיך פון דעם גרויסן ליכטיקייט פון הש"י נעמט אייך איין משל וואס פאר איין מורא וואלט אויף אייך גיפאלין אויב איר וואלט קומען פר דעם רבי שמעון בן יוחאי אז ער האט דאס פר שטאנן ווען ער האט גזעהן די צורה פון דעם מענטשן האט ער גזעהן וואס פר איין מעשים דר מענטש האט אין זיך וויא מיר האבן אויבן גשריבן בייא דר מעשה פון רבי יוסי מכל שכן ווען דער מענטש קומט פאר מלך מלכי המלכים הקב"ה ער איז יודע מחשבות וויא וואלט איר אייערע הערצר ניט דר שרעקן ווען איר וועט קומן חשבון אפ צו געבן אונ דו האסט דאך פאר אים קיין שום אויס רייד ניט · אונ אזו וואול אז דר מענטש בהעפט זיך אין דר קדושה פון השי"ת אונ האט פארכט פר אים אזו לאזט זיך הש"י גיפינען צו אים וויא דער פסוק זאגט אם תדרשנו ימצא לך דאס איז טייטש ווען דוא וועסט גאט פארשטן מיטין גאנצן הארצין אזו וועט זיך גאט לאזין גיפינן אונ וועט דיר ענטפרין:

דער מדרש פרעגט אויף דעם פסוק ונפש כי תחטא דאס איז טייטש ווען איין נפש וועט זינדגן איז דאך קשה ווארום שטייט אין פסוק נפש ווארום שטייט ניט אין פסוק אדם כי תחטא מוז מען ענטפערן אז דש ווארט נפש גייט אויף דר נשמה עס איז איין משל צוויי מענטשן האבן גזינדיגט חס וחלילה קעגן זייער שררה איינר איז איין שטאט מאן אונ דער אנדערער איז איין נאהינטר קנעכט ביי דעם שררה אין זיינעם שלאס אונ ער איז טאג אונ נאכט ביי דעם שררה אונ די ביידע האבן גלייך גיזינדיגט איז גיגאנגן דר שררה אונ האט זיין קנעכט מיט שארפע שטראף גשטראפט אונ דעם שטאט מאן האט דר שררה גאר ניט גטאן · נוא דיא לייט וואס האבן דאס דער הערט האבן זייא גפרעגט דעם שררה ווארום שטראפסטו דיין קנעכט אונ דעם שטאט מאן לאסטו גיין אונ טוסט אים גאר ניט · זיי האבן דאך ביידע גלייך קעגן דיר גיזינדיגט · האט דר שררה גיענטפערט איך וועל אייך געבן צו פר שטיין דער שטאט מאן דר קומט דאך קיין מאל ניט פר מיר נוא וויים ער דאך פון מיין כבוד ניט

דען ער זעהט קיין מאל ניט פר זיך דעם סדר · דרום בין איך מיט אים ניט מדקדק אונ שטראף אים ניט · אבר דר קנעכט וואס שטייט תמיד ביי מיר אונ זעהט מיין כבוד דער געהער שכל צו האבן אונ קען מיר ניט זינדיגן דרום טוא איך אים שטראפן :

אזו אויך דר גוף מיט דר נשמה דען דר קומט פון דר ערד דאס איז ווייט פון די קדושה אונ דר נפש דאס איז די נשמה זיא קומט פון דר אייבערשטר קדושה אונ ווען דר גוף מיט דר נשמה באנאנד זינדיגן פר וואונדרט זיך הש"י מער אויף דר נשמה וויא אויף דעם גוף דען די נשמה האט גיזעהן איי זיא אויף דר וועלט גקומן די קדושה פון הש"י דרום איז די תורה מדקדק אונ שרייבט אן נפש דאס איז די נשמה זינדיגט מיט ווערטר אדר מיט בייזע מחשבות מוז מען בוודאי מער עונש ליידן וויא אויף אנדרע עבירות וועש רירן נאר אן אין גוף · דרום מוז מען זעהן אז מען זאל ניט עובר זיין אויף דר קלענסטר עבירה ווארום אפילו בשוגג העלפט אויך קיין פר ענטפרן אונ קיין אויס ריידונג ניט · אונ דר טעם דר פון געפינן מיר אין זוהר פרשת נשא ווען איינער איז מקיים אפילו נאר איין מצות עשה איז גלייך וויא ער האט מקיים גיוועזן אלע רמ"ח מצות עשה דאס איז צוויי הונדרט אכט אונ פערציג מצות דען איין מצוה הייגט אן די אנדרע מצוה דרום זאל דער מענטש גישיקט זיין נאך צו יאגן אלע מצות אונ זאל זייא מקיים זיין בטוב אונ זאל זייא בשיינען :

והנה אונ נון די רעכט פארטיגע דינסט איז אז דר מענטש טוט ניט דינן זיך אליין נייערט ער דינט הש"י מיט פארכט אונ מיט ליבשאפט אונ אויב יסורים קומט אויף אים נעמט ער זיי אן פון הש"י מיט ליבשאפט אונ קערט זיך ניט אפ פון גאטס דינסט מיט קיין שום אופן אזו אויך שרייבן אונזרע חכמים אז דר מענטש זאל ניט לעסטרן אונ ניט ריידן קעגן גאט וואס האט אים צו גשיקט יסורים נייערט ער זאל זיי פון הש"י פאר ליב אן נעמען אונ זאל נייגן זיין אקסיל צו ליידן דש יאך פון יסורים אונ זאל זיי אן נעמען מיט פרייד אונ זאל גדיינקן אין זיין הארצן אז הש"י איז איין דיין אמת אין אלע זיינע ווערק אונ אין אלע זיינע משפטים הש"י איז ווארהאפטיג אונ ווען ער האט ליב דעם שטראפט ער אונ אזו וויא איין פאטר שטראפט זיין קינד בכדי ער זאל גוט אונ פרום זיין אזו אויך הש"י · אויך זאל דר מענטש וויסן אז הש"י שיקט ניט קיין בייז אונ קיין שלעכטס דעם מענטשן נייערט ווען הש"י שיקט יוא צו איין אום גליק דעם מענטשן איז דש אלץ צו גוטן בכדי ער זאל אפ קומן אויף זיינע עבירות אונ צו מינערן זיין שטראף אויף עולם הבא אונ ער זאל איין גוטן סוף האבן אונ עש זאל אים אויף דר עלטר גוט זיין דען דעם הש"י שיקט ניט דעם מענטשן יסורים ווען ער האט ניט גיזינדיגט וויא מיר האבן גילערנט אין ספרי רבי אליעזר דר זון פון יוסי האט גזאגט אז דר מענטש איז תמיד אלע צייט אין פרייד אונ איז אייביג גיזונד אונ האט ניט קיין צער איז בוודאי גיוויס אז מען איז אים זיינע עבירות ניט מוחל דרום וויל הש"י דר מענטש זאל קיין עולם הבא ניט האבן אבר דורך יסורים ווערט דר מענטש בוויליגט צו גאט אונ הש"י ווייזט דר מיט אז ער האט דעם מענטשן ליב אונ וויל אים געבן פיל עוה"ב אונ נאך זיינן די יסורים גשטעלט צו דר וועקן דעם מענטשן תשובה צו טאן ווי מיר געפינן ביי מנשה אז ער האט עובר גוועזן אויף כל התורה כולה אונ אז יסורים זיינן אויף אים גקומן האט ער באלד תשובה גטאן :

אויך שרייבט דר ר"ן צו צייטן ברייגנט הש"י יסורים אויף דעם צדיק חאטשע ער האט קיין עבירה ניט גיטאן נייערט ער זאל זיך דר ווייטערן פון עולם הזה אונ זאל ניט פר פירט ווערן אין הבלי עולם אז ער זאל קלאר בלייבן אויף עולם הבא פון דאנען איז גידרונגן אז די יסורים זיינן דעם מענטשן איין טובה דרום זאגן אונזערע חכמים אזו וויא

דער מענטש איז מחויב צו לויבן השי" י מיט פרייד אויב ער שיקט אים צוא גוטעס אזו גיהער ער אויך אים צו לויבן אויב ער שיקט אים צו שלעכטש דען השי"י טוט זיינגע צו שיקן יסורים פון זייער טובה וועגן דר מענטש אליין פר שטייט עש ניט עש איז פאר הוילין פון דעם מענטשין דען דאס איז אלין פון זיין טובה וועגן:

אין דר גמרא ברכות שטייט משה רבינו האט גיפרעגט צו השי"י ווארום איז פר האנדין איין צדיק וואס עס גייט אים גוט אויף דר וועלט אונ עס איז ווידר פאר האנדן איין צדיק וואס עס גייט אים שלעכט אויף דר וועלט עס איז פר האנדן איין רשע וואס עס גייט אים וואול אונ עס איז ווידר פר האנדן איין רשע וואס גייט אים שלעכט האט השי"י גיענטפערט צו משה רבינו איין צדיק וואס זיין פאטער איז אויך גיוועזין איין צדיק דעם זעלביגן צדיק איז וואול אבר איין צדיק וואס זיין פאטער איז איין רשע דעם זעלביגן צדיק איז שלעכט דעסט גלייכן איין רשע וואס זיין פאטער איז גיוועזן איין צדיק דעם זעלביגן רשע איז גוט אבר אזו איין רשע וואס זיין פאטער איז אויך גווען איין רשע דעם זעלביגין איז שלעכט נוא איז גידרונגען פון דר גמרא אז דאס גוטס וואס איין מענטש האט אויף דר וועלט איז דאס פון וועגן זכות אבות: שרייבט דער הייליגר רבי יצחק לוריא דער פירוש איז אין דער גמרא ניט אזו וויא מיר פאר שטייען נייערט אזו שרייבט ער דער פאטער דאס מיינט מען דיא נשמה דען אזו וויא איין פאטער דער האלט דעם מענטשן אזו אויך דיא נשמה דער האלט אים נאך מער:

אונ צו דר מדריגה האט הלל זוכה גיוועזן אז ער האט גיהערט איין גישריי אין שטאט אז מען האט גישריען אויף איין צרה וואס עס האט זיי גיטראפן האט הלל גיזאגט איך בין מובטח אז דאס גישריי איז ניט אין מיין הויז כלומר וועז עס טרעפט זיך אפילו אין מיין הויז עפעס איין צרה ח"ו שרייען זיי אויך ניט דען איך האב זיי גילערינט ווען עס וועט זיך עפעס טרעפן איין צרה זאלן זיי אן נעמן באהבה אונ זאלן זיך דר מיט משמח זיין אונ זאלן ניט שרייען אונ וויינן אונ אויב זיי וועלן יוא וויינן זאלן זיי זייער קול ניט לאזן הערן · אונ דאס ווייזט אונז אויך דר פסוק משמועה רעה לא יירא דאס איז טייטש פר איין בייזע שמועה ווען דו הערסט זאלסטו דיך ניט פארכטין כלומר ווען עס טרעפט דיר ח"ו עפעס שלעכטס זאלסטו זיך ניט פארכטן אונ זאלסט עס אן נעמן באהבה ווארום פר דעם צער וועסטו אפ קומען אויף דיינע עבירות דרום זאל קיין מענטש ניט מתרעם זיין אויף יסורים וואס עס קומט אויף אים ח"ו נייערט ער זאל מקבל באהבה זיין:

אונ ווען גלייך אז עס וועט אויף אים קומען אזעלכע יסורים וואס זיינן אים מבטל ער קען ניט לערנן אונ דאבנן פון דעסט וועגן איז דאס דאך פארט יסורים של אהבה השי"י שטראפט אים פר ליבשאפט אז זיין עולם הבא זאל זיין בשלימות אונ אזו ווערט גלערינט איין קל וחומר אין אונזר גמרא פון דר תורה ארויס מה דאך אז איינר האט גישלאגן זיין קנעכט אונ האט אים גימאכט איין מום אין איין אבר · דהיינו ער האט אים אויס גישלאגן איין צאן אדר איין אויג שרייבט אונזר תורה אז ער מוז דעם קנעכט פריי לאזן מכל שכן יסורים די צו ברעכן דאך אלע גלידר פון דעם מענטשן איז דאך מכל שכן דאס איז יסורים של אהבה אונ אויב דו וועסט וועלין פרעגין ווארום בעטין מיר אין אונזרע תפלות אז השי"י זאל אויף אונז קיין יסורים ניט שיקן · איז דר תירוץ דרויף דאס מיינט מען אזעלכע יסורים וואס מאכן פר מיאסט דעם מענטשן אונ מאכן אים מבוזה אויף זעלכע יסורים בעטן מיר אז השי"י זאל אונז מציל זיין אבר אזעלכע יסורים וואס השי"י שיקט אויף דעם מענטשין בכדי ער זאל אויף זיינע עבירות אפ קומן איז דאס בוודאי פון זיין טובה וועגן בכדי זיין עוה"ב זאל זיין בשלימות וויא דר

פסוק

פסוק זאגט אשרי הגבר אשר תיסרנו יה דאס איז טייטש וואול דעם מענטשן וואס גאט ברוך הוא טוט אים שטראפין דרום זאל ער מקבל זיין דיא שטראף באהבה :

אונזערע חכמים שרייבן איטליכער מענטש איז מחויב מקיים צו זיין אלע תרי"ג מצות דאס איז זעקס הונדערט אונ דרייצעהן מצות נוא וויא קאן דאס זיין אז איטליכר מענטש זאל קאנן מקיים זיין אלע תרי"ג מצות עס זיינן דאך פר האנדן אזעלכע מצות וואס גיהער נאר צו די כהנים אליין אונ קיין ישראל קאן דאס ניט מקיים זיין אויך זיינען פאר האנדין אזעלכע מצות וואס מען איז נאר גיבאטן גווארן אין ארץ ישראל אבר ניט אין חוץ לארץ מוזן מיר איך אזו פר שטיין געבן צום ערשטן זאל דר מענטש אויף זיך נעמן מקיים צוא זיין אלע מצות וואס וועט אים צו האנדן קומן אונ אז עס טרעפט זיך אים איין מצוה זאל ער די מצוה טאן מיט גרוים שמחה אונ זאל זיך נעמן אין מחשבה איך בין אן גיבריית אנדרע מצות אויך צו טאן נאר וואס זאל איך טאן אז עס טרעפט זיך מיר ניט די אנדרע מצות · אונ דר מענטש זאל לערנן די תורה פון דר מצוה איז גלייך וויא ער וואלט זיא מקיים גיוועזן אונ די תורה וואס ער קען זאל ער לערנן מיט אנדרע לייט · אונ וואס ער לערינט זאל ער האלטן אונ ווען אפילו ער קען ניט מקיים זיין אלע מצות איז גלייך וויא ער וואלט זיי מקיים גיוועזן · דאס איז איין משל ווען איין מלך האט גיבאטן אויף זיין פאלק זיין שונא אנטקעגן גיין מלחמה צו האלטן מיט אים מיט וואס ער טויג מיט כלי זיין אדר אנדרע זאכן · נוא ווער עס איז קלוג דר דר ציילט דעם מלך צו וואס ער טויג אונ אויב ער איז נאך ממציא אנדרע זאכן אויך איז ער דאך מחויב ביידע צו טאן אזו אונז ישראל וואס השי"ת האט אונז גהייליגט מיט זיינע מצות אזו איז איטליכר מחויב צו טאן די מצות וואס עס זיינן אויף אים מוטל אונ די מצות וואס ער קאן ניט טאן זיי זאל ער טאן אזו וויא מיר האבן גשריבן דהיינו ער זאל לערנן די תורה פון די מצות איז אים גירעכינט גלייך וויא ער וואלט זיי מקיים גיוועזן · אונ זאל זיך נעמן אין זיין מחשבה איך וואלט גערן די אנדרע מצוה אויך טאן נייערט איך קען זיא ניט מקיים זיין אונ אויב דר מענטש האלט אזו אין זיין מחשבה רעכינט אים השי"ת מחשבה טובה למעשה גלייך וויא ער וואלט דיא מצוה יוא גיטאן :

דער קנה חכמה שרייבט ווייל איטליכר מענטש וואלט גערן מקיים צו זיין אלע תרי"ג מצות אונ ער קאן דאך זיי ניט מקיים זיין דרום האט אונז השי"ת גיגעבן מצות ציצית עס זאל זיין איין זכרון צו תרי"ג מצות דען ציצית איז אין דר צאל זעקס הונדערט אונ אכט פעדים אונ פינף קניפן איז דרייצעהן נוא טרעפט עס אן ס"ה תרי"ג אונ אז דר מענטש זעהט איבר די ציצית זאל ער זיך דר מאנן אן תרי"ג מצות וואס זיינן קעגין די שס"ה אדערין אונ רמ"ח גלידר שס"ה אונ רמ"ח טרעפן אן תרי"ג · אונ איטליכע מצוה האט איין אן האלט אין איין גליד פון דעם מענטשן אונ ווען איין מענטש איז עובר אויף איין מצוה אזו באלד ווערט גימינערט דעם מענטשן איין גליד פון דער נשמה ווארום פון דעם גוף קען ניט זיין אז עס ווערט גימינערט ווארום מיר זעהן דאך פיל לייט זיינן ניט עובר אפילו אויף קיין שום עבירה אונ זיינן ניט גיזונט אויף די גלידר אונ ווידר זעהן מיר דאך אזעלכע לייט וואס זיינן פושעים וואס זיינן עובר ממש אלע טאג אויף אלע מצות אונ זיינן פריש אונ גיזונט נוא מוז דש זיין אז דש וואש עס שטייט גשריבן אז עס ווערט גמינערט איין גליד פון דעם מענטשן גייט דאש אויף דר נשמה אונ אזו באלד אז דר מענטש איז עובר אויף איין מצוה מאכט ער כביכול אין דר נשמה איין מום אונ די נשמה קען פר השי"ת ניט קומן דען עש שטייט כל מום לא יקרב דאס איז טייטש ווער עס האט איין מום טאר פר השי"ת ניט קומן · דר כלל איז אז דר מענטש זאל

זיין

זיין מחשבה ריין האלטן דען די נשמה איז הייליג אונ אלע אונזרע מצות וואס מען האט אונז גיבאטן האט אונז השי"ת געבאטן בכדי מיר זאלן די נשמה בקליידן דען אויס איטליכר מצוה ווערט גימאכט איין מלבוש צו דר נשמה · אונ דאס איז אלין גירעט גיווארין אויב ער איז מקיים אזו וויא מיר האבן פריער גשריבן דהיינו אז דר מענטש איז מקיים אלע מצות וואס קומן אים צו האנדן אונ דר נאך טרעפט זיך אים אזו איין מצוה וואס ער קען ניט מקיים זיין די מצוה אזו רעכינט אים השי"ת גליך ווי ער וואלט מקיים גוועזן די מצוה אויך · אונ ער מאכט מיט דר מחשבה אויך איין מלבוש צו דר נשמה אבר אז ווען עס טרעפט זיך אים אלע מצות אונ ער איז זיי ניט מקיים אונ דר נאך טרעפט זיך אזו איין מצוה ווש ער קאן זיא ניט מקיים זיין נוא חאטשע ער האט אין דר מחשבה ער וואלט גערן מקיים זיין די מצוה זוא העלפט זיין מחשבה אויך ניט ווייל ער האט יענע מצות ניט מקיים גוון ווש ער האט זיי גקאנט מקיים זיין: אויך מוז דר מענטש זיין כוונה ארויס ריידן מיט דעם מויל · אונ ווען מען טוט אן דעם

טלית גדול אדר דעם טלית קטן זאל מען אזו זאגין · דא בין איך אויף מיר מקבל מקיים צו זיין היינט אונ אלע טאג אלע מצות וואס ווערן מיר צו האנדן קומן סייא פון די צוויי הונדערט אונ אכט אונ פערציג מצות עשה אונ סייא פון די דריי הונדרט אונ פינף אונ זעכציג מצות לא תעשה עש זאל זיין דר ווילין פאר דיר גאט אונזר גאט אונ גאט פון אונזרע עלטערן אז דו זאלסט מיר העלפן מקיים צו זיין אלע מצות וואס ווערן מיר צו האנדן קומן · אונ ווען עס ווערט מיר צו האנדן קומען אזו איין מצוה וואס איך וועל זיא ניט קענן מקיים זיין זאלסטו ליבר גאט רעכינען מיינע גוטע מחשבות גליך וויא איך וואלט די מצוה מקיים גוועזן עס זאל זיין צו ווילן פר דיר גאט מיין גאט מיינע רייד אונ מיינע מחשבות פון דעם הארצן גאט דו ביסט מיין בשעפר אונ מיין דר לייזר · דעסט גלייבן דיא מצות שבת איז אויך גוואויגן קעגין תרי"ג מצות אונ דאס זאלט איר ווייסן אז פון איטליכר מצוה ווערט איין מלאך מליץ בשאפן אבר פון איין גוטע מחשבה קען קיין מלאך ניט באשאפין ווערין נייערט ער מוז דיא מחשבה ארויס ריידין דרום

גיהער איטליכר זיינע גוטע מחשבות ארויס צו ריידין וויא מיר האבין גישריבן:

איר זאלט ווייסן די מצות וואס מיר טוען דאס מיינט מען די תרי"ג מצות מאכט מען

מיט זיי איין קרוין אונ ווען מען לערינט תורה מאכט מען אויך איין קרוין אונ די קרוין פון דר תורה איז איבר אלעם אבר עס זיינן פיל מדות פר האנדן דהיינו די טבע פון דעם הארצן פון מענטשן דהיינו איין גוט הארץ אדר איין שלעכט הארץ צארונג אדר ווילונג ליבשאפט אדער פיינט שאפט פריידן אדר טרויעריג גשיקטיקייט אדער טרעגהייט גינוג צו געבן אדר איבריג צו געבן אונ נאך דש גלייכן פיל ענינים זיינן פר האנדן אן דעם מענטשן גוטע מדות אדער שלעכטע מדות אונ די מדות זיינן גיטיילט אויף פיל חלקים עש זיינן מדות פר האנדן אין השי"ת וואס דר מענטש געהער זיי צו טאן אונ קען זיי טאן · איין מדה איז פר האנדן וויא די גמרא סוטה שרייבט עש שטייט אין פסוק אחרי ה' תלכו דאס איז טייטש דו זאלסט נאך גאט נאך גיין פרעגט די גמרא ווי איז דש מיגליך גאט נאך צו גיין ער איז דאך פייער ווש פר ברענט אנאנדר פייער ענטפרט די גמרא דש מיינט מען דו זאלסט גיין אין גאטש וועג וויא השי"ת איז איין רחמים ער קלייד די נקיטע אזו זלסטו אויך טאן ווי השי"ת טרייסט די טרויערגע אזו זלסטו אויך טאן: נאך שרייבט אונזר גמרא השי"ת האט גזאגט צו משה רבינו ווען ישראל ווערן זיך אן טאן אין טליתים אונ ווערן זאגין שלש עשרה מדות וועל איך זייא ענטפערן אין אלע

 זייערע

זייערע צרות און אין איינגעשאפט נוא מיר זעהן דאך וויפיל מאל מיר זאגן שלש עשרה מדות אין טלית און תפלין און הש"י ענטפערט ניט דרום שרייבן אונזערע חכמים דאס מיינט מען ניט דאס גייט אויף דעם טלית אליין נייערט אויף די אנדערע מדות אויך· אלע דיא מדות וואס הש"י האט אין זיך זאל דער מענטש אויך טאן וויא מיר האבין געשריבן און דר גאך אז דר מענטש האט אין זיך אלע די מדות און טוט זיך אן אין דעם טלית און זאגט שלש עשרה מדות מיט כוונה דא פר זיכר זיך אז הש"י וועט ענטפערן

אין אלע אונזערע צרות און די זאכין פון די מדות זיינען ניט פון די תרי"ג מצות:

דער אנדרער חלק אין די מדות פון איין מענטשן איז קדש עצמך במותר לך דאש איז טייטש הייליג דיך מיט וואס עס איז מותר צו דיר אזו וויא דר תורת כהנים שרייבט אויף דעם פסוק והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני דאס איז טייטש איר זאלט אייך הייליגן און זאלט זיין הייליג דען איך גאט בין הייליג דאס מיינט מען איר זאלט גיין אין גאטס וועג· און די תורה מיינט ניט זיך ריין צו האלטן פון הארבע עבירות אזו וויא זנות אדר אנדרע עבירות נייערט דאס גלייכן אזעלכע זאכן וואס עס איז מותר צו דיר דהיינו וויין צו טרינקן אדר אנדרע זאכן וועסטו וועלן אזו פיל טרינקן אז דו זאלסט שיכור ווערן אדר דאס גלייכין די תורה האט דיר מתיר גיוועזין איין ווייב צו נעמן אזו וועסטו וועלן אום גיין מיט איר און וועסט זיין גוויינטליך בייא איר פאר לייט אדר אלע צייט דרום שרייבט מען אייך האלט דיך הייליג מיט וואס עס איז מותר צו דיר בדרך ארץ און הייליג האלטן און וויל מען קען קיין שיעור ניט שטעלין מיט דעם עסין און טרינקן וויפיל דר מענטש זאל עסן אדר טרינקן אדר אנדערע מענטשליכע זאכן דרום האט דאס דר מענטש בכח און איז אין זיינער מאכט אז איטליכר זאל אלץ טאן נאך זיין נאטור נאך ניט איבעריג סייא אין עסין אדר אין טרינקן אדר אנדערע וועלטליכע זאכין נוא איר לייט ווער עס זעהט די זאכן וואס מיר האבן געשריבן וויא דר מענטש זאל זיך האלטן און ווער עס נעמט אויף זיך דאס צו טאן וועט איר וועלן מיינן דאס איז איין חסיד אדר עס איז עפעס איבריגס איר זאלט ווישן אז דאס איז גאר ניט קיין איבריגס נייערט די תורה וויל אזו האבן און די שולדיקייט פון דרך ארץ ברייננגט מיט אזעלכע זאכן מיט איין מיטל פאל צו טאן און וייל די טבע פון די לייט איז ניט גלייך מיט אלע זאכן דרום האט די תורה קיין שיעור ניט געשרבן און סתם די לייט גווארנט: שויתי ה' לנגדי תמיד· דאס איז טייטש גאט רועט און שטייט תמיד קעגן מיר· נוא ווען דער מענטש נעמט זיך דאס אין הארצין אז הש"י שטייט תמיד קעגין דעם מענטשין און וויים וואס דער מענטש האט אין זיין מחשבה אזו קאן ער ניט באלד זינדיגן דאס שרייבן אויך אונזערע חכמי מוסר ווען דר יצה"ר קומט צו דעם מענטשן איבר צו ריידין אים איין עבירה צו טאן אזו זאל זיך דר מענטש דר מאנן און זיך נעמן אין זיין זינען גלייך אז ער וואלט מיט דעם יצה"ר אזו גירעט גלייבשטו דאס אז הש"י הערט און זעהט וואס דר מענטש טוט און וויים אפילו די גידאנקן פון דעם הארצן אדר גלייבסטו עס ניט· דר וואס גלויבט דאש ניט דר איז דאך כופר בעיקר· דען איטליכר פון אונז יהודים איז דאך אן גבריית צו ליידן אלע אום דר בארעמיגע יסורים וואס מען וועט אים טאן כדי ער זאל ניט עובר זיין אויף גאטש ציווי און ווידר זיין הייליקייט צו טאן און פשיטא ניט אפ צו טרעטין אדר לייקנען אין זיין נאמען נייערט איטליכר גלייבט אז הש"י זעהט און פר שטייט די גדאנקן און די מחשבות פון דעם מענטשן און ווער קאן אזו פר שאייט זיין און ווידר שפעניגן אין דעם גישטאלט פון הש"י כלומר ווען דער מענטש גלייבט דאס אלץ אז הש"י זעהט אלץ אזו וועט ער בוודאי ניט זינדיגן און דער וועקט זיך זיין הארץ צוא זיין איין צדיק און איין חסיד:

אונ דאס זאגין מיר אויך אין אונזרע תפלות אבינו מלכנו חטאנו לפניך דאס איז טייטש אונזער פאטער אונ אונזער קיניג דער וועלט · מיר זיינען פאר שאייט געוועזן אונ מיר האבין פאר דיר גזינדיגט דען דו ביסט איביג אונ שטייסט פר אונז וויא דר פסוק זאגט שויתי ה׳ לנגדי תמיד :

איצונד וועלין מיר אן הייבין יראה אונ מוסר צו שרייבן נאך דעם אל״ף בי״ת נאך :

אות אלף

אמת ואמונה דאש איז טייטש גאט איז ווארהאפטיג אונ זיין נאמן איז ווארהפטיג דאש איז דער עיקר פון אונזער גיבאט אונ דאש איז גישטעלט גוואָרן אויף דרייצעהן עיקרים אונ אויף דיא דרייצעהן עיקרים איז אויך גישטעלט גיווארין דער גרוישער שבח יגדל אונ דער שבח פון אני מאמין :

דר ערשטר עיקר איז נמצא ואין עת אל מציאותו דש איז טייטש הש״י לאזט זיך געפינען ווען מען רופט אים מיט דעם גאנצן הארצן אונ עס איז ניט דא קיין צייט צו זיין געפינונג אונ דש קאן קיין פילוסוף ניט געבין צו פר שטיין וויא טיף די זאכן זיינען אונ הש״י דארף קיינעמש ניט אונ אלע בשעפענש דארפן צו הש״י ער מאכט אלע לעבן אונ ווידר מיט זיין בגער מאכט ער אלע שטארבן :

דער אנדערר עיקר איז אחד ואין יחיד כיחודו דאס איז טייטש הש״י איז איינציג אונ עס איז קיין איינציגער ניט פאר האנדין וויא ער איז וגם אין סוף לאחדותו דאס קאן מען אויך ניט געבין צו פאר שטיין פר גמיינע לייט אז הש״י איז איין נשמה צו אלע נשמות :

דער דריטר עיקר איז אין לו דמות הגוף ואינו גוף האטשע מיר שרייבן דאך פאר די לייט דיא דמיונות פון הש״י אבר דאס איז אלץ אגישטאלט נשמה אבער הש״י האט קיין גוף ניט אונ האט ניט קיין גישטאלט פון איין גוף :

דר פערטר עיקר איז קדמון לכל דבר אשר נברא דש איז טייטש הש״י איז איין ערשטר איבר אלע זאכן ווש זיינן ערשטע אויף אלע וועלטן דען עס זיינן פיל ערשטע פר האנדן דהיינו חודש ניסן איז דר ערשטר אין יאר פון אלע חדשים ווש נאך אים קומן אבר עס זיינן גוועזן חדשים פר אים אין יענעם יאר אבר הש״י איז ערשט פר אלע ערשטע עס איז קיינר פר אים ניט :

דער פינפטער עיקר איז מען זאל צו קיינעם ניט אן רופין אונ בעטין אונ זיין תפלה צוא טאן נייערט צו הש״י דען צוא אים אליין גיהער דיא דינסט אונ אכפערקייט אונ ער האט דיא איבער מעכט איבער אלע עולמות :

דר זעקסטר עיקר איז שפע נבואתו נתנו אל אנשי סגולתו ותפארתו דאש איז טייטש דיא שפע פון די נבואה האט הש״י געגעבן צו זיינע לייט ווש זיי זיינן ראוי אונ ווערדיג דש צו זעהן אונ צו די וואש גייען רעכט אין גאטש דינסט אונ לערנן אנדרע לייט אויך וויא אזו גאט צו דינן :

דר זיבעטר עיקר איז לא קם בישראל כמשה עוד אונ דאס שרייבט דר רמב״ם די גרויסע מעלה פון דיא נבואה פון משה רבינו אונ מיט וואס זיא איז גרעסער פון אנדערע נביאים :

דער אכטר עיקר איז תורת אמת נתן לעמו דאש איז טייטש איין ווארהאפטיגע תורה האט גאט גיגעבין צוא זיין פאלק ישראל פון בראשית ביז לעיני כל ישראל · אונ אלע מצות אונ אלע הלכות וואס איז פאר האנדין איז דאס אלץ פון דעם בארג סיני גינומן גווארין אונ מרע״ה איז ווארהאפטיג אין זיין שליחות גיוועזן :

דר ניינטר עיקר איז לא יחליף האל ולא ימיר דתו לעולמים דאש איז טייטש גאט וועט ניט פר ביטן אונ זיין גרעכטיקייט וועט אויך ניט פר ביטן ווערן אויף איביג אונ די תורה פון משה רבינו

וועט

וועט אויך ניט פר ביטן ווערן אונ עס וועט קיין מערונג אונ קיין מינערונג קומן אין דר תורה ביז בן דוד וועט קומען אונ וועט דרשינען דיא תורה אונ וועט אונז מגלה סודות זיין :

דר צעהנטער עיקר איז צופה ויודע סתרינו דאס איז טייטש הש"י זעהט אונ לוגט אונזר פאר בארגענש אונ די מחשבות פון מענטשין · אונ פאר הוילט ניט זיינע אויגין דער פון :

דר עלפטער עיקר איז גומל לאיש חסד כמפעלו · דאס איז טייטש ער באצאלט דעם גוטען מאן נאך זיינע גוטע ווערק נאך אונ ער גיט דעם רשע זיין גיצאלט נאך זיין בייזקייט נאך :

דר צוועלפטער עיקר איז ישלח לקץ הימין משיחנו · דאס איז טייטש ער וועט שיקן בן דוד צו אויס ציהן אונז אונ וועט ווידער קערין דיא מלוכה צוא ישראל אין ארץ ישראל :

דער דרייצנטער עיקר איז מתים יחיה אל ברוב חסדו · דאס איז טייטש גאט וועט לעבעדיג מאכין די מתים מיט זיין גרויס גנאד חאטשע די מתים זיינן דאך שוין פר פוילט אונ דענסט מאל וועט דר קענט ווערין אז הש"י איז דיין אמת אז ער קען גרויסע צייכין אונ וואונדער בווייזין דיא טויטע ווידער לעבעדיג צוא מאכין :

ווער עס וויל גאט רעכט דינן אזו באלד גאנץ פרי אז ער שטייט אויף פון זיין בעט זאל ער אויף זיך נעמן דיא אמונה פון הש"י ער זאל קיין שום זאך ניט טאן בשעת ער שטייט אויף נייערט אזו באלד אז ער שטייט אויף אויס זיין בעט זאל ער זיין אויס גאנג טאן אונ זאל די הענט וואשין אונ זאל זיך אין זיין זין נעמן די הויך ווערדיגע אייניקייט פון גאט אז ער איז אגאט איבר אלע געטר אונ אקיניג איבר אלע קיניגן אונ אגוועלטיגר הער אונ זאל גאנץ פריא זיינע אויגין אויף הייבין קעגין דעם הימל אונ זאל אין זיין זין בטראכטן ווער עס האט אלץ אזו שיין בשאפן הימל אונ ערד גראז אונ קרייטיכר אונ בהמות חיות אונ עופות אונ גרויסע וואסר אונ גרויסע בערג אונ מעכטיגע גרויסע פיש אונ שטורם ווינט אונ פייער אונ אלע די גרויסע בשעפניש זיינן אין זיינע אויגין ווי איין קערינדיל פון אקליינע פרי קעגין דעם עולם הגלגלים אונ איין גלגל קעגין דעם אנדערן איז אלע מאל אויך גרעסר אונ אלץ איז גאר ווייניג גרעכינט קעגין איין מלאך אונ איין מלאך פון דעם אנדערן איז גרעסר זעכציג מאל צעהן טויזינט דאס איז אום מיגליך צו דר שרייבן דיש גרויסקייט פון די מלאכים אונ פון פיל שארן פון די מלאכים אונ אלע די מלאכים זיינן ווידר גאר ניט גרעכינט קעגין דעם כסא הכבוד אונ דר כסא הכבוד איז ווידר גאר ניט גירעכינט קעגין די גרויסע ווערדיקייט אונ אכפערקייט פון הש"י ווער קען דאש אלץ דער ציילין אונ אויס שרייבן :

נוא איר ליבע לייט ווען מען נעמט זיך דאס אלץ אין זינן דא פאלט אויף דעם מענטשן איין יראה אונ עס קומט אים אויך די אהבה פון הש"י אין זיינם זין אונ נאך דעם אלים זאל מען ערשט די ברכה על נטילת ידים זאגן · דר כלל איז פון בהעפטן צו דער אמונה איז מען זאל זיך תמיד גיוויינען צו זאגין אם ירצה השם דאס איז טייטש מיט גאטש ווילן דאש גיהער מען צו זאגן פר אלע זאכן וואס מען וויל טאן · דאס גלייבן אז מען גייט אמשא ומתן צו טאן · קויפן אונ פאר קויפן זאל מען זאגן איך האב מיין האפונג אויף הש"י אז דורך דעם משא ומתן וועט מיר הש"י מיין פרנסה געבן צוא וועט גאט פענצטר עפנן פון הימיל אונ וועט איינעם געלט אראפ ווארפן נייערט הש"י גיט אלץ בדרך הטבע וויא אזו דער עולם פירט זיך דורך האנדיל שאפט אדער דורך איין מלאכה וויא דער פסוק שרייבט הש"י וועט דיר ברכה געבין דורך דעם ווערק פון דיינע הענט כלומר דער מענטש מוז דאס זיינע צום ערשטין טאן :

דער

דער ספר חובת הלבבות שרייבט אויך ווען דער מענטש פאר דינט עפעס זאל ער תמיד זאגין מיט גאטש הילף האב איך דאס גוואונן וויא דר פסוק שרייבט דוא זאלסט וויסן אז השי"ת גיט דיר כח אונ קראפט איין צו זאמלן דיין האב אונ דיין גוטש׳ אונ פר קערט אויך ווען ח"ו דעם מענטשן טרעפט עפעס איין שאדין זאל ער זאגן עס איז אלץ פון גאט בכדי ער זאל תשובה טאן אויף די זאכין וואס ער האט פר זינדיגט אונ זאל צדקה געבן׳ אונ ניט:וויא זעלכע לייט ווען עס טרעפט זיי איין שאדן אין זייער געלט אזו ווילן זיי שוין קיין צדקה ניט געבין דאס איז איין נארישקייט פון זייא עס איז איין משל ווען פייער קומט אויף שטרוי אויף איין זייט לעשט מען אונ אויף דר אנדרר זייט ניט אזו בלייבט דאס פייער איין קליינע ווייליע שטיל דר נאך שלאגט דר פלאם אין דר הייך׳ אונ נאך איין משל איז דער צוא ווען איינעם שטארק דארשט אונ ער טרינקט זאלץ וואסר דא שטילט אים דער דארשט אויף איין ווייליע אונ דער נאך דארשט אים נאך מער׳אזו אויך ווען איינם שאדן צו קומט אונ ער וויל זיך העלפן מיט זיין קארגהייט דאס העלפט אים נאר לפי שעה אונ דער נאך קען ער ח"ו גאר אוים גיבראכט ווערין גייערט ווען אים שאדן צו קומט זאל ער חוזר בתשובה זיין אפשר האט ער עפים איין עבירה גטאן מיט געלט אזו זאל ער יענם אום קערן אדר אפשר האט ער ווייניג צדקה גיגעבן׳אונ זאל השי"ת לויבן אונ דאנקן אזו ווערט אים השי"ת בוודאי זיין שאדין ממלא זיין אויך ווען דער מענטש גייט צו טאן איין משא ומתן אזו זאל ער זאגין דא גייא איך טאן איין משא ומתן מיט השי"ת זייגער הילף אונ פון ווילין זיין הייליגן נאמען אונ זאל דער בייא זאגין דיא קורצע תפלה וויא איך טוא דא אייך שרייבין:

רבונו של עולם הער פון דר גאנצע וועלט אין דייגע הייליגע ספרים שטייט גשריבין פר זיכר דיך אין גאט וועסטו אום גרינגילט זיין מיט גנאד אונ עס איז נאך איין פסוק דא ואתה אונ דו גאט דער נערשט אלע בשעפנעש אויף דער וועלט גאט דו ביסט איין ווארהאפטיגר גאט דר בארמיגר גיב מיר איין ברכה אונ איין הצלחה אין אלע ווערק פון מיינע הענט איך פר זיכר מיך אין דיינע גנאד אזדורך דעם משא ומתן וואס איך טוא דא זאלסטו מיר שיקן איין ברכה אונ עס זאל אין מיר מקוים ווערין דר פסוק השלך על ה׳ יהבך והוא יכלכלך דאס איז טייטש ווארף אויף השי"ת דיין לאסט אונ ער ווערט דיך שפייזן אונ אין זכות הייליגע שמות וואס קומן ארויס אוים דעם פסוק וואס איך גמיינר מאן ווייס ניט מכוין צו זיין עס זאל פר דיר בווילינט זיין מיין גבעט ווש איך טוא פר דיר בעטין גלייך אז איך וואלט מכוין גוועט אין אלע שמות הקדושים ווש גהער צו דעם פסוק אונ דר נער מיך ליבר גאט מיט דיין גינאד אונ דר ברימקייט אונ גיב מיר מיין פרנסה אמן:

אונ וואס עס טרעפט זיך דעם מענטשן זאל ער גלייבין אז דש איז פון גאט אונ דעסט גלייכן ווען עס האט אים בגעגינט איין שלעכטר מענטש אונ האט אים מזלזל גוועט אונ האט אים דברים רעים בחנם גירעט אזו זאל ער עס מקבל באהבה זיין ווארום דש האט השי"ת דעם שלעכטן מענטשן אין זיין דעה גגעבן אונ דר זעלביגר איז איין בייזער שליח מבוזה צו זיין אבר עס איז אלץ פון השי"ת אונ אויך אלע זאכן ווען דער מענטש גייט עפים צו טאן עס מאג זיין איין מצוה אדר איין משא ומתן זאל ער גיוויינן גאטש נאמן אין מויל צו נעמן דהיינו ווען איינר בויאט איין נייע גבייא אדר ער קויפט זיך איין נייע קלייד אדר איין נייע כלי זאל ער זאגין דאס קויף איך השי"ת זאל מיר געבין אז איך זאל קאנען דיא מצות דער מיט טאן:

דער זוהר שרייבט ווען דר מענטש טוט אזו אונ דער מאנט ביא אלעם גאטש נאמן איז ער פר זיכרט אויף דר נאך דען דר שטן האלט זיך תמיד אן דעם מענטשן אונ וויל אויף אלעם זיין רוא האבן אונ אזו באלד אז מען דר מאנט דעם נאמן פון גאט מוז דר שטן אפ טרעטין איר זאלט ניט טראכטן אז נאר ביי איין דבר מצוה וואלט גערן דר שטן זיין רוא האבן אבר באמת אפילו אין וועלטליכע זאכן ווש מען קויפט אדר מען מאכט וויא מיר האבן גישריבן וויל ער אויך זיין רוא האבן דרום זאל ער תמיד זאגין אם ירצה השם מיט גאטס ווילין אדר בעזרת השם מיט גאטס הילף:

אויך גיהער צום כלל פון אונזער אמונה דיא מצות עשה פון קידוש השם אז מען זאל איבר ענטפרין זיין לייב פון וועגין קידוש השם:

דער זוהר שרייבט ווער עס וויל איבר ענטפרן זיין לייב אויף קידוש השם זאל ער שטארק אין זיין הארץ נעמן ווי דר פסוק שרייבט אונ דו זאלסט ליב האבן דיין גאט מיטן גאנצן הארצן אונ מיט דיין גאנצן לייב אונ מיט גאר דיין געלט אונ גוטס · אונ ווען מען נעמט זיך אזו אין הארצן אין דר צייט אז ער איז זיך מוסר נפש איז דאס ביי הש"י אן גינומן גלייך אז ער האט זיך גלאזט מקריב זיין פר איין קרבן וויא יצחק האט זיך גילאזט מקריב זיין אויף דעם מזבח אבר דש אליין איז ניט גינוג מען מוז גוט אונ פרום אויך זיין אין אלע זאכין דען אויב ער איז ניט גוט אונ פרום וואס העלפט מיר זיין מוסר נפש זיין דען אזו הייסט ער איין בעל מום איז ניט ראוי צוא איין קרבן:

אות ב

בריות וויא מען זאל זיך מיט די לייט נוהג זיין וויא אין פסוק שטייט דו זאלסט גאט ליב האבן · אונ שטייט ווידר אין איין אנדר פסוק זאלסט דיין חבר ליב האבן וויא דיך זעלבסט נוא די צווייא פסוקים פון ליבשאפט זייגען צווייא זיילין פון דער תורה · אונ אזו איז רעכט אז ביידע גיהערין גלייך צו זיין אונ אזו וואול אז ער איז מחויב הש"י ליב האבן מיטין גאנצין הארצין אונ מיטין גאנצין לייב אונ מיט זיין געלט אונ גוטש · אזו איז מען מחויב זיין חבר אויך ליב צו האבן מיטין גאנצין הארצן אונ מיטין גאנצין לייב אונ מיט זיין געלט אונ גוטס איצונד וועל איך אייך געבן פר שטיין וויא מען זאל זיין חבר ליב האבן מיטין גאנצין הארצין דהיינו דו זאלסט קיינעם ניט פיינט האבן אין דיין הארצין לא יהודי ולא נכרי אזו וויא די תורה שרייבט דו זאלסט ניט פיינט האבן דיינעם ברודער אין דיינעם הארצין אונ ווען די תורה זאגט דיין ברודר בכלל מיינט זיא יעדער מענטשין מכל אומה ולשון דען ווען זיא מיינט איין יהודי זאגט זיא אחיך העברי · צום מינסטין קומט פיינט שאפט ווען אייגער דעם אנדערן איז מקנא · אונ פון קנאה קומט שנאה ווארום אז אייגער האט זיך גיקריגט מיט זייגעם חבר אונ האט אים מבייש גיוועזן אדר ווען אייגר דעם אנדרין האט פיינט פון וועגין מחלוקת נוא ווען אייגער דעם אנדערין טוט בעטין מחילה זויא איז ער אים מוחל אונ עס איז ווייטר שלום צווישן זייא אבר אזו איין פיינט שאפט וואס עס קומט פון קנאה האט גאר קיין הילף אונ קיין עק אונ קיין סוף ניט דען אלע מאל ווען ער זעהט זיין חבר עפעס גיווינן אדר פר דינן זוי איז ער אים מקנא · אונ דריבר איז בעונותינו הרבים דאס אנדערע בית המקדש חרוב גיווארין זייא האבין אויף זיך דערנסט מאל קיין אנדערע עבירה ניט גיהאט נייערט די עבירה פון קנאה דען ביא דען ערשטין חורבן בית המקדש איז גיוועזין עבודת גלולים אונ זנות אונ רציחות אונ פון דעסט וועגין האט פארט דר ערשטר גלות גיווערט זיבעציג יאר · אונ איבר קנאה אונ שנאה איז איין גרויסר חורבן גישעהן אז דאס אנדערע ביהמ"ק איז חרוב גיווארין אונ איז נאך חרוב עד היום:

אונ דיא שנאה וואס דער מענטש האט אין הארצין דאס הייסט (שנאת חנם) דאס איז איין
גרויסע עבירה דרום גיהער דר מענטש אוועק צו לאזין אונ צו דער וויטערין זיך פון
זעלבע זאכן דען צוויי ערליי ביין קומט דר פון · איינס דר זעלביגר מענטש מוז שטארבין
פר דר צייט · דאס אנדרע אלע זיינע לעבס טאג האט ער קיין מאל קיין רוא ניט נייערט
ער זאל זיין חבר ליב האבין מיטין גאנצין הארצין אונ לייב אונ געלט אונ גוטס :

נאך איין שנאה איז פאר האנדין וואס זיא קומט ניט פון קיין שום קנאה נייערט דער
מענטש האט שיינע מדות אונ ער קאן ניט ליידין יענעמס מדות פר וואס יענער איז
ניט גלייך מיט אים אונ האט ניט אזעלכע מדות וויא ער דריבר האט ער אים פיינט · דען
אזו וואול אז איינר דעם אנדערן קריגט ליב אין זיינעם הארצין אויב ער זעהט אים עפעס
שיינע מדות אזו פאלט אויך איין פיינטשאפט צוא איינעם וויל ער זעהט שלעכטע מדות
אין זיינעם חבר אבר די שנאה איז ניט אזו שווער אזו וויא די שנאה וואס מיר האבין
פריער גישריבן נייערט עס איז שווער צוא פאר ריכטין דרום גיהער דער מענטש אפ צו
לאזין פון דר שנאה אונ גיהער זיין חבר דאך ליב האבין חאטשע יענער האט ניט אזעלכע
מדות וויא ער האט וויל הש"י האט אים בשאפין מוז ער שוין אזו בלייבין :

די דריטע שנאה איז פון געלט וועגן דהיינו איין בעל מלאכה האט דעם אנדערן בעל מלאכה זיין
גלייכן פיינט וויל ער ארבעט אויך די מלאכה · אונ דרויף האט די תורה מזהיר גיוועזין זיך
מרחיק צו זיין פון דר בייזע מדה · אונ אז מען בטראכט זיך אז עס איז אלץ פון גאט עושר
אונ כבוד אונ איינר קען דעם אנדערן ניט שאדין טאן אפילו איין האר וואס הש"י האט איינם
אויף גלייגט קען דר אנדרר ביי אים ניט אוועק נעמן · דרום גיהער איינר דעם אנדרן ניט פיינט
האבן פון דעסט וועגן אדרבה ער גיהער זיין חבר נאך מער ליב האבן וויל ער זיינש גלייכן איז :

נאך איין פיינט שאפט איז פאר האנדין צוויא האבין איין משפט פאר דיינים אדר פר דעם
רב אונ מען האט שוין אפסק ארויש גיגעבין אונ ביא דעם משפט הערט מען דאך ביידע
אויש אונ מען טוט בוודאי זייא רעכט משפטין פון רעסט וועגין טוען זייא דאך פארט שנאה
טראגין איינר אויף דעם אנדערין עס איז גיגליכן ווען איינער גיט זיך מיט זיין אייגינע האנט
איין קלאפ אויף זיינע פיס אזו שלאגט ער דאך ניט בוודאי צו ריק זיין האנט · אזו איז אויך
איין מצוה ווען איינר טוט וואס ניט רעכט איז קעגין זיין חבר גיהערט דער חבר אים מוחל צו
זיין וויא אברהם אבינו ע"ה האט גיטאן וויא דער פסוק שרייבט אונ אברהם בעט צוא הש"י
פון וועגין אבימלך אונ גאט שיקט איין רפואה צו אבימלך אונ מען גיהער זיך בטראכטין מיר
זינדיגן דאך אלע טאג צו הש"י אונ ער איז אונז מוחל אונ מיר זיינן דאך זיינע קינדר זיינן מיר
דאך שולדיג צו גיין אין זיין וועג דרום זיינן מיר אויך מחוייב איינר דעם אנדרן מכל אומה ולשון
מוחל זיין דען ווען איינער דעם אנדערן איז מוחל זויא איז הש"י אים אויך מוחל :

נוא ווען איינר זעהט דעם אנדערן טאן וואס ניט רעכט איז · איז רעכט צו ווארינען אונ צוא
שטראפן אים אונ צו ווייזין אונ לערנען איינער דעם אנדרן גוטע מעשים צו טאן הן מיט
רייד אדר מיט מחשבות אונ גיהער שלום צו מאכין צווישין מאן אונ וייב אונ צווישין אמענטשן
מיט זיינעם חבר אזו וויא דר פסוק שרייבט דוא זאלסט בגערין אונ זאלסט נאך יאגן שלום
צו מאכין · אונ דר מענטש איז מחויב דרויף תפלה צו טאן אז עס זאל זיינעם חבר וואול גיין
אונ בעו"ה אונזרע צייטין האט מען פיינט דעם זעלביגין וואס שטראפט וויא דר פסוק שרייבט
שנאו בשער מוכיח דאס איז טייטש דיא פיינט שאפט איז אין דער טיר וואו שטראפער זיינן
כלומר מען האט פיינט די שטראפער וויל זייא שטראפין דיא לייט :

און נאך איין פיינט שאפט איז פר האנדן די איז ערגר אז אלע פיינט שאפט עס האט
איינר דעם אנדרין פיינט ווייל ער טוט גוטש אזו שרייבט דר פסוק דוד המלך האט
גזאגט ישטנוני תחת רדפי טוב דאס איז טייטש מען האט מיך פיינט ווייל איך טוא נאך יאגן
גוטס צו טאן · און ווער עס האט פיינט זיין שטראפר דעם האט גאט פיינט דען זייא
האבין פיינט די ליב האבער פון הש״י און פאר מיאוסין פאר אנדרע לייט די לומדים
וואס לערנן תורה און ווייזן לייטין אין גוטין וועג צו גיין די אלע האבן זייא פיינט נוא
איז גלייך וויא זייא האבין גאט אליין פיינט :

דער זוהר שרייבט ווער עס דר מאנט די מעלות פון זיין חבר הן פון געלט אדר פון זיין
חברש קינדר דר גיהער צו הש״י איין שבח צו געבין און אויב ניט אזו שטראפט
אים הש״י אין זיין גוטש ווייל ער האט ניט גילויבט גאט אויף דעם גוטס פון זיין חבר
און ווען אבר ער לויבט יוא גאט דרויף נוא אז הש״י וויל זיין חבר בענטשן גיט הש״י
אים פריער איין ברכה · און דר שבח גהער צו זיין מיט איין גוט אויג און מיט ליבשאפט
און מיטן גאנצן הארצן · נוא זעהט מען דאך אז איינר וויל בענטשן זיין חבר איז דיא
תורה מדקדק אז ער זאל אים פרגינען די ברכה און זיא זאל זיין מיט איין גוט אויג מכ״ש
ווער עס טוט תפלה אדר אשבח צו הש״י מוז פשיטא זיין מיט כוונה און מיטין גאנצין
הארצן און אויך גהער דר מענטש אכטונג געבן אויף זיין חברש געלט גלייך וויא אויף
זיין געלט · און ווען ח״ו דיין חבר טרעפט עפיס איין שאדן גהערסטו זיך דרויף מצער זיין
גלייך ווי עס וואלט ח״ו דר שאדן דיך גטראפן און גהער תפלה צו טאן צו הש״י דרויף
אז הש״י זאל זיין שאדן ממלא זיין · און ווען עס איז מיגלך דיין חבר מציל צו זיין פון
אשאדן איז מען מחויב צו טאן וואש מיגליך איז · דר כלל דו מוסט תמיד זעהן אז דו
זאלסט זיין גיליבט ביי הש״י און ביי די לייט אזו ווי מיר בעטן אין אונזרע תפלות מיר
זאלן גפינען חן און שכל טוב אין גאטס אויגן און אין לייטינס אויגן · און ווען דו ווייסט צו
דיין חבר איין גוטע בשורה גהערסטו גשווינד לויפן און אים באלד מודיע זיין וויא דר
פסוק זאגט איין גוטר מאן זאגט גוטע בשורות · און מכ״ש ווען דו ביסט גוואר גווארן
איין בייזע בשורה וואס דיין חבר ווערט ח״ו ערשט צו קומן גיהערסטו פשיטא צוא
לויפין און זאלסט אים ווארענען אז ער זאל זיך מציל זיין וויא ווייט ער קען :

דר ספר ארחות צדיקים שרייבט וואס פר איין גרויסע הילף איז צו דעם מענטשן וואס פירט
זיך מיט די לייט מיט ליבשאפט און גזעלן שאפט עס איז אים איין הילף אויף דער
וועלט ווען ח״ו עס טרעפט זיך אים איין אומגליק האט ער פיל העלפר און אונטר לעהנר
און ווען עס שטייט אויף איינער מיט אים צוא קריגין שטייען אויף אנדרע און שרייען
אויף אים און מאכן אים שטיל און אוועק גיין פון אים · און ווען אים ח״ו טרעפט עפס
איין צרה זיינען זיך אלע לייט מצער · און ווען ער ח״ו קריגט דעם דלות דא דר בארימן
זיך די לייט איבר אים און העלפן אים איטליכר ווי ווייט מיגליך איז און דאס איז אויף
דעם עולם · און אויף עולם הבא קריגט ער אויך איין גרוישן שכר דער פון דען ווייל
ער איז מיט איטליכן גוט פריינד זיינען זיינע רייד נשמעים בייא לייטן נמצא האט ער
מאכט און יכולת צוא שטראפין לייטין אז זייא זאלין גוט און פרום זיין · און דורך
ליבשאפט האט ער שלום מיט איטליכין און איז בארוט און שטיל :

און אויך דורך ליבשאפט האט ער צייט צוא לערנען און מעשים טובים טאן און
איטליכער העלפט אים זיין ארבעט דרום קען ער הש״י רעכט דינען און האט לייט

זעליקייט בייא איטליכן אונ איטליכער האט לוסט זייגע מעשים נאך צוא טאן:

איצונד וועל איך אייך לערנן וויא דער מענטש זאל זיך נוהג זיין אז לייט זאלן אים ליב האבן צום ערשטן זאלסטו דיין חבר העלפן מיט דיין האב אונ גוטס נאך דיין פר מעגין נאך אונ צו בדינן איטליכן הין איין עושר אדר איין ארומן אונ זאלסט זיך מיהן פון איטליכנס וועגן אונ דש הייסט גהאלפן מיט זיין לייב · אונ מיט זיין געלט גהער מען אזו צו טאן ער גהער צו העלפן אפילו דעם עושר ווען ער איז בדערפטיג דר צו אונ דעם עני צו העלפן אין זייגע נויטן דאש מיינט מען ווען ער זעלבסט איז נויט בדערפטיג אונ דר ארומן קומט צו אים זאל ער אים ניט לאזן ליידיג פון זיך אוועק אונ זאל אים העלפן אויך זאל ער דעם ארומן שיקן מתנות נאך זיין פר מעגן נאך אונ צו צייטן זאל ער דעם עושר אויך מתנות שיקן אונ זאל זיך ניט קריגן אונ ער זאל אויך רעכט האנדלן אונ זאל ניט מדקדק זיין אויף איין קליינע זאך אין זיין האנדיל תמיד זאל ער לאזן יענם הנאה האבן פון זיך אונ ער זאל ניט בגערן פון יענם הנאה האבן אונ ווען ער טוט ריידן מיט זיין חבר זאל ער במעליך ריידן מיט אים אונ אויב איינר האט אים פאר שעמט זאל ער אים צו ריק ניט פר שעמן אונ ווען איינר האט אים גינארט זאל ער אים ניט צו ריק נארין דוא זאלסט ליידן דעם יאך פון דר וועלט אונ זאלסט יענם ניט בשווערן אונ זאלסט זיך מיט אים ניט קריגן · אונ זאלסט איטליכן מיט ליב שאפט אנטפאנגן אונ זאלסט דיין חבר טרייסטן ווען דוא זעהסט אים עפיס אין איין צרה ח״ו אדר ער האט זארג אויף זיך: אויך ווען איינער איז דיר מגלה איין סוד זאלסטו פר קיינם ניט זאגן אפילו אויב דר דאזיגר וואס האט דיר מגלה גיוועזן דעם סוד האט זיך מיט דיר גקריגט זאלסטו דאך אים פארט ניט אויס געבין אונ ווען דו הערסט אויף איינעם בייז ריידן זאלסטו דר ביי ניט שטיין אונ אויב דו וועסט זיך אזו האלטן וועסטו גליבט זיין · אונ זאלסט איטליכן בכבוד האלטין אונ זיך ניט בגאוה האלטין נייערט פאר איטליכין אונטער טעניג צו זיין אונ בייא אלימען זאל דיין כוונה זיין לשם שמים:

אונ זאלסט מיט קיינם קיין מחלוקת ניט האבן דען עס איז ערגר אז ער וואלט צורות גלולים גדינט אזו וויא אונזערע חכמים שרייבין דאס דור פון אחאב האבין אלע מלחמות גוברגיוועזן האטשע זיי האבן צורות גלולים גדינט נאר ווייל זיי האבן זיך איינר דעם אנדערן ליב גיהאט אונ האבין שלום גיהאט צווישין זיך דרום האבן זיי אלע די מלחמות איין גינומען · אונ ווידר דאס דור פון שאול המלך האבן אלע מלחמות פר שפילט האטשע זיי האבין קיין עבירות ניט גיטאן נאר מחמת עס איז גרויס רכילות אונ מחלוקת צווישין זיי גיוועזן אונ די עבירה פון מחלוקת איז זייער גרויס אפילו די מינצטע מחלוקת איז אויך גרויס ווארום אויס איין קליינר פונק קען קומן אגרויסר פייער ח״ו אזו וויא אונזערע חכמים שרייבין די מחלוקת זיינן גיגליכן צו איין שטראם וואשר צום אן הייב גייט דר שטראם גאר שמאל אונ אז דאס וואשר רייסט אויס ווערט עס גאנץ גרויס אונ פון די אותיות פון מחלוקת וועט איר זעלברט זעהן אונ פר שטיין דען מען שרייבט אזו דאס ווארט מחלוקת זעהט איר די מ איז גאר ארום גרינגילט נאר אונטין איז זיא אביסיל אפין אזו איז די קריג אויך צום אן הייב הייבט זיא זיך אן פון איין קליינע זאך דר נאך ווערט די קריג אזו וויא איין גרויסע טיר אזו וויא די ח איז גאר אפין פון אונטין אונ דר נאך פלאמט די קריג גאנץ הויך וויא די ל האט איין האלז אין דר הויך דאס מיינט מען עס קאן גישעהן בעוה״ר פון מחלוקת פיל זאכין וואש איז דר ווידר גאט וואס זיצט אין די הייך פון הימל דר נאך קאן זיא קומן אין די גרונד העל

אראפ אזו וויא די ק איז אראפ גיצויגין דר נאך קריגט די מחלוקת איין באשטאנד וויא די ת האט צוויי פים אונ איין קלעצייל דרונטר אונ דיא ו שטייט אין דער מיטין וויא איין שטעקין וואס מען לענט זיך אן דרויף אונ דר נאך קאן פון דעם שטעקיל ווערין איין שלאנג דרום זאל איטליכר גיווארינט זיין ווער עס האפט אונ וויל זוכה זיין די שכינה צוא זעהן זאל ער אוועק לויפן פון דעם אום פאל פון דער שלאנג אונ זאל זיך דר ווייטערן דר פון אונ וואס זאל איך אייך פיל שרייבין אלע ספרי מוסר שרייבן דאך שוין וואס פר אביין עס קען קומן פון מחלוקת ובפרט איר דארפט ניט ווייט צוא זוכין אונ לערנען וויא גרויס דיא עבירה פון מחלוקת איז זעהט וואס דר סוף פון קרח איז גיוועזין השם יתברך האט זיי ניט גיוואלט מוחל זיין אונ האבן איין ביזין סוף באלד איין גינומן · אונ דיא עבירה פון דעם עגל האט השי"י יוא מוחל גיוועזין · אונ וויא עס שטייט אויך גישריבן בייא אפרים ווען אפילו זייא בהעפטין זיך אין די עבודת גלולים בין איך פארט זיי מוחל ווען זיי האבן נאר שלום בייא אנאנדער · ווער עס מאכט מחלוקת צווישין לייט דעם העלפט קיין תשובה ניט דרום זאל מען גיווארינט זיין קיין מחלוקת צווישין לייט ניט צו דער וועקין :

נוא איר ליבע לייט מען זעהט דאך אז מחלוקת איז ערגער אז עבודת גלולים צו דינען אונ

איטליכר יהודי איז דאך אן גיברייט זיין לעבין איבער ענטפערין איידער ער זאל חיו עבודת גלולים דינען · אונ די עבירה פון מחלוקת איז ערגר אונ הארבר אז עבודת גלולים אונ די מחלוקת האט גאר קיין סוף ניט דרום וויא זאל מען דעם יצר הרע ניט צווינגן פון מחלוקת · אונ רבי האט אויך גיזאגט ווער עס איז מעביר אויף זיינע מדות דאס מיינט מען ער איז יענעם מוחל אויב ער האט אים עפים שלא בכבוד גיטאן דעם זעלביגין איז השי"י אויך מוחל זיינע עבירות דרום גיהער דער מענטש זיך ניט מצער זיין אויב איינער האט אים דער ווידר גירעט אדרבה מען גהער זיך נאך משמח צו זיין אז דאס האט זיך אים גיטראפין אונ ער האט דעם יצר הרע בצוואונגן אונ האט עס יענעם מוחל גיוועזן אזו וויא מיר גיפינן בייא איין חסיד ווען ער איז גיגאנגען שלאפין האט ער אזו גיזאגט השי"י זאל מוחל זיין דעם וואש האט מיר דר ווידר גיטאן אונ האט מיר מצער גיוועזן :

קומט אונ זעהט וויא גרויש דר כח פון שלום איז דען אפילו צו דיין גרעסטין שונא האט

השי"י גיבאטין ווען דו קומסט אויף איין שטאט צו באלעגערין אונ צוא באצווינגען זאלסטו צום ערשטן אן הייבין מיט שלום · אונ אונזרע חכמים שרייבן אויך מען זאל שלום געבין · אונ מען האט גיזאגט אויף רבי יוחנן בן זכאי עס האט אים אלע זיינע לעבעס טאג קיין מענטש קיין שלום גיפעדרט נייערט ער האט איטליכן צום ערשטן גיזאגט גוט מארגין אדר גוט אבינד אויף דעם מארק · אונזרע חכמים שרייבן דוא זאלסט איטליכן פעדערין שלום חאטשע דוא מיינסט אז יענער האט איין שנאה אויף דיר זאלסטו אים דאך פארט זאגין אגוט מארגין אדר אגוט אבינט אונ ווען דו וועסט דיך אזו פירין וועט דיך איטליכער ליב האבין אונ ניט גינוג אז יענער וועט וועלין מיט דיר שלום מאכן נייערט השי"י וועט דיר דיינע שונאים איבר ענטפערן אז זייא זאלין פאר דיר נכנע ווערן אזו גפינן מיר אויך בייא דוד המלך ע"ה דאס ער האט גיזאגט איך וואלט גערין מיט איטליכן שלום האבין · אונ אז איך וויל אן הייבין עפיםריידין ווילן די לייט שטרייטין מיט מיר אונ אזו אויך שאול לא די ער האט זיך צו דוד המלך ניט גילאזט איבער בעטן נאר ער האט אים נאך גיזאגט אונ השי"י האט אים איבר גיענטפערט צו דוד המלך אין דיא הענט אונ פון דעסט וועגין האט אים דוד המלך קיין ביז ניט גיוואלט טאן · דען דער מענטש מוז האבין שלום אונ מוז

נאך

נאך יאגין שלום צוא מאכין · באגער שלום אין דיין שטאט אונ יאג נאך שלום צו מאכין אין אנדערע שטעט בגער שלום מיט דיין געלט בגער שלום צו דיר זעלבסט אונ יאג שלום פאר פרעמדע לייט אונ זאלסט קיין שלום ניט פאר מיידין אונ דו זאלסט ניט זאגין איך וועל ניט קענען שלום מאכין צווישין דיר אונ דיין חבר ניירט דוא זאלסט זיך שטארקין
שלום מאכין איז גלייך אז דוא וועסט שלום מיט מיר מאכין :

דער זוהר (פרשת מקץ) שרייבט איין מעשה רבי אבא איז גיזעסין אין טויער פון דר שטאט לוד האט ער גיזעהן איין מענטש איז גיקומן אונ האט זיך גיזעצט אין איין הייל אונטר דעם בארג אונ ער איז מיד גיוועזן פון דעם וועג אונ איז אנטשלאפין גיווארין · קומט איין שלאנג אונ וויל דעם מענטשן מזיק זיין · איז אראפ גיפאלן איין צווייג פון בוים אונ האט די שלאנג נהרגעת גוא וויא דר מענטש האט זיך אויף גיכאפט פון זיין שלאף האט ער דר זעהן די טויטע שלאנג ליגן לעבן אים אונ אויך וויא באלד דר מענטש איז ארויס גיגאנגן פון דר הייל איז דר בארג גיפאלן אויף דר הייל אונ דר מענטש איז נצול גווארן פון ביידע פון דער שלאנג אונ פון דעם בארג · אזו איז רבי אבא גיגאנגען צוא דעם מענטשין אונ האט אים גיפרעגט זאג מיר דיינע מעשים ווארום האט דיר השי"ת זעלכע צוויא גרויסע ניסים גיטאן דאס איז בוודאי ניט אום זיסט האט אים דער מענטש גיענטפערט אלע מיינע לעב טאג האב איך קיין פיינט שאפט אין מיין הארצן ניט גיטראגין נייערט אז איינר האט מיר עפעס דער ווידער גיטאן האב איך יענעם מוחל גיוועזין · אונ איך האב יענעם זיינע גוטע מעשים נאך גיטאן אויב עס איז נאר מיגליך גיוועזין האט רבי אבא אן גיהויבן צוא וויינן · אונ האט גיזאגט דער מענטש איז גרעסער פון יוסף הצדיק דען בייא יוסף הצדיק זיינן זיי גיוועזן ברידר דרום האט ער גיהערט זיך דער בארעמען איבער זיי אבר דא זיינן דאך פרעמדע לייט גיוועזן אונ ער האט זייא מוחל גיוועזן דרום איז ער ראוי אז השי"ת זאל אים אזעלכע גרויסע נסים טאן · הייבט אן רבי אבא דעם פסוק (הולך בתום ילך בטח) איז טייטש ווער עס גייט גאנץ אין דער תורה גייט ער פר זיכערט אונ קיינר קאן אים ניט מזיק זיין אונ עס טרעפט אים קיין בייז ניט ח"ו · וואס זאל מען איך דער פון פיל שרייבן די גאנצע וועלט שטייט אויף שלום וויא דר פסוק שרייבט (ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום) דאס איז טייטש גאט גיט די תורה צו זיין פאלג ישראל אונ האט זיי גיבענשט מיט שלום :

אות ג

גרות איז טייטש דר עלינטר מענטש איז מחויב זיך צו בטראכטן אז ער איז אויף דער וועלט עלינט וויא דר פסוק שרייבט דוד המלך האט גיזאגט איין עלינטר בין איך אין דעם לאנד אונ אויך איין אלט גיזעסענר פאר בארג פון מיר ניט דיינע מצות · דיא תורה זאגט צו ישראל זייט מיט מיר עלינט אונ אלט גזעסן איז דאך קשה אויב מען איז איין גר איז מען דאך ניט קיין תושב אונ אויב מען איז איין תושב איז מען דאך ניט קיין גר מוז מען די זאך אזו פר שטיין איר זאלט תמיד זיך בטראכטן אז איר זייט עלינט אויף דר וועלט אזו וועט איר אלט גיזעסן ווערן אויף יענער וועלט דען דר מענטש האט אויף דר וועלט קיין וואונונג ניט וויא איין עלינטר וואס ווערט פר ווארפן אין איין פרעמדן לאנד אונ ווען דר מענטש בטראכט זיך דאס אזו קומט ער צו יראה אונ איז מקיים די תורה אונ מצות דען די נשמה איז פרעמד אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט האט זיא איר דירה דען דיא נשמה איז איין חלק פון דר שכינה אונ די נשמה איז גיגעבן גיווארן אין מענטשן צו דינען

גאט

גאט אונ צו האלטן תורה אונ מצות עס איז איין משל איין מלך שיקט איין שליח אין איין פרעמדע לאנד אריין אזו שיקט ער זיין גטרייען שליח אונ זאגט אים אן וויא ער זאל פאריכטן אויף דעם וועג אונ ווארינט דעם שליח אז ער זאל גשווינט אונ גשיקט זיין אין דעם וועג דען פלוצלונג וועט ער שיקן צו נעמן אים צו זיך אונ וועט אים פרעגן וואס ער האט פאריכט אין דעם וועג אונ ווען דר שליח האט ניט רעכט גטאן זיין שליחות אונ האט גאר ניט פאריכט אזו ווארפט אים דר מלך אראפ פון זיין כבוד אונ הייסט דעם שליח דן זיין אונ הייסט אים חרפות אן טאן · אבר אויב דר שליח טוט רעכט זיין שליחות אזו מאכט אים דר מלך פר איין נאמן אונ טוט אים גרויסן כבוד אן נאך מער וויא ער האט גהאט פריער אזו פירט זיך מיט דר נשמה אויך · הש"י איז דר מלך אונ שיקט די נשמה אין דעם מענטשינס גוף אריין אונ בפעלט איר צו היטן תורה אונ מצות וויפיל זיא וועט אויף דר וועלט זיין · אונ אפילו ארגע זאל זיא אויך ניט אוועק לאזן ניט צו טאן תורה אונ מצות אונ ווען די נשמה פאריכט אלץ רעכט אזו איז איר גוט אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט דען דורך די מצות בקומט די נשמה הערליכע מלבושים אונ קומט צו גרויסע כבוד אונ צו גרויש ליכטיקייט אבר אויב די נשמה פאריכט ניט איז די נשמה נאך ערגר אויף יענם עולם אונ זיא קומט אין גהינם

אריין אונ האט אזו לאנג צו טאן אין גהינם ביז זיא קומט אפ אלע אירע עבירות :

דרום זאל דר מענטש ניט זארגין אויף דר דאזיגער וועלט אזו איין זארג וואס ניט זיין איז

דאס מיינט מען די וועלט איז דאך ניט זיין · היינט לעבט ער אונ מארגין איז ער ניט דא נייערט ער זאל תמיד זארגין עפעס צו פאריכטין אויף עולם הבא עס שטייט איין מעשה אין ספר אורחות צדיקים עש איז גוועז איין חסיד ער האט תמיד גזארגט האבן די רבנים גזאגט צוא אים אויב דו זארגסט אויף עוה"ז זאל דיר דיין זארג גמינערט ווערין אונ אויב דו זארגסט אויף עוה"ב זאל דיר דיין זארג גימערט ווערן אונ ווער עש וויל גוט אונ

פרום זיין דער וועט פון הש"י גיהאלפין ווערין :

אות ד

דרך ארץ דאש איז איין רעכט פארטיגע מעלה וואס דריגען איז צניעות אונ אלע

גוטע מדות וואס מען זאל זיין גיליבט אין גאטס אויגין אונ אין לייטינש

אויגן הן אין געלט זאכין אדער אין וועלטליכע זאכין אדער וויא מען זאל די נשמה

פאריכטן ווערט דאס אלץ דא גיפונען :

אונזערע חכמים שרייבן אויף דעם פסוק ויבא יעקב שלם איז טייטש יעקב איז גקומן גאנץ

אין דער שטאט שכם גאנץ מיט זיין תורה גאנץ מיט זיין גוף גאנץ מיט זיין

געלט דאס מיינט מען הקב"ה האט דר הויבן יעקב אבינו איבר אלע בשעפעניש דהיינו איבר ערד · גראז · בהמות · דען דאס גראז וואקסט מיט דעם כח פון דר ערד אונ די בהמות עסן דאס גראז אונ דר מענטש עסט דאס פלייש פון די בהמות אזו קומן אלע בשעפינעש פון איין מעלה צו דר אנדרע מעלה ביז עס קומט אלץ צו דר אייבערשטע מעלה אונ אלץ קומט דורך דעם מענטשן דהיינו הש"י האט אלץ בשאפן פון זיין כבוד

וועגן אז אלדינג זאל קומען צו די העכשטע מעלה :

דרך ארץ מען זאל ניט עסן אזעלכע עסן וואס זיי זיינן זיס צו דעם גומן אונ זיי

זיינן אבר מסוכן צו דעם גוף אונ אפילו די עסין וואס זיינן גיזונט צו

דעם גוף זאל מען אויך קיין איבריגס ניט עסן וויא איין בהמה נייערט וויפיל מען בדארף

זיין

זיין לעבן צו דר האלטן אונ וואס דר מענטש עסט זאל ער עסן מיט דרך ארץ אפילו אין זיין הויז איבר זיין טיש · אונ עס זאל זיין איין שיינם טישטעך אויף דעם טיש אונ ריין זאל זיין דאס עסין אונ ניט צו איילן מיט דעם עסן אונ ניט צו עסן אויף דעם גאס אדר אויף דעם מארק אונ ניט צו עסן אדר טרינקן גייענדג אדר שטייענדג אונ זאל ניט אוים ווישן אדר אפ לעקן די כלים וואס ער האט אין זיי געגעסן אונ זאל תמיד אין שיסל אביסל איבר לאזן פון זיין עסין · אונ איין למדן זאל זיך ניט געוויינן ביי איין עם הארץ צו עסין אונ ניט צו עסן אויף זעלכע סעודות וואס זיינן ניט קיין סעודת מצוה · דהיינו ברית מילה פדיון הבן קנין מאל חתונה דש זיינן סעודות מצוה אונ די ערשטע חסידים פלעגין ניט צו עסן אויף פרעמדע סעודות אפילו אויף סעודת מצוה נייערט פר געלט:

דער רמב"ם שרייבט אונזרע חכמים האבן געווארינט אונ האבן אונז גלערינט דרך ארץ

מען זאל זיך ניט געוויינן פלייש צו עסן תמיד · נייערט ווען זיין פר מעג איז · ווען איינר איז אמיטלר מענטש איז גנוג פון איין שבת צום אנדרין פלייש צו עסין · אבר ווער עס פאר מאגט יוא מעג אלע טאג פלייש עסן בדרך ארץ · ניט צו טרינקן אזו איין גטראנק וואס מסוכן איז דהיינו מען זאל ניט טרינקן ביי נאכט פון אבאך וואסער אן אכלי אונ ניט צו טרינקן וואסר וואס איז געשטאנן אין איין אפענר כלי איבר נאכט · אויך ניט אליין צו גיין ביי נאכט · אויך זאל איין אשה געווארינט זיין ניט צו עסן אין איר טראגן אדר אין איר זייגן אזעלכע זאכן וואס שאטן דאס קינד צום זכרון · דהיינו הארץ · לעבער · ווארום דאס קאן שעדליך זיין צו דאס קינד:

אויך גיהער מען זיך היטין צו גיין אויף איין סכנה ארט דהיינו פר גזלנים אדר בייזע חבירים אדר ביי איין שלעכטע וואנט דען ביי די זאכן דר מאנט מען דעם מענשן זיינע עבירות · אונ זאל זיך תמיד געוויינן פרי אין הארבערג אריין צו קומן אונ ווידר פרי אוים דר הארבערג גיין · דאש מען זאל זיך ניט געוויינן ביי נאכט צו פארן אדר גיין · דר מגן אברהם שרייבט דר מענטש זאל ניט זאגן השי"י גיט מיר מער וויא איך בין ווערט דאס טאר מען ניט זאגן דען השי"י איז ניט קיין וותרן אונ גיט קיינעם ניט אום זיסט · אונ זאל אויך ניט זאגן אז השי"י שטראפט ח"ו ניט אויף קיין עבירות ווארום ער שיינקט ניט נאר דר מענטש זאל תמיד זאגין השי"י גיט מיר דעם זכות פון מיינע עלטערין אונ ווען עס וואלט ניט געוועזן דר זכות פון מיינע עלטרן וואלט ער מיר ניט גיגעבן דען איך בין איין זינדיגר מענטש אונ השי"י איז לאנצום צו דער צארענן:

דער ספר חסידים שרייבט מען זאל זיין געווארינט ניט צו שטעלן קיין שום עסן וואַרג אדר משקאות אונטר דעם בעט דעם עס איז איין גרויסע סכנה · אויך מען זאל ניט עסן הארץ הן פון איין חיה אדר אבהמה · רבי אליעזר הגדול שרייבט אין זיין צוואה · מען זאל ניט טרינקן פון דעם וויש דר חבר האט איבר גלאזן פון זיין טרינקן דען טאמר האט זיין חבר עפעס איין חולשה אין זיך קען מען ח"ו קריגן די חולשה פון דעם טרונק אונ דש איז סכנת נפשות דר שלחן ערוך שרייבט דר מענטש זעלברט גיהער געווארינט זיין יענם ניט צו געבן פון זיין טרינקן טאמר ווערט ער דיך ניט וועלן מבייש זיין אונ ווערט נאך דיר טרינקען אזו ווערט ער חס ושלום צו איין סכנה קומען:

איבריג זאל מען זיך ניט שטעלן אויף אזו איין ארט וואס איז איין סכנה ער ווערט וועלן זאגן עס ווערט אים איין נס געשעהן טאמר טרעפט אים קיין נס ניט אונ אויב עש ווערט אים יוא איין נס געשעהן ווערט מען אים דאך אפ שלאגין אויף זיינע זכיות · אויך האבן אונזערע

חכמים גיווארינט מען זאל ניט עסן אדר טרינקן אזעלכם וואס איז מסוכן · אויך זאל ער קיין שערביל ניט נעמן אפ צו ווישן זיך נאך זיין אויס גאנג · אונ אויך מען זאל קיין שום ירקות גיט עסין אוים דעם בינדיל נאר מען מוז פריער אויף בינדן אונ דר נאך עסן ווייל עס זיינען אפט ווערים דרונטר אונ דאס זאל מען אלץ ניט פר גרינג האלטן אונ מען זאל זיך היטין דער פון דען מען קאן אים דער מיט כישוף טאן :

אויך האבן אונזערע חכמים אונז גווארינט אויב עס איז ח"ו עיפוש אין שטאט אדר הונגר גהער מען זוכן איין גיזונטן ארט צום אן הייב עיפוש דען דר נאך העלפט זיין לויפין ניט אונ איך פר וואונדר מיר אויף די לייט ווארום זיינן זיי ניט גווארנט ווען פאקן גייען אום צווישן די קינדר זיי זאלן מער שמירה געבן דר פאטר אונ מוטר וועלן מוזן משפט ליידין פר וואס זיי האבן ניט מער שמירה גגעבן אונ פיל קינדר שטארבן דר פון הש"י זאל אונז היטן דר פון :

אויך איז פון דרך ארץ דאס מען זאל זיך אין מוח אריין נעמן אז דר גוף איז איין פוטר פאס צו די נשמה אונ זאל זיין גוף ריין האלטן סייא די גלידר וואס זיינן אויף גדעקט סייא די גלידר וואס זיינן צו גדעקט זאל ער זיי האלטן ריין פון אום פלייט מען גהער זיך צו וואשן די הענט אונ פים אונ דאס פנים אלע טאג דר מענטש זאל ריין זיין פר זיין בשעפר דען דר פסוק שרייבט אלדינג וואש גאט האט בשאפן האט ער עס פון זיין כבוד וועגן בשאפין אז מען זאל אים דינן דען אז דר גוף ווערט ריין גהאלטן אזו ווערט די נשמה אויך ריין גיהאלטין אבר ווען דר מענטש האלט זיך ניט ריין אזו ציהט ער אויף זיך אום פלייט וויא איין בהמה אונ מען זאל ניט עסין אזעלכע וואס דש מויל ווערט דר פון שטינקן · אונ ווען איינר האט אזו אנאטור עש שטינקט אים פון דעם מויל זאל ער זעהן רפואות דר צו טאן בכדי אז ער זאל פר די לייט ניט פר מיאוסת ווערן · אונ זיינע האר ריין צו האלטן · ניט קיין שיינע זאך ניט צו טאן אויך זיינע קליידר ריין צו האלטן · אז עס זאל אויף זיי קיין פלעקן ניט גפונן ווערן מכ"ש אלמדן מוז דאך אפשיטא זיינע קליידר ריין האלטן · אונ מען זאל זיך ניט גיוויינען איבריגע חשובי קליידר צו גיין דהיינו פון גאלד אדר פון זילבר בכדי אלע זאלן אויף אים קוקן · אונ אויך ניט אין גאר שלעכטע קליידר דען שלעכטע קליידר זיינן דעם מענטשן מבזה · נאר אין מיטעלע קליידר צו גיין שיין נאך זיין יכולת נאך · אונ מען זאל פון זיינע קליידר דש לייב ניט ארויס זעהן אבר ניט צו גיין אין גאנץ דינע קלארע לייווינטנע קליידר אז מען זאל דאס בלויזע לייב ארויס זעהן · אונ פון די קליידר קאן מען דר קענן ווער איין חכם אדר איין נאר איז · אזו האט אויך שלמה המלך גיזאגט אויף דעם וועג וואס דער נאר גייט ווערט גברעכט זיין הארץ · נוא האבן מיר בשייד איין טייל פון דרך ארץ וואס גייט אן דעם גוף אונ מען קען אין גאנצן ניט אויס שרייבן וואס צום דרך ארץ גהער נאר דער קלוגער קאן זיך ווייטער לערנן וואס דער צו גיהער :

דרך ארץ פון שכל די נשמה זאל בצווינגן דעם גוף דען די נשמה איז ראוי צו דר הויכין אונ איר צו געבן איין גוועלטיקייט איבר דעם גוף נאך איז קיין דרך ארץ ניט בגערן איבערג קלוג זיין מער וועדלג די מדריגה פון זיין שכל פר טראגט אזו ווי שלמה המלך האט גזאגט דו זאלסט זיך ניט איברג קליגן טאמר וועסטו נאך פר נארישט ווערן גייערט גיי מיט דיין שכל איינצג ווייס אלע טאג צו מערן אונ צו לערנן אביסל מער אבר ניט מיט אמאל אונ אויב דו וועסט אזו טאן וועסטו צו דר רעכטר חכמה קומען :

דרך ארץ פון געלט וויא דר מענטש זאל זיך נוהג זיין מיט זיין געלט ער זאל תמיד אכטונג געבן אז עס זאל אים קיין שאדן ניט טרעפן וויא שמואל הט גזאגט אין דר גמרא

ווער

ווער עס זעט איבר זיינע נכסים אלע טאג דר דאזיגר געפינט אגראשין · אביי הט אלע טאג איבר גיזעהן זיינע פעלדר זאגט ער וואו איז מיינע גראשינס וואס שמואל הט גזאגט אמאל איז ער גגאנגן אונ האט באגעגינט זיין גערטנירער האט גטראגן איין בונד האלץ וואס ער האט גגנבת זאגט ער צו אים וואו אהין טראגסטו דש האלץ הט ער אים געענטפערט איך טראג עס מיינם הערן אביי · האט אביי גזאגט די רבנים האבין שוין פריער גזאגט ווער עס זעט איבר זיינע נכסים דר געפינט איין גראשן דען ווען איך וואלט ניט גגאנגן מיינע פעלדר איבר זעהן · העט איך דיך ניט בגעגינט ווער ווייס וואו אהין דו וואלשט דש האלץ פר טראגן · אויב ער האט ניט צייט אלע טאג זיינע נכסים איבר זעהן צום וויינגסטן מוז זיך דר מענש אלע חודש איבר רעכנן אונ זאל זעהן זיין משא ומתן וויש פר איין בשטאנד ער הט אויב ער איז אגרויסר בעל הוצאה וועדליג זיין פר דינסט זאל ער קארגן אביסל בכדי ער זאל דר נאך ח״ו ניט גאר ארום ווערן אויך זאל מען קיין צעטיל ניט אוועק ווארפן אונ כדומה אנדרע כתבים האטשע ער האט שוין דאס צעטיל אפ גרעכינט טאמר איז עפעס איין טעות אין חשבון נמצא וועלין אים דיא כתבים אטובה טאן :

דרך ארץ פון די ווייבר איין אשה זאל זיין איין ווירטין אונ זאל תמיד אכטונג געבן אויף איר הויז ראט אז עס זאל אלדינג גאנץ אונ ריין בלייבן אונ זאל היטן אז עס זאל צו קיין שאדן ניט קומן אז איין קאץ אדר אהונט זאל ניט אויף עסן · אונ אז עש זאל ניט פר שימילט אדר פר שטונקן ווערן · אויך זאל זיא זעהן אז דאס עסן זאל האבן איין טעם ניט צו גברענט אונ ניט איבריג גזאלצן אויך די כלים וואס זיא גיט אין זיי דעם מאן עסין זאלין שיין אונ ריין זיין בכדי זיא זאל חן ביי איר מאן האבן · זיא זאל זיך מיט איר מאן ניט קריגן ובפרט אום ערב שבת זאל זיא נאך מער גיווארינט זיין ניט צו קריגן זיך מיט איר מאן אונ זאל דאס עסן פריער פר זוכן ובפרט אום ערב שבת זאל זיא ניט פאסטן בכדי זיא זאל קענן דאס עסין פר זוכן ביי ערט איין תענית צבור מוז זיא פאסטן אפילו אום פרייטאג אויך זאל זיא זעהן אז דאס עסין זאל צו דר רעכטר צייט פארטיג ווערן בכדי אז איר מאן איז אלמדן זאל ער ניט מבטל זיין פון דעם לערנן פון וועגן דעם עסן אונ אויב אויך ער איז אהאנדלס מאן זאל אים דאס עסן ניט מעכב זיין פון משא ומתן אונ ווען זיא זעט אז דר מאן איז ברוגז אדר ער האט צער זאל זיא אים טרייסטן אונ ח״ו ניט מער מצער זיין :

דער כלל איז זיא זאל תמיד מיט איר שכל מאכן זיא זאל שלום האבן מיט איר מאן · דען פון שלום קומט מזל אונ ברכה והצלחה אונ די שכינה רוהט וואו שלום איז אונ ווען דר מאן הט ארוגז אויף איר זאל זיא אים שווייגן אונ זאל אים ניט מרגז זיין ביי ערט אז דר כעס וועט אים אפ גיין דר נאך זאל זיא צו אים ריידן טאמר וועט ער זיא דר נאך פאלגן אבר בשעת רוגז זאל זיא אים ניט פארשטן אונ מכל שכן זיא זאל איר מאן ניט שילטן דען די גמרא זאגט ווען איין אשה שילט איר מאן אין זיין גזונט אזו קומט דר דלות דר פון · אויך זאל זיא ניט פר שעמן זיין משפחה האטשע זיא ווייס עפעס איין שאנד אויף זייא אבער אז עס איז הי״ו קריג צווישן מאן אונ ווייב האטשע עס איז פיל גוטש אויס גרופן אויף דעם הימל פון וויפל יאר מוז עס פר קערט ווערן צו אום גליק דרום איז שלום אגרויסע זאך · אונ מען זאל דרינן גווארינט זיין: אונזערע חכמים שרייבין איין אשה זאל זיך אזו פירן ווען דר מאן איז אין רוגז זאל זיא אים אפ פירן פון דעם רוגז אונ ווען דר מאן איז אין אצרה זאל זיא אים אויס ריידן אונ זאל אים טרייסטן · אונ ווען זיא האט אין זיך עפעס איין טרויערקייט זאל זיא עס פר איר מאן ניט ווייזן טאמר וועט ער אויך טרויערג ווערן ביי ערט זיא זאל ווייזן איין פריילך פנים אונ

זאל

זאל זיך תמיד ציהן פר איר מאן מיט שמחה מיט לייט זעליקייט מיט פרומקייט אונ אירע קליידר זאל תמיד ריין זיין זיא זאל תמיד זיין פאטר בכבוד האלטן אונ אויך זיין גאנצע משפחה האטשע זיי זיינן שפלים זיא זאל אלע צייט תפלה טאן אז איר מאן זאל האבן ברכה אונ הצלחה אין זיינע ווערק אויך זאל זיא תפלה טאן אויף אירע קינדר זיי זאלן מצליח זיין אין תורה ומצות:

דר גאנץ רעכטער דרך ארץ איז מיזאל זיך נוהג זיין מיט דרך ארץ מיט זיין גוף אונ מיט דר נשמה אונ געלט אונ וויא זיך מאן אונ ווייב זאלן האלטן וויא מיזאל קינדר אויף ציהן אונ מיט אנדרע גזינד וויא מיזאל זיך האלטן ער געהער זיי צו פירן אונ צו שטראפן צו דר יראה ניט מיט רוגז נייערט בנחת זאל ער תמיד ריידן מיט זיין גזינד אזו ווערן זיינע רייד אן גנומן זיין אונ זיי ווערן גוט אונ פרום זיין אונ ווערן פאריכטן די אום רעכט וואס זיי האבן גטאן• אונ אויב מען טוט ניט אזו אונ מען שטראפט ניט זיין גזינד אזו ווערט מען אים שטראפן פר די עבירות פון זיין גזינד• אונזרע חכמים שרייבן ווער עס הט מאכט צו שטראפן זיין גזינד אונ שטראפט זיי ניט אזו נעמט מען אים אן פר די גאנצע גזינד:

דר יסוד פון קינדר ציהן צו לערנן מיט זיי תורה דען דר מענטש ווערט גבארן ווילד פול מיט יצר הרע דרום זיינן פאטר אונ מוטר מחויב צו ציהן אירע קינדר אונ אפ גוואונן זיי פון דעם בייזן וועג אזו באלד אז דש קינד הייבט אן צו ריידן געהער אים פאטר אונ מוטר לערנן שמע ישראל אונ תורה צוה לנו משה אונ זאל אים מאכן איין ארבע כנפות מיט ציצית אונ זאלן אויף דעם קינד השגחה געבן אז עש זאל קיין פלעקן פון צואה ניט גיפונען ווערין אין זיין העמד וויא שלמה המלך האט גיזאגט זייא דעם יונג מחנך נאך זיין וועג נאך אונ ווען דאש קינד ווערט עלטער ווערן זוא ווערט ער שוין דער בייא בלייבן אונ ווערט ניט אפ קערין דער פון:

פאטר אונ מוטר זאלן ניט פר מיידן שטראף פון זייער קינד ווייל ער איז נאך יונג• אונ ער זאל אלע טאג מער לערנן ווערדלג זיין פר שטאנד אונ זאלן ניט פר מיידן די רוט פון זייער קינד דען ווער עס פר מיידט די רוט פון זיין קינד דר זעלביגר הט זיין קינד פיינט אונ ווער עס הט ליב זיין קינד דר שטראפט אים אונ גוויינט אים אפ פון אלע בייזע מדות דהיינו ניט צו שווערן ניט צו שילטן קיין רוגז טראגן קיין עקשן ניט זיין אונ ניט אום דר בארמג זיין קיין גאוה ניט טרייבן ניט פר שייט צו זיין קיינם ניט מקנא זיין קיין לשון הרע ניט ריידן אדרבה צו גוויינן דש קינד אין גוטן וועג צו גיין מורא אונ תרבות אונ בושה פר איטליכן האבן שטיל צו זיין אונ אין גאמש וועג צו גיין• אויך זאל פאטר אונ מוטר אכטונג געבן אויף זייערע קינדר אז זיי זאלן ניט עסן אן גוואשן אונ אן אברכה דר פר אונ דר נאך זאלן זיי אים לערנן אויף איטליכר זאך וואס פר אברכה עס געהער דער צו אונ ווען מען ווערט אזו גיוויינן דאס קינד אין זיין יוגנט אזו ווערט אויף דער עלטער ממילא בלייבן ביי אים דיא גוטע מעשים:

דר ראשית חכמה שרייבט ווען דו ווערסט גיוויינן דיין קינד נאך זיין נאטור נאך דהיינו ניט צו לערנן אונ ניט דאוונן ליידג ארום צו גיין דעם יצר הרע צו פאלגן צו שפילן חוצפה אלש וואס איז דר ווידר דעם יצר טוב דען דר יצר הרע קומט צום קינד תיכף וויא באלד ער ווערט גבארן נוא ווען מען ווערט דש קינד לאזן ביי זיינע בייזע מעשים אונ מען ווערט אים ניט אפ גוויינן אזו אז דש קינד ווערט עלטר ווערן ווערט ער ביי דעם בייזן וועג בלייבן אונ איין גיוויינטיקייט מאכט איין נאטור אבר ווען דו ווערסט דיינע

קינדער

קינדר צום גוטין ציהן אזו קען ער תמיד פרום בלייבין תמיד זאלן פאטר אונ מוטער זייערע קינדר שטראפן בפרהסיא אונ דעם קינד קיין ליבשאפט ניט ווייזן אזו וועט דש קינד תמיד אין דר מורא גצויגן ווערן אבר אז מען ווייזט ליבשאפט פר זיין קינד נוא אז ער וועט גרויש ווערן חאטשע דו וועסט אים שוין שטראפן וועט ער דיר אויך ניט פאלגן אוי ווי גשריען אויף די יונגע יארן וואס זיינן אוועק גגאנגן אונ קומן ניט צוריק דרום גהער מען זיך צו פעדערן אין דר יוגינט אל דאס גוטין צו טאן דענסט מאל וועט וואול זיין צו אים אונ צו זיינע קינדר · אבר די פאטר אונ מוטר וואס זאגן נאך וואש זאלן מיר דאס קינד שטראפן אדר שלאגן ער איז דאך נאך יונג די זעלביגע פאטר אונ מוטר טייטן דאס קינד דען ווען מען ציהט ניט רעכט אויף זיין קינד קומט עס דר נאך צו תרבות רעות אונ אזו איז זיין טויט בעסר פון לעבן אונ אויף זיין חטא ווערן פאטר אונ מוטער גשטראפט אויף יענער וועלט :

נעמט אייך איין מוסר ווען איין אשה גאט בהיט דר שטיקט איר קינד וואס פר איין גרויסע תשובה זיא מוז טאן אונ זיא האט עס דאך בודאי ניט גערן גטאן · אונ מכל שכן ווער עס טייט זיין קינד מיט ווילג גערן איז דאך בודאי זיין עונש זייער גרויס · אונ אז דר פאטר גוויינט ניט זיין קינד צו גוטן נייערט ער לאזט אים גיין אין שלעכטן וועג איז ער דש קינד דאך ממית אבר ווער עס ציהט אויף רעכט זיינע קינדר ווי וואול איז אים אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

דר מדרש שרייבט אויף דעם פסוק יסר את בנך ויניחך איז טייטש שטראף דיין קינד אונ לערן מיט אים תורה אזו וועט ער דיר פריד מאכן פון דעם גיהנם אונ ווייטר שטיט אין פסוק ויתן מעדנים לנפשך איז טייטש דיין קינד וועט דיר געבן גוטע שפייז צו דיין לייב · ער וועט דיך ברייגן מיט זיינע גוטע מעשים אין גן עדן מיט אנדרע צדיקים · דר זוהר שרייבט אגוט קינד קען טאן זיין פאטר נאך מער וויא דר פאטר קאן אים טאן דען דר פאטר קען גישט מער מיט זיין זכות מציל זיין דאס קינד נייערט אויף דר וועלט פון יסורים אונ קען דאס קינד ביי דעם לעבן דר האלטן אונ קען מיט זיין תפלה דש קינד ברייגן צו עושר אונ כבוד · אבר אויף יענר וועלט גילט זיין זכות אבות ניט דהיינו ווען דש קינד שטארבט קאן עס דר פאטר ניט מציל זיין מיט זיין זכות פון דעם גיהנם אבר דר זון מיט זיינע גוטע מעשים וואס ער האט גטאן איז ער דעם פאטר יוא מציל מדינה של גיהנם :

נוא זעט אז דר כח פון איין זון איז גרעסר אז דר כח פון דעם פאטר אויף עולם הבא אונ אין הלכות תלמוד תורה וועט איר שוין גפינן אונ לערנן פון די זאכן אשרי וויא וואול איז צו די פאטר אונ מוטר וואס שטראפין זייערע קינדר אונ ציהן זיי אויף אלע צייט צו גוטן אונ די מוטר איז נאך מער שולדיג צו לערנן איר קינד אונ אויף ציהען אים אין גוטין וועג דען די ווייבר זיינן לידיג פון תורה אונ משא ומתן אונ זיינן תמיד אין דר היים ביי זייערע קינדר דרום מוז זיא מער אכטונג געבין אז דר פאטר אויף אירע קינדר :

די גמרא שרייבט אין ברכות עס איז גרעסר דר צו זאג וואש השי"ת האט צו גזאגט די ווייבר פון דעם צו זאג וואס גאט האט צו גזאגט די מאנן אזו וויא דר פסוק שרייבט נשים שאננות איז טייטש איר גשטילטע ווייבר שטייט אויף אונ הערט צו מיינע רייד אונ טעכטר פר זיכרט אייך אין גאט אונ פר נעמט מיינע רייד דאס האט דר נביא ישעיה גזאגט · רב האט גזאגט צו רבי חייא פר וואס זיינן די ווייבר זוכה דר צו · ענטפערט רבי חייא וועיל זיי רופן אונ פירין אירע קינדר צום רבי אין שול אריין · אונ ווארטן אויף זייערע מאנן ביז זיי קומן פון דעם

בית המדרש אונ ווייל די טבע פון ווייבר זיי זיינן בארעם הארציג אויף זייערע קינדר דרום שרייבן אונזערע חכמים אז זיי זאלן אום דר בארמג זיין אין דר זאך זיי זאלן זייערע קינדר שלאגן אונ ציהן צו גוטן אונ אן רוגז חאטשע דאס קינד שרייט אונ וויינט זאל זיא קיין רחמנות ניט האבן אויף אים דאס מיינט דר פסוק אין איכה ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן איז טייטש די דר בארמיגע ווייבר האבן גקאכט זייערע קינדר אונ האבן זיי געגעסן אין חורבן ב״ה דאס מיינט מען ווייל זיי האבן רחמנות גהאט אויף זייערע קינדר אונ האבן זיי ניט רעכט אויף גצויגן אזו זיינן די קינדר גקומן צו בייזע מעשים דר מיט זיינן זייערע קינדר פר זינדיגט גוואָרן · נוא איז גלייך וויא זיי זעלבסט וואלטן געגעסן זייערע קינדר דרום זאל מען גוואָרינט זיין קינדר צו ציהן : אונ תמיד זאל פאטר אונ מוטר תפלה טאן אז הש״י זאל שטארקן דאס הארץ פון זייערע קינדר צו תורה אונ מצות · אזו האבן גלערינט די ישיבה פון אליהו · עס איז גוועזן איין מעשה איין כהן איז זייער פרום גוועזן אונ האט פר קיינם ניט גוויזן זיין פרומקייט דר דאזיגר כהן האט גיהאט צעהן קינדר פון איין ווייב זעקס זין אונ פיר טעכטער אונ אלע טאג האט ער גרויסע תפלה גטאן צו הש״י אז זיינע קינדר זאלן צו קיין עבירות ניט קומען אונ צו קיין אום רעכט האבן אונזערע חכמים גזאגט עס איז ניט אויש גגאנגן דאס זעלביגע יאר איז גקומן עזרא אונ הש״י האט ישראל אויש גלייזט פון דעם גלות בבל אונ דר זעלביגר כהן איז מיט זיי אויך אויש גלייזט גוואָרן אויש דעם גלות אונ דר כהן איז ניט גשטארבן ביז ער האט זוכה גוועזן צו זעהן וויא זיינע קינדר האבין די עבודה גיטאן אין בית המקדש אונ האט נאך גילעבט פופציג יאר דער נאך אז ער איז גישטארבין האט מען אויף אים גיזאגט דעם פסוק בטח בה׳ ועשה טוב איז טייטש פאר זיכער דיך אין גאט אונ זייא גוט אונ פרום :

דער ראשית חכמה שרייבט מען זאל גוואָרינט זיין זיך צו היטן ניט צו ריידן פר קינדר קיין מיאוסע זאך וואס אום תרבות איז מכל שכן מען זאל ניט טאן קיין מיאוסע זאך פאר די קינדער ווארום זיי וועלן דר נאך אויך וועלן אזו טאן · אונ ווען איינר האט עפעס ניט רעכט גיטאן זאל אים דר פאטר זידלן אונ שענדן זיינע קינדר אין די אויגן · אונ זאל אים פר פלוכטן בכדי אז עס זאל די קינדר מיאוס זיין אזו איין מעשה רע צו טאן וויא יענער האט גיטאן · דאס גלייכין אז איינר האט עפעס גוטץ גטאן זאל ער אים לויבן פר זיינע קינדר בכדי די קינדר זאלן צו הערין די לויב וואס יענר האט גטאן וועלן זיי אויך לוסט האבן דש גוטש צו טאן · דר כלל איז וויא ווייט מען קען זיינע קינדר דר ווייטערן פון שלעכטע מעשים זאל מען זיי דר ווייטערן נאר צו ווייזן זיי אונ צו לערנן זיי גוטש צו טאן · ובפרט ניט צו גיוויינן ליגן צו זאגן :

איצונד וועלן מיר שרייבן פון די קרוין פון דר תורה מען זאל מקיים זיין דעם פסוק ולמדתם אותם את בניכם דאס איז טייטש איר זאלט לערנן תורה מיט אייערע קינדר דרויף איז דער פאטר מחויב ניט צו קוקן אויף זיין געלט אונ האב אויף רבי געלט צו צאלן אונ זאל זיין קינד אלע צייט שטראפן נאך זיינע יארן נאך אונ נאך זיין פר שטאנד נאך ער זאל אים צו זאגן מתנות צו שיינקן אז ער זאל בגערן לערנן אונ אז דאס קינד ווערט גרעסר זאל ער אים געבן וואס ער גערט אונ זאל דעם קינד איין ריידין אז ער וועט קענען גוט לערנן וועט ער איין רב ווערן נוא דר נאך אז דאס קינד ווערט עלטר וועט ער בוודאי לשם שמים פון גאנטש וועגן לערנן אונ וואס דר סדר איז מען זאל מיט דעם קינד לערנן ווערט ער גפינן אין (הלכות שבועות עניני למוד) פאטר אונ מוטר זאלן גוואָרינט זיין ניט צו שרעקן זייערע קינדער מיט איין דבר טמא דהיינו זיי זאלן ניט זאגן צו דעם קינד איין קאץ אדער איין הונט וועט דיך צו נעמן · אונ די בעלי קבלה שרייבן פיל דער פון :

אונזערע

אונזרע חכמים שרייבן אויף דעם פסוק טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט דש איז טייטש ער איז גוט ער לייט זעליגט אונ לייאט ער שפייזט זיינע רייד מיט גרעכטיקייט · איז די כוונה פון דר זאך אלע צייט זאל זיך דר מענטש איין האלטין מיט זיין עסן אונ טרינקן נאר ער זאל זיך שיין קליידין · אונ זיין ווייב אונ קינדר נאך מער אז זיך זעלבסט דען ווייב אונ קינדרס לעבן הייננט אן אים אונ זיין לעבן הייננט אן הש״י זיין גנאד · אויך האבן אונזרע חכמים גזאגט אלע צייט זאל זיך דר מענש היטן ניט ריידן צו זיין ווייב הארטע רייד דען וייל די טרערן פון די וייבר קומן גיך נוא קאן ח״ו קומן פורעניות פון אירענט ווענן אויך זאל מען קיין גרוישע מורא ניט ווארפן אויף זיין הויז גזינד דען רב חסדא האט גזאגט ווער עס ווארפט איין גרויסע מורא אויף זיין הויז גזינד ברייננט ער זיי צו דריי הארבע עבירות צו אפטריניקייט אונ זנות אונ רציחה דען וייל פילגש בגבעה האט איר מאן אויף איר גווארפן איין איבריגע מורא דרום איז גפאלן וויפיל מאל צעהן טויזנט פון ישראל :

אויך האבן אונזרע חכמים גזאגט אלע צייט זאל דר מאן גווארינט זיין בכבוד צו האלטן זיין ווייב דען די ברכה קומט דעם מענטשין אין זיין הויז וייל ווער זיין ווייב בכבוד טוט האלטן וויא דר פסוק שרייבט גאט ב״ה בגיטיגט צו אברהם אום ווילן זיין ווייב שרה · רבי חייא האט איין העפטיג בייז ווייב גהאט זיא האט אים תמיד מצער גיוועזן אונ אז רבי חייא האט עפעס גפונן האט ער עש איין גבונדן אונ האט עס גבראכט זיין ווייב זאגט רב צו רבי חייא ווארום טוסטו דיין ווייב אזו פיל גוטש זיא איז דאך תמיד מצער האט רבי חייא אים געענטפערט עס איז גינוג צו די וייבר אז זיי ציהן אויף זייערע קינדר אונ דר היטין זייערע מאנן פון עבירות · אונ ווער עס שלאגט דאס ווייב ווערט ער גרופין רשע :

דיא גמרא זאגט אין שבת דר מענטש זאל ניט פאר ענדערן איין קינד מין אז דעם אנדערן וויא מיר גפינן ביי יוסף הצדיק וייל דר פאטר האט אים גימאכט איין זיידינע העמדיל מיין אז די אנדרע קינדר האבין זיך די ברידר אן אים מקנא גיוועזן אונ האבין אים פאר קויפט דרום זיינן כל ישראל גקומן אין גלות מצרים · נאר איטליכר איז שולדיג געלט צו געבן זיין קינד אז ער זאל איין ערליכן שידוך טאן מיט איין למדן אונ פון איין שיינע משפחה דר עיקר איז זיא זאל אין זיך שיינע מעלות האבין אבר זיי דארפין זיך ניט גאר בדלות שטעלן פון זייערע קינדר ווענן וויא מיר האבן גזעהן פון פיל לייט אז זיי קומן אויף דר עלטר גיבין זיי אפ גאר זייער האב אונ גוטס צו זייערע קינדר דר מיט טוען זיי אגרויסע נארישקייט אונ ניט רעכט דען דר נאך וועלן זיי דארפן צו זייערע קינדר אונ וויא שלעכט איז דאש צו די עלטערן וואש דארפן צו זייערע קינדר דען אזו איז די טבע אז די קינדר ווילן ניט העלפן די עלטרן חאטשע זיי זיינן עשירים דען זיי פר געסן אין דרינן אז די פאטר אונ מוטער האבן זיי גאר זייער האב אפ גיגעבן אונ דורך דעם ברייננן זיי זייערע קינדר צו גרוישע עבירות · דרום ווער עש איז קלוג זאל אזעלכס ניט טאן נייערט וואש עש טרעפט אן זייער נדן זאל מען זיי געבן נאך זייער פר מעג נאך אבער ניט גאר מיט אמאל אפ געבן דען עש איז שוין קיין ערגירע זאך ניט פר האנדן אויף דר וועלט אז ווען פאטר אדער מוטר ווערט צו די קינדערש גידינן ווערן · מען זאגט איין שפראך ווארט איין פאטר דר נערט צעהן קינדר מיט ליבשאפט אונ מיט גוטן הארצן אבר צעהן קינדר קענן ניט דר נערין איין פאטר דרום גהער מען זיך אליין ניט ברייננן דר צו ניט גינוג ווען פאטר אונ מוטר קומן צו זייערע קינדער ווען זיי קענן ניט אנדרש מאכן הש״י זאל אונז דר פון מציל זיין אבער אז מען קאן זיך עש ווענדין גיהער מען זיך ניט צו ברייננען דר צו :

דער גאנץ רעכטער דרך ארץ פון גוף אונ נשמה אונ פון געלט דהיינו דרך ארץ וואס דר

פון

פון קומט דיא נשמה איין הילף מען זאל אימער אונ אייביג בהעפטין אין גוטע לייט אונ לומדים אז ער זאל זיך פון זיי עפעס גוטין אפ לערנן וויא בן זומא האט גזאגט ווער איז איין חכם דער וואס לערנט פון איטליכן אונ אויך אז ער ווייס אז זיינע רייד זייגען אן גינומן אזו זאל ער אנדערע לייט אויך אונטער ווייזן אונ לערנען זיי מצות אונ מעשים טובים וואש נאר מיגליך איז אונ אויך אז איינר לערנט זיין חבר מצות אונ גוטע מעשים ממילא בלייבט ער אליין אויך גוט אונ פרום אונ לערנט נאך אויך אנדערע לייט דר צוא:

די גאנצקייט פון דעם גוף ער זאל גומל חסד זיין מיט זיין גוף דהיינו ער זאל איטליכן בדינן אונ זאל זיין חבר ליב האבן אזו וויא זיך זעלבסט · אונ זאל זיך שפל האלטן · אונ זאל זיין חבר פריער דר מאנן איי ער דר מאנט אן זיך אונ ווען ער גייט מיט זיין חבר זאל ער זיין חבר לאזן פריער גיין אונ זאל בושה פאר איטליכן האבין · אונ מיט איטליכן במעליך ריידן אונ ניט מיט גשריי · אריין צו גיין גהער דער בעל הבית צום ערשטין אריין גיין דען טאמר שטייט עפס אין שטוב איין אומריינע זאך וועט ער עש הייסן אויף ראמן איי דר גאסט וועט אריין קומן אבר ארויש גיין גיהער דר גאסט צום ערשטן ארויש גיין דר נאך דר בעל הבית: דער רמב"ן שרייבט אין זיין בריב וואש ער האט גישריבן צו זיינע קינדר וויא זיי זאלן זיך

האלטן תמיד מיט איטליכן צו ריידן דעם קאפ אראפ צו האלטן אונ די אויגן צו דר ערד אונ דאס הארץ זאל האבן איין מחשבה צום הימל · אונ ווען דוא טוסט ריידן מיט יענם זאלסטו אים אין פנים אריין ניט קוקן · אונ אין מחשבה זאלסטו טראכטן יענר איז מיין חשוב פון דיר · ווען יענר איז איין למדן אדער איין חכם גהערסטו אים חשוב צו האלטן · אונ ווען יענר איז איין עני אונ דו ביסט איין עושר גיהערסטו אין דיינם זין צו נעמען דו ביסט דאך בוודאי איין רשע אונ יענר איז איין צדיק יענר איז איין שוגג אונ דו ביסט איין מזיד אונ אין אלע דיינע רייד אדר מחשבות זאלסטו דיך בטראכטן דו שטייסט פר הש"י אונ הש"י איז די גאנצע וועלט פול אונ דיינע רייד זאלן זיין מיט יראה אזו ווי איין קנעכט פר זיין הערן אונ זאלסט פר איטליכן בושה האבן · אונ ווען איינר רופט דיך זאלסטו אים בנחת ענטפערן גלייך אז איין קנעכט פר זיין הערן · שלימות איז טייטש די גאנצקייט פון דעם געלט וויא מען זאל זיך נוהג זיין דם ערשטע משא ומתן זאל מען טאן באמונה · דיין יוא זאל יוא זיין אונ דיין ניין זאל ניין בלייבן כלומר דו זאלסט ניט משנה דבור זיין נאר וואש דו האסט גירעט זאלסטו האלטין · אונ זאלסט גומל חסד זיין מיט געלט אונ צדקה געבן וואש נאר מיגלך איז:

אות ה

הלל איז טייטש לויב דהיינו דו גהערסט הש"י אייביג צו לויבן וויא הש"י האט דיר געבין

סייא גוטין אדער שלעכטין ח"ו דען אונזערע חכמים האבן גשטעלט א ברכה אויף שלעכטין אויך דען דיר דאכט זיך אז דש איז שלעכטין אונ עש מאג דיר גראד צו גוטן זיין צו דר נשמה אדר צוא דעם גוף אונ אז הש"י האט דיר געגעבן גוטין האטשע עש טרעפט ווייניג אן זאל עש זיין אין דיינע אויגן גלייך וויא פיל אונ זאלשט זיך תמיד בטראכטן וואש בין איך אדר וואש איז מיין לעבן אז איך זאל מיין האבין אז אנדרע אונ מכל שכן ווען הש"י גיט איינם פיל גוטין איז ער שולדיג צו הש"י איין שבח צו געבין · אונ ח"ו אז הש"י שיקט צו איינם איין אום גליק זאל ער טראכטן הש"י טוט עש מיר בוודאי צו גוטן דרום גיהער מען הש"י אויף אלעם צוא לויבן:

ותרנות איז טייטש מילד צו זיין אונ ניט צו קארגין מיט אקליינע זאך ובפרט אויף איין דבר מצוה · דען מיר גפינן ביי יעקב אבינו אז ער האט מדקדק גוועזן אויף איין קליין קריגל וואש ער האט פר געסן אונ האט זיך אליין צו ריק אום גיקערט פון דאנן לערנן מיר אז די צדיקים זיינן מדקדק אפילו אויף איין קליינע זאך ווארום זיי טוען קיינעם קיין גזל אונ קיין אום רעכט ניט אונ בגערין ניט קיין פרעמדין גראשין · אונ מיר זעהען דאך אז יעקב אבינו איז איין גרויסער עושר גיוועזן אזו וויא אונזערע חכמים שרייבין אז יעקב אבינו האט גנומן זיין גאלד אונ זילבר אונ האט עש אוף איין הויפן גלייגט אונ האט עש געגבן זיין ברודר עשו פאר זיינם חלק פון דיא מערת המכפלה · פון יעקב געהער מען צו לערנען אז ביי וועלטליכי זאכן מאג דר מענטש קארג זיין אבר צו איין מצוה דהיינו רבי געלט צו געבן אדר ספרים צו קויפן געהער מען איין ותרן צו זיין אדר צדקה צו געבן אדר אנדרע מצות וואש גייט אן אין געלט זאל מען ניט קארג זיין דען דר זוהר גיט איין סמן איין מצוה וואש איז בחנם כלומר ער קארגט אז די מצוה זאל אים קיין געלט ניט קאסטן די זעלביגע מצוה איז אויך בחנם כלומר מען נעמט קיין שכר אויף איר ניט :

נאך האבן אונזערע חכמים איין שיעור גיגעבן וויפיל איז מען מחויב איבר געבין פר איין מצוה ווען וואש וואלט איין אנדערש מאל אזו פיל ניט ווערט גוועזן דהיינו ניט מיין אז איין פינפט חלק כלומר ווען די זאך איז איין אנדערש מאל ווערט גוועזן פיר גראשן אונ היינט וויל מען דר פר פינף גראשן אונ היינט איז גראד די צייט צו דר מצוה איז מען מחויב צוא געבין פינף גראשן אונ ניט מיין אונ אויב דו ווערסט פרעגן מיר גפינן דאך אויף אנדרע ערטר שרייבן אונזערע חכמים אז מען איז מחויב איין שליש איבר געבן אויף איין מצוה דאש איז גרעט גווארן ביי הידור מצוה כלומר ווען עש טרעפט זיך איין אתרוג צו קויפן פר צוויי גילדין אונ עש איז ווידר דא איין אתרוג צו קויפן וואש ער איז שענר אונ האט בעסערע מעלות וואש צו איין אתרוג געהער · אונ חאטשע דר אתרוג פון צווייא גילדן איז אויך כשר אונ דר אנדערר וואש איז שענר וויל מען דריי גילדן גיהער מען דאש שענערן אתרוג צו קויפן · אבר ווען איינר האט שוין גקויפט איין אתרוג אונ דר נאך האט זיך גטראפן איין שענער מיט מעלות צו קויפן בדארף ער ניט קויפן אבער ווען דר ערשטר אתרוג איז ניט גרויש חאטשעש איז דא איין שיעור בצמצום איז ער מחויב איין אנדרן צו קויפן ביז איין דריט חלק מוסיף צוא זיין · אונ וואש אונזערע חכמים שרייבן פון ווען רבי זירא ביז איין שליש פון זיין געלט אונ דאש איבריגע פון הש"י מאכט רש"י ביז אשליש קריגט ער שכר אויף דר וועלט אונ אויף דעם איבריגן כלומר אז ער איז מבזבז מיין פון אשליש קריגט מען שכר אויף יענר וועלט אונ דאס איז אלץ גרעט גווארן אויף איין מצוה מקיים צו זיין איז מען ניט מחויב מוסיף זיין מיין ווי אשליש אבר ח"ו אמצוה עובר צו זיין איז מען מחויב גאר זיין געלט צו צו לייגן אונ זיך דריגן שטארקין אונ קיין שום מצוה ניט עובר צו זיין :

דער ראשית חכמה שרייבט דר וואס האט ניט מיין זיין אייגינס נאר זיין פרנסה דר דארף ניט מוסיף זיין פון איין מצוה וועגן נאר ביז אשליש אויף דר מצוה אבר ווען הש"י האט גגעבן אז ער האט מיין וויא זיין פרנסה אונ זיין הוצאה טרעפט אן · דר זעלביגר איז מחויב צו איין הדור מצוה מיין מוסיף זיין וויא אשליש · דעסט גלייכן ווען איינר האט חשבונות מיט זיין חבר זאל ער אויך ניט מדקדק זיין אויף אקליינע זאך :

מיר האבן גלערינט ווער עש לערינט תורה אונ קאן קיין מלאכה ניט דר צו דר וועט נאך פון דר תורה אויך בטל ווערין דרום געהער מען צו זעהען צו לערנען זיך איין מלאכה אדר משא ומתן אז ער זאל דר פון קענן זיין פרנסה האבין אונ זאל לייטינס ניט בדרפין :

ווען

וָוען אֵיינֶר הָאט מִיט זַיין חַבֵר עֶפּיס אַיין סִכְסוּךְ זָאל עֶר זִיךְ נִיט אַיילְן צוּם מִשְׁפָּט גֵיין חָאטְשֶׁע עֶר ווייס גְוויס אַז עֶר וֶועט דֶעם מִשְׁפָּט הַאלְטְן דֶען עֶשׁ אִיז אַמִיאוּסֶע זַאךְ פַאר דֶעם מִשְׁפָּט צוּ שְׁטֵיין דֶען בֵּיידֶע וֶוערְין גְרוּפִין רְשָׁעִים עֶשׁ מֶעג זַיין וֶוער עֶשׁ ווִיל דְרוֹם אִיז אַיין שֶׁלֶעכְטֶע מִדָה וֶוער עֶס גֵייט מִיט וִוילֶעג גֶערְן צוּ מִשְׁפָּטִים חָאטְשֶׁע עֶר ווייסְ גְוויס אַז עֶר וֶועט דֶעם מִשְׁפָּט הַאלְטְן אוּנ עֶר גְהֶער לָאזְן זַיינֶע אִיבֶּער גֵיין אָבֶּער וֶוען עֶשׁ קֶען נִיט אַנְדֶערְשׁ זַיין אָן מִשְׁפָּט זָאלְן זֵיי דָאךְ נִיט אַיילִינְדִיג לוֹיפְן צוּם מִשְׁפָּט נָאר פַאמֶעלִיךְ צוּ טַעֲנֶן אוּנ פַאמֶעלִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּנ זָאל זִיךְ פְרִיעֶר דִי טַעֲנוֹת אִין דֶר הֵיים מְסַדֵר זַיין אֵיי עֶר גֵייט צוּם מִשְׁפָּט אַז עֶר זָאל נִיט פַאר גֶעסְן צווֹא טַעֲנֶן אוּנ זָאל פַר בֵּית דִין נִיט שְׁרַייעֶן מִיט רוֹגֶז דֶען דוּרְךְ זַיין שְׁרַייעֶן קֶען עֶר זִיךְ אַלֵיין טוֹעֶה זַיין · דֶען מִיר גִיפִינֶן בַּייא משֶׁה רַבֵּינוּ ווייל עֶר הָאט זִיךְ מַרְגִז גְוֶוען הָאט עֶר זִיךְ אִין דִין טוֹעֶה גְוֶוען · נוּא וֶוען דָשׁ הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין משֶׁה רַבֵּינוּ מִכָּל שֶׁכֵּן אוּנְזֶר גְלַייכִין דְרוֹם זָאל מֶען פְרִיעֶר זֶעהְן וִויא מֶען זָאל טַעֲנֶן · אוּנ חָאטְשֶׁע זַיין חַבֵר טַעֲנִית נִיט אֱמֶת אָדֶער זַיין חַבֵר רֶעט אִים שֶׁלֹא בְּכָבוֹד פוּן רֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר נִיט בְּרוֹגֶז זַיין אוּנ זָאל זַיין טַעֲנָה אִין מוֹחַ פְרִיעֶר גוּט קְלֶערִין דֶען עֶשׁ זַיינֶען פִיל רַמָאִים פַר הַאנְדִין וָואשׁ רֵיידִין מִיט יֶיעֶנֶם אַזֶעלְכֶע רֵייד וָואשׁ אִיז אִים דֶר ווִידֶר בִּכְדֵי עֶר זָאל בְּרוֹגֶז וֶוערְן וֶועט עֶר זַיינֶע טַעֲנוֹת פַאר גֶעסְן אוּנ פְּשִׁיטָא אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערְן זָאל קֵיין שֶׁענְדְלִיכֶע רֵייד נִיט זָאגְן פַאר דֶעם בֵּית דִין דֶען עֶשׁ קוּמְט פִיל בֵּייז דֶר פוּן אֵיינְשׁ מֶען מוּז ווִיסְן אַז דִי שְׁכִינָה רוּעֶט בַּייא דִי רִיכְטֶער אוּנ וִויא אַזוֹ הָאט עֶר קֵיין בּוּשָׁה פַאר דֶר שְׁכִינָה נִיט · דָאשׁ אַנְדֶערֶע עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַר זַיין רַבִּי · אוּנ ווִידֶר אַז זֵיי זַיינֶען שׁוֹין גְקוּמֶן פַאר דֶעם מִשְׁפָּט אִיז דָאךְ אוֹיךְ דֶער נָאךְ שָׁלוֹם אוֹיבּ זֵייא הַאלְטְן דֶעם פְּסַק וָואשׁ מֶען הָאט זֵיי גְפַּסְקִנְת נוּא נָאךְ וָואס זָאל מֶען זִלְזוּלִים רֵיידְן · אוּנ מֶען גְהֶער אָן שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי לַייט וָואס הָאבְּן נִיט קֵיין אַפְּ שַׁאיי פַר דֶעם מִשְׁפָּט :

עֶשׁ אִיז אַיין גְרוֹיס קִידוּשׁ הַשֵׁם אַז מֶען זָאל קֵיין גוֹי נִיט נַארְן אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן נִיט צוּ גַנְבְנֶן בַּיי אַיין גוֹי · אִיז דֶר גוֹי פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶפֶּעס טוֹעֶה זָאל מֶען אִים אוּם קֶערְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גְוֶוען · אוּנ דָאס אִיז אַיין גְרוֹיסֶער קִידוּשׁ הַשֵׁם דֶער גוֹי זָאגְט דִיא יוּדְן מוּזִין אֵיינֶעם גוּטְן גְלוֹיבְּן הָאבְּן אוֹיךְ אִיז אַיין גְרוֹיסֶער חִילוּל הַשֵׁם וֶוען אֵיינֶער הַאנְדֶעלְט מִיט אַיין גוֹי אוּנ שְׁוֶוערְט פִיל מָאל הַארְבֶּע שְׁבוּעוֹת אַז עֶר קֶען דִי סְחוֹרָה פַאר דֶעם גֶעלְט נִיט פַאר קוֹיפְן אוּנ דֶר נָאךְ פַאר קוֹיפְט עֶר דִי סְחוֹרָה יוֹא פַר דֶעם גֶעלְט וָואס דֶער גוֹי הָאט אִים אוֹיס גְבָאטִין אוּנ אַמָאל פַאר נָאךְ וֶועלְוֶועלֶער וִויא עֶר הָאט גְשְׁוָוארִין נוּא וָואו אִיז פַר הַאנְדְן אַיין גְרֶעסֶערֶר חִילוּל הַשֵׁם פַאר דֶעם דֶען דֶער גוֹי זָאגְט דִי יְהוּדִים הָאבְּן קֵיין רֶעכְטְן גְלוֹיבְּן דֶען זֵיי זַיינֶען נִיט מְדַקְדֵק אִין פַאלְשֶׁע שְׁבוּעוֹת אוֹיךְ אִיז דָאךְ יְדוּעַ אַז וֶוער עֶס גִיוַויינְט זִיךְ אֵיין מָאל אוּם רֶעכְט צוּ טָאן דֶער טוּט דֶר נָאךְ שְׁטֶענְדִיג אוּם רֶעכְט דֶען עֶס וֶוערְט בַּייא אִים אַיין גִיוַויינְהַייט :

עֶשׁ אִיז דֶר כְּלָל פוּן וַתְּרָנוּת אָרֶעמֶע לַייט צוּ לַייעֶן אוֹיף מַשְׁכָּנוֹת אָן רְוָוחִים אוּנ וֶוער עֶס נֶעמְט מֶער רְוָוחִים ווִיא אוּנְזֶרֶע חֲכָמִים הָאבְּן גְשְׁטֶעלְט דֶר הָאט אַיין גְרוֹיסְן עוֹנֶשׁ · אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶר סֵפֶר אָרְחוֹת צַדִיקִים מֶען גְהֶער אַיין וַתְּרָן זַיין צוּ קוֹיפְן סְפָרִים אוּנ אַוֶועק לַייעֶן זֵיי אַנְדֶערֶע לַייט זֵיי זָאלְן אִין זֵיי לֶערְנֶען אוּנ זָאל נִיט טְרַאכְטְן זֵיי וֶועלְן צוּ רִיסְן וֶוערְן ווייל יֶענֶער וֶועט פוּן זֵיי לֶערְנֶען · אוֹיךְ כֵּלִים יֶיעֶנֶם צוּ לַייעֶן וֶוער עֶס דַארְף · אוּנ וֶוען מֶען מֶעסְט אֵייל אָדֶר וויין זָאל מֶען נִיט קְנַאפּ מֶעסְטְן אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ נִיט בְּנִידֶערִיג הַאלְטְן וֶוען אֵיינֶר בֶּעט אִים אַיין טוֹבָה צוּ גֵיין פוּן זַיינֶט וֶועגְן · אוּנ וֶוען יֶענֶם טְרֶעפְט עֶפֶּעס אַיין אוּם גְלִיק חָלִילָה גְהֶער מֶען זִיךְ צוּ מִיהֶן וָואס מִיגְלִיךְ אִיז צוּ טָאן פוּן יֶיעֶנְמְס וֶועגְן אוּנ וֶוען אֵיינֶר הָאט עֶפֶּס אַיין שִׂמְחָה גִיהֶר מֶען זִיךְ מִיט אִים אוֹיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין אוּנ וֶוען

אֵיינֶער

איינר איז קראנק ח"ו גיהער מען מבקר חולה זיין אונ ווען איין ארימאן איז קראנק ח"ו מוז מען אים העלפן מיט געלט אונ לאבונג אז ער זאל צו זיך קומן · אונ די אנדרע זאכן וואס צוא ביקור חולים גיהער וועט איר שוין גיפינען אין הלכות ביקור חולים אונ גומל חסד צו זיין מיט זיין תורה אונ חכמה מיט אנדערע לייט צו לערנען מען זאל יענעם ברייגן צו עוה"ב :

אות זיין

זריזות איז טייטש גשווינדיקייט פר דר מעשה אונ נאך דר מעשה מיט שמחה צוא טאן איין מצוה ניט מיט קיין טרויערקייט דען עס זיינן פיל הינדערנעש אונ שוועריקייטן פר האנדן וואס מאכן דעם מענשן שווער זיינע גלידר ער זאל קיין מצוה ניט טאן דרום האט יהודה בן תימא גזאגט מען גהער זיך צו שטארקן וויא איין לייב אוועק צו שטויסן דעם יצה"ר בכדי ער זאל טאן די מצות מיט זריזות :

אות חית

חבר טוב צו בהעפטן זיך צו איין גוטן חבר בכדי איינר דעם אנדרן זאל שטראפן מיט גאטש ווערטר אונ איינר דעם אנדרן זאל ווארינן אונ היטן פר עבירות · אונ אויף דעם ווערט גזאגט דער פסוק אז נדברו יראי ה' דאש איז טייטש דענשט מאל וועלין רייזדן די חברים די גאטש פארכטר אונ גאט וועט זיי דר הערן וואש זיי וועלן רייזדן אונ וועט עס אויף שרייבן · אונ צום לערנען גיהער מען פשיטא אגוטן חבר צו זוכן דען אונזרע חכמים זאגן איין שווערד זאל קומן אויף די דאזיגע לייט וואס זיצן אליין אונ לערנן אונ זיי קענן חברים האבן זיי זאלן לערנן מיט אנגדרי · אויך שרייבט דר ראשית חכמה פון דעם ספר הישר וועגן דר מענטש גהער זיך צו בהעפטן אזעלכע לייט וואש זיינן חכמים צדיקים חסידים ווארום ווען ער דר זעהט זיי דר וועקט ער זיך צו תשובה · דעסט גלייבן צו קראנקע אונ צו תפוסים צו גיין אונ אויך צו ארימע לייט אונ צו לייט וואס זיינן שרוי בצער ווארום וויא באלד מען דר זעהט זיי דר מאנט מען זיך אן גאט אז הש"י האט מאכט אויף אים אויך אן צוא שיקין ח"ו אזו וויא ער האט אויף זייא אן גשיקט אונ דורך אזעלכע זאכן קען מען קומן צו דר יראה אבר מיט דר חברותה זאל מען גאר ניט האבן צו טאן אונ דאס מיינט מען בעלי תענוגים עשירים רשעים נארין ווייבר דען אזעלכע חברותה פר דארבן דעם מענטשן פון דר אמונה אונ מאכן אים פר געסן פון גאטש דינסט · דעסט גלייכן קיין שום עסק ניט צו האבן מיט מענטשין אן דרך ארץ אן יראה אבר צו איין למדן גהער מען זיך צו בהעפטן מיט אים צו לערנן זיך זיינע גוטע מעשים אונ ווען לייט בהעפטין זיך צו דער תורה איז וואויל צו זייא אויף דער וועלט אונ וואול צו זייא אויף יענער וועלט :

מען גיהער גאנץ שלום צו האבן מיט זיין חבר · אונ דענסט מאל איז זיי איין לאך פון אנאדיל ניט צו איינג צו וואונן ביי אננדר · אבר ווען ח"ו עס איז מחלוקת צווישן זיי איז די גאנצע וועלט צו איינג אונ צו קליין פר זיי צו וואוינן · אויך גהער מען זיך צו בהעפטן צו חברה קדושה דהיינו צו חברה ביקור חולים חברה קברנים חברה תהלים אונ אויך צו אנדרע גוטע חברותה גהער מען זיך צו בהעפטן אזו וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אין תהלים חבר אני לכל אשר יראוך איז טייטש איך בין איין חבר צו אלע די לייט וואס פארכטין זיך פר דיר אויך איז גוט צו בהעפטין צום שכל וואס די נשמה האט אנוץ דר פון דען דער מענטש האט דרייא חברים דהיינו שכל אונ

פריינד

פריינד שאפט אונ לוסט דרום זאל מען זיך בהעפטן צו האלטין וואס די נשמה צו הילף איז :

אות טית

טהרה איז טייטש ריין דען די אום ריינקייט מוז האבין טהרה כלומר אז דר מענטש ווערט פר אום ריינגט מיט עבירות זאל ער זיך ריינגן מיט תשובה אדר דערסט גלייכן ווען דר מענטש איז אום ריין גווארן פון דאס אומריינקייט אזו גייט פון אים דר רוח ניט אוועק נייערט דורך וואסר ווי דר אורח חיים שרייבט חאטשע איינר איז וואכיגדיג אגאנצע נאכט אונ שלאפט ניט פון דעסט וועגן בדארף ער צו וואשן די הענט אונ דעם פנים · אונ מכל שכן ווען איינר שטייט אויף פר טאג אונ וואשט זיך אז עס ווערט טאג מוז ער זיך נאך אמאל וואשן אונ זאל ברכה זאגן דען עס איז איין ספק אויב דר רוח קומט פון שלאף אדר דר רוח קומט פון דר נאכט אונ פון דעם ספק וועגן מוז מען זיך וואשן אז מען שלאפט ביי טאג ווארום טאמר קומט דר רוח פון שלאף :

אויך איז פר האנדן טומאת קרי אדר צרעת אדר טומאת מת ווען מען גייט נאך איין מת אים מלוה זיין מוז מען זיך די הענט וואשן אונ צום בעסטן ווער עס טובלת זיך איז וואול צו אים אונ וואול צו זיין נשמה ווארום זיא בלייבט זייער ריין חאטשע טבילה אליין העלפט ניט אויף טומאת מת וויא אויף טומאת קרי פון דעסט וועגן גיהער מען זיך פארט צו טובלן צו ריינגן זיך · אבער איך זאג אייך ווער עש וויל קומען צו דיא ריינקייט אונ וויל זיך ריין האלטין העלפט אים השי"ת דר צו אויך · אבר תורה לערנן אונ תפלה טאן איז מען מחויב צו טאן חאטשע ער האט אין זיך אום ריינקייט פון קרי · אונ איך זאג עדות אויף אגוטן פרומען מאן ער פלעגט אפט טבילה האבן צו זיינע גזעצטע צייטן וואס ער האט אפ גזעצט אונ ווען זיין וויב איז גנאנגן טבילה איז ער אויך גנאנגן טבילה · דען טאמר די צייט וואס ער האט ניט גיטארט קומן צו זיין וויב אונ מיט איין מחשבה איז ער טמא גיווארן מיט קרי דרום איז ער דענסט מאל אויך גיגאנגען טבילה האבן :

אויך זיינן אין דעם מענטשן אום ריינקייט פר האנדן דהיינו ווען דאס העמד אדר די אנדרע קליידר זיינן אום ריין אדר ער ווישט ניט רעכט אפ דעם גוף חאטשע עס איז דאך צו גדעקט פון דעסט וועגן טאר מען ניט מתפלל זיין אויך קיין קריאת שמע ניט לייענן דרום ווער עס איז גוט אונ פרום אונ וויל האבן זיין תפלה זאל ניט פר שטויסן ווערן אונ מכל שכן תפילין מוזן פשיטא איין ריינם גוף האבן זאל ער אין דרינען זייער גווארנט זיין דעסט גלייכן אויף די שיך אכטונג צו געבן אז עס זאל אויף זיי קיין אום ריינקייט ניט זיין צו גיקלעפט דרום זאל איטליכער אין דרינען גיווארנט זיין זיך ריין האלטן אונ אויב ניט ווערט זיין תפלה ניט אן גנומן · אונ ווען איינר שטייט אויף איין אום ריין ארט אונ הערט דונערן אדר בליצן אזו זאל ער די ברכה ניט ארויס ריידן מיט דעם מויל נאר אין זיין מחשבה די ברכה צו האבן אונ אויך ווער עס האט אכלי וואש ער טוט זיין צורך אין איר זאל ער זעהן צו האלטן איין גלעזרנע כלי אדר איין אייזרנע כלי זיא זאל אין זיך ניט אריין נעמן קיין אום ריינקייט אונ אויב ער האט אנדר כלי דהיינו פון שטיין אדר האלץ גשטעלט פון זיין צורך וועגן טאר מען קיין דבר שבקדושה ניט ארויס ריידן אז די כלי איז אין שטוב נייערט ער זאל פריער אריין גיסן וואסר אין דר כלי אזו מעג מען שוין יוא לערנן אדר תפלה טאן אין דעם חדר וואו די כלי איז · אבר מען זאל זעהן אלע מאל ריין אויש צו וואשן די כלי :

אונזרע חכמים שרייבן מען זאל גיווארינט זיין אז מען טוט תפלה אדר אז מען לערינט אדר ווען מען עסט ניט אן צו רירין אין איין אום ריין ארט אונ ניט דש אליין טאר מען זיך ניט אן רירין אין איין אום ריין ארט אלין נייערט אויב עס איז אפילו תמיד צוגדעקט טאר מען זיך פון אויבן אויך ניט אן רירן ווען מען לערינט אונ מען טוט תפלה דהיינו אין די דיכן אדר אין קאפ דען דארטן איז דר מענטש אייטיל שוויים · אבר די דאזיגע ערטר וואס זיינן תמיד אפין אונ אויף גדעקט דהיינו די ארעם דאס פנים מאג מען יוא אן רירין אונ וייל איך האב גזעהן פון פיל לייט בשעת זיי לערנן אדר זיי זיינן מתפלל קראצן זיי זיך אויף אלע ערטר דרום מוז מען זיי לערנן אונ צו ווישן טאן אז זיי זאלן עש קיין מאל ניט טאן אונ ווען עס האט זיך גטראפן אז זיי האבן זיך אן גרירט אן בלויזן לייב בשעת לערנן אדר דאוונן מוז מען די הענט וואשן · אונ ווען עש איז קיין וואשר ניטא זאל מען אפ רייבן די הענט אן טיש אדר אן וואנט איז מען אויך יוצא אבר איך האב גזעהן פיל גוטע פרומע לייט זיי שטעלן זיך איין כלי מיט וואשר בשעת זיי לערנן דען די הענט רוען נישט ביי דעם מענטשן אונ רירין אלע מאל אן דעם בלויזן לייב אונ וויא באלד זיי רירן זיך אן אדר זיי קראצן זיך אזו וואשן זיי באלד די הענט · דעסט גלייכן אין מיטן עסן אז מען רירט זיך אן מוז מען אויך וואשן די הענט אדר אפ רייבן זיי אן טיש אדר אין דר וואנד ווען ער הט קיין וואשר ניט צו די הענט:

אות יוד

יצר טוב ער הייסט דרום יצר טוב ווייל ער רעט אן דעם מענטשן צו אלעם גוטן וואס השי"י וויל האבן דען השי"י הייסט טוב אונ די נשמה פון דעם מענטשן הייסט אויך טוב ווייל זיא איז אטייל פון דר שכינה אונ דר יצר טוב איז איין אפוטרופוס איבר דר נשמה דרום ווערט ער אן גרופן יצר טוב · אונ אונזרע חכמים שרייבן אלדינג וואס השי"י האט בשאפן האט ער עש פון זיינט וועגין בשאפן ווי דר פסוק שרייבט אויך אונ מען קען דאך פרעגן אקשיא ווארום האט השי"י בשאפן דעם יצה"ר אזו איין קנעכט ווש ער איז מורד אין זיין הערן מוז מען פר די גמיינע לייט אזו זאגין אונ געבן צו פר שטיין אז די כוונה פון דעם יצה"ר איז אויך צו גוטן אז וויא דר יצר טוב דהיינו דר יצה"ר רעט אן דעם מענטשן אז ער זאל איין עבירה טאן אונ דר מענטש פאלגט אים ניט אזו קריגט דר מענטש איין גרויסן שכר דר פר · אונ דאס מיינט אויך דר פסוק והנה טוב מאד לערנן אונזרע חכמים טוב דש מיינט מען דעם יצר טוב אונ מאוד דש מיינט מען דעם יצה"ר דען עס קומט דעם מענטשן זייער אגרויסע טובה פון דעם יצה"ר דהיינו אז ער פאלגט אים ניט איז נאך גרעסר דר שכר אונ דר נאך ווערט פון דעם יצה"ר אמליץ יושר דהיינו דר יצה"ר קומט פר השי"י אונ זאגט דר מענש האט זיך פון מיר ניט גלאזט איבר ריידן אונ דש איז אויך די כוונה פון דעם וואס מיר זאגן אין ווידוי על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע איז טייטש אויף די זינד וואס מיר האבן פר דיר גיזינדיגט מיט יצה"ר כלומר אז מיר פאלגין ניט דעם יצה"ר אזו ווערט אויש אים איין מליץ יושר אונ ער קומט אין איין הויכע מעלה · אבער ח"ו אז מען פאלגט אים יוא אזו בלייבט דר יצר הרע בייא זיין ערשטע מדריגה אונ איז איין מקטרג:

אות כ

כף זכות איז טייטש מען זאל איטליכן דן זיין לכף זכות אונ אלע ספרי מוסר שרייבן פיל

פיל דער פון אז מען זאל איטליכן דן זיין לכף זכות דער מדרש שמואל שרייבט דאס איז גירעט גיווארן ביי איין מיטיל מעסיגן מענטשן וואס ער איז ניט קיין צדיק אונ אויך ניט קיין רשע אז מען זעהט דעם מענטשן עפעס טאן אונ מען קען אוים לייגן צו גוטין אונ אויך צו בייזין אזו איז מען מחוייב אוים צו לייגן צו גוטן :

אות ל

לב טהור איז טייטש איין ריין הארץ האט השי"ת מיר בשאפן אונ איין רעכט פארטיג גמיט איז אן גבריית אין מיר · איר ליבע לייט איר זאלט וויסן דאס הארץ איז דר גרונד פון דעם מענטשן אונ ער זיצט אין דר מיטין פון דעם גוף ביי דעם מענטשן · אזו וויא דר קדשי קדשים איז גשטאנען אין מיטן וועלט דען דר מענטש איז אעולם קטן איז טייטש אקליינע וועלט דרום גהער דר מענטש קיין שלעכטע מחשבות ניט טראגין אין דעם הארצן דען עס קומט אלדינג פון דעם הארץ אונ דר מענטש וואס פאר אוים ריינגט די הארץ מיט שלעכטע מחשבות אזו ווערט דאס הארץ פר שטאפט אונ פר מיאסת עס איז גלייך אז ער זאלט שטעלן איין דמות אין דעם היכל מען מוז האלטן אין זיינם הארצן וואס אין מיטן דעם גוף איז די וואונונג די שכינה גלייך וויא דאס קדשי קדשים איז גוועז אין מיטן די וועלט וואס די שכינה האט דרינן גרואט אונ אונזרע חכמים זאגן די צונג איז די שרייב פעדר פון הארץ אונ דר פסוק שרייבט דובר שקרים לא יכון לנגד עיני איז טייטש דר וואס טוט פאלש ריידן דר טאר פר מיר ניט קומען אזו זאגט גאט · דעסט גלייכן ביי דעם הארץ שטייט אויך ודובר אמת בלבבו דש איז טייטש אונ דו זאלשט ריידן אמת אין דיין הארצן אונ ווער עס טיילט אפ דאס מויל פון דעם הארץ כלומר ער רעט מיט זיין מויל אונ דש הארץ איז ניט דר ביי מיט אקליינע זאך איז אגרוישע זינד ביי השי"ת וויא די בעלי הקבלה ווייסין אונ שרייבין שוין דר פון :

מיר האבן גפונן גשריבן פון וועגין דעם פרומען אונ דעם געטליכן מאן רבי יעקב קורדווער שרייבט ער אזו עס האט מיך גילערינט איין אלטר מאן ווער עס וויל מבטל זיין בייזע מחשבות פון זיין הארצן זאל ער אפט דעם פסוק זאגן אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה אונ ביי מיר איז דאס איין גיוויסע זאך אז דר אלטר מאן איז גוועזן אליהו הנביא נאר דר פרומר מאן רבי יעקב וויל אונז ניט לאזן וויסן אז אליהו האט מיט אים גרעט בכדי מען זאל עס ניט אוים לייגן פר אגאוה דען ער איז זייער אפרומר מאן גוועזן דרום האט ער סתם אן גישריבן איין אלטער מאן · אונ אויך זאל מען זאגין דעם פסוק סעפים שנאתי ותורתך אהבתי דרום איז גוט תמיד זיינע ערשטע מעשים זיך צו דר מאנן אונ איין צו בראכן הארץ צו טראגן אויף זיינע שלעכטע מעשים וואס ער האט גיטאן ביז אהער אונ זאל זיפצין אונ קרעכצין אונ חרטה האבן אויף זיי אונ זאל זיין הארץ ריינגן דענסט מאל וועט השי"ת אים ניט פר שעמן · דר נאר טראכט אין זיין הארץ נארישקייט אונ פאלשקייט אונ אום רעכט · אבער דר חכם דר פילט זיין הארץ מיט תורה אונ חכמה אונ יראה אונ מצות אונ גוטע מדות אונ ער פירט זיך רעכט:

אות מ

מתון איז טייטש באמעלך אזו וויא אונזערע חכמים שרייבן איין זאך וואס מען טוט באמעלך אונ מען בקלערט איז ווערט פיר הונדרט גילדן · דרום זאל איטליכער זיך ניט אײלן אין זיינע זאכן · ער גהער זיך צו בדיינקן איי ער וויל עפים טאן אונ זאל

תמיד

תמיד טראכטן וואס דר נאך קען קומן דר פון דען פון איילן קומט קיין גוטץ ניט אונ נאך זאגט דר פסוק אין תהלים כי אקח מועד אני מישרים אשפוט איז טייטש ווען איך וועל מיר צייט נעמן אזו וועל איך רעכט משפט טאן אונ ניט משפט אליין נייערט אלע זאכן וועלטליכע זאכן זיי געלט זאכן מוז מען זיך אצייט געמן אונ מיישב זיין אונ דר חכם האט אסימן גגעבן בשובה ונחת תושעון איז טייטש מיט במעליכקייט אונ מיט רוא וועט איר ווערן גהאלפן אונ ניט דאס אליין אז מען וויל עפיס טאן נייערט אפילו ווען מען וויל עפיס ריידן הין צו גוטן הין צו בייזן זאל מען זיך פריער גוט בדיינקן וויא אזו מען זאל דאש ווארט ארויס ריידן וואס פון דעם ווארט וועט ארויס קומן דר נאך זאל ער ארויס ריידן :

דר חכם זאגט דאס במעליכקייט איז איין שטארקר טורם אונ דאס איילנדיקייט איז איין טיר פון חרטה דאס מיינט מען ער וועט דר נאך חרטה האבין וייל ער האט זיך גאיילט צו טאן · נאך איינש זאגט דר חכם דו קענסט טאן דאך וואס דו האסט נאך ניט גטאן אונ עש איז בעסר דו זאלסט עש דר נאך טאן איי דו זאלסט חרטה האבן אויף דעם וואס דוא האסט גטאן · נאך איינס זאגט דער חכם זיי במעליך וועסטו בשירמעט זיין אונ איל ניט ווארום עש וועט דיר שפל זיין · דרום זאל זיך דר מענטש בהעפטן אין דר מדה פון באמעליכקייט אזו וועט עס בלייבן ביי אים איין טבע אז ער וועט שוין ניט טאן ניט בטראכט אונ ניט בקלערט · אונ חאטשע ער הערט אזעלכעס וואס גיפעלט אים ניט זאל ער ניט איילין יענם צו ענטפרין סיידן ער מוז זיך שטארק בטראכטין אונ בקלערן מיט זיין שכל וויא ער זאל טאן אונ זאל צו אליכן השי״ אונ די תורה זיך אין זינן ארין נעמן אונ גוטע אונ שיינע מדות זאל ער אין זיך האבן וועט ער בגליקן אונ וועט זיכר זיין אין אלע זיינע וועגין · אונ ניט דאס אליין אז מען גיהער זיך מיישב זיין בייא וועלטליכע זאכן נאר אפילו ביי איין דבר מצוה זאל ער אויך באמעלך זיין אונ דש וואס אונזרע חכמים האבן גזאגט אז מען זאל גשווינד אונ גשיקט זיין ביי אמצוה · דאס מיינט מען אז מען טוט שוין די מצוה זאל מען זיא גשווינד אונ גיך טאן דהיינו אין שול אדר אין בית הכנסת צו גיין אבר ווען איינר נעמט זיך אין זינן ער וויל געלט טיילן ארימע לייט אונ עס בגעגינט אים איין ארומאן זאל ער זיך בטראכטן אויב דר ארומן איז ראוי מען זאל אים צדקה געבין · דען ווען מען גיט צדקה צו אזו איין ארומן וואס ער איז ניט ווערט מען זאל אים געבן צדקה אזו האט מען נאך איין עונש אויף דר צדקה אונ אויך אויב דר ארומן איז גוט אונ פרום מוז מען דאך קלערן אויב עס איז קיין נייטיגר פר אים ניט פר האנדין · איצונד קאן מען זעהן מען בדארף זיך אזו בטראכטן איי מען גיט צדקה וואס איז אגרויסע מצוה מכל שכן מען מוז זיך וואול באטראכטין צו טאן אזו אזאך וואס קען איין עבירה ארויס קומן דר פון דהיינו מחלוקת זאל מען זיך שטארק דר וייטרן דר פון אונ דער מענטש וואס וועט דש אלץ מקיים זיין אזו וועט ער רוען אן זארג אונ אן וייטאג אונ וועט זיין שכל ניט פר לירן אונ וועט האבן לייט זעליקייט אין גאטש אויגן אונ אין לייטינס אויגן :

אות נ

נאמן רוח איז טייטש איין ווארהאפטיגע גמיט דאס איז אגרויסע מעלה אונ איז גיליבט פר השי״ וויא דר פסוק זאגט השי״ זאגט מיינע אויגן זיינן צו דיא ווארהאפטיגע אונ די גליבטע פון דעם לאנד אונ מיט דר מעלה ברימט זיך השי״ זעלבסט אויך וויא דר פסוק שרייבט אל אמונה ואין עול איז טייטש גאט איז ווארהאפטג אונ טוט קיין אום רעכט ניט אונ דר בעסטר פון אלע בשעפנש איז גוועזן משה רבינו ע״ה ער האט זיך גיטאן בהעפטין אין דר גוטער מדה אזו וויא דר פסוק זאגט עדות אויף אים בכל ביתי נאמן הוא איז טייטש

אין

אין מיין גאנצן הויז איז ער אנאמן אזו האט גאט גזאגט אויף משה און וואס זאל זיין דיא אמונה וואס דר מענטש זאל זיך האלטן ׳ צום ערשטן געהער מען זיך אין גאט פאר זיכערן און זאל זיך פר קיינם ניט פארכטן און זאל באוויליגט זיין צו גאטס געבאט ׳ און זאל זיין לייב און זיין געלט איבר ענטפרן פון גאטס וועגן און זיין משא ומתן זאל זיין באמונה און זיינע רייד זאל זיין באמונה זיין יוא זאל בלייבן יוא און זיין ניין זאל בלייבן ניין ׳ ער זאל ניט משנה דבור זיין אפילו מיט אקליינע זאך און זאל ניט נאך זאגן רייך צו ווערן נייערט ער זאל זיך פר זיכערן אין השי״ וועז איינר פר טרויט זיך פר אים איין סוד זאל ער אים ניט אויס זאגן דאס זאגט אויך דר חכם אזו האסט נאך דעם סוד ביי דיר און האסט אים נאך ניט אויס גזאגט איז ער ביי דיר גבונדן וויא איין תפוס אבר ווען דו האסט שוין דעם סוד אויס גזאגט אזו ביסטו להיפוך פון דעם סוד גיבונדן דען איין מאל איז דאס איין סוד פון חיות זאכין אזו מוזטו תמיד אין מורא ארום גיין אויב דו האסט פר איינם מגלה גוועזן דעם סוד ווארום טאמער וועט אים יענער ווייטער מגלה זיין :

אויך זאגט דר חכם דו זאלסט קיין סוד ניט מגלה זיין אפילו פר דיין בעסטן פריינד גלייך וויא פר דיין גרעסטן פיינד דען טאמער וועסטו זיך איין מאל קריגן מיט דיין פריינד וועט ער דיין סוד אויס זאגן און אמאל מאגסטו יוא דיין סוד פר דיין גוטן פריינד מגלה זיין ווען דוא האסט אים גפרובט און ער האט נאמנות און דו זעהסט אז ער איז גאנץ מיט דיר פר דעם זעלבין מאגסטו יוא דיין סוד מגלה זיין אבר אין היינטיגע דורות איז ניט פיל אזעלכע לייט פר האנדן וואס מען קען פר זיי מגלה זיין איין סוד ׳ אויך געהערסטו ניט צו בגערין פרעמדע סודות צו ווישן ׳ נאך שרייבט דר ספר מבחר הפנינים איין מאל האט איינר פאר זיין ליב האבר פר טרויט אסוד האט מען אים דר נאך גפרעגט האסטו פר שטאנן וואס מען האט דיר דא מגלה גיוועזן האט ער גענטפרט יוא איך האב פר שטאנן אבר איך האב עס פר געסין דרום געהער מען זיך אזו וויא טויב צו מאכן ווען מען איז אים עפעס מגלה און מען זאל זיך מאכן גלייך וויא מען פר שטייט ניט אזו בלייבט דר סוד ביי אים בהאלטן און ער ווערט גירופן נאמן רוח קענגן איטליכן :

ווען איינר ווערט גזעצט פר איין פרנס אדער פאר איין נאמן ער זאל געלט גובה זיין פון די לייט חאטשע ער וייס אין זיך זעלבסט אז ער טוט אלץ מיט נאמנות זאל ער דאך יוצא זיין פר לייטן און זאל אויף אלימן חשבון אפ געבן און חאטשע די לייט באגערין דעם חשבון פון אים ניט זאל ער דאך פארט חשבון אפ געבין לאמיר זעהן אויב עס איז פאר האנדן אויף דר וועלט איין גרעסרר נאמן פון משה רבינו ע״ה די תורה זאגט דאך עדות אויף אים וואס פאר איין נאמן ער איז גוועזן און פון דעסט וועגן שטייט אין מדרש אז ער איז פארטג גווארן מיט דר ארבט פון דעם משכן האט ער גזאגט צו די ישראל קומט איך וועל אייך חשבון אפ געבין היינט קענט איר שוין פר שטיין ווען משה רבינו האט דאש גיטאן וויא זאל אונזר גלייכין שוין טאן :

אויך זאל מען זיך היטן קיין פקדון ניט צו נעמן פון קיינם און ווען עס קאן ניט אנדרש זיין דהיינו דר זעלביגר וואס וויל אים דעם פקדון געבן בהאלטן מוז אוועק גיין אין ווייטין וועג און האט קיין אנדרן ניט צו געבן נייארט דעם זעלבינן אזו זאל ער עס אום גציילט ניט נעמן און זאל עס גוט פר חתמנן דענסט מאל בלייבט ער איין רעכטר נאמן און מען וועט אים ניט חושד זיין און זאל ניט טאן וויא די לייט וואס זאגין השי״ וייס וואול דעם אמת וואס פרעג איך אויף די לייט ׳ דאס זאל מען ניט טאן נייערט מען מוז פר די לייט יוצא זיין גלייך וויא כביכול פר השי״ ב״ה מען מוז זיך היטן אז לייט זאלן אים ניט באריידין :

ספוק

ספוק איז טייטש בנוגן דאס ער לאזט זיך בנוגן מיט דעם וואס הש"י האט אים גגעבן דאס איז איין גרויסע מדה צו דעם מענשן וויא מיר האבן גלערינט אין פרקים ווער איז איין עושר דער וואס לאזט זיך בנוגן אונ פרייט זיך מיט זיין חלק וואס גאט האט אים גגעבן אבער דר דאזיגער וואס לאזט זיך ניט בנוגן מיט דעם וואס גאט האט אים גיגעבן דעם דאזיגן איז תמיד אלץ ווייניג אזו ווי מיר גיפינן אין מדרש קהלת דר מענטש שטארבט אונ האט ניט קיין האלב פון דר גילוסטונג וואס זיין הארץ גלוסט האט ער הונדערט גילדן וויל ער האבן צוויי הונדערט גילדן האט ער טויזינד גילדן וויל ער צוויי טויזנט נוא זעהען מיר דאך פון דאנען אז איינער האט עשירות האט ער זארג · אונ ווי גרעסר דאס עשירות איז גרעסר די זארג · אבר דר וואס לאזט זיך בנוגן אונ גלוסט ניט מיין פון דעם וואס הש"י האט אים גגעבן דר איז תמיד איין עושר אונ זארגט ניט · אונ אלע די ענינים פון עולם הבא קומט פון דר מדה ווען מען לאזט זיך בנוגן · אונ נאך פיל גוטע מעלות וואס מען קאן זיי ניט אויס שרייבן · איינם ווער עש לאזט זיך באנוגן דר האט קיין עין הרע אויף יענם ניט איז ער ניט עובר אויף לא תחמוד · דאס אנדרע ער נארט יענם ניט · דאס דריטע ער גזלת יענם ניט · דאש פערטע ער שווערט יענם ניט · אונ טוט ניט דאס ווילן פון דעם יצה"ר דען דר יצה"ר וויל תמיד זייער פיל האבן וויא מיר גיפינען באיי יעקב אבינו ער האט זיך פון הש"י באנוגן גילאזט ער האט ניט מיין פון הש"י גיבעטין אז ברויט צו עסין אונ קליידר צו קליידן אונ ווען הש"י גיט יוא איינעם פיל גוטין זאל ער זעהן אונ טראכטן אז עס זאל אים ח"ו דאס עשירות צו אום גליק ניט קומן דען פיל לייט קומן פון זייער לעבן איבר זייער געלט ווייל זיי זיינן זיך ניט גוט נוהג מיט זייער געלט וויא מען בדארף אונ גיבן ניט רעכט צדקה אדר מעשר · דרום זאל מען תמיד זעהן רעכט צדקה געבן אונ גומל חסד זיין מיט די לייט אונ זאל זיך ניט בגאוה האלטין מיט דעם געלט · דען די גאוה איז איין פייער ביז אין גרונד פעסט אריין אדרבה ווער עס איז איין עושר גהער ער זיך נידריג צו האלטן צום ערשטן פר הש"י אונ דר נאך פר די לייט אונ גהער זיך בטראכטן ווען מען גיט אים זיינע זכיות אפ אויף דעם עולם אזו האט ער אויף עוה"ב ניט דרום זאל ער זיך ארום קוקן בצייטן אונ זאל געבן צדקה אונ זאל גומל חסד מיט די לייט זיין:

אות ע

ענוה איז טייטש פרומקייט · די מעלה קען מען אויך ניט דר שרייבן ווער עס האלט זיך שפל אונ האט קיין גאוה ניט לאמיר זעהן ביי משה רבינו עליו השלום ער איז גוט אונ פרום גוועזן מיט אלערלייא מעלות אונ איז גיוועזן איין נביא איבר אלע נביאים סאיי מיט תורה אדר חכמה אדר נביאות איז אלץ משה רבינו העכר גוועזן פון אלע מענטשן אונ פון דעסט וועגן לויבט אים ניט די תורה מיט קיין שום מעלה נאר מיט דעם וואס ער איז איין עניו גוועזן אזו וויא דר פסוק שרייבט והאיש משה ענו מאד דאס איז טייטש משה איז איין גרויסר עניו גיוועזן דרום וואס זאל איך אייך דר פון פיל שרייבן אלע ספרים זיינן פול דר פון אונ פאר מיאוסן די גאוה אונ שרייבן ווער עס האט אין זיך גאוה איז גליך וויא ער איז כופר בעיקר ח"ו דר דאזיגר מענטש שטייט ניט אויף קיין תחית המתים · אונ ווען איינר איז איין סבלן דהיינו ער קאן זיך אן

יענעם

יעגעם נוקם זיין אונ איז זיך ניט נוקם דר הייסט איין סבלן דאס גהער מען זיך פון הש"י אפ צו לערנן דען הש"י קאן זיך תמיד אן די רשעים נוקם זיין אונ איז זיך ניט נוקם אזו גהער זיך דער מענטש אויך נוהג זיין:

דרום דר מענטש וואס איז איין סבלן אונ האט קיין גאוה אין זיך ניט חאטשע ער זינדיגט אמאל קעגן הש"י אזו איז הש"י אים אויך מוחל מדה כנגד מדה ווייל ער איז מוחל וואס מען האט קעגן זיין כבוד גטאן אבר ווער עס איז אבעל גאוה אונ פאר שווייגט קיינעם ניט אונ איז זיך נוקם ונוטר איז הש"ית מיט אים אויך מדקדק אפילו אויף דעם מינסטן אונ דיא מלאכים זיינן אויף אים מקטרג אונ זאגן צו הש"י ווארום ווילסטו דעם דאזיגן מענטשן מוחל זיין ער איז ניט מוחל זיין חבר אונ דר מענטש איז דאך ניט מער אז ערד אונ ליים אונ קומט ארויס פון איין שפלע התחלה אונ וויל ניט מוחל זיין אזו גהערסטו רבונו של עולם אים אויך ניט מוחל זיין:

אונזערע חכמים שרייבן דער מענטש וואס האט אין זיך גאוה זאגט הש"י צוא אים איך אונ דוא קענן בייא אנאנדער ניט וואונען אויף דר וועלט אבר ווען איינער איז איין עניו לאזט הש"י די שכינה בייא אים רוען אונ ווען איינער איז אבעל גאוה איז ווייא צו אים אונ ווייא צו זיין נשמה וואס טויג אים גאר זיין האב אונ גוטש ווען ער איז ניט זוכה צו זעהן די שכינה׳ אונזערע חכמים שרייבן ווער עס וויל פר ריכטן זיינע בייזע מדות אונ רעכט צו מאכן זיין בייזן וועג דר גהער נאך צו יאגן דיא מדה פון ענוה דאס ער זאל פון יעגעם פר שעמט ווערן אונ יעגעם זאל ער ניט פר שעמן אזו וועט די שכינה אויף אים רוען אונ הש"י זעלבסט וועט מיט אים לערנן וויא אזו ער זאל זיך נוהג זיין:

דיא מדה פון ענוה מוז זיין מיט דר מחשבה אונ דיבור אונ מעשה מיט זיין מחשבה זאל ער גדיינקן אז זיין טויט איז בעסר פר זיין לעבן אונ גדיינקן אז ער קומט אויס איין שפלע התחלה אונ איז פול מיט ליחות אונ זיין נאז אונ די אויערן זיינן פול מיט אום פלייט דער נאך זאל ער גדיינקן אז ער האט פר פלעקט זיין נשמה מיט די עבירות אונ מען גהער זיך פון אים צו דר ווייטערן אזו ווייט וויא דאס אויג קען זעהן ער איז דאס מינסטע אויף דר וועלט אונ מוז זיין אזוא וויא מען דר ווייטערט זיך פון אומריינקייט אונ האט קיין וויסן שאפט אין דער תורה אפשיטא אין סודות התורה אונ איין נפל איז בעסר פון אים אונ ווען ער וואלט גאר ניט בשאפן גווארן וואלט פאר אים בעסר גוועזן אונ אז ער וועט זיך אזו אין זין ארייין נעמען וועט ער בוודאי ניט זינדיגן אונ וועט זיך ניט בגאוה האלטן:

דער חכם ר' יעקב קארדיווירי שרייבט איך האב גפונן איין מעכטיגע רפואה וויא מען זאל זיך גוויינן איין עניו צו זיין צום ערשטן מוז מען זיך מאכן אפלאסטר פון דרייא ערליי קרייטיכר׳ איין קרייטיכער אז ער זאל זיך גוויינען צו אנטלויפן פון כבוד וויא ווייט ער קען ווארום פון כבוד קומט מען צו גאוה: דאס אנדרע קרייטיכר איז ער זאל תמיד האבן אין זיין מחשבה ווען די לייט גיבן מיר כבוד איז דאס ווייל זייא זיינן זיך טועה אין מיר׳ זייא ווייסן ניט וואס פר שלעכטע מעשים איך האב גיטאן׳ אבער ווען זיי זאלן וויסן פון מיינע שלעכטע מעשים וואלטן זייא מיט מיר אפילו ניט גיוואלט ריידן׳ אונ ווען ער וואלט דאס תמיד האבן אין זיין מחשבה וועט זיך אים ניט גלוסטן קיין גאוה צו האבן׳ דאש דריטע ער זאל גדיינקן זיינע עבירות אונ זאל בגערן תשובה אויף זיי צו טאן׳ אונ זאל בגערן שטראף צוא הערן אונ צוא ליידן יסורים פון גאט אונ זאל זאגן די יסורים וואס זאלן מיך גאר ניט פר מיידן פון גאטש דינסטו וועל איך גערן אן נעמן פון גאט׳ אונ ווען איינר וועט עפעס ריידן

ריידין וואס ווידער זיין כבוד איז זאל ער זיך ניט אן נעמן און זאל טראכטן איך וואלט בעסר הערן שאנד איידער איך זאל ח"ו האבין אנדרע יסורים דען די שאנד נעמט ניט צוא מיין כח און מאכט מיך ניט קראנק און עס פר מייט מיך ניט פון עסין און טרינקען און עס טוט מיר קיין שאדין ניט אין מיינע קליידער און דאס איז פאר מיר בעסער אז פאסטין און אנדרע יסורים ווארום דאס פאסין מאכט מיך שלאף און פר מיידט מיך פון תורה לערנן און פון גאט צו דינען דרום איז ביי מיר בעסר צו הערן שאנד פון בייזע לייט:

דער וואס מאכט זיך איין פלאסטר פון די דריי ערליי קרייטיכר דר קענדר האלטן די מדה פון ענוה און קומט ניט צו קיין גאוה · און דאס האט דוד המלך עליו השלום גזאגט אויף שמעי בן גרא הש"י האט אים גהייסן מיך שילטן כלומר הש"י האט אים צו מיר גשיקט און האט אים גגעבן אין זיין זין אז ער זאל מיר ווייא טאן מיט זיינע ווערטר ווארום איך האב גרויסי זינד און ער איז דער בייזר שליח דר צו דאס טוט מיר הש"י פון וועגן זיין גרויסן חסד דען אזעלכע זאכן זיינן גוטע יסורים ווארום זיי טוען דעם מענטשן ניט קיין שאדן אין זיין לעבן און מען קומט אפ די זינד דר מיט:

איצונד זעהעט מיינע ליבע פריינט דוד המלך איז דאך גוועזן איין שטארקער קיניג און האט אלין פאר ליב אן גנומן האטשע ער האט זיך גיקענט אן יענם נוקם זיין וויא ער האט אליין גיוואלט האט ער זיך ניט נוקם גיוועזן וואס זאל איין גמיינער מאן טאן ווען איינער טוט אים עפעס וואס ווידר זיין כבוד איז דאך שוין אבל שכן אז ער זאל אלין פר גוט אן נעמן פון גאט און זאל צוא הש"י אשבח געבין אז הש"י האט אים דאס צו גשיקט אז ער זאל זיינע עבירות אפ קומן דער מיט און דארף קיין אנדרע יסורים ניט ליידין · אויך זאגין אונזרע חכמים די וואס ווערן פאר שעמט און פר שעמען יענעם ניט און ווידר זייא הערן צו זייער שאנד און ענטפערן יענעם ניט דרויף · אויף די לייט ווערט גיזאגט דער פסוק זיינע ליב האבר פון גאט וועלן לייכטן וויא די זון וואס גייט שטארק אויף דאס מיינט מען איינר איז איין גנב אדער איין אנדרע איביל קייט און ווארפט אויף יענעם דוא ביסט איין גנב וואס ער האט דאס אין זיך און דער דאזיגר מענטש פאר שווייגט אים און ענטפערט אים ניט אויף דעם זעלביגין מענטשן איז גזאגט דר פסוק וואס פריער איז גשטאנן און דר דאזיגר מענטש וועט האבן דעם גרויסן שכר וואס אין פסוק שטייט:

דיא גמרא זאגט אין יומא דר תלמיד וואס איז זיך נוקם דאס מיינט מען אזו ווען אנדרע לייט נעמן זיך אן זיין כבוד און זיינן זיך פון זיינט וועגן נוקם אן דעם מענטשן וואס ער האט אים ווידר זיין כבוד גטאן זאל ער שטיל שווייגן און אז מען בעט אים מחילה זאל ער מוחל זיין.

דאס שרייבט דר מגן אברהם אז ער האט דעם פירוש גפונען אין ספר הרמב"ם · דער ראשית חכמה שרייבט דאס איז איינש פון די ענינים ווער עס וויל גוט און פרום זיין זאל זיך גוויינען פאר שעמט צו ווערן אפילו פאר זיין ווייב און פאר זיין הויז גיזינד האטשע ער דארף פאר זיי קיין דרך ארץ ניט צו האבן · און ווען ער בדארף זיי שטראפין אויף אזעלכע זאכן וואס איז גאטש דינסט זאל ער זייא מיט גוטין שטראפן און ניט מיט רוגז:

אזוי האבן גלערינט די ישיבה פון אליהו אונזרע חכמים לערנן און דו זאלסט זיין איין עניו פר אלע מענטשן און צו דיין הויז גזינד זאלסטו נאך מיין עניו זיין וויא צו אלע מענטשן און תמיד זאלסטו זיך נידעריג און שפל האלטן און ניט צו גלוסטן צו בגערן וואול טאג דהיינו אין גוט עסן אדר טרינקען און אנדרע וועלטליכע זאכין און זיין גאנג זאל זיין מיט הכנעה דעם קאפ איין גיבויגין און דיא אויגין צוא דער ערד ער זאל גאר קוקן אויף זיינע פיר

איילין וואס זיינען לעבין אים כלומר ער זאל תמיד אין זיין זין האבין אז ער האט ניט מער אז פיר איילין ערד ווען ער וועט שטארבין :

דער מנורת המאור שרייבט ווער עס וויל זיך אן נעמן איין עניו צו זיין זאל ער זיך אפ שיידן פון אלע אום ריינקייט אין דר וועלט אונ זאל אין דר קדושה גישווינד זיין אונ די זאך ווערט מיט פינף זאכן דר קענט · דאס ערשטע ער זאל מוחל זיין צו דעם וואס האט אים שלעכטין גיטאן חאטשע ער קען זיך אן יענם נוקם זיין דר חכם זאגט ווער עס קאן איינם ניט דער ליידן דר הערט פיל מער וואס אום שלא בכבוד · דאס אנדרע איז ווען עס קומט אויף אים צרות אויף זיין לייב אדער זיין געלט אדער זיינע קינדר שטארבין ח״ו זאל ער השי״ת דאנקן אונ זאל דעם משפט פר ליב אן נעמען דאס געהער צו דר מדה פון ענוה דער וואס נעמט אן יסורים פאר ליב אזו וויא מיר גיפינען ביי אהרן הכהן אז זיינע קינדר זיינן דם ערשטע מאל גגאנגן די עבודה טאן אונ זיינן גשטארבן האט ער שטיל גשוויגן אונ האט עס פר ליב אן גינומען פון השי״ת אזו האט ער דר נאך אגרויסן שכר דרויף גנומען אז די שכינה האט מיט אים אליין דר נאך גרעט דש דריטע ווען מען האלט אים בכבוד זאל ער זיך ניט בגאוה האלטן נייערט נידריג דר ביי צו זיין וויא מיר גפינן בייא אברהם אבינו אז עפרון האט אים בכבוד גהאלטן אונ האט אים גרופן הער פון דעסט וועגן האט זיך פארט אברהם אבינו פאר אלע שפל גהאלטן אזו וויא דר פסוק שרייבט אונ אברהם בוקט זיך פר דעם פאלק פון דעם לאנד :

דאש פערטע ווען השי״ת גיט איינעם חכמה אדר עשירות אדר גדולה זאל ער זיך ניט הויך האלטן נייערט ער זאל זיך האלטן וויא ער האט זיך פריער גהאלטן אזו וויא דר פסוק זאגט ווען עס קומט אויף דיר עפעס איין גדולה זאלסטו דיין ערשטין ארט אונ שטעל ניט אוועק לאזן כלומר דוא זאלסט ניט העכער האלטין וויא דוא האסט זיך פריער גיהאלטין :

דאס פינפטע איז וויא באלד אז יסורים קומן אויף דעם מענטשן זאל ער תיכף תשובה טאן בפרהסיא אונ זאל זיך ניט דר הינטר האלטן פון וועגן גאוה · דיא בעסטע מדה פון ענוה איז דר מענטש זאל זיך ניט בגאוה האלטן מיט זיין לערנן אונ זאל מודה זיין אויף דעם אמת אונ זיך ניט שעמן פון אנדרע צו לערנן אונ וואס ער וויים ניט זאל ער זיך ניט שעמן צו פרעגן חאטשע דר אנדערר איז ניט קיין גרעסערר למדן פון אים דען דר חכם זאגט די פרעג פון דעם חכם איז איין האלבע חכמה :

דר כלל פון דר מדה פון ענוה איז ווען איינר טוט אים עפס זאל ער זיין משפט פר גאט ניט שטעלן נייערט ער זאל קלאגין פר דעם וואש האט ביכולת יענם צו שטראפן דען ווער עס גיט זיין משפט פר גאט אזו שטראפט מען אים צום ערשטן אויף זיינע עבירות · אונ דאס איז גרעט גוואורן ווען ער קאן קריגן משפט אויף דר דאזיגר וועלט אבר אז מען קריגט ניט קיין משפט אויף דר וועלט מאג מען יוא צו גאט זיין משפט שטעלן · דרום איר ליבע לייט זעהט וויא ווייט די מדה פון ענוה גייט · זיין תפלה ווערט דר הערט זיינע זינד ווערן פר געבן אונ איז זוכה צו קומן אין דר מחיצה פון דר שכינה אונ קומט צו גרויסע חכמות אונ פר שטאנד פון דר קדושה :

אות פ

פריון איז טייטש לייט זעליקייט כלומר דר מענטש זאל תמיד זעהן אז ער זאל גפינן

חן

חן אין גאטש אויגן אונ אין לייטינס אויגן אונ דאס איז ידוע וועמען לייט האבין ליב דעם האט גאט אויך ליב · רבי תנחום בן חנילאי האט גזאגט דו זאלסט ניט פאר ענדערן פון דעם מנהג פון דער שטאט וואס דו קומסט אהין נייערט דו זאלשט זייער מנהג האלטן דען מיר געפינן אין אונזר תורה די מלאכים זיינן גקומן צו אברהם אבינו האבן זיי גיגעסן האטשע מען עסט אויף דעם הימיל ניט אונ משה רבינו איז גקומען אויף דעם הימיל אונ האט ניט גיגעסין האטשע ער איז גיוואונט גיוועזן צו עסין דאס האבן זיי אונז גוויזן אז מען זאל קיין מנהג ניט משנה זיין :

דער חכם זאגט איין שונא זאל דיר ניט ווייניג זיין אונ טויזנט גוטע פריינט זאלן דיר ניט צו פיל זיין דו זאלסט דיך מיט איטליכן ניט הויך האלטן אזו קאן דיר יענר אמאל אויך אטובה טאן · אויך זאל מען זיך תמיד פר לייט פר ענטפרן דר מיט ווערט דער כבוד פון הש״י גמערט דען ווען מען איז איינם עפעס חושד דענסט מאל ווערט גמינרט דר כבוד פון הש״י דען דר וואס הערט וויא מען איז יענם חושד אזו קען ער זיך ח״ו אויך אפ לערנן די שלעכטע מעשה צו טאן דרום גהער מען זיך תמיד פר ענטפרן פר די לייט אז מען זאל אים ווייטר ניט חושד זיין · דר אנדרר טעם איז מען גהער איטליכן ליב צו האבין אונ ווען די תורה זאגט דיין ברודר בכלל מיינט זיא יעדר מענטשן מכל אומה ולשון דען ווען זיא מיינט איהודי זאגט זיא אחיך העברי דען דאס איז דר גאנצר כלל פון דר תורה דו זאלסט דיין חבר ליב האבן אזו וויא דיך זעלבסט אבר אז דו ווייסט אז דיין חבר האט עפעס שלעכטס גטאן זאלסטו זיך פון אים היטן · אזו וויא דר פסוק שרייבט די גאטס פארכטיגע האבן פיינט די מענטשין וואס טוען שלעכטע מעשים אבר אז יענר פר ענטפרט זיך אזו בלייבט דר כבוד פון הש״י אויף זיין שטעל דרום זאל דר מענטש אלע זיינע זאכן טאן לשם שמים אונ זאל ניט בגערן דעם יצר הרע צו פאלגן האטשע דער יצר הרע זאגט דיר איין התר פון דעסט וועגין זאלסטו אים ניט פאלגן · אונ דו זאלסט היטן דיין חברה אדר דיין תורה אונ אויב דו וועסט אזו טאן וועסטו גיפינן לייט זעליקייט אין גאטש אויגן אונ אין לייטינס אויגן :

דאש איז די צאם פון דר גאוה ער זאל תמיד מצות טאן בסתר אונ זאל זעהען אלע חשדים פון זיך אפ צו טאן אז מען זאל קיין שום חשד אויף אים ניט געפינן דענסט מאל גיט הש״י אין זין אריין די לייט אז זיי זאלן אים ליב האבן האטשע די לייט זעהן זיינע מעשים טובים ניט פאר זיך ווארום ער טוט זיי דאך בשתיקה אונ דענסט מאל זעהט מען אז הש״י האט אים גוויש אויך ליב · דאס לערינט אונז אויך דר פסוק דר וואס טוט גאטש ווילין ווערן אים זיינע פיינט צו גוטע פריינט :

עש זיינן פר האנדין מענטשן וואס זיי האבן ליב לייט פון וועגן זיי האבן חניפה ווערטליך אין זיך די דאזיגע האט הש״י פיינט ווייל זיי ווייזן פר לייט דאס ביסל גוטס וואס זיי טוען אדר דאס ביסל תורה וואס זיי לערנן אונ די זעלביגע ליבשאפט איז נישט אבר ווען עס דר וועקט זיך פלוצלונג איין ליבשאפט וואס האט ניט קיין אן האנג אין חניפה אדער מתנות וואס ער שיינקט יענם · די ליבשאפט איז בוודאי פון גאט דאס ווייזן די גוטע מעשים וואס ער האט אין זיך · אונ דאס לערינט אונז עקביא בן מהללאל וואס ער האט גלערינט זיין זון דיינע מעשים וועלן דיך נאהנט מאכן צו די לייט · אונ אויך דיינע מעשים וועלין דיך ווייט מאכן פון די לייט אונ דאס איז דר כלל ווען דו ווילסט גליבט זיין אין לייטינס אויגן זאלסטו דיך מיט קיין קהל ניט קריגן פון דיין געלט וועגן דש גלייבן פון קיין צדקה וועגין האטשע דו זעהסט אז דש קהל טוט דיר אום רעכט זאלסטו דיך דאך פארט ניט קריגן מיט זיי נייערט זאלסט

מיט זיי מיט גוטע רייד אונ בנעימות ריידן אונ ניט שרייען אונ זאלסט האלטן דאש בפעל פון קהל וועןגלייך עס דוכט זיך דיר אז זיי טוען ניט רעכט מוז דאך רעכט זיין ווען אגאנץ קהל טוט דען די שכינה רואט וואו אקהל ביי אננדר זיצן דרום קומט בוודאי דאך קיין אום רעכט ניט ארויס אונ דר כח פון רבים איז שטארקר פון אחיד כלומר עס האט מער באשטאנד: אזו וויא מיר גפינן ביי רבי אליעזר הגדול אלע וואונדר וואס ער האט בוויזן מיט די

ווענט פון דעם בית המדרש דש זיי האבן זיך איין גבויגן מיט זיין בפעל דש גליבן די רוטשקע וואסר בכדי מען זאל פסקנן אזו וויא ער האט גזאגט אונ דש בת קול האט גשריען אז די הלכה בלייבט וויא רבי אליעזר זאגט פון דעסט וועגן איז פארט ניט גוועזן די הלכה וויא רבי אליעזר נייערט וויא רבים האבן גיפסקנת איז גבליבן דרום זאל מען תמיד נאך די רייד פון רבים נאך ציהען:

אות צ

צניעות איז טייטש ציכטיקייט דאס איז איין גרויסע מדה אז דר מענטש זאל ציכטיג

זיין אין אלע זאכין עס מעג זיין מיט זיין עסין אדר מיט זיין טרינקן אדער מיט זיין ריידין אדר מיט זיין גיין אדער מיט זיין קליידין אפילו ווען ער ליגט אין דער גרעסטער פינסטערנעס אונ מכל שכן איין אשה מוז נאך מער ציכטיג זיין · אז זיא זאל תמיד זיצין אין איר הויז איינגצויגנ אונ אירע אויגין פאר שטעלין פר איטליכן מענטשן · אונ איר קול ניט צוא לאזין הערן אונ זאל ניט ווייזין איר נאקעט לייב אפילו וויא איין קליינר פינגר גרויס:

אונזערע חכמים שרייבן זיבן זין האט גהאט קמחית אונ אלע זיבן זיינן גווארן כהנים גדולים

האבן די חכמים זיא גפרעגט וואס פר אמצוה האסטו גטאן וואס דו האסט דר צו זוכה גוועזן האט זיא געענטפערט אלע אירע לעבין טאג האבן די באלקין פון דר שטוב ניט גזעהן איר לייב · דר כלל איז פון צניעות אז מען געהער ציכטיג זיין אפילו אין בית הכסא אונ נעם דיר אין דיין זין די זאך וואס דו וואלסט זיך גשעמט צו טאן פר משה רבינו אונ זיבעציג זקנים אזעלכע זאכן זאלסטו ניט טאן אפילו ווען דו ביסט אליין אין אחדר · אונ אויב דו ווערסט וועלן זאגן עס זעהט דאך קיין מענטש ניט · השי"ת דר איז איבר אלע דער זעהט וואס מען טוט אפילו ביי נאכט דען ביי השי"ת איז טאג אונ נאכט גלייך:

אויך לויבן אונזערע חכמים ווער עס איז זוכה צו צניעות פון דר תורה דהיינו ווען ער זיצט

אליין אין זיין חדר אונ לערינט אונ רעט ניט מיט קיינם ניט אונ גייט ניט צו קיין שום ארט דהיינו ער דארף ניט צו גיין צו קיין שום ארט ווייל ער האט זיין פרנסה אין דר היים אין זיין הויז אונ ער בדארף ניט ארויס צו גיין נייערט אין שול אריין אדר צו אדבר מצוה ביי דעם דאזיגן מענטשן איז קיין ספק ניט אז ער איז זוכה אז די שכינה רועט ביי אים אונ דר סימן איז בד קודש ילבש דאס מיינט מען ווער עס זיצט אליין אין אבאזונדר חדר אונ לערינט אז קיינער איז אים ניט מבטל דר זעלביגר ווערט בקלייד מיט דר קדושה פון דר שכינה:

אות ק

קדושה איז טייטש הייליג · כלומר מען גיהער זיך הייליג האלטין מיט עסין דען דיא

אומריינע עסין וואס דיא תורה האט גיבאטין מען זאל זיא ניט עסין פאר אום רייניגין דעם גוף פון מענטשין:

דער ראשית חכמה שרייבט ווער עס עסט אזעלכע זאכין וואס איז מותר צו עסין אונ עסט זיי לשם שמים אז ער זאל כח האבן גאט צו דינן אזו רואט אויף אים דער רוח הקדושה אונ די נשמה האט אויך הנאה פון דעם דאזיגן עסן אונ דאס מיינט דער פסוק צדיק אוכל לשובע נפשו איז טייטש דער צדיק עסט אן צו זעטן זיין נשמה · קען מען דאך פרעגין דיא נשמה האט דאך קיין נוץ ניט פון עסן מוז מען אזו בשיידן ווען מען עסט לשם שמים פון דעם זעלביגן עסן האט די נשמה אויך הנאה · אונ אויף דעם פרעגן אלע די חכמי פילוסופים זיי וואלטן גערן וויסן וויא די נשמה האט איין אן האלט אין דעם גוף פון עסן האט דאך די נשמה קיין הנאה ניט אבר פר וואר דר געטליכר מאן ר׳ יצחק לוריא גיט דעם ענין צו פר שטיין דורך דעם פסוק כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם איז טייטש ניט פון ברויט אליין לעבט דר מענטש נייערט כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם איז טייטש אלדינג וואס קומט פון גאטש ווארט דר פון לעבט דר מענטש:

איצונד קאנט איר פר שטיין פון וואס די נשמה האט איר יניקה דרום זאל דר מענטש גווארינט זיין אז ער זאל ניט עסן אזעלכם וואס דרינן איז איין איסור אונ עס הייגט אן איין שוחט ער איז מחוייב זיין חליף ערינכט בודק צו זיין חאטשע אונזרע חכמים האבן גזאגט אז דאס רוב פון די שוחטים זיינן מומחים אבר עס זיינן פר האנדן שוחטים בעו״ה וואס זייגען ניט קיין מומחים אונ ווען שוין אנדרע שוחטים זיינן מומחים אונ קענן די דינים רעכט זיינן זיי אבר ניט גוט אונ פרום דרינן אונ ווער עס האט ניט קיין רעכטן פר שטאנד אדער ער איז ניט גוט אונ פרום דר קאן ניט אכטונג געבן אויף דר פגימה אונ מען מוז גרויס כוונה האבן צום בודק זיין איר קאנט דאך דאס פאר שטיין אז אמאל איז מען בודק דעם חליף צווייא אדר דריי מאל אונ מען געפינט קיין פגימה ניט אונ דר נאך איז מען ווידר בודק אונ מען געפינט יוא פגימות דאס קומט ווארום ער האט פריער אן כוונה בודק גוועזן דרום האט ער ניט גטראפן אונ האט ניט גפילט די פגימה אונ אזו באלד אז ער פלייסט זיך אונ טוט מיט כוונה אונ איז רעכט בודק אזו קומט ער אויף דער פגימה:

אבער איצונד אין אונזרע דורות בעו״ה זיינן פיל שוחטים עמי הארצים אונ זיינן גרינג אויף זייער נשמה אונ אטייל שוחטים האבן אפילו קיין שייד צום חליף ניט אונ האלטין דעם חליף ניט אויף איין רעכט ארט אונ דר חליף מוז דאך שארף זיין אן פגימות אונ צום מיינסטן האבן די שוחטים אזעלכע חלפים וואס זיינן ניט גלאט אונ אטייל שוחטים ריידן אלערליי שמועות בשעת זיי זייגען בודק דעם חליף אונ האבן קיין כוונה ניט אליין אויף בדיקת חליף אונ פארן נאר הין אונ הער מיט דעם פינגר אויף דעם חליף אן כוונה · דרום ווער עס האט אין זיך יראת שמים דר זאל זיך היטין אונ זאל אכטונג געבן:

אויך זאלן שוחטים גווארינט זיין די סירכות ניט שטארק צו רייבן ווארום איידער ער זאל רעכט אונ שטארק צו רייבן די סירכות זאל ער די סירכא בעסר מיט אמעסר אפ שניידן אונ באמת איז דאך די סירכא טריפה אונ דש געהער איטליכר שוחט צו וויסן אז מען האט נאר מתיר גיוועזן אסירכא באמעלך אפ צו רייבין אונ ווען זיא ווערט באמעלך אפ גריבן איז עס קיין רעכטע סירכא ניט דר נאך פרובט מען דש ארט מיט לעבליכע וואסר וויא אין הלכות שחיטות שטייט:

אויך מוז דער שוחט גווארינט זיין איי ער מאכט די ברכה על מצות שחיטה זאל ער זיך ארום קוקן אויף אלע זייטן אויב עס איז ניט קיין אום ריין ארט ידען מיטאר קיין ברכה ניט מאכן אויף איין אום ריין ארט · אויך אז דר שוחט קולעט ביי איין ניט יהודי מוז דר שוחט גווארינט זיין צו צייכנן מיט אזו אצייכן אז דר ניט יהודי זאל אים ניט קענן מזייף

זיין

זיין כדי מען זאל ח"ו קיין טריפות ניט עסן דרום געהער איטליכר שוחט פריער צו זעהן און צו לערנען די הלכות שחיטות און צו קענען דיא דינים וואס צום חליף געהער און דער נאך וואס צוא דער שחיטה געהער און דער נאך וואס צו דר בדיקה געהער און צוא דיא אנדערע זאכין און דיא איבעריגע דינים קאן מען שוין רבנים פרעגין :

דער שוחט גיהער זיך ציכטיג האלטן און פרום אויף זיין נשמה צו זיין און גיהער תמיד תפלה צו טאן אז הש"י זאל אים קיין מכשול ח"ו ניט צו שיקן אז ער זאל זיך ח"ו ניט טועה זיין · און ער זאל קיין מורא ניט האבן פר קיין קצבים ווש זיי שרייען אז ער רייבט ניט שטארק קיין סירכות · און זאל אכטונג געבן אז מען זאל די ריאה גוט אויף בלאזין דען די קצבים בלאזין אפט מאל פאלש · און ווער עס איז א שוחט מומחה קאן עס וואול פר שטיין ווען דר קצב בלאזט פאלש · און דר שוחט מוז זיינע זאכן רעכט קענען אז ער זאל יענם צו קיין שאדן ניט ברייגנן דען דר שוחט וואס איז ניט קיין רעכטר בקי מאכט ער אמאל טרייף חאטשע עס איז דאך כשר · ובפרט דר שוחט זאל ניט עובר זיין אויף דר מינסטע עבירה די זעלביגע שוחטים גיהער מען קיין קבלה ניט געבין און אפילו זיי האבן שוין קבלה און טוען אזעלכע זאכין גיהער מען זיי מעביר זיין אזו וויא איך האב געפונען אין ספר הקי דעת אויך האב איך גיפונען אין ספר בית הלל איין שוחט וואס פלעגט שיכור זיין זאל מען אים מעביר זיין אויך איין שלעכטער מענטש איז זיין שחיטה אסור :

דיא שוחטים וואס זייען עובר אויף דברי רבנים אדער אויף איסור שבת דהיינו ווען מען טאר ניט טראגן אום שבת טראגן זיי יוא געהער מען זיי מעביר זיין דען א שוחט האט מער דינים אויף זיך וויא דר רב · דר רב איז ניט מחויב אויף אלעם צו ווישן נאר ווש מען קומט אים פרעגין אבר דר שוחט איז תמיד ביי די איסורים והיתרים ובפרט מיט דר בדיקה ווער זעהט אים וואס ער טוט אינווייניג אין דר בהמה נוא ווען ער איז ניט מדקדק בפרהסיא אויף קיין עבירה נוא וויא זאל מען אים גלייבן וואס ער טוט אינווייניג דרום ווען ער קומט קבלה נעמן זאל ער דעם רב געבין תקיעת כף אויף אלימן אז ער זאל אויף קיין שום זאך ניט עובר זיין :

עש איז רעכט די ווייבר צו ווארינן ווען זיי גפינן אין אגיקוילעטע עוף איין איי וואש עש איז ניט מער אז דאס געלכיל אז זיי זאלן דאס איי בזונדר זאלצן און ניט מיט דעם עוף אדר אנדרע פלייש אויך זאלן די ווייבר גוווארינט זיין ווען זיי גפינן אטראפן בלוט אין איין איי זאלן זיי ניט דאס בלוט אוועק ווארפן און דאס איי ניצן ווארום עס איז טריפה · דרום זאלן זיי גוווארינט זיין איידר זיי עפינן דאס איי זאלן זיי עס עפינן אין אבזונדר כלי איידר זיי טוען עס אריין אין מעל אדר אין אנאנדר עסין ווארג כדי עס זאלן ניט צו מישט ווערן · אויך גהערן די ווייבר גוווארינט זיין ווען זיי ווילן פלייש כשר מאכן זאלן זיי פריער לאזין ווייקן דאס פלייש אהאלבע שעה און זאלן דר נאך גוט אפ וואשן דר נאך די וואסר לאזן אפ טריפן דען ווייל די וואסר איז אויף דעם פלייש אזו טוט די זאלץ צו גיין פון וואסר און ציהט דאס בלוט ניט ארויס · און ניט אזו וויא אטייל ווייבר אזו באלד אז זיי נעמן דאס פלייש ארויס פון דעם ווייק וואסער אזו זאלצין זיי עס באלד אויס דאס איז איין איסור גמור : אויך געהער מען דאס פלייש אויף אלע זייטן גוט אויס צו זאלצן ביז מען קען עס ניט עסן מיט דר זאלץ · און ניט וויא אטייל ווייבר וואס זייען קארג אויף די זאלץ און זאלצן מיט ווייניג זאלץ און דאס בלוט קען ניט ארויס און די ווייבר גיבן זייער גזונד עסין טריפות · אויך זאלין דיא ווייבער גיווארינט זיין אז דיא זאכין וואס האבין אין זיך ווייניג בלוט דהיינו גידערים אדער וואמפן גיהער מען עס ניט זאלצן מיט אנדערע

פלייש

פלייש נייערט דאס פלייש אונטן אונ דיא גידערים אדער וואמפין אויבין :

אויך גהער מען דאס זאלץ ברעטיל אביסל משופע לייגן אז דאס טראפין פון דר זאלץ זאל אראפ לויפן אויך מוזן די ווייבר גוואורנט זיין תמיד זיי זאלן דאס פלייש ניט אריין לייגן אין ווייק שאף ביז זיי זאלן פריער וואסר אריין גיסין · אויך די כלי וואס זיי שטעלן אונטר די טריף פון זאלץ זאל אריין רינן זאלן זיי אויך וואסר אריין גיסן אין דר כלי דען אויב עס וועט איין שטיק פלייש אריין פאלן אזו שאט עס ניט דען די וואסר איז מבטל דעם טעם פון דר זאלץ · פיל לייט זיינן זיך נוהג נאך פלייש ווארטין זיי איין שעה דר נאך עסין זיי קעז דאס איז ניט רעכט דען מען גהער זעקס שעות ווארטין :

דער בית יוסף שרייבט ער האט גפונען אין זוהר אז מען זאל ניט עסן קיין פלייש באלד נאך קעז אונ ווער עס איז ניט נזהר אין דרינן אויף דעם זעלביגין רוקט איין אומריינקייט פערציג טעג · אונ ווען עס ווערט דעם זעלביגין מענטשן גבארן אין די פערציג טעג אזו קומט אויף דעם זעלביגן קינד די אומריינקייט אונ ער גייט אלע זיין לעבן טאג ניט אוועק פון דעם קינד · איצונד וועל איך שרייבן קעז וואס איז אלט איין האלב יאר · אדר הלנדשין קעז וואליכשר קעז ווערמיגר קעז האטשע ער איז נאך קיין האלב יאר ניט אלט מוז מען נאך מער ווארטן פון זעקס שעה איי מען מעג פלייש עסן דען דער טעם פון דעם קעז בלייבט ליגן אבר זיסר קעז אז ער איז ווייך דארף מען ניט מער נאר דאס מויל אונ די ציין אויש ריינגן דר נאך מעג מען וואול פלייש עסין די לייט זיינן זיך נוהג ווען זיי זיינן זיך טועה אונ שניידן קעז אדר פוטר מיט איין פליישיגן מעסר אזו שטעקן זיי אריין דאס מעסער אין דר ערד אויף איין שעה דאס שטייט ניט אין קיין שום ספר נייערט מען גהער עס צעהן מאל אין הארטע ערד אריין צו שטעקן איטליכם מאל אויף איין אנדער ארט אבר אויב מען האט דר מיט גשניטן הייסע זאכן אזו העלפט דאס אלץ ניט נייערט מען קען דאס כשרן אויב עס איז דרינען קיין קריצין אונ קיין שפאלטין ניט דא :

אויך זאל מען זיך ניט גוויינען צו גיין אויף אלערלייא סעודות · נייערט אויף זעלבע סעודות וואס גוטע פרומע לייט זיינן אויף זיי אונ מען קאן די זעלביגע לייט · אונ אויב ניט גהער מען ניט צו גיין אויף קיין סעודות :

אויך זאל מען גווארנט זיין דארע פלוימן ניט צו עסן ביז מען שניידט זיי אויף פריער צו זעהען אויב זיי זיינן ניט ווערימדיג אונ פרישע פלוימען פשיטא ניט צו עסין ביז מען זעהט זייא איבר פריער · ארבעס מוז מען גוט איבר זעהן דען איין ווארים איז נאך מער טריף וויא חזיר אונ נאך דעם איבר זעהן זאל מען דעם ארבעס אריין טאן אין קאלטע וואסר אזו קומען שוין די לעבעדיגע ווערימדיגע ארויף צו שווימן אזו קען מען זיי אוועק ווארפין · דער נאך אויף דעם ארבעס הייסע וואסער צו גיסין אונ אויב עס איז דא איין ווארים אין דעם ארבעס אזוא פיינגרת דר ווארים עיין בש"ע י"ד בסימן פ"ד קארשן אדר וויינשיל אדר מרעלין מוז מען איבר זעהן אויב זיי זיינן ניט ווערימדיגע דען אין די ווארימע לענדר זיינן דא ווערים אין דיא זאכין · אונ אויך נאך מילבין רעכט נאך זעהן אונ די לייט ווייסין שוין וויא מען זעהט נאך מילבין :

דיני אכילה

וויא מען זאל פאר דעם עסין זיך נוהג זיין :

איטליכר גוטר פרומר מאן זאל זאגן אשמנו פר דעם עסין אונ מכל שכן א בעל תשובה זאל פשיטא וידוי זאגן פר דעם עסין · אונ אום שבת אונ אום יום טוב טאר

מען

מען דאך קיין וידוי ניט זאגן דרום זאל מען אום שבת אונ אום יום טוב דעם פסוק זאגן ושמרו יי אלהיך את לבבך ואת לבב זרעך לאהבה את יי אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך למען חייך אונ זאל כוונה אויף תשובה האבין · אונזערע חכמים זאגין דער טיש איז אויף דעם ארט פון מזבח אונ דאס עסין וואס מען עסט לשם שמים איז אויף דעם ארט פון איין קרבן אונ אזוא וואויל אז בייא דעם קרבן דיא כהנים האבין גיגעסין אונ מיט דעם עסין האבין דיא לייט איין כפרה אויף זייערע זינד גיהאט אזו אויך ווערט פאר ריכט מיט דעם :

נון וייל מיר האבין גיזעהן פיל לייט וואס זיינן זיך טועה אונ זאגין אז דער רשע איז ניט מיין אין גיהנם נייערט צוועלף חדשים · אונ מיט דעם קומט דער רשע אפ דריבר טוען די רשעים וואס זיי ווילן · אונ די רשעים מיינן מען מוז דוקא עובר זיין אויף עבודת גלולים רציחה זנות אבר ווער עס איז ניט עובר אויף די דריי עבירות האטשע מען טוט פיל עבירות איז מען פטור מיט די צוועלף חדשים אין גיהנם זיי ווייסן ניט אז עס איז פאר האנדין אזעלכע יסורים אונ צרות וואס זיינן פיל ערגר אז דר גיהנם אונ אין גיהנם איז אויך פאר האנדין עטליכע ערלייא מיני גיהנם עס איז פאר האנדן אזו איין גיהנם וואס מען מוז דורי דורות אים ליידן דהיינו די וואס זאגן אז קיין תחית המתים וועט ניט זיין די ליידין יסורים דורי דורות אין גיהנם וויא ישעיה הנביא האט גזאגט זיי וועלן אויס גיין אונ וועלן זעהן די גופים פון די לייט וואס ווידר שפעניגן קעגן מיר דען זייער ווערים וועלין ניט שטארבין אונ דאס פייער פון דעם גיהנם וועט ניט אויס גילאשין ווערין :

אונ אין ספר חסידים שטייט אויף דאס משפט רשעים אין גיהנם צוועלף חדשים מיינט מען ווען זיי האבן שוין אויס גליטן אלע די יסורים דר נאך קומן זיי ערשט אין גיהנם אונ דער איז דאס גרינגסטע קעגן די יסורים וואס דר רשע האט אויס גיליטין איי ער איז גיקומען אין דעם גיהנם · דר אלשיך שרייבט ווארום האט די תורה גישריבין אין די קללות פיל פסוקים אונ אין די ברכות ווייניג פסוקים איך וועל אייך בשיידין עס איז איין משל צו איין גרויסין שררה וואס גיט איין בפעל אין זיין שטאט ווער עס וועט מיין בפעל האלטן אונ וועט טאן די ארבט וואס איך האב בפוילן אזו וועל איך דעם זעלביגין גרויסע מתנות געבן אזו זיינן אטייל לייט זיך מרחיק פון דר ארבט זיי זאגן מיר בגערן ניט די מתנות פון דעם שררה אונ מיר בגערן אויך די ארבט ניט צו טאן · אבר אז דר שררה גיט ארויס אקנס אויף דעם וואס וועט ניט האלטן זיין בפעל אונ מיט גרויסע שטראף זאל גישטראפט ווערין דר זעלביגר מענטש וואס וועט ניט טאן די ארבעט אזו לויפן די לייט פר מורא אונ טוען גשווינד די ארבט דרום איז רעכט אויף דעם אויך צו שרייבן פון די גרויסע אונ ביטערע יסורים אונ שטראף וואס מען וועט ליידין אויף יענער וועלט אז מען וועט השי״ת גיט רעכט דינן אויף דר וועלט בכדי צו ווארענן די לייט אויב זיי וועלן השי״ת ניט דינן פר ליבשאפט וועלן זיי אים דינען פאר מורא :

איצונד וועלין מיר שרייבין פון גיהנם :

אין ספר חסד לאברהם שטייט וויא ער האט גפונן אין זוהר פרשת נשא צו זיבין ערלייא דינים שטייט דר מענטש דר ערשטר דין איז הארבר פון דעם אנדערין דהיינו ווען די נשמה שייד זיך פון דעם גוף דא איז דר ערשטר דין בחברותה דהיינו כל זמן די נשמה איז נאך ביי דעם גוף אונ דר עונש איז אויף די עבירות וואס דער גוף מיט דער נשמה האבין מיט אנאנדר גטאן אונ דאס איז גרויסע ביטערע יסורים וואס אלע די יסורים וואס ער איז אויס

גשטאנן זינט ער איז אויף דר וועלט גוועזן איז גאר ניט גיאכט קעגין די יסורים וואס ער שטייט אוים ווען די נשמה טוט זיך פון דעם גוף שיידין :

אזו זיינן אלע די יסורים אונ דינים וואס מיר וועלן שרייבן אין איין דין ערגר פון דעם אנדרין ביז איין עונש איז ניט גיאכט קעגין דעם אנדערן דין אונ עונש · דר אנדרר דין איז אז מען טראגט פון דעם הויז צו דעם קבר ווערט דענסט מאל אוים גירופין פר אים אלע זיינע מעשים וואס ער האט גטאן נוייל ער האט גלעבט אזו איז מען אים מבייש אויף זיינע מעשים אונ שטראפן אים אונ עס ווערט פר אים אוים גרופן וואס פר עונשים אונ יסורים וואס מען וועט אים אן טאן אויף די עבירות וואס ער האט גטאן · דר דריטר דין איז ווען מען לייגט אים אריין אין קבר אריין דארטן איז די טיר וואס ער גייט פון איין וועלט צו דר אנדרר אונ דארטן שטראפט מען אויף די משחיתים וואס ער האט גבראכט אויף דר וועלט מיט דעם וואס ער האט זנות גטריבן :

דער פערטער דין איז חיבוט הקבר דארטן זעצט מען די נשמה אין גוף אריין וואו ער איז גוועזן ביי זיין לעבן · דארטן פרעגט מען אים פארשטענש וויא זיין נאמן אונ פר מורא פר געסט ער זיין נאמן ווייסט מען שוין אז ער איז ארשע אזו איז מען דעם זעלביגן דן אונ זיין משפט איז פון הש"י אוים גזאגט אונ דענסט מאל האבן אלע די מלאכי חבלה מאכט צו פר שטופין מיט אים וואס זיי ווילן · דר פינפטער דין איז ער מוז מגולגל ווערין אויף וויפיל מען האט אים זיין פסק אוים גיזאגט וויא לאנג ער זאל מגולגל זיין אונ דער נאך קומט ער ערשט אין גיהנם אריין צו ליידין גרוים שמארצין אונ פיין :

דער זעקסטר דין איז דאס פלייש פוילט אין קבר אונ כל זמן דאס פלייש איז נאך אויף אים האט ער גרוים צער פון די ווערים ער פילט זיי גליך אז ער וואלט לעבן אונ מען זעלט אים מיט נאדלען שטעכן · דר זיבענטר דין איז ווען ער גייט ארוים פון דעם גיהנם אונ זאל קומן אין דר ערשטר מדריגה פון דעם גן עדן איז מען אים ערשט דן אויף די מצות עשה אונ מוז נע ונד זיין ביז ער קומט אפ דר פאר · איין מצות עשה הייסט וואס מען איז מחויב צו טאן דהיינו יעדער מענטשן וויא זיך זעלבסט צו ליבן אזו וויא עס שטייט ואהבת לרעך כמוך אונ שבת היטן אונ נאך זעלבע גלייכן זיינן פר האנדן צוויי הונדרט אונ אכט אונ פערציג מצות עשה דען פריער אין גיהנם מוז מען ליידן פר די מצות לא תעשה די זיינן פר האנדן דריי הונדרט אונ פינף אונ זעכציג · אונ לא תעשה איז טייטש וואס מען טאר ניט טאן דהיינו קיינר זאל דעם אנדערן ניט מרמה זיין קיין טריפות צו עסן אדר דעסט גלייכן אנדרע זאכן וואס מיטאר ניט טאן הייסט דאס לא תעשה אונ ווען מען גפינט אויף אים אז ער האט עובר גוועזן אויף מצות עשה שטויסט מען אים ארוים פון גן עדן האטשע ער האט מער ניט אז ער האט מבטל גיוועזן אמן יהא שמיה רבא מוז ער נע ונד זיין פערציג טאג אונ די דאזיגע קדשים וואס דר אבל זאגט אין פאלעש איז אתקנה צו דעם מת אויף דעם דאזיגן עונש וואס ער האט מבטל גוועזן אמן יהא שמיה רבא :

אזו גייט עס צו מיט דעם מענטשין ווען ער שטארבט קומט אויף אים פיר מלאכי השרת איינר פון זיי איז דר מלאך המות אונ דר אנדרר איז איין סופר אונ דר דריטר איז איין ממונה אונ זאגן צו אים שטייא אויף דיין צייט איז גקומן צו שטארבין ענטפערט ער מיין צייט איז נאך ניט גקומן אזו באלד עפינט ער זיינע אויגן אונ דר זעהט דעם מלאך המות אונ ער איז גרוים פון איין עק וועלט צו דר אנדרר עק וועלט אונ פון דעם קאפ ביז צו די פים איז ער דורך מיט אויגן · זיינע קליידר זיינן פון פייער · אונ ער האט איין חלף אין דר האנט · אונ אין דעם חלף הייגן דריי טראפן פון דעם ערשטין טראפן גייט אים אויש זיין נשמה אונ פון דעם אנדערין טראפן ווערט זיין פנים געל אונ פון דעם דריטין טראפן

ווערט ער פר שטונקען · און ער שטארבט ניט ביז ער זעהט פריער די שכינה · איין צדיק ווען דער מלאך המות טוט צו אים אזו ריידן וויא מיר האבין געשריבין ענטפערט ער איבר תיכף זיין נשמה צוא השי״ת און איין רשע שטארקט זיך דער יצר הרע אין זיינע אויגין :

דר צדיק נאך זיין טויט ווערט ער באלד פטור און מען לאזט אים אין זיין רוא אריין אבער א רשע איז מען דן מיט שווערע ביטערע יסורים און ניט דש אליין גייערט מען פרעגט אים האסטו תורה געלערינט · האסטו זיא מקיים געוועז · האסטו גומל חסד געוועז מיט לייטן · האסטו אביגט און מארגין ערינסט דיין תפלה גיטאן נוא אויב דש אלץ געפינט זיך אין אים און ער האט עס מקיים געוועז אזו לאזט אים דר מלאך המות אריין אטראפן אין זיין מויל · שטארבט ער אן צער און זיין נשמה גייט אויס גרינג אז וויא מען ציהט אויס אהאר פון דר מילך · אבער ווען די זאכן געפינען זיך ניט אין אים ווערט זיין נשמה פון אים גריסן שטיקר ווייס און דר טויט קומט אים שווער אן · אזו וויא מען ציהט אויס דיא וואל מיט די קעמלען און ווען דער מלאך המות קומט צוא איין צדיק · זאגט ער אים דיין בשעפער האט מיך צו דיר געשיקט אזו בעט ער דעם מלאך המות אז ער זאל ווארטן ענטפערט אים דר מלאך המות ווארטן קאן איך ניט · אבער דאס זאג איך דיר איך האב גיהערט אויס רופין אז מען האט דיר אן גיברייט אגוט ארט אין דעם גן עדן נאך דיין כבוד נאך :

מען האט געפרעגט צו רבי אליעזר וויא אזו איז השי״ת דעם מענטשין דן ווען ער הט ניט מקיים גוועז די תורה האט ער געענטפערט אז די צייט קומט אז דר מענש שטארבט · קומט דר מלאך המות און זעצט זיך אויף דעם קבר און שלאגט אים · און פרעגט אים וויא אזו הייסטו · ענטפערט ער צו אים פר השי״ת איז גלוי וידוע אז איך האב מיין נאמן פר געסן · אזו באלד שיקט מען אים ארייין זיין נשמה און מען שלאגט אים מיט גרויס און אום דר בארמיגע שלעק פון דעם ערשטן שלאק ווערן צו פאלן זיינע גלידער פון דעם אנדרין שלאק צו פאלן זיינע ביינער אזו קומען מלאכים און געמן צום אויף זיינע ביינער ווידר אננדר דר נאך גיט ער אים דעם דריטן שלאק און זאגט צו אים גיב אפ דין און חשבון אויף דיינע מעשים וואס דו האסט גטאן · און שלאגן אים אויף זיינע אויגן ווייל ער פלעגט זאגין אזעלכע וואס ער האט ניט געזעהן און אויך שלאגן זיי אים אויף די אוהערן ווייל ער פלעגט זאגן אזעלכעס וואס ער האט ניט געהערט און אויך שלאגן זיי אים אויף זיינע לעפצן ווייל ער פלעגט ריידן ניבול פה און לשון הרע און רכילות און האט פאלש עדות גיזאגט · און אויך שלאגין זייא אים אויף זיינע פיס ווייל ער פלעגט גיין עבירות צו טאן פון דאנען לערנען אונזרע חכמים ווער עס טוט פעדערין זיינע פיס צו עבירות אזו פעדערט אים דר מלאך המות און ווער עס רעט אויף זיין חבר לשון הרע מוז ער שטארבן מיתת אסכרה איז טייטש עס שטעלט זיך אים איין מכה אין זיין האלז און ער ווערט דער שטיקט :

רבי האט גזאגט פון וועגן רבי אליעזר עס איז הארבר און שווערר דר דין וואס השי״ת איז אים דן אין קבר פון דעם דין פון גיהנם דען אין גיהנם איז מען ניט דן גייארט דעם רשע וואס ער איז אלט העכר אז צוואנציג יאר · און ווער עס וויל בהיט ווערין פון דין הקבר זאל ער צדקה געבן און זאל תפלה טאן מיט כוונה און זאל מכניס אורחים זיין און גמילות חסד טאן און זאל שטראף ליב האבן ווערט ער בוודאי בהיט ווערן פון דין הקבר :

בן

בן עזאי האט גזאגט דריי דינים איז הש"י דן דעם מענטשן · האט אים רבי עקיבא גפרעגט זיינן דען אלע דריי דינים פר הש"י מען איז דאך אים דן אין גיהנם מען איז דאך אים אין קבר אויך דן אונ דאס איז דאך ניט פאר הש"י · האט אים בן עזאי געענטפרט דר דין פון רוח אונ נפש איז מען אים דן אין גיהנם · אונ דר דין וואס מען איז דן די נשמה איז אויף דעם הימל פר הש"י דען וויל די נשמה איז חשוב דרום איז זיא הש"י אליין דן ווען דר מענטש פר זינדיגט מיט דר נשמה · דהיינו מיט זיין ריידן אדר מיט זיינע מחשבות דרויף איז מען אלץ דן די נשמה וויא עס שטייט אין זוהר · אין ספר חסידים שטייט עס איז פר האנדן אחדר וואס דרינן ליגן די קליידר פון מענטשן וואס ער האט זיך גמאכט מיט זיינע מצות · אונ די נשמה וויל ארויף גיין צו זעהן אין דר שכינה אזו קומט אמלאך צו גיין אונ בגרייפט אן דער נשמה אונ פירט זיא צו דר באך וואס הייסט נהר דינור דר באך איז פון פייער · אונ מען איז דארטן די נשמה טובל · אונ אטייל נשמות ווערן פר ברענט אין דעם באך אונ קומט ניט ארויס ביז צו מארגין פרי ווען עס איז זיך גוברדר חסד פון הש"י קומן די נשמות ארויס אונ זאגן שירה אונ גייען ווידר צו ריק · אונ אויך די מלאכים וואס מען ווארפט זיי אפ פון זייער גדולה גייט מיט זיי אויך אזו וויא מיר האבן דא גשריבן · אונ וועלכע נשמה עס איז זוכה ארויס צו קומן אויש דעם באך אונ ווערט ניט פר ברענט · די זעלביגע נשמה טוט מען אן מיט די קליידר אונ מען פירט זיא מקריב זיין פר אקרבן אויף דעם מזבח דורך דעם מלאך מיכאל אונ דר נאך קומט ערשט די נשמה צו איר קדושה אונ בלייבט שוין שטיין ביי דער שכינה :

נאך איינש וועלין מיר אייך שרייבן פון חיבוט הקבר :

די צייט וואס מען איז דן דעם מענטשן אין קבר זאגט הש"ית צו דעם מענטשן גרויס מיא האב איך מיט דיר גהאט איי איך האב דיך גגעבן אין דיין מוטערס לייב · אונ דער נאך האב איך אויף דיר אכטונג גגעבן אז דיין מוטר זאל דיך אויס טראגן צו דר רעכטר צייט · אונ ביסט קיין נפל ניט גווארן · אונ דר נאך אז דו ביסט גקומן אויף דר וועלט האב איך דיר אן גגרייט דיין שפייז אונ איך האב גגעבן מילך אין דיין מוטערס ברוסט · אונ האב דיך בהיט פר יסורים · האסטו גלערינט תורה · האסטו גומל חסד גוועןמיט לייטן גפינט מען אין אים די זאכן איז ער באלד פטור אזו וויא מיר האבן שוין גשריבן האט ער אבר קיין תורה ניט גלערינט · אונ האט קיין גמילות חסד ניט גטאן · אזו ווערט ער איבר געענטפערט צו פינף מלאכי חבלה איינער צייטלט אונ דר אנדערר שלאגט · אונ דער דריטער ציהט אויש פייער פון זיין מויל אזו וויא פון אקאלך אויבן · דר פערטר ברייננגט ביטערע קרייטעכר אונ זאגט אים עס דאס אזו וויא דוא האסט גיקאנט עסין גזלה אדער גניבה געלט · דער פינפטער ברייננגט זיין פאטער אונ מוטר אונ שלאגט זיי פאר דעם זון אונ זאגט צו זיי ווארום האט איר אייערע קינדר ניט גצויגן צוא תורה אונ מעשים טובים אבר ווען דר פאטר אונ מוטר האבן יוא דאס קינד רעכט גצויגן אין גוטן וועג בייערט דאס קינד האט זייא ניט גוואלט פאלגן אזו שלאגט מען דאס קינד פאר דיא פאטר אונ מוטר אין די אויגן אז זיי זאלן צו זעהען דעם צער וויל זיי האבן אזו איין קינד גבראכט אויף דר וועלט וואס עס האט זיך ניט גלאזט שטראפן אונ ציהען אין גוטן וועג :

מיר האבן גלערינט אין איין ברייתא פון מעשה בראשית וויא אלע די גהנומס ווערין גרופן אונ מלאכי חבלה זיינן איבר זיי ממונים אונ איין גהנם איז גרעסר אז דער

אנדרר גיהנם דריי הונדרט יאר גאנג אונ דש פייער פון דעם ערשטן גהנם איז זעכציג
מאל הייסר אז אונזר פייער אונ איין גהנם איז הייסר פון דעם אנדרין גהנם אויך
זעכציג מאל ביז אין דעם גהנם וואס הייסט שאול דר זעלביגר גהנם איז האלב פייער
אונ האלב האגל אונ די רשעים אז זיי גייען ארויס פון דעם פייער שטויסט מען זייא
אריין אין האגיל אונ ווען זיי גייען ארויס פון דעם האגיל שטויסט מען זיי אין פייער
אריין אונ דאס אלץ טוט מען זיי ביז זיי קומן אפ אויף זייערע עבירות :
גרסינן מיר האבן גלערינט זיבן ערליי מיני גהנם האט השי"ת בשאפן אונ אין איטליכן גהנם
זיינע זיבן חדרים אונ אין איטליכר חדר זיבן בעך פון פייער אונ זיבן בעך פון האגיל
אונ איטליכר בעך איז ברייט טויזנט איילן אונ טיף טויזנט איילן אונ לאנג דריי הונדערט
איילן אונ די באבן ציהן זיך אונ לויפן איין באך נאך דעם אנדערן אונ איטליכר רשע מוז
דורך אלעמען דורך גיין ביז ער ווערט דרינען פר ברענט אונ די מלאכי חבלה דיא ממונים
מאבן זיי ווידר לעבעדיג אונ שטעלן זייא אויף אונ זאגן זיי אלע זייערע מעשים וואס זייא
האבן גטאן אין זייערע בייזע וועגן וואס זיי זיינען גגאנגען אונ דיא מלאכי חבלה זאגן צוא
די רשעים אז איר האט גקאנט נאך גיין אין בייזע וועגן אזו גייט איצונד אויך דורך די בעך
פון פייער אונ פון שניי אונ האגיל אונ ברענט אין פייער ווייל איר האט עובר גוועזן אויף דר
תורה וואס זיא איז גגעבן גווארן דורך גרויס פייער אויף דעם בארג סיני ווארום האט איר
קיין פארכט ניט גהאט פר דעם פייער פון דעם גיהנם איצונד קומט אונ גיט חשבון אפ אויף
אייערע מעשים וואס איר האט גטאן :
אונ ניט דאס אליין נייערט אין איטליכן חדר פון די גהנומס זיינן זיבן טויזנט שפאלטן
אונ אין איטליכן שפאלט זיינן זיבן טויזנט עגדשן אונ איטליכר עגדש האט דריי
הונדערטגלידר · אונ אויף איטליכן גליד טראגט דר עגדעש זיבן טויזנט קריגלאך גאל
אונ גיפט אונ עס גייט ווידר ארויס זיבן טויזנט בעך פון סם המות אזו באלד אז דער
מענש רירט אן אין דרינען ווערט באלד אים צו פאלן אונ צו שפרונגן איטליכס גליד אונ
עס טוט פון אים פאלן שטיקר וויים · אונ זיין בויך ווערט צו שפרונגן · אונ ער פאלט
אויף זיין פנים · אונ די מלאכי חבלה נעמן ווידר צו נויף די גלידר · אונ שטעלן אים
אויף אונ זייגען אים ווידער דן אזו לאנג וויא דר משפט איז אויס גגאנגן פון הש"י :

נוא איר ליבע לייט מיר האבן אייך גשריבן אטייל פון די ביטערע עונשים וואס מען מוז ליידין
אויף יענר וועלט אונ ווי מען מוז מגולגל ווערן אונ צום מיינסטן קענן די גלגולים פון דיא
נשמות צו זייער רוא קומן דורך די ברכות וואס מען מאכט איבר אלע זאכן אויף איטליכן דיא
ברכה וואס גהער דר צו דרום וועלן מיר אייך דא שרייבן די דינים פון אלע ברכות אונ מיר וועלן
אן הייבן שרייבן פון דעם טיש ווייל דר טיש איז איין שטעל פון דער קדושה דהיינו ער איז
גגליכן צו דעם מזבח דרום גהער דער טיש שיין צו גדעקט זיין כל זמן דאס עסין איז אויף אים
אונ מיט כוונה צו גיין צו דעם טיש מיט ריינקייט אונ מיט ציכטיקייט אונ איי מען גייט צום
טיש זאל מען פריער זיין אויס גאנג טאן בכדי מען זאל ריין צום טיש גיין אונ אויך וועלין מיר
ווייטר שרייבן אז מען גהער תורה לערנן ביי דר טיש סייא פיל אונ ווייניג נייערט דיא כוונה
זאל זיין לשם שמים אונ ווען מען איז זיך אזו נוהג ביי דעם טיש ווערט אויף זיי גזאגט דר פסוק
זה השולחן אשר לפני ה׳ איז טייטש דאס איז דר טיש וואס איז פאר גאט :

מען זאל גיווארינט זיין די הענט רעכט צו וואשן פאר דעם עסין אונ דר נאך זאל ער די

הענט אין דר הייך אויף הייבן גלייך אזו וויא איינר וויל עפס אנטפאנגן אונ זאל זאגן שאו ידיכם קדש וברכו את ה' אונ דר מיט ציהט מען אויף זיך די שפע ברכה פון הש"י מען גהער די גמיינע לייט צו לערנן אז דש וואשן וואס מען וואשט זיך צום עסן האט איין אנדער דין אין זיך פון דעם וואשן וואס מען וואשט זיך אין דר פריא · דען אין דר פריא מוז מען צום ערשטין דיא כלי מיט וואשער נעמן אין דר רעכטע האנט · אונ פון דר רעכטר צו דר לינקר דר נאך וואשט ער צום ערשטן די רעכטע האנט · עס זיינן גרויסע סודות דרויף · אבר אז מען וואשט זיך צום עסן דארף מען מער ניט נייערט צו נעמן די כלי אין דר רעכטר האנט אונ באלד צו גיסן אויף דר לינקר האנט דען אין דר פריא וואשט מען זיך בכדי דעם רוח רעה צו פר טרייבן וואס ער האט אויף אים גרואט ביי נאכט דרום האבן אונז אונזרע חכמים גלערינט וויא אזו מען זאל דעם רוח רעה פר טרייבן אבר צום עסן ציהט ער די שפע פרנסה אויף זיך מיט דעם וואסר גיסן דרום מוז ער גיסן פון דר רעכטע האנט אויף דר לינקר אונ דיא הענט אין דר הייך צו הייבן גלייך וויא ער וויל עפיס אנטפאנגן · אונ דר עיקר איז אז דיא פינגער זאלן רעכט גוואשן ווערן · אונ מען מוז איין קוואטירל וואסר אויף איין מאל אויף גיסן · אונ איטליכר גהער צו לערנן הלכות נטילת ידים :

אונ דאס רעכט וואשן ברייינגט דעם מענטשין צו עשירות · אזו וויא רב חסדא האט גזאגט

איך האב מיך גוואשן מיט פיל וואסר האט מיר הש"י עשירות געגעבן אבר איר זאלט ניט זאגן מיר זעהן דאך פיל לייט וואס וואשן זיך מיט פיל וואסר אונ האבן דאך פארט דעם דלות דם זאלט איר ניט טראכטן נייערט איר זאלט מיין ניט טאן נאר אזו ווי מיר האבן אייך גשריבן אונ דאס איז אייך צו גוטן · מען גהער זיך דוקא פון איין כלי צו וואשן אונ אויב מען וואשט זיך פון אהאנט פאס וואס דרינן איז דא אצאפין מוז מען אלע מאל צווישן איטליכן גאס אריין טאן דעם צאפין אונ זאל אים ווייטר עפענן דען עס מוז ביי דעם וואשן כח גברא זיין דאס איז טייטש כח פון אמענטשין אונ מען טאר זיך ניט וואשן מיט אזו איין וואשר וואס לויפט פון זיך זעלבסט דהיינו פון איין בעך וואשר אונ איי מען וואשט זיך פריער די פינגערלאך פון דר האנט אראפ נעמען דהיינו אז ער איז מדקדק אויף די פינגערלאך אונ נעמט זיי אראפ בשעת ער טוט עפיס איין ארבעט · גילדערנע אדר זילבערנע פינגערלאך סייא די פינגערלאך זיצן לויז אויף דעם פינגער אונ סאיי זיי זיצן פעסט מוז מען פר דעם וואשן אראפ נעמן :

אויך טאר מען זיך ניט וואשן מיט אזוא איין וואסער וואס איז מיט איר אמלאכה

גטאן גווארן דעסט גלייכן אויב עס האט זיך גיווייקט ברויט אדער אנדערע מאכלים אין דר וואסר טאר מען זיך מיט די וואסר ניט וואשן אונ ווען מען האט אריין גטאן אין דר וואסער אתרוג אדער לימנע בכדי די וואסער זאל שמעקן מיט דר וואסר מעג מען זיך יוא וואשן אונ איי מען וואשט זיך צום עסין זאל מען פריער זאגן דיא תפלה אויף פרנסה :

גאט דוא ביסט איין דר בארמיגר אונ איין ריכטער · דוא שפייזט מיט דיין גנאד אלע

בשעפניש פון דער וועלט פון דיא גרויסע וויזעל טיר ביז אין קלענסטן בשעפניש אזו וויא דו האסט גשריבן אין דיין תורה · ער גיט שפייז צו די גאנצע פארכטער אונ טוט זיך דער מאנען זיין שבועה דען די אויגין פון אלע בשעפניש טוען צו דיר האפן אונ דו גיסט זייא זייער עסין אין דר צייט · דו טוסט עפענן דיין מילדי האנט אונ טוסט שפייזן אלע די וואס לעבן מיט דיין ווילן דו גיסט ברויט צו אלע קרייטר דען צו אייביג איז דיין גינאד ·

דרום בעט איך דיך גאט עס זאל זיין דר ווילן פון פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן דו ביסט גאט אונ ביסט גוועזן גאט אונ וועסט אייביג זיין גאט מיר זיינן דיא קינדר פון אברהם יצחק ויעקב דיינע קנעכט מיר האפן אונ ווארטן צו דיין גינאד אונ צו דיין הילף וויא איין קנעכט האפט צו זיין הערן אונ וויא איין דינסט מויד צו איר ווערטין · אזו האבן מיר גטאן אונזרע אויגן צו דיר גאט אונזער גאט ביז דוא וועסט מיך לייט זעליגן אז איך אונ מיין גזינד זאל זיין אין כלל פון דיין רחמנות אונ חן אונ חסד אז דו זאלסט געבן אונזר שפייז מיט דיין היילגע אונ מילדי האנט ברויט צו עסין אונ קליידר צו קליידן אונ עס זאל אין אונז מקוים ווערן דר פסוק צו אבינט זאלט איר פלייש עסין אונ אין דר פריא זאלט איר זעטן מיט ברויט צו זעטיקייט צו בענטשונג צוא לעבן פון דר אויברשטר שפע מיט דעם זכות פון דיא שמות הקדושים וואס גייען אויס די פסוקים חאטשע איך וויים ניט מכוון צוא זיין די שמות וואס גהער צו דער תפלה פון דעסט וועגין זאלסטו מיך בענטשן גלייך מיט אנדרע וואס ווייסן יוא מכוון צוא זיין אונ זאלסט מיר געבן פרנסה פון דיין היילגע מילדי האנט ניט דורך די הילף אונ די גאב פון מענטשין עש זאל אין מיר מקוים ווערן דר פסוק איך האב ניט גיזעהן קיין צדיק אז זיינע קינדר זאלן בעטן ברויט ניט פאר לאז מיך גאט · אונ מיינע קינדר אונ קינדש קינדער זאלסטו אויך ניט פאר לאזין · דר גאך זאגט מען מזמור לדוד יי רועי לא אחסר דען אין דעם מזמור איז ז״ן דאש אין זיבין אונ פופציג ווערטער אונ ז״ן איז טייטש שפייז · אונ אין דעם מזמור איז אויך פר האנדין צוויי הונדערט אונ זיבן אונ צוואנציג אותיות דאש בטרעפט אזו פיל וויפיל ברכה אז השי״ת זאל אונז איין ברכה שיקין אין אונזער פרנסה אונ מיר זאלין קיין נויט ניט ליידן ח״ו דרום גיהער מען דעם מזמור ערינסט בכוונה זאגין · עס זיינען פר האנדין פיל בעלי בתים וואס אין דער היים אין זייער הויז וואשן זיי זיך רעכט אזו וויא דער דין איז אונ אונטר דר וועגינש זיינען זיי ניט מדקדק מיט דעם וואשן · אונ עס איז פר האנדן אטייל וואס שעמן זיך צו וואשין אדרבה עס איז אקידוש השם ווען זיי זיינן מדקדק אין די מצות :

אונ ווען איינר איז אונטר וועגינס אונ האט קיין כלי ניט זיך צו וואשן מעג מען זיך וואשן מיט איארמילקע אדר אקאלפאק · אבר מיט דר בלויזר האנט טאר מען זיך ניט וואשן אבר ער דארף פריער צו זעהן אז די יארמילקע זאל ריין זיין פון שווייס אדר אנדרע מיאוסקייט אונ ווער עס איז מדקדק אונטר וועגינס אין דיא מצות פון השי״ת ווערט אויף אים גזאגט דר פסוק אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה׳ איז טייטש וואול איז צו די לייט וואס גייען אין גאטש וועג אפילו אונטר וועגינס :

אויך ווען מען מאכט המוציא זאל מען אן נעמן דאס ברויט מיטביידע הענט דהיינו מיט אלע צעהען פינגער קעגין דיא צעהן מצות וואס מיר זיינן גבאטן ביי דר תבואה אונ קעגן די צעהן ווערטר וואס איז אין די ברכת המוציא אונ אז מען האלט ביי דר שם פון דר ברכת המוציא זאל מען דאס ברויט אין דר הויך אויף הייבן אזו שרייבט דר מגן אברהם מען גיהער די המוציא דרייא מאל אין זאלץ איין טונקען · עש איז איין גרוישר סוד דרויף אונ אויך גיהר מען אביסל מפסיק זיין אין ברכת המוציא צווישן דעם ווארט לחם אונ צווישן דעם ווארט מן הארץ נוא זעהט איר ליבע לייט וויפיל קדושות עש איז פר האנדין ביי דר המוציא אונ מען גהער אשטיקיל פון דר המוציא איבר לאזן אונ מען זאל דאס עסין פאר דעם בענטשן כדי דר טעם פון מוציא זאל אין מויל בלייבן אונ וייל די ברכה על נטילת ידים גיהער צוא דר המוציא דרום טאר מען ניט מפסיק זיין צווישן די הענט וואשן אונ

צווישן

צווישן דער המוציא אונ אויב מען איז מפסיק צווישן דעם וואשן אונ צווישן דער המוציא
אזו לאנג וויא מען קאן גיין צווייא אונ צוואנציג איילן מוז מען זיך איבר נייס וואשן :
עס שטייט אין ירושלמי ער האט גזאגט רבי יצחק בר אבין ווער עס איז ניט מפסיק
צווישן קריאת שמע אונ צווישן שמונה עשרה איז אויף דעם זעלביגין דער שטן
ניט מקטרג דעם גאנצן טאג אונ ווער עס איז ניט מפסיק צווישן דעם וואשן אונ צווישן
דר המוציא האט דר שטן קיין שליטה ניט איבר דעם עסן אונ כל זמן ער עסט נאך די
המוציא דהיינו מען האלט דעם כזית המוציא נאך אין מויל טאר מען ניט מפסיק זיין ·
רבי מנחם שרייבט ווען מען זיצט ביי דעם טיש אונ איינר וואָרט אויף דעם אנדערן
אונ זיי זיינן דר וויל ליידיג פון תורה ומצות דענסט מאל איז דר שטן מקטרג דרום
גהער מען גווארינט זיין צו ברייננן אויף דעם טיש ברויט אונ זאלץ · אונ דענסמאל
קען דר שטן ניט מקטרג זיין דען זאלץ איז מגין אויף אלע פורעניות דען דר טיש איז
גגליכן צו איין מזבח אונ דאס ברויט צו איין קרבן אונ ביי איטליכן קרבן האט מען
דאך גדארפט האבן זאלץ · דרום גהער מען זעהן ביי דר המוציא אויך זאלץ צו האבן :
עס איז איין מצוה איבער דעם שענסטין ברויט המוציא צוא מאכין ובפרט איבער אגאנץ
ברויט · אונ ווען עס ליגט פר אים איין גאנץ ברויט פון קארין אונ אשטיק ברויט פון
ווייץ גהער מען המוציא צוא מאכין איבער ווערכין עס איז אים ליבער צוא עסין אונ ווען
מען מאכט המוציא איבר אגאנצן ברויט זאל מען עס אויף שניידין אויף דר זייט דארטין
וואו עס איז אויס גבאקן · מען גהער צו זעהען פון זיין עסין ארימע לייט צו געבן אונ
אז מען גיט דעם ארומאן זאל מען אים געבן מיט כבוד · אונ ווען איינר קומט צוא דיר
עסין זאלסטו פאר אים זעלבסט שניידן דאס עסין אונ זאלסט אים געבן מיט שמחה אונ
ווער עס איז זיך אזו נוהג איז ער זוכה צו פיל ברכות אונ דר טיש איז אויף אים מכפר וויא
דער מזבח האט מכפר גווען נוא ווען דער טיש איז יוא גיגליכן צו דעם מזבח דרום מוז
מען אויך איין חלק געבן פון דעם עסין צו הש״י דהיינו עניים פון דעם עסן צוא געבין אזו
וויא ביי דעם קרבן זיינען גוועזן אנשי מעמד לומדים דרום מוז מען אויך זעהען לומדים
ביי זיין טיש צו האבן אונ ביי דעם קרבן האבין די לוים מזמורים גזונגען אונ דאס בענטשן
איז אויף דעם ארט פון מזמורים דרום זאל מען זעהן מיט כבוד צו בענטשן אונ מזמורים
צו זאגן אטייל לייט זאגן מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר מיר האבן שוין גשריבן וואס דאס בטייט
אונ דער מזמור איז מציל פון דין גהנם ווען מען האט זיך ריין גהאלטין פון עבירות · אבר
דער וואש איז איין למדן זאל זיך ניט פאר לאזין אויף אמזמור נייערט ער מוז בייא דעם
טיש לערנן · איך האב גפונן אין איין ספר וויא מען איז זיך נוהג בייא דעם עסן אין לאנד
איטליא ווער עס האט ניט צייט צו לערנן בייא דעם טיש אדער ער איז ניט קיין למדן
זאל ער זאגן דריי פסוקים תורה דאס איז חומש דריי פסוקים · אונ נביאים דש איז עשרים
וארבע אויך דריי פסוקים · אונ דרייא פסוקים כתובים דאס איז תהלים :

דאס איז דרייא פסוקים תורה :

ויאמר יי אל משה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו
למען אנסנו הילך בתורתי אם לא שמות קאפיטל ט״ז : ועבדתם את יי אלהיכם וברך
את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך שמות קפיטל כ״ג : ויענך וירעיבך ויאכילך
את המן אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה
האדם כי על כל מוצא פי יהוה יחיה האדם דברים קפיטל ח׳ :

דאס

דאס איז דרייא פסוקים פון נביאים :

הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו נתן מימיו נאמנים ישעיה ל"ג : למה תשקלו כסף בלא לחם ויגיעכם בלא לשבעה שמעו שמוע אלי ואכלו טוב ותתענג בדשן נפשכם ישעיה כ"ח : הלא פרוס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית כי תראה ערום וכסיתו ומבשרך לא תתעלם ישעיה נ"ח :

דאס איז דרייא פסוקים פון כתובים :

ויין ישמח לבב אנוש להצהיל פנים משמן ולחם לבב אנוש יסעד תהלים ק"ד : טרף נתן ליראיו יזכור לעולם בריתו תהלים ק"א : עשה משפט לעשוקים נותן לחם לרעבים יי מתיר אסורים תהלים קמ"ו :

אונ די בעלי בתים וואס האלטן בייא זייער טיש בחורים אדער לומדים איז זיי וואול אויף דר וועלט · אונ וועלן האבן עולם הבא אויך · דען דאס הייסט תורה אונ צדקה בייא זיין טיש גהאלטן אונ ווען הש"י שיקט צו אים אגוטן גאסט איין למדן זאל ער אים פון דעם בעסטן עסין געבן · אזו וויא מען האט זיך נוהג גיוועזן בייא דעם קרבן אז מען האט דאס בעסטע מקריב גיוועזן צוא הש"י אונ ווער עס טוט אזו איז זיין טיש בוודאי גיגליכן צו איין מזבח אונ איז מכפר אויף זיינע זינד · מען גיהער איבר צוא לאזין ברויט פון דעם עסין דאס ווייזט סימן ברכה · אבר קיין גאנץ ברויט ניט איבר צו לאזין נייערט איין שטיק ברויט · מען גהער דאס מעסער פון דעם טיש אראפ נעמען בשעת מען הייבט אן צוא בענטשין דען דער טיש איז גיגליכן צו איין מזבח אונ אויף דעם מזבח האט מען קיין אייזין ניט גטארט ברייגגן · ביי דעם בענטשין גהער מען זיך בקדושה האלטין אויב עש איז מגלעך זאל ער אן טאן איין אנדר קלייד צום בענטשין אזו וויא מיר האבן גזעהן גוטע פרומע לייט טוען זיך אן איין הוט אדער איין ברייטיל ווען זיי ווילן בענטשין :

מען גהער זיך צו דר מאנן אן חורבן ב"ה פר דעם בענטשין דרום זאגט מען על נהרות בבל אבר שבת טאר מען ניט טרויערין טאר מען אויך ניט זאגין על נהרות בבל אזו זאגט מען שיר המעלות בשוב ה' וגו' אויך זאל מען גווארינט זיין פר דעם בענטשין צוא וואשן דיא הענט מיט מים אחרונים :

אונ ווען מען וויל נעמען דעם כוס פון בענטשין אין דר האנט זאל מען אזו זאגן :

דא בין איך מוכן ומזומן מקים צו זיין איין מצות עשה פון בענטשין וואס גאט האט גיבאטן אזו וויא עס שטייט גשריבן אין דער תורה · דו זאלסט עסן אונ זאלסט זיך זעטין אונ זאלסט צו גאט איין לויב געבן אויף דעם גוטן לאנד וואש גאט האט דיר געגעבן צו לויבן דעם איינציגן גאט צו זיין נאמן אונ צו זיין שכינה · אונ ווען מען נעמט דעם כוס צו בענטשין זאל מען זאגן כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא מען זאל בענטשין מיט גרויש כוונה איטליכם ווארט בזונדר רעכט ארויס צו ריידן הויך אונ מיט כוונה · אונ דאס איז אפילו אז מען עסט אליין · אונ צום בעסטין איז ווער עס גוויינט זיך איגעוויינג צוא בענטשין ווייל דאס בענטשין איז מן התורה · אין ש"ע שטייט ווען מען בענטשט זאל מען דעם כוס אויף הייבין העכר פון דעם טיש אטפח אבער אז מען בענטשט אליין דארף מען דעם כוס ניט אויף הייבן אונ עס מעג בלייבן שטיין אויף דעם טיש :

ווען מען בענטשט מיט מזומן גהער איטליכר ביי דעם טיש ווארט ביי ווארט צו זאגין אונ אמן נאך צו זאגן אויף איטליכר ברכה אבר בעו"ה אין היינטיגע דורות זיינן פר האנדן פיל עמי הארצים

הארצים און לא די זייא בענטשין ניט ווארט בייא ווארט זייא שטיפין נאך און ריידין דברים בטלים און זייען נאך אנדערע אויך מבטל די וועלין בוודאי איין גרויסן עונש ליידן דרום געהער מען דריגען נזהר צו זיין: דר ספר חנוך שרייבט מען גפינט ניט קיין פ׳ אין בענטשן דען דאש ווייזט אויף צארן און דר וואס בענטשט בכוונה איז קיין צארן און קיין רוגז אין אים ניט שולט׳ מען דארף ניט זאגן ברוך הוא וברוך שמו נייערט אז מען בענטשט מיט מזומן מוז מען יוא זאגין ווען מען האלט ועל הבית הגדול והקדוש שנקרא שמך עליו זאל מען ביסיל שטיל שווייגן און דר נאך פון אלהינו ווייטר זאגן׳ אין על הכל זאל מען ניט זאגן אנו מודים לך מען זאל ניט זאגן מאת ה׳ נייערט מעם ה׳ מען זאל זאגן אל בכל יום ויום און ניט שבכל יום:

ווען שלש סעודות גווערט ביז נאכט פון דעסט וועגן מוז מען ׳פארט זאגן רצה אין בענטשן און ווען אבער שביתות צו נאכט איז ר״ח און דער שלש סעודות האט גווערט ביז נאכט געהער מען צו זאגן יעלה ויבא און ניט רצה און דאש איז דוקא אז מען האט בייא נאכט אויך גגעסין ברויט איז דער דין מען זאל זאגין יעלה ויבא און ניט רצה אבר אז מען האט ביי נאכט ניט גגעסן קיין ברויט איז דר דין אז מען זאל זאגן רצה און ניט יעלה ויבא׳ ווען מען טרינקט ביי דעם טיש מעד געהער מען צום בענטשן איבער לאזין מען זאל דעם כוס אין דער רעכטע האנט האלטן און מיט דער לינקער האנט ניט אונטער צו לעהגן דעם כוס׳ און דוקא דעם כוס זעלבסט טאר מען מיט דער לינקע האנט ניט אן רירין אבר ער מאג מיט דער לינקע האנט אונטער לייגן דיא רעכטע האנט דעם כוס אויף דר רעכטער האנט צוא שטעלן און מיט די פינגר ארום האלטן׳ אויך זיינען אטייל לייט זיך טועה און זאגן ווען איינר טרינקט אוים איין כלי זאל דר אנדרר וואס טרינקט דר נאך פון דר כלי קיין ברכה ניט מאכן דאס איז ניט רעכט נייערט איטליכר בזונדר מוז אברכה מאכן אפילו צעהן טרינקן איינש נאך דעם אנדרן מוזן זיי איטליכער בזונדר אברכה מאכן דען מען טאר קיין הנאה ניט האבן אויף דר וועלט אן איין ברכה חאטשע דר כוס איז פגום אבר צו קידוש און צוא הבדלה טאר מען ניט נעמן אזו איין כוס וואס איז פגום:

דרייא לייט וואס עסן בייא איין טיש און איינר עסט מילכיגס און דיא אנדרע צווייא עסין פליישיגס דר וואש עסט מילכיגס דעם קומט דש בענטשן דען ער קאן דר נאך פליישיגס עסן אבער ווען ער האט גגעסן אלטין קעז טאר ער ניט בענטשן מיטן מזומן דער ער קאן דער נאך ניט עסין קיין פליישיגס: דר ט״ז שרייבט ווען איינר האט זיך גזעצט עסין און האט גמיינט אז דאס ברויט וועט זיין גינוג פון זיינט וועגן און דער נאך האט ער זיך גמוזט נאך ברויט קויפין דען עס איז קארג גיוועו פון זיינט וועגן מוז ער ווידער איבר דעם אנדרן ברויט המוציא מאכין: ווען צווייא האבן גגעסן און דער נאך איז דר דריטר אריין גקומען און האט ברכה גמאכט אזו קומט דאס בענטשן דעם וואש האט גגעסין דעסט גלייכן ווען איינר האט זיך זאט אן גגעסן און דר אנדרר האט זיך ניט זאט אן גגעסן זאל בענטשן דר דאזיגר וואס האט זיך זאט אן גגעסין:

דער ספר חסידים שרייבט איין מעשה איינר איז נאך זיין טויט גקומן צו זיין קרוב צו חלום און האט אים דר ציילט אז מען איז אים אלע טאג דן ווייל ער האט ניט מדקדק גוועו אין דר ברכה המוציא און דעסט גלייכן פר וואס ער האט ניט גמאכט קיין ברכה איבר פירות און האט ניט ערינצט גבענשט און מען האט צו אים גזאגט אויף יענר וועלט דו האסט ניט מער גגעסן נאר פון דיין הנאה וועגן האט מען אים גפרעגט משפט הגיהנם גווערט דאך ניט מער אז צוועלף חדשים און דו ביסט דאך שוין לאנג טויט האט ער גענטפערט פריער איי מען קומט אין גיהנם מוז מען פיל

יסורים אוים שטיין אבר זיי זיינען ניט אזו שטארק אבער דיא יסורים וואס מען מוז ליידן צוועלף חדשים אין גיהנם דיא זיינען ביטער אונ הארבע יסורים · מען גיהער זיך מיט גרויש דרך ארץ נוהג זיין באיי זיין טיש ניט גייצונג צוא זיין גלייך אז ער זיצט באיי איין מלך אונ דער מלך מלכי המלכים איז דאך פול דיא גאנצע וועלט ער זעהט דאך אפילו וואס מען שטיפט בחדרי חדרים :

איצונד וועלן מיר שרייבן וואס עס איז גזונט דעם מענטשן צו עסין אדר וואס עס איז אום גזונט צו עסן בכדי דר מענטש זאל זיך היטן דר פון תמיד זאל מען זעהן אז די גדערים זאלן שלאף זיין כלומר ניט הארט לייביג דאס איז דר עיקר צוא דיא רפואות דען ווען דר אויס גאנג פון דעם מענטשן גייט שווער שלאגט פיל קריינק נאך דר צו נאך אייניש איז דעם מענטשן צו גזונדיקייט אז מען עסט ניט איבעריג אונ זיינע גדערים זיינן ניט פאר שטאפט איז ער פר זיכערט פון קריינק אונ זיין כח טוט זיך שטארקן אפילו ער עסט קיין רעכטע עסן ניט אבר דר וואס איז אליידיג גייער אונ טוט קיין שום ארבעט ניט אונ האלט זיך אויף זיין אויס גאנג אונ זיינע גדערים זיינן פר שטאפט אזו ווען אפילו ער וואלט געגעסן כל מיני מעדנים אונ זאל תמיד נאך גיין נאך רפואות אזו העלפט אים דאס אלץ ניט אונ דר זעלביגער איז תמיד שלאף אונ קראנק אונ אכילה גסה איז טייטש איבעריג עסין איז אום גזונד וויא סם המות אונ אלע קריינק שלאגן צו דר פון · אויך זאל מען זיך היטן גרויסע פיש וואס ליגן שוין לאנג אין זאלץ זאל מען זיי ניט עסן אונ אלט גזאלצינס קעז אדר פלייש אונ יונגן ווין · אונ אלט גקעכטין וואס איז שוין פר שטונקן זאל מען אויך ניט עסן · קיין אום צייטיגע פירות זאל מען אויך ניט פיל עסן סייא פרישע פירות אדר גדארטע דען זיי זיינן אזו שארף צום לייב וויא איין שווערד · אום צייטיגע זויערע פירות ווייניג צוא עסין :

אום זומר אין ווארעמע לענדר פייגן מאנדלען ווין טרויבן סיי פרישע אדער דארע זיינן זיי גזונד צוא עסן · האניק אדר ווין פר יונגע לייט איז עס ניט גזונד · אונ פר אלטע לייט איז עס גזונד · מיט דעם טרינקן גהער מען זיך אזו נוהג זיין אז מען עסט זאל מען ניט פיל טרינקן אבר נאך דעם עסן מאג מען טרינקן וויפיל מיקאן אויף איין מאל אום טרינקן בכדי דאס עסן זאל זיך אראפ שווייקן אויס דען מאגן · אזו זאגין אונזערע חכמים דר וואס מאכט זיין עסין שווימן כלומר ער טרינקט נאך דעם עסין דר איז באהיט פר אלע קראנקייט אויך זאל מען זיך גוויינן קלארע אבילות צו עסין דען פון קלארע אבילות בלייבט דר שכל קלאר · אונ פון גראבע אבילות ווערט דער שכל אונ דאס הארץ פר שטאפט מען קען דאך דיש אויס קלערן אונ אויס שפירן אז איידעלע לייט אדר שטאט לייט זיינן תמיד קלערר אונ קליגר אז די דארף לייט דאש ברייננט אלץ דאס עסן ווייל זיי עסן איידעלע אונ קלארע עסינס :

אונזערע חכמים זאגן עסן אונ ניט גטרונקן איז זיין עסן בלוט אונ עס קומט דר פון חולי המעים אונ דאס איז אלץ גרעט גווארין ביי דעם עסן פון דר פריא אבר דאש עסין וואס צו אבינט ווען מען עסט אונ מען גייט ניט פיר איילן דר נאך אזו פוילן אים זיינע גדערים אונ זיין אטום שטינקט דר פון · אונ ווען מען דארף זיין אויס גאנג טאן אונ מען טוט ניט אונ מען גייט אזו עסין איז גלייך וויא מען וואלט איין גהייצט אין איין אויבן אונ מען שארט ניט אוועק פריער דעם אש אזוא דעמפט זיך גאר דאש

פייער אונ עס קאן ניט רעכט ברענען אזו אויך קאן דאס עסין ניט פר לענט ווערין אונ עס קומט גרויסע חולשות דער פון · אויך איז זייער מסוכן צוא עסין אדער צוא טרינקען שטייענדיג · מען איז זיך נוהג צוא וואשין צווישן פיש אונ פלייש דען עס איז איין סכנה אבר עס איז נאך בעסר מען זאל טרינקען צווישין פיש אונ פלייש מען שווייגקט אוים דעם מאגן פון דעם ערשטן איי מען עסט דאס אנדערע :

ברכת הנהנין

אונזרע חכמים שרייבן מען טאר קיין הנאה ניט האבין אויף דער וועלט אן אברכה אונ ווער עס עסט אן אברכה איז גליך אז ער וואלט געגעסן הקדש · אונ ווען איינר ווייס ניט די ברכה פון דר זאך זאל ער גיין צו אלמדן פרעגן אונ זאל בייא אים לערנן סדר הברכות בכדי ער זאל אן גאט ניט פעלשן דען דר וויש האט הנאה אן אברכה דר גזלת כל ישראל דען עס קומן גרויסע צרות דורך דעם אונ דר זעלביגר ווערט גרופן אחבר צו ירבעם בן נבט דרום וועל איך פאר שטעלן די דינים פון אלע ברכות · אונ ניט וויא אטייל אונוויסינדע מענטשן זאגן אז מען מאכט שוין שהכל איבר אלין דינג איז מען יוצא דאס איז ניט אמת נייערט ווען ער האט ניט ביי וועמען צו פרעגן דעם דין פון דר ברכה איז בעסר איי ער זאל עסין אן אברכה אדר טרינקן אן אברכה זאל ער לכל הפחות מאכן שהכל · אבער אז מען האט ביי וועמען צו פרעגן די ברכה איז מען מחויב אים צו פרעגן דען איטליכע זאך האט לפי חכמינו הקדושים איין אנדר ברכה דרום גהער מען די ברכות ניט פר גרינג האלטן · אונ מען מוז לערנען אונ פרעגן די דינים פון ברכות דרום שטעל איך פר אייך אלע די דינים פון ברכות :

איצונד שרייבט מען פאר אייך דיא דינים פון המוציא :

ווען ער האט אשטיק ברויט אונ האט ווידר אגאנצן לעביל ברויט אונביידע זיינן פון איין מין מוז ער איבר דעם גאנצין ברויט המוציא מאכן · אבר ווען דאס גאנץ ברויט איז גראב ברויט אונ דאס שטיקל איז ווייצן ברויט זאל מען דאס גאנץ ברויט אוועק לייגן אונ מען זאל איבר דעם שטיקל המוציא מאכן · אום שבת מוז מען איבר גאנצע חלות קידוש מאכן אונ ווען איינע פון די חלות איז צו בראכן גווארן מעג מען די ביידע שטיקר באננדר מיט אהעלצ׳יל שטעכן אונ צום אויף נעמן · ווען איינר עסט ניט קיין פת א״י אונ האט ביי זיך אורחים וואס עסן יוא פת א״י אזו מוז דר בעל הבית המוציא מאכן איבר פת א״י אויב עס איז נאר שיין דען פון די אורחים ווען מעג דר בעל הבית אויך עסן דאס פת א״י דר כלל איז דאס ברויט וואס איז ביי אים מער חשוב זאל מען דריבר המוציא מאכן · אפרומר מאן איז זיין סעודה תמיד אסעודת מצוה דען זיין כוונה איז ניט מיט דעם עסין צו טאן דעם יצה״ר זיין ווילן נייערט ער זאל כח האבין הש״י צוא דינען דען דוד המלך האט גיזאגט צו זיין זון שלמה המלך אין אלע דיינע ווענן זאלסטו וויסין הש״י אונ ליב האבן אים דען דרוואס עסט נאר פון זיין הנאה ווערן דר ווערט ניט גלויבט · אויך זאל מען זיך ניט גוויינן קיין אכילה גסה צו עסין אפילו אזעלכע עסין וואס זיי זיינן גאנץ גוט דען איין אכילה גסה איז אזו שווער צום גוף וויא אשווערד :

אונזרע חכמים שרייבן זיי האבין גפונן אין ספר רפואות תמיד זאל דר מענטש אפ ברעכין אדריטל פון זיין עסן אונ ווער עס טוט אזו דר ווערט ניט באלד קראנק דען אכילה גסה ברייגט דעם מענטשן צו שלאף אונ צו בייזע קרייגק ח״ו · אונזרע חכמים שרייבן ווער

הייסט איין גבור דר וואס בצווינגט דעם יצה״ר מיט זיין עסין ניט איבעריגע צו עסן אונ דר זעלביגר בלייבט שטארק ביי זיין גיזונט · אויך זאגן אונזרע חכמים אין בעסטן עסן אז דו עסט עש גישמאק אונ דאס עסין שמעקט דיר ציא דיין האנט אוועק אונ צווייא ערלייא גוטץ קומט דר פון איינס עס איז אים ניט מזיק · דאס אנדערע ער צווינגט זיין יצה״ר דען דער וואס עסט וויא פיל ער גילוסט הייסט דאס אכילה גסה אכילת רשעים:

אויך שרייבן אונזרע חכמים אזו וואול אז דר חכם איז אפ גישייד פון אנדערע לייט מיט זיין חכמה אזו גהער ער אויך אפ גשייד זיין מיט זיין עסין אונ מיט זיין טרינקן אדר דערסט גלייכן מיט אנדערע וועלטליכע זאכן דהיינו מיט זיין גאנג מיט זיינע קליידר מיט זיין משא ומתן אונ דר וואס טוט אזו ווערט אויף דעם זעלביגן גזאגט דר צדיק עסט צו זעטן זיין לייב דהיינו מיט ווייניג עסן איז ער זאט אונ ציהט זיין האנט אוועק פון דעם עסין אונ עסט ניט אכילה גסה אונ דר למדן גהער פשיטא אפ גשייד זיין פון אנדערע לייט מיט זיין עסן אונ ניט שיכור צו זיין דען שכרות ברייננגט פיל בייז · עס שעדיגט זיין לייב אונ ער פר לירט זיין שכל אונ עס קומט פיל עבירות דר פון דען דר יצר הרע קומט אנדרש ניט צום מענטשן נייערט ווען ער איז פול פון עסין אדר טרינקן אונ איין שיכור האט קיין בושה ניט אונ שעמט זיך ניט פאר קיינעם אונ רעט חוצפה אונ ניבול פה:

מען גהער אזכות צו זוכן אויף די לומדים וואס טרינקן זיך אן ביז זיי זיינן שיכור אויף חתונות אדר אויף אנדערע סעודות מצוה ווארום עס איז בוודאי זייער כוונה לשם שמים בכדי זיי זאלן דורך דעם טרינקן לוסטג אונ פרייליך ווערן אונ זיינן משמח חתן וכלה מיט זייערע פרייליכע רייד · אונ די לומדים זיינן זיך מפלפל דען ווען דר למדן איז פריילעך אזו איז מען אים מגלה סודות התורה אונ דר שכל איז ביי אים דערנסט מאל קלאר אבר דר למדן אליין גהער זיך דר פון היטן אונ זאל זיך פר ענטפרן פר אנדערע לייט אז ער טוט דאס לשם שמים אזו וויא מיר האבן גשריבן אז דורך דעם פרייליכקייט קומט צו זיי תורה · אויך גהער זיך דר מענטש צו לאזן בנוגן מיט דעם וואס הש״י הט אים געגעבן אזו וויא מיר האבן שוין גשריבן דר פון דען דאס איז די מדה פון צדיקים זיי לאזן זיך בנוגן מיט דעם וואס גאט האט זיי געגעבן אונ גיבן דרויף שבח והודיה צו הש״י אבר די רשעים זיינן תמיד הונגעריג אונ האבן קיין מאל ניט גנוג אונ זיי גלוסטן תמיד מער האבין אזו וויא די וועלף האבן קיין מאל ניט גינוג:

אויך זאל דר למדן גווארינט זיין ניט צו עסין אויף סעודות נייערט ער זאל פריער וויסן מיט וועמן ער וועט זיצן (מגן אברהם) · דאס האב איך גישריבן בכדי אז מען זעהט אמאל גייט איין למדן ניט אויף קיין סעודת מצוה זאל מען אים דן זיין לכף זכות · אונ מען זאל עס ניט האלטן פר קיין גאוה דרום זיינן מיר איך מודיע אז סיי איין עושר אדר איין ארומן ווען ער גייט צום טיש זאל ער גיין מיט שמחה אונ זאל זיך משמח בחלקו זיין מיט וואס גאט האט אים געגעבן אונ זאל זיין טיש צו דעקן ווארום דר. מיט ווייזט ער אז ער לאזט זיך בנוגן מיט דעם וואס גאט האט אים גילייט זעליגט:

דר רמב״ם שרייבט וייל ווען דר מענטש איז ח״ו קראנק האט ער קיין כח ניט גאט צו דינען דרום גהער ער זיך היטן ניט צו עסן אום גזונטע עסינס · מען זאל ניט עסן נאר אז מען איז רעכט הונגריג אונ מען זאל קיין איבעריגס ניט עסן נאר תמיד אפ צו ברעכן אדריט חלק פון זיין עסן אדר לכל הפחות האטשע אפערטיל אפ צו ברעכן · אונ נאך דעם עסן זאל ער אקליינע ווילע בלייבן זיצן אויף זיין ארט וואס ער האט גיגעסין אונ אויך זאל ער זיך ניט

מיד מאכן תיכף נאך דעם עסין וואָרום ער ברייננט אויף זיך ח״ו שלעכטע קריינק :
אונ ווען מען גייט שלאָפן אויף דר נאכט זאל מען זיך צום ערשטין לייגין אויף דער לינקר זייט אונ פר טאג זאל ער זיך אום קערין אויף דר רעכטר זייט אונ באלד צו שלאָפן נאך זיין עסין · אום זומר גהער מען צו עסין קאלטע עסינס אונ אום ווינטער גיהער מען ווארימע עסינס צוא עסין אונ מיט בשמים :
איצונד וועלן מיר אן הייבן צו שרייבן איבר וועלכין ברויט מאכט מען המוציא אונ איבער וועלכע מען מאכט מזונות · ווען מען קנעט איין טייג מיט שמאלץ אדער מיט האניק מאכט מען איבער דעם מזונות :
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא מיני מזונות :
ווען מען עסט ווין טרויבין אדר פייגן אדער אייל בערטן אדר מיל גרוימען אדער טייטלען מאכט מען פריער דיא ברכה :
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי העץ :
אויף ווין מאכט מען די ברכה : ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן :
אונ נאך דעם מאכט מען איין ברכה אחרונה :
נאך דעם טרינקן ווין · אדער נאך דעם עסין פון דיא מינים וואס מען מאכט דיא ברכה מזונות · אונ נאך יעדער פון די פינף בוימפריכטען · ווין טרויבין · פייגין · מיל גרוימען · אייל בערטין · טייטלען · נאך דעם עסין דיא אלע זאכן זאגט מען דיא ברכה אחרונה :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם על

ווען מען האט גיטרונקען ווין זאגט מען נאך דעם דאש
הגפן ועל פרי הגפן

ווען מען האט גיגעסין פירות פון די לויב פון ארץ ישראל זאגט מען דאש
העץ ועל פרי העץ

ווען מען האט גיגעסין גיקעכץ פון דיא פינף מינים פון קארין זאגט מען דאש
המחיה ועל הכלכלה

ווען מען האט גיגעסין פון די פינף מינים וואש מען מאכט מזונות אונ מען האט גיטרונקען ווין אויך זאגט מען דאש
המחיה ועל הכלכלה ועל הגפן ועל פרי הגפן

ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה · רחם (נא) יהוה אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מזבחך ועל היכלך · ובנה ירושלים עיר הקדש במהרה בימינו והעלנו לתוכה · ושמחנו בבנינה ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדושה ובטהרה בשבת ורצה והחליצנו ביום השבת הזה · בראש חודש וזכרנו ביום ראש החדש הזה · בראש השנה וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה · בפסח ושמחנו ביום חג המצות הזה · בשבועות ושמחנו ביום חג השבעות הזה · בסוכות ושמחנו ביום חג הסכות הזה · בשמיני עצרת ושמחת תורה ושמחנו ביום שמיני העצרת החג הזה · כי אתה יי טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ

אויף ווין
ועל פרי הגפן : ברוך אתה יהוה על הארץ ועל פרי הגפן :

אויף פירות
ועל הפרות : ברוך אתה יהוה על הארץ ועל הפרות :

אויף גיקעכץ
ועל המחיה : ברוך אתה יהוה על הארץ ועל המחיה :

אויף גיקעכץ אונ אויף ווין
ועל המחיה ועל פרי הגפן : ברוך אתה יי על הארץ ועל המחיה ועל פרי הגפן :

איבער קעז אדר פיש אדר פלייש איבר ביר אדער וואסער אדער מילך אדער מעד מאכט מען דיא ברכה :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו :

אונ דער נאך מאכט מען דיא ברכה :

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא נפשות רבות וחסרונם על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי ברוך חי העולמים :

אונ ווייל מיר האבן גזעהן אז די גמיינע לייט זיינן ניט נזהר אין דר ברכה אחרונה זיי מיינען אז מען בדארף נאר בורא נפשות מאכן נאך אלערלייא מאכלים דרום שרייבן מיר אייך אז דאס איז בוודאי ניט רעכט דען אין איטליכן בשעפעניש איז פר האנדן אברכה ראשונה אונ אין ברכה אחרונה · נוא דר זעלביגר וואס איז ניט נזהר אין די ברכות אזו גזלת ער די זעלביגע באשעפינש · דרום האב איך אייך בשיידליך גשטעלט די פיר ברכות אחרונות האטשע איך האב זיי דאך ניט גיפונען אין קיצור של"ה בכדי עס זאל אייך ניט פעלין אלע דינים וואס דער צוא גיהער :

איבר פענצן וואס זיינן נאך ניט צו ווייקט אין ביר מאכט מען המוציא אונ די ערשטע ברכה אחרונה וואס מיר האבן פריער שוין גשריבן :

אונ וואס פר איין עסין אדר טרינקן עס ווערט גיבראכט אויף דעם טיש נאך דער המוציא דארף מען דריבר קיין ברכה ניט מאכן · אז מען וויל טרינקן בראנד וויין ביי דעם טיש בדארף מען אויך ניט קיין ברכה מאכן נאר אז מען זאל אים דעם וויין אשטיקל ברויט איין טונקען איז מען שוין יוצא · אבר איבר פראסטע וויין מוז מען יוא אברכה מאכין האטשע ער קומט אין מיטין דעם עסין אונ די איבריגע ברכות זיינן שוין אין דיא סידורים גידרוקט גיווארין · אונ ווער עס וויל אין זיי נזהר זיין קען ער זיי גפינן אין ברכת הנהנין איטליכער פרומר מאן זאל אין זינען האבין בשעת ער מאכט המוציא אז אלע די עסין ווארג וואס מען וועט אים ברייננען פאר דעם בענטשין זאל ער מיט דער המוציא מוציא זיין · דאס גלייכין ווען ער מאכט אברכה איבער אפרי זאל ער אין זין האבין אז אלע דיא פירות וואס מען וועט אים דער נאך ברייננען זאל ער מיט דער ערשטער ברכה מוציא זיין :

ווער עס בענטשט איבר ביר אדר איבר מעד אדר איבר וויין אונ ער וויל נאך דעם בענטשן נאך טרינקן חוץ דעם כוס וואס ער בענטשט אויף אים זאל ער נאך דעם ערשטין כוס קיין ברכה אחרונה ניט מאכן נוא מעג ער שוין טרינקן וויפל ער וויל אונ דער נאך זאל ער ערשט די ברכה אחרונה מאכין · דר ספר חסידים שרייבט ווער עס וויל עסין נים טאר ער קיין ברכה ניט מאכן ביז ער עפינט פריער אויף דעם נוס ווארום טאמר איז ער ווערימדיג נמצא וועט עס זיין אברכה לבטלה דש גלייכן אנדרע פירות וואס איז דר סדר זיי אפ צו שיילן זאל ער זיי פריער אפ שיילן אונ דר נאך אברכה מאכן בכדי עס זאל ניט זיין קיין הפסק נאך דר ברכה: איך וועל אייך שרייבן דעם כלל פון דיא ברכות איבר וועלכע זאכן מען מאכט בורא פרי האדמה · אונ איבער וועלכע מען מאכט בורא פרי העץ · איין ביימיל וואס בלייבט בשטיין איבר דעם ווינטר האטשע עס ווערט גאר קליין איבר דעם ווינטר אויב עס וואקסט גאר ווידר אויף דעם בוים פירות אום זומר דארף מען איבר די פירות מאכן העץ · אבער ווען דאס בוים בלייבט ניט שטיין איבר ווינטר נייערט דאס בוים ווערט פר פוילט אונ אלע זומער וואקסט אוים איין אנדערר מאכט מען איבר די פירות אדמה · אזו איין זאך וואס איז בעסער צו עסין גיקאכטר הייד אידער רויער הייד מאכט מען גיקאכטר הייד איבר

דעם אדמה · אונ רויער הייד שהכל · איבער זויערע קרויט חאטשע רויער הייד מאכט מען אדמה · אבער איבר דעם ראסיל פון קרויט מאכט מען שהכל · איבער האלין עפיל מאכט מען שהכל · דיא איבעריגע ברכות פון ברכת הנהנין גפינט מען אין דיא סידורים צוא איטליכן באזונדער דיא ברכה וואס דער צו גיהער :

איבר קרייטיכר וואס מען שמעקט מאכט מען ניט קיין שהחיינו אויב מען שמעקט זיי · אונ דער טעם איז וואס מען מאכט ניט שהחיינו איבר בשמים שמעקין ווארום פון דעם שמעקן האט נאר די נשמה הנאה דרום שיקט זיך ניט צו מאכין שהחיינו דאס איז טייטש גילויבט ביסטו גאט וואס דו האסט אונז גלאזט אזו לאנג לעבן ביז צו דער צייט · ווארום דאס שיקט זיך בייא דעם גוף דען ער מוז שטארבן אבר די נשמה שטארבט קיין מאל ניט דרום מאכט מען ניט קיין שהחיינו · דער מגן אברהם שרייבט אויף יענער וועלט וועט דער מענטש מוזין דין אונ חשבון געבין אויף דעם ווייל ער האט פיל זאכן גזעהן אונ האט ניט געגעסן פון זיי אונ האט פיל ברכות מבטל גיוועזן ובפרט איבר נייע זאכן טאר מען בוודאי ניט מבטל זיין די ברכה שהחיינו אונ מען מוז עסין פון זייא :

ווען מען זעהט איין רעגן בויגן מוז מען אברכה מאכין ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם זוכר הברית ונאמן בבריתו וקים במאמרו · אבער מען טאר אין רעגן בויגן ניט פיל קוקן וויא מיר גפינן אין דר גמרא חגיגה · אונ אויך איז ניט גזונד צו די אויגן דען זיי ווערין טונקיל דר פון די לייט גיהערין צו וויסין ווען מען מאכט אברכה אן שם ומלכות דהיינו שם מיינט מען ה׳ אלהינו אונ מלכות מיינט מען מלך העולם אויב מען היפט דאס איבער איז מען ניט יוצא דהיינו אויב מען זאגט ברוך עושה מעשה בראשית דאס גלייכן ברוך דין אמת איז מען ניט יוצא נאר מען מוז זאגין דיא ברכה :

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית :

אונ אויך בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם דַּיַּן הָאֱמֶת :

דעם כלל שרייב איך אייך אויך אז מען גהער צו נעמן אויף דר רעכטר האנט די זאך וואס מען וויל דרויף אברכה מאכן · ווען איינר עסט ווייניגר פון אכזית דאס מיינט מען ווייניגר וויא אהאלבע הינערשע איי איז גרויס אדר ער טרינקט ווייניגר וויא אקוואטיריל דאס מיינט מען אכוס וואס האלט אנדער האלבן הינערשע אייער איז דר דין אזו די ערשטע ברכה איז מען מחויב צו מאכן דען מען טאר קיין הנאה ניט האבן אויף דר וועלט אן אברכה אבר פון דר ברכה אחרונה איז ער פטור צו מאכן ווייל ער האט ווייניגר פון אשיעור גגאסן :

ברכות הודאה

דאש איז טייטש גומל בענטשין :

פיר ערליי זיינן מחויב גומל בענטשן דר וואס שטייט אויף פון אקריינק אפילו ער איז נאר דריי טעג גלעגן · אויך דר וואס פארט איבר דעם ים בשלום · אונ אויך דער וואס איז ארויס גגאנגן פון דר תפיסה אונ ער איז גוועזן אין דר תפיסה בסכנות נפשות אונ אויך דר וואס איז גפארן אין דר מדבר אונ האט זיך בשלום אום גקערט די אלע זיינן מחויב גומל בענטשן · אקראנקר גהער ניט גומל בענטשין ביז ער ווערט רעכט גזונט · די ווייבר גהערן אויך גומל בענטשן אין זייער שול אבר איינג וואס איז נאך ניט אלט קיין דרייצעהען יאר דארף ניט גומל בענטשין :

ענינים המביאים להוצאת זרע לבטלה

די זאכין ברייגגען דעם מענטשין צוא זרע לבטלה :

אונזרע חכמים שרייבן דו זאלסט ניט פיל ריידן מיט דיין אייגנע ווייב אונ מכל שכן מיט אפרעמדע ווייב · אונ פון דאנן לערנן אונזרע חכמים דר וואס טוט פיל רייד מיט איין אשה דר ברייגגט אויף זיך פיל בייז אונ ווערט בטל פון דר תורה אונ קומט אין גהינם דרום איר ליבע לייט איר זאלט וויסן אז ווען אייערע ווייבר זיינן נדות טאר זיא איר מאן קיין שום זאך ניט דר לאנגן אונ אויך טאר ער זיא ניט אן רירין אונ מכל שכן אפרעמדע ווייב טאר ער פשיטא ניט אן רירין אפילו זיא איז ניט קיין נדה ווייא גשריען אויף די לייט וואס גייען מיט פרעמדע ווייבר טאנצין זיי זיינן בעו״ה עובר אויף פיל עבירות מען טאר דאך אפילו קיין געלט ניט ציילן אפרעמדע אשה אין איר האנט דען טאמר ווערט ער ערינצט אויף איר קוקן וועט ער קומן איבר דעם אין גיהנם אונ האטשע ער איז אלמדן אונ האט פיל מעשים טובים גטאן פר לירט ער זיין שכר דורך דעם · אונ געלט ציילן איז דאך גאר אקליינע זאך נוא זעהעט וויא אונזר תורה וויל ניט ליידן דאס צו טאן מיט אפרעמדע אשה מכל שכן ווען ער רירט זיא אן אונ טאנצט מיט איר דענקסט מאל שפרינגט דער שטן אונ טאנצט מיט זיי דען דענקסט מאל ווען זיי טאנצן מיט אננדר קוקן זיי זיך אן מיט אלוסטיגן פנים ובפרט ווען זיי גייען אין שיינע קליידער אונ זיינען רויט אויף דעם פנים דאס גלייכין ווען איינר טאנצט מיט מיידין: אדר ווען איינר טאנצט מיט אכלה אויף אחתונה לשם מצוה זאל ער זיא דאך ניט אן רירן מיט זיין בלויזר האנט נייערט דורך אהענטשקע :

אזוי זאל זיך דיא אשה נוהג זיין אין איר נדה :

דר עולם זאל גוואורינט זיין אז ווען איינר זיין ווייב האט איר צייט ניט אן צו רירן אן איר ניט צו ווארפן אויף איר ניט צו עסין מיט איר אויס איין שיסל האטשע זיא האט זיך שוין אין ווייסן אן גטאן דען די לייט וואס עסן מיט זיי אויס איין שיסיל נוא שעמן זיי זיך פר לייטן צו ווייזן אז זיא איז אנדה אונ פר גאט שעמן זיי זיך ניט אונ זיינן עובר אויף איין עבירה וואס מען איז חייב כרת דרויף · איין אשה טאר ניט גיין אין שול כל זמן זיא איז נאך איין נדה אונ די נדה גייט פון איר אבר ווען זיא האט שוין אן גטאן ווייס מעג זיא שוין יוא גיין אין שול אבר ימים נוראים אונ סליחות טעג מעג זיא גיין אין שול האטשע זיא איז נאך איין נדה אבר זיי מוזן גוואורינט זיין ניט צו קוקן אויף דר ספר תורה בשעת מען הייבט זיא אויף : דיא ווייבר זיינן זיך נוהג אז ווען זיי זיינן נדות עסין זיי אונ טרינקן אן אברכה אזוי וויא די בהמות דאס איז ניט רעכט ובפרט ווען זיא איז איין קינד בעטערן אז השי״ת האט איר גהאלפן פון טויט צום לעבין איז דען דאס רעכט זיא זאל עסן אדר טרינקן אן אברכה אונ על כל פנים אויב זיא טאר ניט ארויס ריידן די ברכה מיט דעם מויל זאל זיא אין איר מחשבה האבן די ברכה ומכל שכן קידוש אונ בענטשן איז זיא שולדג ערינסט צו הערן פון איין אנדערן דען דאס איז מן התורה אונ מכ״ש ניט צו עסין אן גיוואשין :

הלכות טבילה

דיא ווייבער זאלן גוואורינט זיין ניט לייגגר צו ווארטן מיט זייער טבילה פון פערציג טעג צו אזכר אונ אכציג טעג צו איין נקבה אונ נאך די פערציג טעג פון אזכר וויל דר ש״ך האבן זיא זאל זיבן טעג ציילן אונ דר נאך זאל זיא ערשט טבילה האבן · אונ די ווייבר וואס זיינן אויף זיך מחמיר אונ ווארטן לייגגר מיט איר טבילה וועלין

מוזן

מוזן משפט דרויף ליידן ובפרט די ווייבר וואס זיינן מעכב זייער טבילה בכדי זייערע מאנן זאלן זיי פריער מאכן צירונג וועלן זיי בוודאי גרויס עונש ליידן אונ הלכות טבילה איז צום בעסטן מען זאל זיך אזו נוהג זיין · צום ערשטן זיך איין מאל אונטער טוקן אונ דר נאך אברכה מאכן אונ דר נאך נאך אמאל אונטר טוקן אונ וויא די ווייבר בדארפן זיך נוהג זיין דעם טאג ווש זיי בדרפן טבילה האבן ווייסן שוין אלע ווייבר · אויך זאל זיא אכטונג געבן ווען זיא גייט אויס דר טבילה ניט צו בגעגינן קיין דבר טמא דען זיא מוז זיך נאך אמאל טובל זיין אויב זיא בגעגינט איין דבר טמא דהיינו ווען זיא האט בגעגינט אחזיר אדר אהונט מוז זיא זיך נאך אמאל טובל זיין אן אברכה דרום ווען די אשה גייט אהיים פון דר מקוה זאל זיא ניט גיין אליין פון פיל זאכן ווערגן :

איצונדערט וועלן מיר שרייבן פר דר וואקסינגע מענטשין פון וואנען דאס קומט וואס מען איז מוציא זרע לבטלה חאטשע אום גערן עש זיינן בעו"ה פר האנדרין פיל לייט וואש זיינען מוציא זרע לבטלה אום גערן אונ ווייסין ניט פון וואנען די סיבה קומט אונ אטייל לייט ווייסין ניט אויב דש איז גאר איין עבירה דרום וועלן מיר צו וויסין טאן דעם עונש פון דר הארבר עבירה האטשע ער טוט זיא אום גערן אונ מכל שכן ווער עס איז מוציא זרע לבטלה דער איז חייב מיתה בידי שמים ער הייסט ארוצח דען פון די טראפן וואס גייט ארויס פון אים קאן אמענש ארויס קומן אונ לא די ער פר לירט אמענטשן דר צו גיט ער נאך כח אין הרהורים רעים אריין רחמנא ליצלן דרום איז ער ניט זוכה צו זעהען די שכינה דרום וועל איך שרייבן ווער עש וויל תשובה טאן אויף דר עבירה פון וואנען די סיבה קומט אונ וואס די תשובה איז דרויף אזו וויא מיר האבן גפונן אין ספר יסוד יוסף וואס האט גמאכט מהור"ר יוסף דרשן מק"ק פוזנין יצ"ו :

דאש ערשטע ווער עס טוט ריידן ניבול פה אדר שקרים דר ווערט ביי נאכט טמא מיט הרהורים רעים · דאס אנדרע ווער עס מאכט אברכה לבטלה · ובפרט אין שול גוואוינט צו זיין קיין אמן ניט צו ענטפרין ביז דער חזן לאזט אויס די ברכה אונ אטייל זאגין מיט דעם חזן די ברכה דש איז אפשיטא ניט רעכט · אונ אטייל זאגין זעלבם וואס גהער נאר דעם חזן צו זאגין דר מיט זיינן זיי זיך מטמא · דאש דריטע ווען ער טוט אנדר אונ איז ניט מקיים · דאש פערטע ווער עס קוקט אויף פרעמדע ווייבר אדר מיידן · דש פינפטע ווער עס עסט אונ טרינקט צוא פיל בפרט ביי נאכט אונ גייט באלד שלאפן · דש זעקסטע ווען איינר שלאפט אליין אין אחדר · דש זיבענטע ווער עס קוקט ווען אבהמה אדר איין עוף בהעפטן זיך · דאש אכטע ווער עש זארגט צו פיל · דש ניינטע ווער עס הערט צו ניבול פה אונ שקרים נוא ביז אהער האבן מיר גשריבן פון וואנען דאש נעמט זיך איצונד וועלין מיר שרייבן דיא עונשים אונ צרות וואש קומט דר פון :

דאש ערשטע ער איז גורם פר שוועכונג חולשת הגוף · דאס אנדרע ער איז ניט זוכה צו זעהן די שכינה · דאס דריטע ער איז ניט זוכה צו תחיית המתים אויף צו שטיין · דאס פערטע זיין נשמה מוז וויפיל מאל מגולגל ווערין אונ דאס איז ערגר פון אלימן · דאס פינפטע ער ברייגנט וויפיל מיתות אויף דר וועלט · דאס זעקסטע איין למדן איז ניט זוכה צוא פאר שטיין סודות התורה · דאס זיבעטע ער האט קינדר רשעים · דאס אכטע ער ברייגגט הונגער אויף דר וועלט אונ דלות אויף זיך · ביז אהער האבן מיר גשריבן די עונשים איצונדרט וועלין מיר שרייבן מיט וואס מען קען די עבירה פאר ריכטן ווען מען וויל תשובה טאן :

דאש ערשטע ער זאל זעהען אקוואטר צו זיין דהיינו דאס קינד אויף זיין שויס צוא האלטן בשעת מען איז עש מל דאס איז דר עיקר מצוה קוואטר שאפט · דאש אנדרע עולה תורה זיין צום ווייניגסטין אלע פיר וואכין · דאס דריטע בריך שמיה

ערינסט

ערינערט זאגן · דאש פערטע צדקה צו געבן · דאס פינפטע שבת בכבוד צוא האלטן
אונ ניט קארגן וויא הש"י האט אים גיגעבן · דאס זעקסטע פרייטיג צו נאכט פיל ליכט
אן ציגדן · דאס זיבעטע מען גהער לערנן ביי נאכט פר דעם שלאף · דש אכטע תפלה
טאן מיט גוויין אונ טרערן · דאס ניינטע צו זאגן איידר מען גייט שלאפין די ערשטע
מזמורים פון תהלים · דאס צעהנטע צו לערנן משניות אונ וואול דעם דש ער קאן אונ
האט צייט צו לערנן אכטצעהן פרקים משניות אונ ווער עס קאן ניט לערנן זאל צו
הערן לערנן אונ דר האט שכר גלייך וויא ער האט אליין גלערינט · דש עלפטע אלע
נאכט צו זאגן די גרויסע ק"ש פון רבי יצחק לוריא · דאס צוועלפטע איין עניו צו זיין
אונ קיין גאוה ניט צו טרייבן · דאס דרייצעהנטע אז מען קאן ניט באלד אנטשלאפן
ווערן נאך ק"ש גהער מען זאגן דעם פסוק אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה · דאס פערצעהנטע
ערינערט צו זאגן דעם יהי רצון וואס שטייט ביי תקע בשופר · דאס פופצעהנטע צוא
דר היצן זיך בשעת ער טוט איין מצוה דהיינו ווען ער מאכט א סוכה אדר ער טראגט
אמת אדר ער גראבט א קבר אדר ער מאכט איין ארון אדר דאס גלייכן ווען ער טוט
אנדרע מצות זאל ער ערינערט טאן ביז מען דר היצט זיך · דאס זעכצעטע צו בפעלין
פר זיין טויט אז זיין ווייב אונ קינדר זאלן ניט נאך גיין נאך זיין מטה · דאס זיבעצעטע
איבר צו לאזן פון דר המוציא אונ זאל דר פון עסן פר דעם בענטשן · דאס אכצעטע
ער זאל יתומים אין זיין הויז אויף ציהן · דאס ניינצעהנטע ער זאל תמיד דר ערשטר
אין שול זיין · דאס צוואנציגטע ער זאל גווארינט זיין אין קדושת תפילין דהיינו ניט
צו ריידן אין די תפילין קיין אומנוציגע זאכן נאר תורה אונ תפלה אונ אכטונג צו געבן
אויף די ציצית · דאס איין אונ צוואנציגטע ניט אפט צו זיין ווייב זיך בהעפטן נייערט
שבת אונ יו"ט אונ ראש חודש · דאס צוויי אונ צוואנציגטע ניט מפסיק צו זיין צווישן
ק"ש אונ שמונה עשרה אפילו נאך צו זאגין אמן אונ קדושה ווען מען האלט גאל
ישראל · אונ מכל שכן דברים בטלים איז בוודאי איין עבירה · מען גיהער תמיד
תפלה צו טאן אז הש"י זאל אים געבן א גוטע ווייב פון א גוטע משפחה דאס ער זאל מיט
איר גוטע קינדר האבן דען עס זיינן צוויי ערליי זיווגים איין זיווג וואס מען רופט אוים
פערציג טעג פר זיין געבארן דר אנדערר זיווג איז פר האנדן וואס מען קען אוים בעטן
מיט תפלה · דרום זאל מען תמיד תפלה טאן אויף א גוטן זיווג :

מען גהער צו ווארענן די לייט וואס זיינן זיך נוהג צו זעצן בנאנדר דעם חתן מיט דר
כלה אונ זיי זיינן זיך מחבק ומנשק אונ א טייל מאל טרעפט זיך דש די כלה האט
איר צייט · אונ איך פר וואונדר מיך אויף די רבנים אז זיי זעהן צו אזעלכע זאכן אונ
ווערן ניט · אויך האב איך גזעהן אין א טייל קהלות א מנהג גיהנם אז אפילו די חתונה
איז אין מיטן וואך אונ דר חתן האלט זיך אויף אונ וויל די מצוה ניט פאריכטן · דר חתן
גהער ניט צו פרעגן אויף די שפעטרס וואס שפעטן אוים זיי דען די שפעטרס האבן
גווים קיין יראת שמים ניט בעו"ה אונ זיינן גווים עמי הארצים ווען זיי וואלטן גלערינט
וואלטן זיי גוואוסט וואס דאס בטייט דרום גיהער איטליכער פאטר אונ מוטר דרויף
צו זעהען אונ זיי ווערין באהיט פון פיל עבירות :

ווען איין אשה דר פילט אז איר ערטראכט איז גיעפינט גיווארן אזו זאל זיא זיך דער
נאך בודק זיין אונ אפילו זיא געפינט ניט איז זיא אויך טמא · דען עס איז בוודאי

פון

פון איר ארוים אטראפן בלוט וויא אזעגעפט קערינדיל אונ איז אפ גוווישט גווארן מיט דעם בדיקה די טוך · אבער אז זיא האט זיך בודק גיוועזן אונ האט גפונן ווייסע פלעקין גדיכט איז זיא כשר · אונ אזו באלד אז זיא דר פילט מוז זיא זיך בודק זיין · אויך איז אמצוה די אשה זאל ציילן אירע זיבין ווייסע טעג וויא מען ציילט ספירה · איין ירא שמים זאל זיך פאר מיידין צו ריידן מיט זיין ווייב אין איר נדה · חתן אונ כלה גהערן פרים זיין אין דעם זעלביגן טאג וואס זייא גייען אונטר דר חופה דרום איז דר מנהג אז זיי פאסטין דעם טאג אז הש"י זאל מוחל זיין זייערע עבירות וואס זייא האבן גיטאן ביז דעם זעלבגן טאג אונ ניט ווי אטייל חתנים אונ כלות שפילן אין קארטן דעם זעלבגן טאג אונ טוען אנדרע נארישקייט דר נאך גייען זיי אונטר דר חופה אונ בעטן צו הש"י אז ער זאל מוחל זיין זייערע עבירות · עס איז בעו"ה ניט רעכט נייערט זיי גהערן דעם זעלביגן טאג חוזר בתשובה זיין אונ זאלן בעטן צו הש"י אז די שכינה זאל רוען ביי זיי: מען גהער צו גדיינקען צו גוטן הרב המופלג מהו' בערמאן סג"ל מק"ק פירדא ער איז דער נאך אויף גינומען גיווארין אין דר מאריק אונ אין אנשבאך אונ אזו באלד אז דער קעסטליכר רב איז אויף גנומן גווארן האט ער אבאפויל אוים גרופן פיל גוטע תקנות

דהיינו וואו עס איז אמנין זאלין דיא לייט גיין אבינט אונ מארגן אין שול:

מען גהער גווארינט זיין זיך צו היטן פר דר אומריינער עבירה שעטנז עס שטעקט דרינען אהארבע אומריינקייט: די שעטנז נעמן זיך נאר וויל עס מישין זיך אריין אנדרע שנירעלעך אדר פעדים ובפרט אין אשכנז גיבין זיי אלע זייערע קליידער צוא אינו יהודי שניידירס אפילו מען גיט דעם אינו יהודי אליין האנף פאדים וויל מיר זעהן אז עש איז בעסר צו נייאן מיט ליינן פאדים וועט בוודאי דר אינו יהודי ליבר ארבעטן מיט וואס בעסר איז אונ עס איז ניט פר האנדן קיין שום אופן צו פרובן צו ווישן ליינן אדר האנף · אטייל לייט זאגן מען צינדט דעם ליינען אן אונ ווען ער האלט לאנג פייער איז עס בוודאי האנף אונ אטייל זאגן אנדרע פרובין דאס איז אלש איטיל נארעש עס איז אויף נישט זיך צו פר לאזן · אונ אויך וואס קאן דר זכות העלפן ווען דר אינו יהודי וועט נייאן אום גערן מיט ליינן וועט ער זיך געוויש בוודאי ניט אויף טרענן פון דעסט וועגן · אויך אין דיא קליינע ישובים וואו עס איז ניטא קיין פיל שניידערס וועט בוודאי דר שניידר נייאן שעטנז ווארום ער האט קיין שום מורא ניט אפילו מיוועט גיוואר ווערין אונ מיוועט אים ניט געבין קיין ארבט וועט ער האבן גינוג ארבט אן דעם אונ נאך מער האב איך גזעהן אז זיי גיבן די אינו יהודים די נאמנות אונ קויפן האנף ביי אינו יהודים אפילו קיין ישראל איז ניט גשטאנן ביי דעם שפינן דאס איז גיוויס איין שעטנז גמור · אונ איך האב גפונן אין ספר חקי דעת אות ש' וויא ער האט גיפונן דר ספר מעדני מלך שרייבט אז איך האב גיהערט פון שניידערס ישראלים אז דאס וואס די לייט זאגן אז עס ציהט זיך לאנגע פאדים פון פלאקס איז עש גיוויס האנף דאס איז איטיל נארישקייט מיטאר זיך ניט פר לאזן דרויף · דר הגאון בית הלל אונ הגאון חלקת מחוקק האבן נאך גיפארשט ביי פיל בעלי מלאכות האבן זיי גיזאגט אז ווען עס איז שוין גישפונן איז ניטא קיין שום פרוב אונ דריבר האבן די חכמים גמאכט איין תקנה ניט צו קויפן קיין האנף נייערט ביא אישראל · אונ צום ווייניגסטן מוז חאטשע זיין איין ישראל ביי דעם שפינען אונ פון אטייל ישראל זאל מען קיין האנף ניט קויפין ביז ער האט אהכשר בריב אז דר האנף איז בכשרת גימאכט גיווארן · נוא רבותי איז ניט גינוג גווארינט די לייט דורך זעלכע גאונים · אחוץ איז דר שלחן ערוך אויך מזהיר ניט אן צוא

טָאן פֶּעדִימֶנְע זָאקְן אוּנ פוּן אוֹיבְּן וָואלֶענֶע דָאס אִיז נִיט גְלַייךְ צוּ אַהֶעמְד דָאס מֶען מֶעג טְרָאגְן דְרוֹיף וָואלֶענֶע קְלֵיידֶר · עֶס אִיז נִיט גְלַייךְ דֶען וֶוען מֶען צִיהֶט אוֹישׁ דָאשׁ הֶעמְד בְּלַייבְּט דָאךְ דָאס אוֹיבֶּר קְלֵייד אוֹיף דֶעם לַייבּ אָבֶּר לַיְוִינְטֶענֶע תַּחְתּוֹנִים אָדֶער זָאקְן קָאן מֶען נִיט אוֹיס צִיהֶען אֵיינְשׁ אָן דֶעם אַנְדֶערִין דְרוּם אִיז אָסוּר מֵחֲמַת שַׁעַטְנֵז:

נָאךְ אֵיינְשׁ גְהֶער מֶען וָוארְענֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זַיינֶען אֲבֵלִים אוּנ טְרוֹיעֶרְן נִיט וְויא מֶען בַּדַארְף דְהַיְינוּ זַיי גֵייעֶן אוֹיף חֲתוּנוֹת אוּנ עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶן בְּשַׁעַת דִי כְּלֵי זֶמֶר שְׁפִּילִין אוּנ מַאכְן זִיךְ אַבֵּייזְן הֶיתֶּר דְהַיְינוּ זַיי זָאגְן זַיי זַיינֶען סַארְוֶוערְם בַּיי עֶסְן אָדֶר בַּיין טְרִינְקֶן אוּנ דֶר דִין אִיז אַז מֶען אִיז אַיין אָבֵל אוֹיפְן פָאטֶר אָדֶר אוֹיף דֶר מוּטֶר טָאר מֶען אַגַאנְץ יָאר נִיט גֵיין אוֹיף קֵיין שִׂמְחָה · אוּנ וֶוען מֶען קְלָאגְט אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרַיינְד טָאר מֶען נִיט גֵיין אוֹיף אַשִׂמְחָה בִּיז פִיר וָואכְן סַייִדְן אוֹיף אַסְעוּדַת מִצְוָה דְהַיְינוּ וֶוען אַיָתוֹם נֶעמְט אַיְתוֹמָה אוּנ אַז דֶר אָבֵל וֶועט נִיט גֵיין אוֹיף דֶר סְעוּדָה וֶועט דִי סְעוּדָה בָּטֵל וֶוערְן דֶענְסְט מָאל מֶעג דֶר אָבֵל יוֹא גֵיין אוֹיף דֶר סְעוּדָה וָוארוּם אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ווִילְן נִיט מַתִּיר זַיין צוּ גֵיין אֲפִילוּ אַיין שושבין אִיז טַייטְשׁ אַיין אוּנְטֶר פִירֶער אוֹיף אַחֲתוּנָה וואוּ מֶען שְׁפִּילְט · אוּנ דִי וֶועלְט הַאלְט דָשׁ פַר אַהֶיתֶּר אִיז שׁוֹין אַפְּשִׁיטָא אַז דֶר אָבֵל הָאט גָאר נִיט קֵיין אָן הַאנְג טָאר מֶען פְּשִׁיטָא נִיט גֵיין:

דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ שְׁרַייבְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי גֵייעֶן בַּאלֵייטְן דֶעם מֵת בִּיז אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ מֶען בַּגְרָאבְּט דֶעם מֵת אוּנ נָאךְ דֶעם בַּאגְרָאבְּן בַּדַארְפְן זַיי דְרַיי מָאל דֶעם מִזְמוֹר וַיְהִי נוֹעַם אִיטְלִיכְשׁ מָאל אוֹיף אַיין אַנְדֶר אָרְט זָאגְן מִיט דֶעם מַאכְן זַיי אַוֶועק לוֹיפְן דִיא רוּחוֹת פוּן אוּמְרֵיינִיקַייט · וֶוען מֶען פִירְט דֶעם מֵת אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטָאט אִיז דֶער דִין אַזוֹא דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן נִיט נָאךְ בִּיז דֶעם אָרְט וואוּ דִיא קְבוּרָה אִיז בַּאדַארְפִין זַייא זָאגְן צִדּוּק הַדִּין דָאס אִיז הַצּוּר תָּמִים אוּנ זָאלִין אוֹיס טָאן דִי שִׁיךְ אוּנ זֶעצִין זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד:

אִין אַיין שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז פַר הַאנְדְן צְווַיי מִנְיָנִים אִיז רֶעכְט אַז מִיזָאל אַמִנְיָן מַאכְן בַּיי אַיין אָבֵל סַייא דֶר אָבֵל אִיז נָאךְ אַפָאטֶר אוּנ מוּטֶר אוּנ סַייא אַיין קִינְד אִיז בַּייא אִים גְשְׁטָארְבְּן וָוארוּם דִי נְשָׁמָה הָאט דֶר פוּן גְרוֹיס נַחַת רוּחַ אַז מִיזָאגְט דָארְטְן קְדוּשָׁה · אָבֶער אַז עֶס אִיז מֶער נִיט פַר הַאנְדְן אִין שְׁטָאט נָאר אַיין מִנְיָן זָאל מֶען בֶּעסֶר דַאוְונֶען אִין שׁוּל · אַיין אָבֵל טָאר נִיט עוֹלֶה תּוֹרָה זַיין אַלֶע זִיבְּן טֶעג אֲפִילוּ דֶר זִיבֶּעטֶר טָאג גְפַאלְט אוּם שַׁבָּת אָבֶּר קֶענְן שִׁבְעָה אַז דֶר זִיבֶּעטֶר טָאג אִיז אוּם שַׁבָּת בַּדַארְף עֶר שַׁבִּיתוֹת צוּ נַאכְט נִיט זִיצִין אוֹיף דֶר עֶרְד אַיין אָבֵל נָאךְ דִי זִיבְּן טֶעג מֶעג עֶר יוֹא עוֹלֶה תּוֹרָה זַיין אָבֶּער הַגְבָּהָה אוּנ גְלִילָה מֶעג מֶען יוֹא מְכַבֵּד זַיין אַיין אָבֵל אֲפִילוּ אִין דִיא זִיבְּן טֶעג:

מֶען גִיהֶער צוּ לֶערְנֶען דִי גִימֵיינֶע לַייט וֶוען זַיי גֵייעֶן מְנַחֵם אָבֵל זַיין בְּשַׁעַת זַיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶעם אָבֵל זָאלִין זַייא אַזוֹא זָאגִין המקום ינחם אתכם עם שאר אבלי ציון וירושלים אוּנ אוּם שַׁבָּת זָאלִין זַיי אַזוֹא זָאגִין שבת היא מלנחם ונחמה קרובה לבא אוּנ דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס גִיהֶער צוּם אָבֵל וֶועט אִיר גִיפִינֶען אִין סֵפֶר הַחַיִּים:

אות ר

רָצוֹן אִיז טַייטְשׁ בַּאווִילִיג · מֶען גִיהֶער מִיט אִיטְלִיכְן מֶענְטְשִׁין זַיין בַּאווִילִיג אוּנ נִיט בַּאלְד בְּרוֹגֶז וֶוערִין דָאס אִיז דִיא הֶעכְשְׁטֶע מַעֲלָה · בַּייא אַיין רַגְזָן אִיז דָאס גְרָאד פַאר קֶערְט אוּנ דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע מַעֲלָה וָוארוּם עֶס אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין עֶרְגֶערְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז מֶען אִיז אַיין רַגְזָן:

דער

דער חכם זאגט אייבג זאל מען זיך מער ניט מרגז זיין אז איין מאל קאן מען דאש ליידין אבער ניט דאס אנדערע מאל :

דער חכם זאגט ווען דו ביסט דיין שונא מוחל געהערסטו זיך צו פרייען :

דער חכם זאגט זאיי מוחל ווער עס האט דיר גטאן שלעכץ אונ גיב צו דעם ווער עס טוט זיך פר מיידן צו נעמן פון דיר אונ אזו וואול אז מען טאר זיך ניט מרגז זיין אזו טאר מען יענעם אויך ניט מרגז זיין ווארום דאס איז אלץ איינש :

אות ש

שתיקה איז טייטש שווייגין דאס איז דיא גרעסטע מעלה אונ בפרט דיא לייט וואס האבין אין זיך דיא פיר שלעכטע מעלות · ליגנערש · חניפות טרייבער · לשון הרע ריידערם · שפעטערם · דרום זאל איטליכער מענטש פאר מיידין זיך פון דיא פיר שלעכטע זאכין · נעמט אייך אין זינען אריין וואס פאר איין גרויסין עונש מען מוז ליידין :

אונ ווער עש איז יענעם מבייש דר האט ניט קיין חלק עולם הבא · אונ ווער עש רופט יענם מיט איין צו נאמן דר האט אויך ניט קיין חלק עוה"ב אונ ווער עש האט ליב זיין נשמה זאל זיך זעהן אפ היטן פון דיא שפילערם דהיינו קארטן שפילן אדר וערפל שפילן ווארום די דאזיגע זיינן אויך פון דעם כלל פון די פיר טמאים וואס מיר האבן פריער גישריבן די דאזיגע שפילערם ווערין אן גרופן מושב לצים אונ דר מענטש וואש היט זיך אפ אפילו ניט צו זיצין דר ביי בשעת אז מען שפילט אין קארטן אדר ביי אנדרע שפילערם אויף דעם ווערט גזאגט דר פסוק אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב דאש איז טייטש וואל איז דעם מענטשן וואס ער איז ניט גיגאנגן אין דעם ראט פון די רשעים אונ אין דעם וועג פון די זינדיגר איז ער ניט גשטאנען אונ אין דעם זיצונג פון די שפעטערם איז ער ניט גזעסן · אבר ווער עס טוט ריידן ניבול פה טוט מען דעם דאזיגן נאך ערגר שלעכץ אז מיר האבן גשריבן דעם זעלבינן מאכט מען דאס גיהנם טיף אונ עס איז גאר קיין הילף צו זיין מכה אונ ווען ער וויל דרויף תשובה טאן אזו זאל ער איטל גוטס ריידן דהיינו תורה לערנען אונ ערינסט דאוונן אונ טאן משא ומתן באמונה אונ דאס איז אויך איין דיבור של מצוה ווארום ער רעט אלץ מיט אמת אונ עס איז נאך פר האנדן פיל זאכן וואס זיי זיינן נאך הארבר פון די זאכן וואס מיר האבן גשריבן די מענטשן וואס שווערן פאלש אדר זיי שווערן אום זונסט אדער זיי זיינן עובר אויף קללות · פון די אלע זאכן גיהער איטליכר מענטש זיך צו היטן :

אות ת

תשוקה איז טייטש גילוסטן אונ ליבשאפט גהער מען האבן צו השי"י אונ צו זיין תורה אונ מצות אונ מען גהער איילינדיג טאן מיט גרויס שמחה אונ פרייד דאס ער האט זוכה גיוועז גאט צו דינען · אונ אז דער מענטש טוט איילינדיג מיט שמחה וועט ער זוכה זיין צו גרויס היילקייט אונ צו זעהן די שכינה · אונ דאס האט אונז מגלה גיוועז רבי יצחק לוריא ווען איין מענטש וועט וועלן זוכה זיין צו קומן צו שערי תורה אונ צו איין רעכטע חכמה אונ רוח הקודש זאל ער טאן די מצות מיט שמחה איצונד האט דאס (א ב) איין ענד בן דוד זאל ווערן באלד צו אונז גיזעהען :

אונזערע חכמים שרייבן די מצוה פון ציצית איז זייער גרויס זיא וועגט איבער אלע תרי"ג מצות׃ דר זוהר שרייבט װעלכר מענטש עש טוט זיך ניט רעכט איין הוילן אלע טאג אין איין טלית גדול אונ אויך אין איין טלית קטן׃ ווערט ער גישטראפט אבר ווער עס איז גיוואוינט צו גיין אין איין טלית קטן אונ אויך אין איין טלית גדול דען דר טלית קטן איז איין קלייד צו דעם גוף אונ דר טלית גדול איז איין קלייד צו דר נשמה אונ ווער עס איז גיוואוינט אין דעם ווערט דר דאזיגר בשירמט אויף דר וועלט אונ קומט ניט באלד צו עבירות אונ קיין שטן האט ניט קיין האפט איבר אים׃ אונ ווען ער שטארבט טוט מען אים אן מיט די קליידער וואס הייסן אור לבן אזו לופין פון אים אוועק אלי קליפות אונ אלי מלאכי חבלה׃ אונ איז זוכה לחיי עולם הבא למעלה עליונה׃ דרום זאל מען גיוואוינט זיין אז מען זאל דאווענן מיט איין טלית אונ לומדים גיהערן פשיטא אין דעם גיוואוינט זיין כדי דר גימיינר זאל זיך אפ לערנען פון דעם למדן ובפרט אן איין טלית קטן זאל מען אפילו פיר איילין ניט גיין וואו רום מען מוז תמיד זעהן די ציצית אונ ווער עס וויל רעכט יוצא זיין מיט ציצית זאל ער זיך מאכין איין פרדקל אז עס זאל זיין אפן אויף ביידע זייטין אזו איז מען ארום גירינגילט מיט ציצית׃ אבר ווער עש מאכט ציצית ביי אקאפטן וואס עס איז אויף דר זייט אפן זאל מען צום מיינסטען איבער העלפט לאזן אפן׃ אונ אום זונסט איז מען ניט יוצא אונ מען מאכט איין ברכה לבטלה איבער די ציצית׃

מען מעג וואול דעם הבריש טלית אן טאן דעסט גלייכן תפילן אבר מען מוז ווידר רעכט צו נויף לייגן אונ אנידר לייגן אויף דעם ארט וואו עס איז פריער גלעגן׃ אבר אז ער לייגט ניט אויף דעם ארט וואו ער האט גנומן דעם טלית ותפלין איז מען ניט יוצא׃

ווען מען מאכט לעבער צוא דיא ציצית מוז זיין דרייא פינגער בבייט פון זק ־איי אין דיא לייגג פון דער כנפה אונ מאיי אין דער בבייט פון דער כנפה אונ אז עס איז ניט אזו איז מען ניט יוצא׃

אונ ווען מען האט שוין איין גימאכט די ציצית אונ די ציצית זיינן צו לאנג אזו טאר מען ניט אפ שניידן די ציצית מיט איין מעסר נייערט נאר אפ צו בייסן מיט די ציין וואו רום איטליכר מענטש האט צוויי אונ דרייסיג ציין אונ די פיר ציצית זיינן צוויי אונ דרייסיג פעדים׃ מען גיהער רעכט בודק זיין די ציצית איי מען מאכט די ברכה וואו רום טאמר איז איין ציצה פסול וועט זיין די ברכה לבטלה אונ דר עיקר איז אז מען זאל בודק זיין די פעדים וואס עס ליגט אויף דר כנפה ווען עס איז צו ריסן איין פאדים אויף דר כנפה אזו איז די ציצית פסול אין דעם קיצור של"ה לשון הקודש שטייט דרויף גרויסע סודות׃

איין תפלה אויף טייטש וואס מען זאל זאגן ווען מען הוילט זיך איין אין די ציצית׃

לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה בשם כל ישראל דא בין איך אן גיברייט מיך איין צו הוילן מיט דעם טלית מיט ציצית דר ווארטן איך וויל מקיים זיין דיא מצוה פון ציצית וויא גאט האט אונז גיבאטן אין זיין תורה וויא עס שטייט גישריבן אין פסוק איר זאלט אייך איין מאכן ציצית אין די עקין פון די קליידר׃ רבש"ע דו זאלסט פאר נעמן מיין מצוה ווען גליך איך בין ניט קיין למדן איך זאל וויסן מכוון זיין עס זאל פר דיר גאט אן גינומן זיין מיין מצוה גליך וויא איך וואלט מכוון גוועזן דיא גרעסטע כוונה אמן׃

אונ עש איז נאך פאר האנדן פסוקים וואס מען זאל זאגן איז שוין גידרוקט אין די סידורים׃

אונ

אונ ווען מען האט שוין אן גטאן די תפילין גיהער מען זיך איבר דעקן דעם קאפ מיטן טלית אונ עס איז דרויף גרויסע סודות׃ אונ ווער עס קוקט תמיד אויף די ציצית איז ער זוכה צו זעהן די שכינה׃ אונ עש איז גוט צום שכל אונ עש ברייננט דעם מענטשן צו יראה אונ ווער עס וויל פר טרייבן פון זיך דעם כעס זאל ער נעמן די כנפה אין זיין האנט ווארום כנף בטרעפט הונדערט אונ פופציג אונ כעס בטרעפט אויך הונדרט אונ פופציג דרום איר ליבע לייט וייל די ציצית נוצן צוא אזעלכע גרויסע וואונדערליכע זאכן איבר דעם זאל מען זעהן ווען דאס קינד הייבט אן צוא ריידן זאל מען דאס קינד פירן אין ציצית ווארום דורך דעם וועט קומען דאס קינד צו רוח קדושה אז ער זאל קענן לערנן׃ אונ וייל תפילין לייגן גידויערט זייער לאנג איבר דעם בדארף מען גיין אין ציצית׃ אונ די ציצית גיהערן צו הייננן גלייך אונ ניט אויף דר זייט׃

אונ דיא לעכער פון דיא כנפה גיהערן זיין צוויי איינס לעבן אנדערן וויא איין צרי׃

ווען מען מאכט איין ציצית זאל מען מאכן צום ערשטן זיבן שלייפן אונ צום אנדערן אכט שלייפין אונ צום דריטין עלף שלייפין אונ צום פערטין דרייצעהן שלייפן אזו איז מען צום בעסטן יוצא׃ דאס ארבע כנפות מוז צום וויינגסטין זיין אזו גרויס אז איין קינד וואס עש איז אלט ניין יאר זאל זיך קענען איין דעקין דעם קאפ אונ דאש רוב פון זיין לייב אונ ווען עס איז קלענר איז מען מיט דעם ארבע כנפות ניט יוצא׃ אונ וואו מען טאר ניט טראגן אום שבת טאר מען דעם קליינעם ארבע כנפות אויך ניט טראגן ווארום דאס איז גאר קיין מלבוש ניט׃

הלכות תפילין

די ברכות וואס מען מאכט איבר די תפילין גיהר מען מאכין די ברכה פון די תפלין של יד איידר מען קניפט צו די רצועה׃ אונ אויף די תפילין של ראש גיהער מען מאכן די ברכה איי מען לייגט דעם קשר אויף זיין ארט׃ דאס ארט וואו מען זאל לייגן די תפילין של יד איז אויפין גראבין פלייש וואס עס איז איבער דעם עלינבויגן׃ אונ דאס ארט וואו דיא תפילין של ראש זאל ליגן די בתים זאלן ליגן דארטין וואו די האר הייבן זיך אן פון דעם שטערן אונ דר קשר של ראש זאל ליגן פארן גריבל פון דעם גניק׃ אונ אז מען טוט ניט אזו איז מען ניט יוצא׃ אונ די ברכה איז איין ברכה לבטלה׃ אונ דר יוד פון דיא תפילין של יד זאל זיין גאנץ נאהינט לעבין קשר אונ מען טאר ניט מפסיק זיין צווישן די ברכה פון תפילין של יד אונ צווישן די ברכה פון תפילין של ראש׃ אונ מען גיהער ארום וויקלען די הענט זיבן מאל מיט דר רצועה אונ דר נאך זאל מען לייגין דיא תפילין של ראש אונ מען טאר ניט האבן קיין פרעמדע מחשבה בשעת אז מען גייט אין די תפילין נייערט מיזאל גידיינקן אז מען גייט אין די תפילין אונ איך וואלט גישריבן די תפלות וואס מען זאל זאגין בשעת אז מען וויל לייגן די תפילין נאר עס איז צוא פיל פאר דעם גימיינם מאן׃ אבר צום וויינגסטין זאל מען זאגין די תפלה דרום האב איך זיא גישטעלט אויף טייטש׃

לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה ביחודא שלים בשם כל ישראל׃ דא בין איך אן גיברייט מקיים צו זיין מצות תפילין אזו וויא עס שטייט גישריבן אין פסוק עש זאל זיין די תפילין אויף דר האנט צו איין צייכן אונ די תפילין צווישן דיינע אויגן אונ מיט די תפילין לייגן בין איך אויף מיר מקבל דעם יאך פון גאטס דינסט דען צו גאט איז די קראפט אונ די גוועלטיקייט צו מאכן מיט אלע עולמות וואס די תפילין בטייטן וואס ער וויל אליין אזו וויא ער

האט

הט געטאן צו פרעה מלך מצרים אונ מיין ליבר גאט צו דיר טוא איך איבר ענטפערן מיין לייב אונ מיין הארץ אונ מיין מוח דען דו ביסט איינציג אונ ניט קיינר אזו וויא דו איינציגר גאט אמן :

אונ ווען מען האט שוין די תפילין גילייגט זאל מען זאגין די דאזיגע תפלה :

יהי רצון עס זאל זיין צו ווילין פר דיר גאט מיין גאט עס זאל זיין גרעכנט אונ אן גינומן די מצוה פון ציצית אונ תפילין גליך אז איך וואלט מקיים גוועזן מיט אלע אירע דינים אונ כוונות אונ דיא תרי"ג מצות וואס הייגען אן די מצוה אז עס זאל מיט דר מצוה פאר ריכט ווערן אלע מיינע גלידער אונ אלע אדרן דר ווארטן אז איך זאל קענן זוכה זיין צו קומן דורך די מצות אויף דעם הייליגין ארט וואס די מצות בטייטן אויף דר אייברשטע מדריגה גליך מיט די צדיקים אונ חסידים וואס ווייסן זייא מכוון צו זיין אלע כוונות אמן :

ווען מען וויל אפ לייגין דיא תפילין זאל מען צום ערשטין די תפילין של ראש אפ לייגן אונ מען זאל מיטן לינקר האנט אראפ נעמן דעם של ראש פון דאס קאפ דער מיט צו ווייזין גלייך אז עס איז אים שווער אפ צוא טאן פון זיך דיא מצוה :

מען טאר ניט אן נעמן די תפילין ביי די רצועות אז די בתים זאלן ח"ו אראפ הייגען דאס גלייכן טאר מען ניט צו נויף לייגן די תפילין אז זיי זאלן זיין אויף די בתים נייערט לעבן די בתים מען טאר ניט אויס טאן די תפילין ביז נאך על כן נקוה לך אונ אום ראש חודש טוט מען אויס די תפילין פר מוסף אונ אום חול המועד טוט מען אויס די תפילין פר הלל אונ עס איז איין גרויסע מצוה ווער עס טוט אן דעם טלית ותפילין אין דר היים אונ גייט אזו אין שול אריין · דיא גמרא שרייבט ווער עס לייגט רעכט תפילין אונ איז מקיים אלע מצות אין דר תורה הקדושה אונ רעט ניט קיין אנדרע זאכן אין די תפילין נאר תורה לערנן אדר דאווענן דר דאזיגר לעבט לאנג אונ איז זוכה צו עוה"ב אונ דאס פייער פון דעם גיהנם האט קיין מאכט ניט איבר אים אונ מען איז אים מוחל די עבירות אונ מען איז אים דן אויפן הימל לכף זכות דרום ליבע לייט וייל די תפילין איז אזו איין גרויסע קדושה גיהער מען צו ווארנן די לייט וואס זיצן אין די דערפר אונ ריידן אין די תפלין דברים בטלים אונ שמועסין פון משא ומתן אין די תפילין ניט גינוג אז זיי זיינן מפסיק אין דיא תפלין אונ זיינען מפסיק אין דאווענן פאר שעמן זיי נאך דעם כבוד פון די תפלין · אונ איין טייל גייען גאר ארום בעונותינו הרבים אין דיא גאסין אדער אין איין שטאל וואו בהמות שטייען דיא ווערן גיווים איין גרויסן עונש האבן נייערט ווען זיי וועלן קיין תשובה ניט טאן דר פאר וואס זייא האבין פאר שעמט דיא הייליגע תפילין :

איין חתן ווען ער איז פטור פון אלע מצות אבער דאווענען בדארף ער אין תפילין עס איז איין גרויסע מצוה צוא לערנען אין די תפילין עס מעג זיין פיל אדער ווייניג נאר דיא כוונה זאל זיין לשם שמים :

איין טייל מענטשן מיינן ווען זיי זיינען אונטער דר וועגינס אונ אז עס קומט דיא צייט פון דאווענן אונ אז זייא האבן קיין תפילין ניט זיינען זיי עובר די צייט פון שחרית בדארף מען אזו ניט טאן נייערט ווען עס קומט די צייט פון שחרית זאל מען דאווענן אן תפילין אונ אז זיי וועלן שפעטר קריגין · זאל מען זאגן איין פרשה קריאת שמע אדער איין מזמור פון תהלים איז מען יוצא :

אין דעם חדר וואו מאן אונ ווייב זיינען צו זאמן טאר מען ניט אויף הייגען קיין תפילין נייערט מען זאל איין וויקלן די תפילין מיט איין מלבוש · ווען מען האט גיוואלט לייגן תפילין איז גיקומן צום ערשטן די תפילין של ראש אין דר האנט איז דר דין אזו · זאל מען די תפילין של ראש ניט רעכט אן טאן אונ מען זאל דרויף ניט קיין ברכה מאכן אונ דר נאך

זאל

זאל מען לייגן די תפילין של יד אונ מען זאל איין ברכה מאכן אונ דר נאך זאל ער רעכט אן טאן דיא תפילין של ראש אונ איין ברכה מאכן :

הלכות מזוזה

אונזערע חכמים שרייבן ווער עס האט תפילין אויף זיין קאפ אונ אויף זיין האנט אונ ציצית ביי זיינע קליידר אונ מזוזות ביי די טירן איז ער פר זיכערט אז ער וועט ניט באלד זינדיגן · ווען מען גייט ביי דר מזוזה זאל מען לייגן דרויף די האנט אונ מען זאל זאגן שדי ישמרני מיצר הרע איז טייטש גאט זאל מיך היטין פארן יצר הרע · מען זאל גיווארינט זיין אז בייא איטליכער טיר זאל זיין איין מזוזה · מען גיהער די מזוזה אין איין קלארע זאך ארום וויקלען אדער מען זאל מאכן איין גלאז איבער דעם שם כדי מען זאל אים ארויס זעהן · אונ אז מען טוט ניט אזו איז מען ניט יוצא פאר הש״י מיט דער קדושה פון מזוזה :

דיא ווייבר אונ מיידן זאלן זיין גיווארינט אז זיי זאלן ניט שטעלין קיין מיאוסה זאך ביי דר מזוזה ניט וויא איין טייל לייט שטעלן דעם האנט פאס לעבין דער מזוזה אונ אז זיי קערן אויס דיא שטוב לייגן זייא דאס מיסט בייא דער מזוזה אונ אנדערע מענטשין שטעלן די קינדר לעבן דר מזוזה אונ אנדרע זאלן צורך האבן · אזי ווייא גישריען אויף דר דאזיגר זינד אונ אויף דר שאנד פון די הייליגע מזוזה דרום וייל די קדושה פון דר מזוזה איז זייער גרויס גיהער מען זעהן אז מען זאל די מזוזה בכבוד האלטן אונ וואו די מזוזה איז זאל ריין זיין אונ ווער עס האלט די מזוזה בכבוד דער איז זוכה צוא האבין גוטע פרומע קינדער אונ וועט זוכה זיין צו איין גוטע אונ איין שיינע דירה :

אונ ווען איינר טוט אריין איין מזוזה ביי דר טיר זאל מען אזו זאגן דא בין איך אן גברייט מיט מיינע הענט מקיים צו זיין די מצוה פון מזוזה וואס הש״י האט אונז גיבאטין לשם יחוד קוב״ה ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם בשם כל ישראל: ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לקבוע מזוזה · דאס ארט וואו די מזוזה בדארף זיין אין הארוירג איז אין דריטן חלק אין דר הויך דהיינו ווען דר הארוויר׳ג האלט דריי איילן זאל זיין די מזוזה אדריטל איין אייל אבר ניט נידריגר אונ די בעסטע מצוה איז אז עס זאל זיין איין גלאז איבר דעם שם פון דר מזוזה ווען דיא טיר איז קיילכדיג אזוא וייט וואו עס איז קיילכדיג זאל מען ניט צו שלאגן דיא מזוזה נייערט נידעריגער אונטר דעם קיילכדיגן :

דיני מילה

אמר ער האט גיזאגט רבי שמעון בן גמליאל אלע מצות וואס דיא יודין האבין מקבל גיוועזן מיט שמחה טוען זיי נאך די מצוה מיט שמחה דאס מיינט מען זיי מאכן סעודות דרום גיהער מען אן צו הייבן די סעודה צו מאכן ביי טאג אונ ניט ביי נאכט אונ מען זאל זעהן אז פון דר מצוה זאל ניט ארויס קומן איין עבירה דהיינו מען זאל דאוונן מנחה אונ מעריב אינדר צייט איידר מען וועט לוסטיג זיין ווארום אפשר וועט מען זיך איין שיכורן אזו וועט מען ניט דאווענען קיין מנחה אונ מעריב · דער מדרש שרייבט אויף דעם פסוק אני תמיד איחל והוספתי על כל תהלתך איז טייטש איך טוא תמיד האפן אונ איך טוא מערן אויף דיין לויב שרייבט דרויף ר׳ שמעון בן יוחאי וויא מצות זיין ליב ביי די יודן איז דען פאראגן ליבערשט ביי די מענטשן וויא דאס קינד פון דעסט

ווען טוען זיי גאטס ווילין זיי לאזן פר גיסן פון זייערע קינדר דאס בלוט מיט גרויש שמחה אונ מאכן דרויף גרויסע סעודות וואס גאט האט אונז גאר ניט אזו פיל געבאטן · דר זוהר שרייבט וויא גרויס איז דר שכר פון די מענטשן וואס זיי זיינן משמח אז זיי טוען איין מצוה · אונ מיט וואסר מצוה איז מען משמח דעם גוף דהיינו ווען מען מאכט איין סעודות ברית מילה איז דר שכר דער פון זייער גרויש ומכל שכן אז דיא נשמה גיהר זיך פשיטא משמח זיין אז זיא האט זוכה גיווען איר קינד מל צו זיין אונ דר מענטש זאל זיך דר וועקן זיין הארץ אונ זאל געבן איין שבח צו הש"י אז הש"י האט אים געגעבן איין זון אונ ער האט אים מזכה גיוועזן צו ברייגגן צום ברית פון אברהם אבינו אז זיין קינד טראגט דעם חותם פון דעם ברית קודש וואס הש"י האט דרויף גיבאטין אונ איידר דער מוהל הייבט אן מל צוא זיין זאל דעם קינדש פאטער אזוא זאגן דא בין איך אן גיבערייט מקיים צוא זיין דיא מצוה וואס הש"י האט אונז גיבאטין מל צוא זיין דאש קינד לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם בשם כל ישראל

אונ נאך דער מילה זאל מען תיכף זאגין די תפלה :

יהי רצון עש זאל זיין צו ווילין פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטרן אז דאש וואס מען האט מיין קינד מל גיווען זאל זיין פר דיר גירעכענט גלייך וויא איך האב דאס קינד מקריב גיוועזן פר דיין כסא הכבוד · איצונד בעט איך דיך גאט מיט דיין גרויס דר בארמקייט זאלסטו שיקן מיט דיינע הייליגע מלאכים איין הייליגע נשמה צו מיין קינד אז זיין הארץ זאל אפין זיין צו תורה אזו וויא די טיר פון דעם אולם אז דאש קינד זאל קענן לערנען · אונ זאל אויך קאנן מיט לייטן לערנן · אונ זאל היטן אונ זאל טאן וואס אין דיין תורה שטייט גשריבן איך בעט דיך מיין גאט אז דו זאלסט דר לייגערין די יארן פון מיין קינד אונ ער זאל זיין גוט אונ פרום אין דיין דינסט אונ זאלסט אים געבין עושר אונ כבוד אמן :

אונ די תפלה וואס דר מוהל זאל זאגן שטייט אין קיצור של"ה וואס עס איז אויף לשון הקודש :

אויך גיהער מען צוא ווארגען דעם עולם ווען דער קוואטער אונ דער מוהל בעט דעם עולם אויף לעקעך אונ בראנפין אונ דער עולם עסין אונ טרינקן אן איין ברכה דרום גיהער מען צוא ווארענען דרויף :

אונ ווייל די מצוה פון איין סנדק איז איין גרויסע זאך · דרום גהער מען צו זעהן אז מען זאל אן נעמן איין גוטן פרומן מאן צו איין סנדק ווארום אליהו הנביא זיצט לעבין אים אויף דר שטול · אונ ווען דער סנדק איז ניט גוט אונ פרום אזו קומט ניט אליהו הנביא · אונ מען גיהער צו נעמן אזוא איין מוהל אז ער זאל גוט אונ פרום זיין ממילא וועט דאס קינד אויך זיין גוט אונ פרום · סיידן אז דר פאטר נעמט דעם מוהל אונ דעם סנדק נאר לשם שמים אונ ניט פון חניפה וועגין אדער יענעם צוא ליב :

אונ ווען מען וויל האבן אז דם קינד זאל ניט גשעדיגט ווערן פר די מילה פון קיינערליי ע"ה זאל מען ליכט אן צינדן דארטן וואו עס איז איין מילה עס איז גוטע סימנים :

הלכות משא ומתן באמונה

צום ערשטן איידר מען גייט משא ומתן טאן אין דר פריא זאל מען פריער עפעס לערנן דהיינו ווען מען האט אפ גידאווינט אין שול זאל מען גיין אין בית המדרש אריין אונ מען זאל עפעס לערנן אונ אויב ער קען ניט לערנן זאל ער צו הערין דאס לערנען דר ער זאל לייענן טייטש ספרים אונ ווען מען האט אבר ניט קיין צייט זאל ער צום

וויינג פסוק

וויינגסטן לערנן חאטשע איין פסוק אויך זאל מען ניט משנה זיין ווארט היינו ווען ער האט איינם צו גיזאגט צו שיינקן איין מתנה זאל ער ניט משנה זיין · אונ ווען איינר איז שולדיג דעם חבר געלט זאל ער בעסר די צייט לייגר מאכין ווארום אז דיא צייט וועט זיין קורץ אונ טאמר וועט ער קיין געלט ניט האבן וועט ער בלייבן איין ליגנער איבר דעם זאל מען מאכן דעם זמן לייגר וועט ער ניט משנה דבור זיין דרום איר ליבע לייט איר זאלט זעהן למען השם אפ צו היטן אז מיזאל ניט משנה דבור זיין ומכ"ש אז מען טאר ניט גנבענען אונ גזלנן אפילו וואס איין פרוטה טרעפט אן ווארום דאס איז די גרעסטע עבירה ווארום דר גזר דין פון דור המבול איז ניט גיחתמת גיווארין ביז זיי האבן אן גיהויבן צו גזלנן דען דר מענטש קאן מער ניט האבין גייערט וואש הש"י האט אויף אים אוים גרופן אין הימל אבר דר מענטש זאל ניט זאגן איך וויל זיצן ליידיג וואש הש"י האט אויף מיר גוזר גיוועזן אזו וועט עש אליין קומן צו מיר טאר דר מענטש אזו זיך ניט פר לאזן דרויף ווארום דיא תורה האט אן גישריבן כי יברכך יי אלהיך בכל אשר תעשה דאס איז טייטש גאט וועט דיך בענטשן מיט וואס דו וועסט טאן דהיינו דר מענטש גיהער דאס זיינם צוא טאן אזו העלפט אים הש"י אבער פון ליידיג זיצן קומט נישט ארויש אבר דר מענטש טאר ניט נעמן מיט גוואלט דהיינו גנבנן אדער גזלנן ווארום ווען דר מענטש גנבת אדר גזלת אפילו איין גראשין האט ער ניט קיין רוא אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט ער מוז מגולגל ווערן ביז ער גיט יענעם אפ :

אויך זאל דר מענטש ניט זאגן אז איך וועל האנדלן באמונה וועל איך ווינציגר האבן דאס איז ניט אזו אדרבה הש"י וועט אים געבין די ברכה וויא דער מדרש שרייבט ווען דו וועסט געבן איין רעכטע מאס אונ איין רעכטע וואג אזו וועסטו האבן משא ומתן צו טאן אבר ווען דו וועסט ניט געבן קיין רעכטע מאס אדר איין רעכטע וואג וועט דיר זיין אזו לאנג אום גליקליך ביז דוא וועסט גאר ניט האבן צוא וועגן אונ צו מעסטן :

אונ אין דעם כלל פון משא ומתן באמונה איז אויך וואס דוא האסט צוא פאר קויפין זאלסטו דאש ניט איבעריג לויבין אונ אז דוא ווילסט קויפין זאלסטו יענעמס סחורה ניט איבעריג שענדן אונ ווען דו ווילסט בייא יענעם סחורה קויפן זאלסטו באלד זאגין יענעם וויא פיל דוא ווילסט געבין :

ריבית דאס איז איין גרויסע עבירה אויף דעם וואס נעמט ריבית · אונ אויף דעם וואס גיט ריבית · דיא שטייען ניט אויף קיין תחית המתים · נוא איר ליבע לייט פון געלט וועגין וואס האט ניט קיין באשטאנד זאל מען אן ווערין עולם הבא · אונ דיא מענשן וואס זיינן ריבית פרעסרס אונ שרייבן זיך כתבים איין צד היתר אונ ווייסן גאר ניט וויא דר היתר איז וויא פיל מען מעג יוא נעמן רווחים אדר וויא פיל מען טאר ניט נעמן דאס איז בעו"ה ניט מער אז איין גלעבטר זיי מיינן אז זיי נארן אפ הש"י וואס ער זעהעט אלדינג · אונ ווער עס וויל רעכט יוצא זיין זאל ער שרייבן איין שטר חוב אזו וויא אונזערע ספרים שרייבן אזו וועט ער בשירמעט ווערן פון דר עבירה פון ריבית :

אונ בשעת אז מען גייט משא ומתן טאן זאל מען זאגן לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה דא גיי איך מיין משא ומתן טאן אונ איך פר זיכר מיך אן הש"י אז ער וועט מיר געבן מיין פרנסה דורך דעם משא ומתן אונ ווען הש"י האט אים בשערט רווח זאל ער קיין גאוה ניט האבין אדרבה ער גיהער זיך אונטר טעניג מאכן קעגן הש"י אונ זאל זאגן וואס האב איך פאר איין זכות

אז הש"י זאל מיר מער געבן אז אנדערן טאמר וועט הש"י פון מיינע מצות אפ שלאגן אדער טאמר פרובט מיך הש"י וויא אזו איך וועל זיך מיט געלט פירן דרום ווער עס איז קלוג אונ וויל זיין נשמה אונ זיין געלט באווארן גיהער מען זיך צו באדיינקן אז מען זאל צדקה געבין אונ גמילות חסד טאן מיט דיא מענטשין אונ ניט קיין גאוה טרייבן :

אונ ווען מען האט ח"ו איין שאדן זאל ער הש"י דרויף דאנקען ווארום הש"י טוט אלץ צו גוטן · אויך ווען מיהאט פרדינט פיל געלט זאל מען באלד מעשר געבן פון דאס געלט · אונ ווען איינר האט פיל מעשר געלט זאל ער זעהן ביי זיינם לעבן צו טיילן דאס מעשר געלט אונ אן זאגן צו זיינע קינדער אז זיי זאלין אויך די מצוה פון מעשר האלטין נאך זיינעם טויט · פון מעשר געלט מעג מען חתונה מאכן ארעמע כלות · אונ גומל חסד זיין מיט מעשר געלט אונ קויפן ספרים מען זאל אנטלייען צוא אנדערע לייט אז זיי זאלין דרויס לערנן : אויך איין גימיינר מאן וואס ער האט זיך דר וועקט זיין הארץ אונ וויל זיין גוט אונ פרום קען ער אויך די מצוה פון מעשר מקיים זיין חאטשע ער איז ניט קיין למדן דהיינו מיזאל די טעג מעשרין דהיינו מען גהער צו ציילן די טעג פון ראש השנה אזו איז יום כפור דר צעהנטר טאג אזו וואול זאל מען אפ ציילן ניין טעג אונ דעם צעהנטן טאג פאסטן אזו גהער מען זיך נוהג זיין איין גאנץ יאר אונ ווען דר צעהענטר טאג גיפאלט אום שבת אדר אום ראש חודש אדר אנדר טאג וואס מען טאר ניט פאסטין · פון דעסט וועגן איז דר צעהנטר טאג גרעכנט ביא הש"י גליך וויא ער האט גיפאסט :

הלכות תפלת הדרך

ווען מען וויל גיין אדר פארן אין וועג זאל מען די רעכטע האנט לייגן אויף דר מזוזה אונ מען זאל אזו זאגן איר היילגע מלאכים וואס איר זייט גזעצט אויף דר שמירה חאטשע איך בין ניט ווערט אייך אן צו רופן פון דעסט וועגן בעט איך אייך פון וועגן אייערע היילגע שמות אז איר זאלט גיין פר הש"י אונ איר זאלט פר מיר בעטן אז עס זאל מיר ניט קומען אין דעם וועג קיינערלייא ביזע גישעבניש אונ קיינערלייא ביזע בגעגנש · איר מלאכים זאלט מיך היטן איר זאלט מיך בלייטן איר זאלט מיך בנטשין גאט איז מיין היטר גאט איז מיין העלפער גאט איז מיין בשירמר גאט זאל היטין מיין אויס גיין אונ מיין קומן פון איצונד ביז אייביג · שמע ישראל יי אלהינו יי אחד : לישועתך קויתי יי : מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל ומלפני אוריאל ומאחורי רפאל ועל ראשי שכינת אל : אתה גבור לעולם אדני · אונ עס איז נאך פאר האנדן גרויסע תפלות אונ כוונות אבר עס איז גינוג פר דעם גמיינם מאן · אונזרע חכמים שרייבן ווען דו גייסט אין וועג זאלסטו דיך צום ערשטין בארעטין מיט גאט דהיינו דו זאלסט צום ערשטין דיין תפלה טאן ווערסטו מבולבל ווערין אין דער תפלה זאלסטו אין דער היים זיצין דען דוא וועסט בוודאי אין דעם וועג ניט מצליח זיין אבער ווען דוא טוסטו דיין תפלה רעכט אונ דיא ווערטער גייען גלייך ארויש פון דיין מויל אזו מעגסטו גיוויש גיין אין וועג אונ עס וועט דיר בוודאי מצליח זיין :

אונ עס איז איין גרויסע מצוה לויה צו טאן דהיינו יענעם צו בלייטן ווען יענער פארט אין וועג אדין אדר ער גייט אין וועג אריין אונ ווער עש טוט יענעם לויה איז ער יענעם מציל פון אום גליק · אונ ווער עס טוט יענם ניט קיין לויה די אלע שאדן אונ אום גליק וואש יענר האט איז דאס איבר אים · ווען איינר בלייט זיין חבר זאל ער זאגן מיט כוונה ברכת

כהנים דאש איז יברכך אונ דר נאך זאל ער אזו זאגן יהי רצון עס זאל זיין צו ווילן פאר דיר גאט אונזער פאטער פון דעם הימיל אז עס זאל מקוים ווערן אין דעם דאזיגן וואס ער גייט אין וועג די ברכות פון ברכת כהנים מיט אלע כוונות אונ דער דאזיגער מענטש זאל גיין אין וועג לחיים ולשלום לברכה והצלחה לשמחה ולשלום · אונ עס זאל אים ניט זיין קיין שום בייזע בגעגענעש ביז ער וועט קומען אויף זיין ארט אונ זאל מיט גיזונט צוא ריק קומען אמן:

ווען איינר טוט בלייטן דעם אנדרין זאל מען זיך זעהן אפ היטין אז איינר זאל ניט אוועק גיין פון אנדערין מיט גיוויין ווארום עס איז איין סכנה אונ ווען מען קען זיך ניט אפ היטין פון צו וויינען זאל מען זיך אפ היטין ניט צו שיידן ביז מען וועט אויף הערין צו וויינען אונ עש איז נאך פר האנדין זאבן וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט דעם תפלת הדרך:

הלכות תפלה

אונזרע חכמים זאגן וועלכע תפלה עס איז אן אכוונה איז גלייך וויא אגוף אן אנשמה · מען גהער זיך צוא שטארקן צו דער תפלה וויא איין לייב אז מען זאל ניט האבין קיין פרעמדע מחשבה בשעת דאוונן · דער מענטש גיהער זיך צו נעמן אין זיין זין גלייך וויא ער שטייט פר אמלך וואשׁ דער מענטש מוז עהרין וויא הקב״ה וויא דר פסוק זאגט ירא את ה׳ בני ומלך אונ ווען ער זאל אן הייבן צו ריידן מיט אנאנדרן אונ דעם מלך לאזין שטיין וואלט דען דר מלך ניט ברוגז גוואורן מכ״ש פר הש״י וואס ער איז איין מלך איבר אלע עולמות אונ די גאנצע בריאה · אונ ער איז יודע מחשבות דרום גהער מען ארויס צו שלאגן פון זין אלע פרעמדע מחשבות אונ מען זאל די תפלה טאן מיט כוונה · איר ליבע לייט איר זאלט ווייסן אז דיא אנשי כנסת הגדולה האבין גישטעלט אונזערע תפלות דורך גרויסע שמות אונ סודות אונ כונות ווארום זייא האבין גיוואוסט אונ פאר שטאנען אז דיא תפלה קומט פאר הש״י פון איין מעלה צוא אנדערער מעלה:

אונ ווייל איצונדער אין אונזרע דורות איז ניט פר האנדן איינר צווישן פיל טויזינט וואש ער זאל ווייסן די כוונות פון דר תפלה אדר די מעלות וואו די תפלה קומט ארויף דרום איז בעסר אז מען זאל די תפלה ווארט ביי ווארט זאגן אונ צו פר שטיין דיא ווערטער וואס מען זאגט · אונ זאל בעטן צו הש״י רבש״ע דו זאלסט מיין תפלה אן נעמן גלייך וויא איך וואלט מכוון גיוועזן אלע סודות וויא די אנשי כנסת הגדולה האבן דאשׁ גמיינט אונ האבן מכוון גוועזן · אונ דער נאך זאל מען זאגן דיא תפלה:

רבש״ע דוא ווייסט דאך וואול אז איך בין נאר בלוט אונ פלייש אונ האב קיין כח ניט מכוין צו זיין דיינע גרויסע ווערדיקייט חאטשע ווען איך זאל ווייסן אלע צירופים אונ כוונות פון די תפלות אונ ברכות · אונ מכ״ש אז איך האב דר צו גאר קיין פר שטאנד ניט אונ בפרט אזו אגמיינער מאן וויא איך בין וואס איך וויים גאר ניט קיין כוונות דרום בעט איך דיך גאט מיין גאט אז עס זאל זיין צו ווילין פר דיר אונ עס זאל זיין אן גינומן פאר דיין כסא הכבוד מיין תפלת שחרית (צו מנחה זאל מען זאגן מיין תפלת מנחה אונ צוא מעריב זאל מען זאגן מיין תפלת מעריב) גלייך וויא איך וואלט מכוין גיוועזן מיין תפלה מיט די צרופים אונ כוונות אונ שמות הקדושים וואס עס קומט ארויס פון דער תפלה אונ דוא זאלסט מאכן דיר איין קרוין פון מיין תפלה אזו וויא דוא מאכסט דיר איין קרוין אויס די תפלות פון דיא צדיקים אונ חסידים וואס ווייסן מכוין צוא זיין אמן:

נוא איר ליבע לייט ווייל מען זעהט אז מען קאן ניט בעונותינו הרבים האבן אכוונה אין

דאוונען · איבער דעם האבין אונזערע חכמים גימאכט אז מען זאל ניט מפסיק זיין פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה אפילו קיין לשון קודש צו ריידין אונ ניט קיין תהלים זאגן ווארום מען איז מקבל דיא עולמות ווארום די תפלה האט שוין אירע מלאכים וואס זיינן דרויף גזעצט גוואורן אונ די תורה האט ווידר אנדערע מלאכים אונ תהלים האט ווידר אנדערע מלאכים נוא וויא קען מען אויס מישן תפלה מיט תורה אונ מיט תהלים דורך אננדר · נוא איר ליבע לייט זעהט נאר אהער ווען מען פר מישט דעם סדר דר פר וואס מען לערינט תורה אדר אנדערע קדושה זאכן וואס מען לערינט צווישן ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה איז שוין איין כל שכן איין עבירה ווען מען איז מפסיק מיט דברים בטלים · אונ ווער עס איז מפסיק פון צווישן ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה מיט דברים בטלים אזו איז מען ניט מקבל זיין תפלה:

אונ עס איז דר צו איין משל ווען איינר איז קראנק קומען צו אים גרויסע דאקטורים אונ שרייבן דעם חולה איין רעצעפט וואס ער זאל נעמען אין דעם אפטייק אונ זאל דאס איין נעמן אונ דר דאקטר בפעלט צום חולה איינרלייא זאל ער איין נעמן אין דר פרי אונ נאך דעם איין נעמען זאל ער ניט עסין אונ ניט טרינקען דרייא שעה אונ צו אבינט זאל דער חולה אויך אזו טאן פאלגט דער חולה דעם דאקטער וואס ער האט אים גיהייסין טאן אזו קאן דער חולה גיהאלפין ווערין אונ ווידר גזונט ווערן האטשע דר חולה ווייס גאר ניט וואו אהין די רפואות גייען פון דעסט וועגין פאלגט ער דעם דאקטער ווארום דער דאקטר וייס יוא וואול וואו אהין די רפואות גייען אבער אז דר חולה פאלגט ניט דעם דאקטער האטשע דר דאקטער איז איין גרויסער מומחה אונ די רפואות זיינן אויך גוט מוז ער דאך שטארבן וויל ער האט ניט איין גינומען דיא רפואות וועדליג דער רעצעפט איז · אזו איז אונזערע זאכין מיט אונזערע תפלות:

דיא אנשי כנסת הגדולה האבין אונז גישטעלט אלע תפלות אונ זיי האבן גוואוסט וואו איטליכע תפלה בדארף זיין מיט אלע כוונות אונ מיר פאר שטייען דאס ניט בדארפין מיר ניט פאר ענדערין וויא אזו זיי האבין גישטעלט אבער ווען מען איז די תפלה ניט מפסיק אזו קומען גוטע מלאכים אונ נעמן די תפלות אונ מאבין דר פון איין קרוין צו הש״י אונ ניט די תפלות אליין ווען גלייך מען טוט אנדערע מצות וויא אזו עס בדארף זיין אזו טוט שוין די מצוה איר פעולה:

ראשית דבר דיא ערשטע זאך איז מען זאל ציהען אויף זיך דעם יאך פון הש״י דהיינו מען זאל זאגן אין דר פרי ק״ש אין דר צייט · אונ צו אבינט זאל מען אויך זאגין אין דר צייט דהיינו ווען שטערן שטייען · אונ ווען איינר האט גדאווינט מיט קהל מעריב פר דר צייט אונ דר נאך וויל ער יוצא זיין די ק״ש פון מעריב זאל ער אזו טאן ווען דיא שטערין וועלין ארויס קומן זאל ער נאך איין מאל זאגין ק״ש אונ אטייל לייט זייגען זיך טועה אום זומער ווען זיי האבן שוין גדאווינט מעריב מיט קהל איי שטערן זיינן גשטאנגן אונ זאגן אז זיי וועלן יוצא זיין מיט דר ק״ש וואס זיי וועלין זאגן פארין שלאף איז דאס גאר איין שמירה אז מען זאל בהיט ווערין אין דעם שלאף פאר אלעם בייזין:

אונ וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט דר ק״ש איי מען גייט שלאפן גהער מען צום ערשטן לערנען תורה כדי מיזאל איין שלאפן ווערן מיט תורה אונ ווער עס לערינט ביינאכט תורה אזו גייט הש״י מיט אים מיט חסד אונ איז פר זיכערט פר בייזע בשורות אונ איז בהיט פון זנות · מען גיהער ווערן די לייט וואס זייא טוען זיך אויס איידער זיי לייגען ק״ש אונ בשעת ק״ש קראצין זיי זיך אויפין בלויזין לייב אונ קראצין זיך די פיס דאס מאכט אלץ דער

שטן

שטן אז עס זאל אים דערנסט מאל גראד בייסין כדי ער זאל ניט קענן רעכט ק"ש לייענן דרום זאל מען גווארינט זיין אז מ'זאל ניט אן רירן אן דעם בלויזן לייב ווען מען לייענט ק"ש אדער ווען מען לערינט תורה אדער ווען מען דאווינט:

אונ אז מען האט שוין גלערינט פארין שלאף זאל מען דר נאך ווידוי זאגין פאר דער ק"ש דהיינו אלהינו ואלהי אבותינו תבוא לפניך אונ דר נאך זאל מען זאגין אשמתי בגדתי ביז אויש אונ דר נאך זאל מען זאגן על חטא צום ערשטן מאל זאל מען זאגן דעם על חטא וועדליג דר א"ב איז אונ דר נאך זאל מען זאגין על חטא וואס עס איז על פי תשר"ק:

הלכות קריאת שמע

אונ וויל דער על חטא וואס עס איז על פי תשר"ק וואס שטייט אין דיא סידורים איז ניט וויא מען בדארף איבער דעם האב איך דא גישטעלט אויף לשון הקודש:

על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון:
ועל חטא שחטאנו לפניך בבלי דעת:
על חטא שחטאנו לפניך בגלוי עריות:
ועל חטא שח"ל בדעת ובמרמה:
על חטא שחטאנו לפניך בהרהור הלב:
ועל חטא שחטאנו לפניך בודוי פה:
על חטא שחטאנו לפניך בזדון ובשגגה:
ועל חטא שחטאנו לפניך בחוזק יד:
על חטא שח"ל בטומאת שפתים:
ועל חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע:
על חטא שח"ל ביודעים ובלא יודעים:
ועל חטא שח"ל בכחש ובכזב:
על חטא שחטאנו לפניך בלשון הרע:
ועל חטא שח"ל במראית עין:
על חטא שח"ל בנשך ובמרבית:
ועל חטא שח"ל בשיח שפתותינו:
על חטא שחטאנו לפניך בעינים רמות:
ועל חטא שח"ל בפתחון פה:
על חטא שח"ל בצעדי רגלים להרע:
ועל חטא שחטאנו לפניך בקפיצת יד:
על חטא שחטאנו לפניך ברצון:
ועל חטא שחטאנו לפניך בשגגה:
על חטא שחטאנו לפניך בתשומת יד:
איצונד וועל איך אייך שטעלין ע"פ תשר"ק
על חטא שחטאנו לפניך בתמהון לבב:

ועל חטא שח"ל בשנאת חנם:
ע"ח שח"ל ברגלים ממהרים לרוץ להרע:
ועל חטא שח"ל בקשיות עורף:
על חטא שחטאנו לפניך בצואר עתק:
ועל חטא שח"ל בפריקת עול:
על חטא שחטאנו לפניך בעזות מצח:
ועל חטא שחטאנו לפניך בשקור עין:
על חטא שחטאנו לפניך בנטית גרון:
ועל חטא שח"ל במשא ובמתן:
על חטא שחטאנו לפניך בלאו תרמית:
וע"ח שח"ל בכניסה שלא לשם שמים:
על חטא שחטאנו לפניך ביוהרא:
ועל חטא שח"ל בטומאת רעיון:
על חטא שחטאנו לפניך בחלול השם:
ועל חטא שח"ל בזלזול הורים ומורים:
על חטא שחטאנו לפניך בועוד עבירה:
ועל חטא שח"ל בהוצאת דבה:
על חטא שח"ל בדברים בטלים ורכילות:
ועל חטא שחטאנו לפניך בגאוה ובוז:
על חטא שחטאנו לפניך בבטוי שפתים:
ועל חטא שח"ל באכילת אסור:
על חטא שח"ל (ברמ"ח אברים):
ועל חטא שח"ל (בשס"ה גידים):
על חטא שחטאנו לפניך (ברמ"ח אברים ושס"ה גידין) של נפש:

ועל

ועל חטא שחטאנו לפניך (ברמ"ח אברים ושס"ה גידין) של נשמה :

על חטא שחטאנו לפניך (ברמ"ח אברים ושס"ה גידין) של רוח :

ועל חטא שחל"ל בנשמה לנשמותינו :

על חטא שחל"ל בגרם פגם ומום (ברמ"ח אברים ושס"ה גידין) של אחרים בנפשם ובנשמתם :

ועל חטא שחל"ל בבטול מצות עשה :

על חטא שחל"ל על לאו הנתק לעשה :

ועל ח' שחל"ל על לאו שאין בו מעשה :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם אשם תלוי :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם אשם ודאי :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם עולה ויורד :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם חטאת קבוע :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם עולה :

ועל ח' ש"ח עליהם מלקות ארבעים :

ועל חטאים שאנו חיבים עליהם מיתה בידי שמים :

ועל ח' ש"ח עליהם מיתה בידי אדם :

ועל ח' ש"ח עליהם מיתות משונות :

ועל ח' שאנו חיבים עליהם כרת וערירי :

ועל ח' ש"ח עליהם כל מיני יסורים :

ועל ח' ש"ח עליהם כל מיני עונשין :

ועל חטאים שאנו חיבים עליהם ארבע מיתות בית דין :

סקילה שרפה הרג וחנק על עשה ועל לא תעשה בין שיש בה קום עשה ובין שאין בה קום עשה את שגלוים לי ואת שאינם גלוים לי את שגלוים לי כבר אמרתי והודעתי לך עליהם ואת שאינם גלוים לי לפניך הם גלוים וידועים כדבר שנאמר הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת : הכל תמחול ותסלח את אשר נואלתי ואת אשר חטאתי :

אונ בשעת אז מען גייט שלאפין זאל מען פריער קושין די מזוזה אונ מען זאל לייגין דיא האנט אויף דער מזוזה אונ דאס זאגין · שדי ישמרני מיצר הרע ומכל שדים ורוחין מחלאים רעים ומחלומות רעים :

נוא איר ליבע לייט אז איר וועט לייענען ק"ש אזו וויא איך האב אייך געשריבין וועט דער שטן קיין מאכט ניט האבן אויף אייך אין אייערן שלאף · דער יסוד יוסף שרייבט ווייבער מוזין אויך לייענען ק"ש :

אונ עש איז רעכט אז איטליכר מענטש זאל שטעלן איין כלי מיט וואסר לעבין בעט אונ אזו באלד אז ער וועט אויף שטיין וועט מען אפ גיסין נעגיל וואסער כדי מען זאל ניט גיין פיר איילן אן נעגיל וואסר ווארום ווער עש גייט פיר איילן אן נעגיל וואסר איז ער חיב אונ צום וויניגסטן אז מען איז אין דר היים זאל מען זעהן דאש מקיים זיין ווארום אז מען איז אין דער וועגינס קען מען דאש ניט מקיים זיין :

אונ נאך די זאכין וואס מען בדארף זיך צו וואשן אונ אז מען וואשט זיך ניט אז ער איז אלמדן פר געסט ער זיין תורה איז ער איין עם הארץ ווערט ער משוגע :

ווען מען גייט ארויס פון איין באד אדר פון איין בית הכסא אדר ווען מען שטייט אויף פון דעם שלאף אדר ווען מען האט די נעגל אפ געשניטן אדר מען האט די שיך אויס גטאן אדר ווען מען האט מיט די הענט אן גירירט די פיס אדר ווען מען האט זיך גצוואגן אדר ווען מען איז גגאנגן צווישן מתים אדר ווען מען האט אן גירירט אן אמת אדר ווען מען האט אן גירירט אן דעם בלויזן לייב דארטן וואו עס בדארף צו זיין צו גדעקט אדר ווען מען האט

בלוט

בלוט גלאזן אונ דש זייגן די זאבן וואש מען בדארף נאך זיי זיך צו וואשן · נאכן שלאפין העלפט ניט אז מיזאל אפ רייבן די הענט נאר מען מוז וואשין די הענט מיט וואסר ווארום אז דר מענטש שלאפט רואט אויף אים די אומריינקייט איבר דעם העלפט ניט אז מיזאל אפ רייבן די הענט נייערט מען מוז וואשין דיא הענט אונ דאש פנים מיט וואסער :

אונ וויל דער מענטש ווערט אלע מארגן פריא אנייעה בשעפעניש איבר דעם האט מען גשטעלט די ברכות אז מיזאל זאגין אלע מארגינס פריא אונ געבן אלע מארגינס פריא אשבח צו הש"י אזו שרייבט דר מגן אברהם אז מיזאל וואשין די הענט איידר מען דאווינט גלייך וויא פר צייטן האט דר כהן גדול גוואשן די הענט איי ער האט די עבודה גטאן אונ דש דאוונן איז אויף דעם ארט פון דר עבודה דרום גהער מען זיך צו וואשן די הענט · אויך שרייבט דר מגן אברהם מען זאל ניט אן טאן צוויי קליידר אין איינם אויך זאל מען ניט אפ ווישן די הענט אן דר העמד . אונ בשעת מען ווישט אפ דיא הענט זאל מען זאגין דיא ברכה ענ"י :

אויך זאל מען ווישן ווען דער מענטש שלאפט האט דער רוח מאכט צוא רוען אויפין מענטשין אונ דיא אום ריינקייט גייט ניט אוועק פון דעם מענטשן ביז ער וואשט די הענט דרייא מאל אונ ניט דורך אננדר נייערט איין מאל זאל מען וואשין איין האנט אונ דער נאך דיא אנדערע האנט אזו זאל מען טאן דרייא מאל :

אונ אזו באלד ווען מען שטייט אויף פון דעם שלאף אונ מען האט קיין וואסר ניט צו וואשן זיך זאל מען אפ רייבן די הענט אן וואס עס איז אונ זאל זאגין איך באקען צו פאר דיר לעבעדיגר גאט דוא ביסט איין קיניג אונ לעבסט אייביג אונ דוא האסט מיר ווידער גיקערט מיין נשמה מיט דיין גרויס דער בארימקייט · אונ ווען מען האט ח"ו שלעכטע מחשבות גיזעהן זאל מען דאש זאגין נאך דעם וואשין :

רבש"ע איך האב דאש ניט גיטאן מיט מיין ווילין נייערט מיט שלעכטע מחשבות דרום זאל זיין צו ווילין פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטערין אז דוא זאלסט אפ מעקין פון מיר דיא עבירה אונ בשירעם מיך ווייטער פון שלעכטע מחשבות אימער אונ אייביג :

צום ערשטין זאל מען אן טאן דעם רעכטין שוך אונ דער נאך דעם לינקן שוך אונ אז מען וויל זיי צו קניפין זאל מען פריער דעם לינקין אונ דער נאך דעם רעכטין איי מען גייט דאוונן זאל מען צום ערשטן צורך האבן כדי מען זאל ניט קומן פר הש"י מיט איין אום פלייטיגן לייב · אויך זאל מען זעהן אז עש זאל ניט זיין קיין פלעק פון אום ריינקייט אויפן העמד :

אונ ווער עש האט גיזאגט דיא ברכות אין דער היים בדארף ער שוין ניט זאגין אין דער שול · אין דר ברכה אשר יצר זאל מען ניט זאגין רופא חולי כל בשר נאר רופא כל בשר דיא ברכה מגביה שפלים זאל מען ניט זאגין :

איין טייל מענטשין זיינען זיך נוהג אונ שטייען אויף פאר טאג אפ ריכטין חצות אדר שומרים לבוקר דענסט מאל איז דיא צייט אז מיזאל וויינן אונ קלאגין אויף חורבן בית המקדש · אבער ווער עש שטייט אויף ווען עס איז טאג אזו איז שוין גאר ניט דיא צייט איז גלייך אז מען דאווינט תפלת פסח אום פורים :

אונ ווער עס איז פון דיא ערשטע צעהן מענטשין אין שול צום מנין אזו איז זיין שכר זייער גרויס אונ איי מען גייט אין דער פריא אין שול אריין זאל מען פריער אן טאן טלית ותפילין · אונ איי מען הייבט אן דאבנען זאל מען פריער צדקה געבין · ווארום מיט דער צדקה ווערט זיין תפלה אויס גילייזט פון דיא מקטריגים אונ בשעת אז מען גיט צדקה

זאל

זאל מען זאגין דעם פסוק אני בצדק אחזה פניך אונ דער נאך זאל מען זאגין מה טובו · אונ
נאך מה טובו זאל מען דאס זאגין :

מי אנכי ווער בין איך · אש אונ ערד אונ ווערים אונ מאדן נארהייט אונ לעהר אז איך בין זוכה
תפלה טאן פר השי"ת דר גאבענבענטער קיניג איין פארכצומר העד איבער אלע הערן · ניט מער
פון וועגן זיין דר בארימקייט אונ גנאד אז השי"ת דר ברימט זיך איבר זיינע בשעפניש אונ בגערט
אונזערע תפלות אזו וויא דר פסוק זאגט השי"ת איז נאהענט צו די אלע וואס רופין אים אן מיט
ווארהייט אונ טוט דעם ווילן פון זיינע פארכצומע אזו בעט איך דיר מיין גאט זאלשט הערין
מיין גיבעט אונ זאלסט מיר העלפין מיט דיין הילף אונ דר נאך זאל מען זאגן דעם שבח אדון
עולם מיט גרויס כוונה דען דאס איז איין שרעקליכר שבח מיט גרויסע שמות אונ סודות :
אונ איי מען הייבט אן צו דאווענן תפלת שחרית אדר מנחה אדר מעריב זאל מען אזו זאגין
דא בין איך אויף מיר מקבל דיא מצוה פון ואהבת לרעך כמוך איז טייטש דוא זאלסט ליב
האבן דיין חבר אז זיך זעלבסט מיט דעם ווארט רע פאר שטייט מען אלע מענטשין :
דר כלל איז איר זאלט ווישין ווער עש פאר שטייט ניט קיין לשון הקודש איז בעסער מען
זאל זאגן די תפלות אויף טייטש · אונ איי מען הייבט אן תפלה טאן זאל מען דש זאגן :
אנא איך בעט דיך אונזר גאט דו זאלסט אוים שטרעקן דיינע היליגע הענט אונטר די פליגיל
פון די מלאכים וואס זיי הייסין כרובים אן צוא נעמען מיין תפלה מיט דיין גרויס דר
בארמיקייט אונ אין שאטין פון דיין פליגיל זאלסטו מיין תפלה פאר בארגן פר אלע קליפות
אונ זאלסט בפעלין מיט דיין גרויס דר בארימקייט אויף די מלאכים וואס זיינן גיזעצט גיווארן
אויף די תפלות אז זיי זאלן ברייגגן מיין תפלה פר דיר מיט דיין גרויס גינאד אונ מיינע זינד
זאל קיין מאכט ניט האבן צו מאכן אצווישין שייד צווישן אונז אונ צווישן דיר אונ גיב
אונז קראפט אז מיר זאלין מיט אונזר תפלה רייניגין די עולמות כדי מיר זאלין דר הייבן
ווערין אונ אונזערע נשמות זאלין זיין ריין פון אלע אום ריינקייט :

צום בעסטן צו זאגן פרשת התמיד דאס איז וידבר פר איזהו מקומן אין שול דען די פרשה
נידבר איז אן שטאט קרבן התמיד אונ די שול איז אן שטאט בה"מ אונ דאס קרבן האט
מען אין ב"ה מקריב גיוועז · אויך גיהער מען די פרשה וידבר מיט דאס קהל אין איינם צו
זאגן דען דאס הייסט קרבן צבור · אויך גיהער מען צו שטיין אז מען זאגט וידבר אונ
איזהו מקומן וויא מען האט גמוזט שטיין אז מען האט דאס קרבן מקריב גיוועז :

ברוך שאמר גיהער מען מיט גרויסע פרייד אונ מיט גרויס כוונה צוא זאגין · אונ מען גיהער
צו נעמען די פאדערשטע צוויי ציצית אין די הענט ווען מען זאגט ברוך שאמר ווען מען
זאגט אשרי אונ מען האלט פותח את ידך גיהער מען מכוון צו זיין די לעצטע אותיות איז דר
נאמן פון דעם מלאך וואס איז גיזעצט איבר די פרנסה אונ ווער גאנץ אשרי מיט כוונה זאגט
אזוא ווערט מען באשירמעט פון גיהנם :

ויושע אונ אז ישיר גהער מען מיט כוונה צו זאגן אונ מיט איין ניגון אונ מען גיהער צו שטיין
ווען מען די שירה אז ישיר זאגט אזו איז מען דעם זעלביגן מכפר אלע זיינע זינד :
דאס איז ווישגליך אז עס איז איין גרויסע מצוה זיין תפלה מיט דאס קהל גליך אפ צוא
ריכטן צום ווייניגסטן גיהערן די גימיינע לייט צו ווישן ווען מען שוין שפעט אין שול
קומט וויא מען זאל זיך נוהג זיין ווען מען קומט אין דר שול אונ דר חזן האלט אין סוף
הללויה זאל ער זאגן ברוך שאמר גאר אוים אונ דר נאך אשרי גאר אוים אונ דר נאך הללו
את ה' מן השמים גאר אויש אונ דר נאך הללו אל בקדשו גאר אוים גאר צו זעהן אז מען זאל מיט

דעם

דעם קהל גלייך שמונה עשרה מתפלל זיין אונ ווען ער קומט גראד צו יוצר אור זאל ער גלייך מיט זיי מתפלל זיין פון יוצר אור אבר ווען ער האט אויש מתפלל גיוועזן מוז ער ווידר זאגין וואס ער האט איבער גיהיפט :

ישתבח גהער מען מיט גרויס כוונה צו זאגן דען דאס איז די ברכה אחרונה פון הללויות ווער עס זאגט אמן יהא שמיה רבא מיט כוונה אונ טוט תשובה צו רייסט מען אים זיינע בייזע גזרות ווען מען זאגט אמן יהא שמיה רבא גהער מען צו ציטערן מיט אלע גלידר אזו איז זיך הש"י מרחם אונ האט חרטה אויף די צרות אונ איז מוחל אונזערע עבירות ווייטר שטייט פיל זאכן פון דעם חזן וויא ער זאל זיך האלטן צום ווייניגסטן קיין עם הארץ ניט צו זיין אז ער זאל פר שטיין וואס ער איז מתפלל אזו קאן ער אליין אויף לשון הקודש נאך לערנען וואש צוא אים גיהער אזו וועט ער גהייסין איין רעכטער פירשפרעכר · אין הלכות אמן וועט איר שוין מער זאכן גיפינן וואש צום חזן גהער :

ווען מען זאגט שמע ישראל אונ האלט אן דעם ווארט אחד זאל מען די כוונה האבן אויף דעם ד׳ פון אחד דאס ווייזט אז הש"י האט צו בפעלן אויף אלע פיר עקין דיא וועלט אונ אויף הימל אונ ערד · אונ מען זאל מכוון זיין אז מען זיין לייב איבר ענטפערט צו הש"י אום צו קומן פון גאטש וועגן אונ ווען מען איז אזוא מכוון ווערט דעם זעלבין גירעכינט גלייך אז ער האט שוין מקדש השם גיוועזן אונ האט זיך גילאזט אום ברייגגן פון גאטש וועגן וואול אכטונג צו געבן ניט צו פר ענדרן איין דגוש פר איין רפה אונ דאס גלייכן ניט צו פר ענדערן איין ימין פר איין שמאל זונסט איז מען מחרף ומגדף אונ איז מחריב עולמות אין ק"ש דם ערסטע צו לייענן וקשרתם מיט איין קמץ אונ דעם אנדרן וקשרתם מיט אסגול : גוא איר ליבע לייט ווייל ק"ש האט אזו איין סגולה אן זיך אז איטליכס ווארט היילט איין גליד פון דעם מענטשן דען ק"ש איז צווייא הונדערט אונ אכט אונ פערציג ווערטער אונ דער מענטש האט צווייא הונדערט אונ אכט אונ פערציג גלידער דהיינו מיט דיא דרייא ווערטער אני ה׳ אלהיכם טרעפט אן צוויי הונדערט אונ אכט אונ פערציג ווערטר דרום גיהער דער חזן אן צו הייבן ה׳ אלהיכם אבר ווען איין יחיד פר זיך מתפלל איז אזו האט מען גישטעלט אז ער זאל אן הייבן אל מלך נאמן פאר ק"ש אזו קומט גראד ארויס רמ"ח ווערטר :

דיא ציצית גיהער מען אין דיא הענט צו האלטין איבער ק"ש ביז מען האלט לעד קימת מען טאר אפילו קיין אמן ניט ענטפערן צווישין ק"ש אונ שמ"ע מכ"ש מפסיק צו זיין מיט דברים בטלים איז איין גרויסע עבירה :

ווען מען שטעלט זיך שמונה עשרה מוז מען ביידע פיס צו אננדר שטעלין אז עס זאל אן גיזעהן זיין גלייך אז ער נישטמער איין פוס האט · אונ די הענט גהער מען צו לייגן אויפן הארץ איבר אננדר דהיינו די רעכטע האנט אויף די לינקע האנט אונ דעם קאפ איין גיבוקט אונ די אויגן צו דר ערד אונ דאס הארץ דהיינו זיין כוונה צוא הש"י אונ ווען מען איז אין דר היים מתפלל זאל ער זעהן מתפלל צו זיין אין איין חדר וואו פענצטר זיינן אז ער זאל זיינע אויגן קאנן קעגן דעם הימל האבן אין זיין תפלה אונ ניט אן גילעהנט צו שטיין אן דעם שטענדר ווען מען וואלט דעם שטענדר אוועק נעמן וועט ער מוזן אום פאלן דאס זעלביגע הייסט ניט שמונה עשרה גישטאנן אונ דר חזן גיהער פשיטא גיווארינט זיין ניט אן גלעהענט צו שטיין אונ ווען מען שטעלט זיך שמ"ע זאל מען זיך ניט גראד קעגן מזרח שטעלן נייערט אביסל זיך צו נייגן קעגן דרום זייט · אין אתה גבור גיהער מען צו זאגן לישני עפר איז טייטש הש"י איז מקיים זיין ווארט האפטיג

רייד צו די וואס שלאפן אין דר ערד אז זיי ווערן אויף שטיין תחית המתים · ווען איינר איין קראנקן האט אין זיינעם הויז אזו קאן מען אויף אים מתפלל זיין אין רפאנו ווען גלייך אויף טייטש אונ פאר שמע קולנו זאל מען אזוא זאגין אויף טייטש :

אנא ה׳ חטאתי עויתי פשעתי לפניך זייא מיר מוחל מיינע זינד אונ פאר גיב מיר מיינע פאר קרימענעש אונ זייא מכפר מיינע מיסטייט אויף דעם וואס איך האב גיזינדיגט אונ פאר קרימט אונ גימיסטייט פאר דיר גאט זינט איך בין גקומען אויף דר וועלט ביז אין דעם היינטיגין טאג · דער נאך מעג מען בעטן פר הש״י דאס איינר איז ארום אונ ווען גלייך ער איז איין עושר זאל ער דאך תפלה טאן צוא הש״י אויף פרנסה פאר שמע קולנו אונ ער נוייזט דער מיט אז הש״י האט זיין פרנסה אין זיין מאכט אז ער פאר לאזט זיך ניט אויף זיין עשירות :

דאס איז די תפלה אויף פרנסה :

אתה הוא ה׳ אלהינו דו ביסט דער גאט דר דא שפייזט אלע באשעפעניש פון דיא גרויסע בשעפענעם וואס הייסט ווילד טיר ביז אן דעם קלענסטין בשעפעניש וואס הייסט ביצי כינים בשער מיר אונ מיין הויז גיזינד אונזר שפייז אן צער אונ אן איסור צוא לעבין צוא גיזונט צו פרייד פון גיבענשטע אונ באגליקטע שפע אז איך זאל קאנן טאן דיין ווילן אונ זאל קאנען באשטעטיגן דיין הייליגע תורה אונ זאל קיינעמס ניט באדארפן ניט צוא איר שיינקן ניט צוא איר לייען נאר פון דיין פולע אפענע מילדי הייליגע האנט · פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון · מען זאל זאגין משען ומבטח לצדיקים די למ״ד מיט איין שוא · מודים נהער מען זיך צוא בוקין ביז אלע גלידר ווערט גירירט פון דער שדרה דען אין דר שדרה איז אכצעהען גלידער קעגין די אכצעהן ברכות וואס אין שמ״ע איז · ווען מען עושה שלום אוים גייט זאל מען צום ערשטן מיט די לינקע פוס אן הייבן הינטר זיך צוא טרעטן אונ דר נאך מיט דיא רעכטע פוס · אונ ווען מען עושה שלום אוים גייט זאל מען ניט באלד צוריק גיין דא איז גלייך וויא איין הונט זיין עסן אוים שפייט אונ עסט ווידר אויף נייערט מען מוז ווארטן ביז מען האלט קדושה דער נאך זאל מען ערשט צוריק גיין אין דעם פסוק יהיו לרצון זיינען גרויסע סודות דרינן ער הייבט זיך אן מיט איין יוד אונ לאזט זיך אוים מיט איין יוד אונ עס איז דרינען צעהן ווערטער אונ צעהן יודין אונ צוויי אונ פערציג אותיות · דרום גהער מען וואול אין זינען זיך צו נעמען אונ מיט גרוים כוונה צו זאגן :

אבר צום ווייניגסטן איין טייל פון תפלה אדר תחנות וואס מען זאל זאגן פר די תפלה אדער אין די תפלה אדער נאך די תפלה האב איך ניט מער ווייניג וואס אויף טייטש גשטעלט דרום ניט צו פר אכטן אונ איטליכע אויף זיין שטעל אונ ארט צו זאגן :

קדיש אונ ברכו שטייט שוין אין דיא סידורים :

דרום האב איך עס ניט אהער גישטעלט אבער מען גיהער גיווארינט צוא זיין צוא זאגין ווען מען ניט בייא מנין איז גלייך אז מען האט קדיש אונ קדושה אונ ברכו מיט דעם קהל גיזאגט · אבר וואו איין מנין איז העלפט אלע זיינע זאגין ניט נייערט מען מוז צום מנין גיין אונ אין שול זיין תפלה אפ צוא ריכטין :

אונזערע חכמים שרייבן אלע די טויערן זיינן אין הימל פאר שלאסן נייערט דיא טויערין פון טרערן זיינען ניט פאר שלאסן דרום גיהער מען זיין תפלה מיט טרערן אפ צוא ריכטין אונ ווען מען קאן ניט ווינען זאל מען צום ווייניגסטין איין נגון מאכין גלייך אז מען ווייגט וויא איין ארום מאן וואס טוט בעטלען מיט דעם אמטיגין ניגון אויף דיא טיר

איין

אין שטיקיל ברויט אזו גיהער מען אין ניגון צוא מאכן אין דיא תפלה :

עס איז פר האנדן לייט וואס גאנץ לאנג אירע שמ"ע ריכטין אף זיי טוען גאנץ רעכט

אבר דר חזן דארף דאך ניט צו ווארטן אויף זיי · אונ ווען מען אונטער דר וועגינס זיין תפלה טוט זאל מען זיך צום ערשטן אום זעהען אז קיין אום ריינקייט זאל ניט זיין אויף דעם ארט זונסט ווערט זיין תפלה אום ווערדיג זיין פר הש"י אונ וועט מוזין נאך אמאל דאוונן · דרום ווען עס גשעהן דר נאך אז נאך די תפלה האט זיך אומריינקייט גפונן אין די פיר איילן אזו גיהער מען זיך מצער צו זיין אז ער גאטס הייליגע ווערטער ארויס גירעט האט אויף איין אום ריינע שטעל אזו גיהער מען איין טאג צו פאסטן :
ווען מען קומט אין שול זאל מען ניט באלד זיין תפלה אף ריכטן דען דר מיט ווייזט גלייך אז ער וואלט לוז ווערן נייערט מען גיהער צו זאמן אז מען קאן גיין אכט איילן דער נאך זאל מען ערשט אן פאנגען תפלה צו טאן · איין אלטר מאן אדר איין קראנקער מאן ווען ער קאן אין זיין תפלה ניט שטיין אזו מעג ער וואול זיין תפלה טאן ווען ער ליגט אדר ווען ער זיצט · ווען איינר דארף אויס צו שפייען אין זיין תפלה זאל ער הינטר זיך שפייען אבער ניט פאר זיך · ווען איינער שטייט פאר אים שמ"ע טאר מען ניט זיצן נייערט מען מוז שטיין ביז יענר אויס גייט שמ"ע · ווען איינער ווערט שוין פארטיג מיט לאנג והוא רחום זאל ער דאך ניט זאגן פר זיך רחום וחנון נייערט ער מוז ווארטן מיט דעם חזן גלייך צו זאגן רחום וחנון · ווען מען זאגט ברוך ה' לעולם אמן ואמן אונ יראו עינינו מוז מען אויף שטיין אבר מען מעג שטיין מיט דעם פנים אויף וועלכע זייט ער וויל :

אונזערע חכמים זאגן דער האט איין גרעסערן שכר וואס אמן זאגט איידר דער וואס דיא ברכה זאגט

דרום גיהער מען וואול אכטונג צוא געבן קיין אמן ניט פר הערין דען איטליכער אמן האט איין בזונדר טייטש איין טייל אמן איז טייטש עס איז שוין לאנג וואר אונ אטייל אמן איז טייטש עס איז איצונד וואר · אונ אטייל אמן איז טייטש עס זאל ערשט ווערן וואר דרום גהער מען שטיל צו האלטן ווען דר חזן הויך שמ"ע זאגט דר ווארטן אמן אויף איטליכע ברכה ערינצט נאך צו זאגן · דר טורי זהב שרייבט וואו נאר אמנן איז אונ איין טייל גיבן ניט אכטונג אויף קיין אמן נאך קיין קדיש נאך קיין ברכו אונ אטייל שלאפן גאר אין די תפילין ווייא איז צו זיי אונ ווייא איז זייערע נשמות איז בעסער גאר קיין מנין מיט זעלכע רשעים צו מאכן אונ פר זיך זיין תפלה צו טאן · אויך גיווארינט צו זיין ווען דר חזן שמ"ע הויך זאגט מיינן אטייל זייא טוען אגרויסע מצוה אונ זאגן מיט דעם חזן די ברכות ובפרט מיט דעם שם איז גלייך אז מען וואלט פאלש שווערן ווער עס בחנם אשם טוט ארויס ריידן אונ ווער עס בחנם ארויס רעט איין שם דער איז חייב : זעהט נוא איר ליבע לייט ווען איינר מיט זיין חבר וואלט איין משפט האבן אונ מען זאל אים פסקנן איין שבועה אונ ווען גלייך אז ער ווייש אז ער איז גרעכט וויל ער דאך ניט שווערין אונ ווערט זיין געלט אן · אונ איין שם ריידן זיי בחנם ארוס דאס איז גלייך אז מען וואלט שווערין אום זונסט · עש איז שוין אין סידורים גידרוקט וויא דער אמן זיין טייטש האט דרום ווער עס גיט פר שטייט אויף להי"ק דער זאל זיך איין סידור קויפן אז ער זאל וויסן וואס ער זאגט :

אין זוהר שטייט גרויסע סודות אויף אמן אונ שטייט ווייטר וואס פר איין גרויסן שכר

מען האט ווען מען ערינצט אמן נאך זאגט מיט כוונה וויפיל טירין פון רחמנות ווערט פר דעם זעלבין אויף גימאכט וויפל גוטץ ווערט פר זיי גיפונן דורך דר גרויסע הייליקייט וואס מען אויף זיך ציהט מיט דעם אמן נאך זאגן וויפל פרייד האט ער אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט · אונ ווען ח"ו איין צרה איז אונ מען טוט תפלה אזו

ווערט

ווערט אויס גרופן אין הימל עפינט די טירן צו אנטפאנגן די תפלות פון דיא וואס אמן ערינכט נאך זאגן · אונ ווען די זעלביגע לייט שטארבן קומן פיל מלאכים אנטקעגן צו אנטפאנגן די נשמה אונ שרייען אויס עפינט די טויערן פון דר בארימקייט צו די וואס האבן אמן נאך גיזאגט אבר ווער עס הערט איין ברכה אונ זאגט קיין אמן דרויף אויף דעם זעלביגן ווערט גזאגט ובוזי יקלו איז טייטש ווער עס מיך פר אכט דר ווערט זעלבסט פר אכט וויפל עונשים אונ שטראף דר זעלביגר מוז ליידן ווער אמן טוט פאר אכטין ווען ער שטארבט ווערט פר אים אויס גרופן פר שליסט אלע די טירן פון דר ברמיקייט פר דעם זעלביגן וואס ביי זיינם לעבן דיא טויערן האט ניט גוואלט עפענען פון דער בארימקייט ווייל ער האט ניט אמן נאך גזאגט מען זאל דעם זעלביגן ניט אריין לאזין וואו גאר רחמנות איז ווי צו אים אונ צו זיין נשמה דאס האבן מיר ווישנליך אזו פיל חדרים אז עס זיינן אין גן עדן אזו פיל חדרים זיינען אין גיהנם · ווער עס קומט אריין אין דעם גיהנם וואס הייסט שאול דר קאן ווידר ארויס קומן ווען ער גיבעטן האט · אונ מיר האבן גילערינט ווער עס פר אכט אמן אונ זאגט נישט ערינכט אמן דער קומט אריין אין גיהנם אבר ווען ער וויל זיך בדיינקען אונ נעמט אויף זיך ער זאל טאן נאך צו זאגן דר קומט פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה ביז ער קומט לחיי עוה"ב :

נוא זעהט איר ליבע לייט וואס פר עונשים מען מוז ליידן ווען מען די מצוה פון אמן נאך זאגן פר אכטן טוט אונ וואס פר איין גרויסן שכר מען קריגט ווער עס ערינכט אמן נאך זאגט · דרום גיהער מען דיא לייט צו ווארענען דען עס זיינען פיל לייט פר האנדין וואס פאר הערן צווי אמן דהיינו נאך המחזיר שכינתו לציון זאגן זיי באלד מודים אונ זאגן קיין אמן ניט נאך אויף די ברכה · דעסט גלייכן אן פרייטיג צו נאכט נאך ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים זאגן זייא גלייך ושמרו בני ישראל אונ זאגן קיין אמן צום ערסטן אויף דיא ברכה · דרום גהער איטליכער זיין גזינד צו גוואונן זיי זאלן אלע ברכות הויך זאגן דר ווארטן אז מען זאל קאנן אמן דרויף זאגן דעסט גלייכן ווען זייא פון אמענטשן ברכה הערן זאלן זיי אמן נאך זאגן :

אויך זאלן דיא לייט גוואריגנט זיין עס זיינן פיל לייט פר האנדן ווען דר חזן הויך ש"ע זאגט גיבן זיי ניט אכטונג אויף די ברכות אונ זיינן פרום זאגן תהלים אדר מעמדות אדר ואתה מגן בעדי ניט גנוג אז זיי ווערן קיין שכר ניט האבן זיי ווערין נאך מוזן גרויסן עונש ליידן ווייל זיי האבן ניט אכטונג גגעבן אויף די ברכות דר ווארטן אז זיי האבן גקענט ערינכט אמן זאגן · אונ ווען דיא לייט תהלים זאגן ווייל דר חזן הויך שמ"ע זאגט זאגן זיי איין מאל אמן אונ זיי ווייסן ניט אויף וועלכע ברכה · דער זעלביגר אמן ווערט גיהייסן אמן יתומה דאס איז איין גרויסע עבירה אונ אונזרע חכמים האבן גזאגט בעסער ווייניג מיט כוונה אז פיל גיזאגט אן כוונה אונ ווען מען האט אזו איין גרויסן שכר פון איין ווייניג זאגן אז פון פיל זאגן · נוא וואס זאלן מיר דאס פיל זאגן דרום זאל מען גווארינט זיין אכטונג צו האבין אויף איטליכער ברכה בזונדר דר ווארטן אז מען זאל ערינכט אמן נאך זאגין :

אויך גהער מען די לייט צו ווארנן קריאת שמע אונ שמ"ע אין זייגע צייט אפ צו ריכטן אונ ניט עובר צו זיין די צייט פון קריאת שמע אונ די רעכטע צייט איז זייגער זעקס אויף דעם זייגר זומר אונ ווינטר אונ ניט שפעטר אויך איז מען נוהג אין קהלות אן שבת אדער י"ט זייגר זיבן אבר אין די קהלות וואס גייען ערשט זייגר אכט אין די שול אן שבת אדר אן

ייט אונ זאגן נאך תהלים פאר ברוך שאמר די זיינן גיוויס עובר ק״ש דרום גהער מען זיך נוהג צו זיין וויא מען איז זיך נוהג אין ק״ק פירדא אז זיי גייען אייביג זומר אונ ווינטר אין די שול זייגר זעקס אונ ווער עס וויל פר ענדערן זיין מנהג אונ וויל אום זיבן אין די שול גיין זאל מען זיך צום ווייניגסטן גיוויינן אין דר היים אפ צו ריכטן די ברכות פון פארינט אונ די ערשטע פרשה ק״ש אזו איז מען דער נאך ניט עובר דעם זמן קריאת שמע · אונ דיא לייט וואס גייען אום אכט אין דיא שול אן שבת אדר י״ט צום ווייניגשטן קיין תהלים צו זאגן פר ברוך שאמר אונ דר חזן זאל ניט דאווגן מיט פיל זינגן אונ ווען גלייך מען איז אונטר וועגינס זאל מען זיך אזו גיוויינן אז מיזאל דיא ערשטע פרשה ק״ש נאך די ברכות זאגן אבר ווען איינר זאלט גערן עובר ק״ש זיין אונ וועט וועלן מיינן אז ער מיט די פרשה ק״ש איז יוצא איז עס ניט וואר נייערט ווען מען איז איין אונס דענסט מאל איז מען יוצא אבער זונסט ניט :

איין חזן וואס פר דעם עמוד שטייט גיהער מען צו זעהן אז ער זאל גוט אונ פרום זיין

אונ ווען צוויי חזנים וואס גלייכע מדות האבן אן זיך גייערט איינר איז מער מיוחס אז דר אנדרר זאל מען דעם נעמן וואס מער מיוחס איז דען זכות אבות איז איין גרויסע זאך זיין תפלה ווערט גיכער אן גינומן דהיינו ווען ער גוט אונ פרום איז אבער יחוס אליין העלפט ניט ווען ער זעלבערט האט ניט קיין גוטע מעלות אבר ווען איין חזן וואס ער האט גוטע מעלות אן זיך אונ איז ניט קיין מיוחס אונ דער אנדערער איז איין מיוחס אונ האט קיין גוטע מעלות אן זיך אזוא זאל מען דעם חזן נעמען וואס גוטע מעשים אן זיך האט דאש שרייבט דער טורי זהב :

איטליכר חזן זאל גיווארינט זיין דאס ער זאל זיין תפלה ווארט ביי ווארט זאגן אז ער זאל פר שטיין די ווערטר וואס ער איז מתפלל אונ זאל נישט פרעגן אויף די לייט וואס קיין יראה האבן · אונ די זעלביגע לייט ריכטן אירע תפלות אין דר גיך אפ אונ דר קירצן די לויב פון הש״י דרום גהער מען כתפלל צו זיין ווארט ביי ווארט ווארום דיא תפלות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן גיוועזן איז דרויף גרויסע סודות אונ יחודים · ווען זיי וועלן זייערע תפלה בכוונה טאן אזו קאנן זיי ניט מיט דעם חזן גלייך קומן דען דר חזן זאגט עש גישווינד דרום גהער דר חזן פר דעם עמוד וואול אכטונג געבן אונ בכוונה ווארט ביי ווארט זיין תפלה אן צו ריכטן אזו ווערט ער בוודאי זוכה זיין צו האבן עולם הזה אונ עולם הבא :

אויך זאלן די חזנים גיווארינט זיין אין איין ווארט ניט לאנג צו זינגן דען דורך זיין גזאנג ווערט דאס ווארט צו טיילט אזו האט עס קיין פירוש ניט · אויך גהערן די חזנים צו וויסן וואס אין זוהר שטייט ווען זיי ברכת כהנים זאגן דהיינו ווען דר חזן זאגט יברכך זאלן זיי זיך בוקן קעגן דעם ארון קודש אונ ווען ער זאגט וישמרך זאל ער זיך קערן אויף דיא רעכטע זייט · אונ ווען ער זאגט יאר זאל ער זיך ווידר בוקן קעגן דעם ארון הקודש אונ ווען ער זאגט ויחנך זאל ער זיך קערן צו די לינקע זייט · אונ ווען ער זאגט ישא זאל ער זיך בוקן צו דעם ארון הקודש · אונ ווען ער זאגט אליך צו קערן זיך אויף די רעכטע זייט וישם לך זאל ער זיך קערן צו דיא לינקע זייט שלום זאל ער זיך בוקן קעגן דעם ארון הקודש :

דער מגן אברהם שרייבט מען זאגט קיין רחום וחנון ביי איין חתן דעם ערסטן טאג ווען ער האט חתונה גיהאט · דעסט גלייכן זאגט מען קיין רחום וחנון ניט וואו איין ברית מילה איז דהיינו צו מארגינש אבר צו אבינט מוז מען יוא זאגן רחום וחנון דעסט גלייכן ביי איין אבל דארף מען אויך קיין רחום וחנון ניט צו זאגן אונ מאנטיג אדער דאנערשטיג מוז מען אין דר היים לאנג והוא רחום זאגן ובא לציון גיהער מען מיט גרויס כוונה צו זאגן :

עלינו זאל מען זאגן באימה אונ מיט יראה אונ מיט שמחה אונ מיט כוונה · אונ ווען
מען איז זיך אזו נוהג מיט עלינו ווערט מקוים דר פסוק אשרי העם שככה לו אשרי העם
שה' אלהיו · איז טייטש וואול איז דאס פאלק דאס אזו איז צו אים · וואול איז דאס פאלק
דאס גאט איז זיין גאט · אונ ווען מען האלט בייא דעם ווארט כורעים זאל מען זיך
איין בוקין מיט דר קניא ווען מען האלט אן דאס ווארט משתחוים זאל מען זיך בוקן
אונ ווער עס טוט ניט אזוא דער לייקינט זיינע אייגינע רייד וואס ער רעט ארויש ·
דרום זאל מען זעהן אז מען זאל פר שטיין וואס מען זאגט · אונ איין אבל וואס קדיש
נאך עלינו זאגט גיהער זיך איין טלית אן צו טאן · ובא לציון ווען מען האלט דורשיך
יי זאל מען מפסיק זיין איי ער דעם אנדערין שם זאגט פון יי חפץ למען צדקו · צוא
מארגינש נאך עלינו איז איין סגולה צוא זאגין אלע טאג פטום הקטורת :
דער נאך זאל מען זאגין דיא זכירות ווען גלייך עש שטייט אין סדורים גידרוקט
אזוא שטעל איך דאך אלהיא אויף עברי טייטש :

(יציאת מצרים) למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים : דוא זאלשט גידיינקן דעם טאג דיין
אויס גאנג פון מצרים :

(מעמד הר סיני) זכור את אשר עמדת לפני יי אלהיך בחורב : פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ·
גידיינק דעם טאג אז דוא בישט גישטאנן פר דיין גאט אין חורב
אזו זאלסטו ניט פאר געסין וואס דיינע אויגין האבין גיזעהן אויף דעם בארג סיני :

(מחית עמלק) זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים : אשר קרך בדרך ויזנב בך כל הנחשלים
אחריך ואתה עיף ויגע ולא ירא אלהים : והיה בהניח יי אלהיך לך מכל אויביך מסביב בארץ
אשר יי אלהיך נותן לך נחלה לרשתה תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח : ימח שמו וזכרו · גידיינק
וואש עמלק האט דיר גיטאן אין וועג אז דו בישט אויש גיגאנגן אויש מצרים ער האט
גיפיגט דיך אין וועג אונ דוא בישט גיוועזן מיד · אונ דר עמלק האט זיך פר גאט ניט
גיפארכט · אונ ווען גאט וועט דיך לאזין צו פרידן פון דיינע פיינט אין א"י וואס גאט
וועט געבן איין ארב צו ארבין זאלשטו אפ מעקן דאש גדעכניש פון עמלק פון אונטער
דעם הימיל ניט צוא פאר געסין אפ צוא מעקין זיין נאמען :

(זכירת מרים) זכור את אשר עשה יי אלהיך למרים בדרך בצאתכם ממצרים · גידיינק וואס גאט האט
גיטאן צו מרים אין וועג אז איר זייט אויס גיגאנגען פון מצרים דיא
כנסת הגדולה האבין דיא תפלות גלייך גישטעלט סייא ארום סייא רייך אלעם גלייך
אבער איטליכר מענטש גיהער בעטין צוא הש"י אויף איטליכר זאך : ווען איינעם אין
דר תפלה קומט ארייון איין פרעמדע מחשבה זאל ער ווארטין ביז די מחשבה וועט
פון אים אוועק גיין · אונ גיהער זיך צוא שעמען פאר הש"י אז פרעמדע מחשבות
קומען אין מיטן דר תפלה ווארום גאט פר שטייט אלדינג אונ ווייש אלע מחשבות
אונ זאל בעטין צוא הש"י אז זיין מחשבה זאל זיך דער וועקין צוא גוטין :
איך האב גיהערט פון איין בעל קבלה ווען איינר וויל פר טרייבן פון זיך פרעמדע מחשבות
וואס קומען אין מיטין דר תפלה זאל ער זיין רעכטע האנט האלטין אויפן שטערין אונ
זאל דעם פסוק זאגן לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי דאס איז איין סגולה :
אונזערע חכמים שרייבן עס איז איין גרויסע זאך צוא וויינען אין דער תפלה · ווארום דיא
טרערן צו רייסין דעם גזר דין פון דעם מענטשן · אונ אויב מיהאט אויף אים גוזר
גיוועזן ח"ו גזירות ווערן זיי אויך בטל דורך די טרערין · דער זוהר שרייבט ווער עש וויינט אין
דער

דער תפלה ביז ער קען ניט ריידן כחמת גיוויין דאס הייסט איין תפלה שלימה די תפלה ווערט בוודאי אן גינומען פאר השי"ת יתברך · און ווער עס וויל אז זיין תפלה זאל פר הש"י אן גינומען ווערן · דר מוז דאס כלי פון דר תפלה היטן אז עס זאל ניט פר אום רייניגט ווערן · און דאס מויל איז די כלי פון דר תפלה · אזו מוז מען דאס מויל צו היטן אז מיזאל קיין לשון הרע צו ריידן · קיין ניבול פה צו ריידן · קיין שקר צו ריידן · קיין רכילות צו ריידן · קיין שבועה צו שווערן · דען מיט די שבועה ווערט דאס מויל פר אום רייניגט · אזו קאן די תפלה צו הש"י ניט צו קומען · דען דאס איז גלייך אז מען וויל איין גרויסע מתנה געבן צו איין מלך אין איין אום ריינע כלי · אזו ווערט ער גיוויס די מתנה צו ריק ווארפן פון וועגין די אומרייניגע כלי · אזו אויך די תפלה איז די מתנה פאר הש"י און דאס מויל איז די כלי פון דער מתנה אזוא ווען דאס מויל איז פר אום רייניגט אזו וויא מיר האבן גישריבן אזו ווערט די תפלה ניט אן גינומן פר הש"י און ווען איינר אין זיין יוגנט האט זיך ניט גיהיט און האט זיין מויל יוא פר אום רייניגט און וויל האבן אז זיין תפלה זאל אן גינומען ווערן פאר הש"י זאל ער פאר ריכטן מיט קדושה ריידן און תורה לערנן · קיין אום נוציגע זאכן צו ריידן מיט זיין מויל נאר אייטל קדושה · אזו ווערט גיוויס זיין תפלה אן גינומען ווערן · און זיין ווילין ווערט גיטאן ווערן וואס ער ווערט וועלן : ווען איין מענטש האט עפיס גיגנבת אדר גיגזלת ווערט זיין תפלה ניט אן גינומן פר הש"י ביז ער קערט ייענעם אום · אדר ער בעט פון ייענעם אז ער זאל עס אים מוחל זיין די גזלה אדר די גנבה · און ווען ייענער איז אים מוחל אזו איז אים הש"י מוחל און נעמט זיין תפלה אויך אן · איטליכער מענטש איז מחויב צו בעטן אלע זיינע בדערפנעש פון הש"י · ובפרט צו בעטן פר הש"י אז ער זאל אים געבן איין זרע כשר דען אלע זיווגים זיינן פון הש"י · דרום גיהער מען דרויף תפלה צו טאן אין דר צייט כלומר אין ערב ראש חודש סיון וייל מען האט די תורה גיגעבן צו די ישראל · אזו זאלן זיך דר מאן און דאס ווייב נוהג זיין אין ערב ראש חודש סיון בעטין פון הש"י אז ער זאל זיי געבן איין זרע כשר · און זאלין פאסטן און זאלין צדקה געבין און זאלין פרום זיין און דיא תחינה בכוונה זאגין :

אתה חונן ה' אלהינו דו ביסט אונזר גאט איי דו האסט בשאפן די וועלט און דוא ביסט גאט נאך דעם אז דו האסט בשאפן די וועלט און פון אייביג בישטו גאט און האסט בשאפן די וועלט צוא לאזן וויסן די אכפערקייט דורך דיין הייליגע תורה און האסט אונז גמאכט גנעהנן צו דיין הייליגן נאמן צו דר האלטן דיין וועלט דורך דיין הייליגע תורה · און פון דיר גאט איז גקומן די הייליקייט צו אונז דר ווארטין אז מיר און אונזרע קינדר און קינדס קינדר זאלן וויסן דיינע הייליגע תורה צוא האלטן וואס אין דר תורה שטייט · דרום בין איך אויך גקומן צו פר דיר גאט מיין קיניג איבר אלע קיניגן איך מאך פאלן פר דיר מיין גבעט און מיינע אויגן טוא איך צו דיר דער הייבן ביז דו וועסט דיך דר בארימן איבר מיר און זאלסט דר הערן מיין גיבעט און זאלסט מיר געבן קינדר און די קינדר זאלן זיך מערן עד סוף כל הדורות · און זאלסט מיינע קינדר געבן פר שטאנד אין דיין תורה צו לערנן צוא היטן · צו טאן · און צוא בשטעטיגן דיין תורה מיט ליבשאפט און זאלסט דר לייכטן אונזרע אויגן אין דיין תורה און זאלסט בהעפטן אונזר הארץ אין דיינע מצות דיך ליב צו האבן און פארכטין פר דיין הייליגן נאמן · דר בארמיגר פאטער גיב אונז ברכה און הצלחה און לאנג לעבן ווער איז אזו איין דר בארעמיגר פאטר וויא דו ביסט · דו גידיינקסט דיין בשעפניש צוא לעבין מיט דער בארימקייט · גידיינק אונז צום אייביג לעבין עולם הבא דען פון

דעסט וועגן בין איך גקומען צו בעטן פון צוא פר דיר אז מיינע קינדער זאלין זיין גוט אונ פרום קיין פסול זאל אין זייא ניט גיפונען ווערין נייארט שלום אונ אמת רעכט פארטיג אין דיינע אויגן אין לייטינש אויגן זייא זאלן זיין לומדים אין פסוק אונ אין משניות אונ אין גמרא · אונ צוא טאן מצות אונ גמילות חסדים אונ גוטע מדות אן זיך האבין אונ זייא זאלין דיך דינען מיט פארכט אונ ליבשאפט · ליבער גאט גיב איטליכען זיין בדערפניש מיט כבוד אונ מיט חן אונ חסד אונ שלום צווישן אונזערע קינדר אונ זאלסט זיי בשערן איר זיווג אין דער צייט פון איין גוטע משפחה תלמידי חכמים אונ חסידים אונ זייער זיווג זאל אזו גוט זיין וויא איך האב אויף זיי תפלה גטאן דען דו גאט פר שטייסט אונ פרובסט אלע גדאנקן אונ מיין כוונה איז פון דיין גאבפרטן נאמן וועגן אונ פון דיין הייליגע תורה וועגן · ליבר גאט ענטפר מיר אן דעם זכות פון אונזרע אבות אברהם יצחק ויעקב אונ פון זייערט וועגן זאלסטו העלפין די קינדר ישראל אז די צווייגן זאלן זיין גליך צו די ווארצלען אונ אין זכות דוד המלך וואס ער האט פאר דיר גיזונגען האסטו גאט דר הערט זיין גיבעט אונ זיין גיזאנג אזו זאלסטו דער הערן אונ פאר נעמען מיין גיבעט · אונ זאלסט מיר ענטפערן מיט דיין דר ברימקייט אמן :

דער נאך זאגט מען שיר המעלות אשרי כל ירא ה׳ :

אין ספר חסידים שטייט אז דר מאן גיהר תפלה צו טאן ווען זיין ווייב איז מעוברת אז זיא זאל ניט גווינן דאס קינד אום שבת כדי מען זאל ניט קומען צו חלול שבת פון אירט וועגן · מען גהער צו פאסטן איין טאג פר ערב ר״ח ניסן אז הש״י זאל אים ניט אפ רעכענן פון זיין זכות לעולם הבא פר דעם גוטס וואס ער האט אויף דר וועלט גיהאט · ווען איין אשה קומט אין ניינטן חודש גהער דר מאן אויס דר ווייל איין טאג צו פאסטן אונ אז ער באייסט אן זאלן זיי צדקה געבן צו פרומע ארימע לייט אונ זאלן בדיינקן זייערע מעשים · אונ זאלן זיך קערן צו דר וואנט ער אין איין ווינקעל אונ זיא אין דעם אנדערין ווינקל אונ זאלין זאגין ענגו ה׳ ענגו וויא אין סליחות שטייט ביז ובזמן קריב :

אונ דער נאך זאלן זייא גאר אויס זאגין דיא תחינה :

רחמנא דר בארמיגר גאט דו דר בארימסט דיך איבר אלע גווינערס זאל אויך זיא זיין אין כלל דיין דינסט מיין ווייב אונ ווען זיא זעלבסט אויף זיך תפלה טוט זאל זיא זאגין איך דיין דינסט מויד פלונית בת פלונית דא בעט איך פר דיר מיט גבעט גאט דער בארמיגער לייט זעליגער דען דיין בארימקייט איז פיל דען אין דיין האנט איז דער שליסיל פון אלע גיווינערש · דרום זאלסטו גידיינקען מיט דער בארימקייט מיין ווייב צוא לעבין אונ מיט דיין הילף אונ מיט דיין דער בארימקייט זאל זיא גיווינען קינדער זייא זאלין זיין מיט לאנגע יאר אונ זאלין זיין גוט אונ פרום :

דער נאך זאגט מען למנצח מזמור לדוד יענך ה׳ ביום צרה :

אונ נאך דעם זאגט מען דיא תפלה ווער עס האט דער הערט די תפלה פון דוד המלך דער זאל דער הערין אונ אן נעמען אונזער תפלה אין זכות די הייליגע אבות אונ ווער עס האט גענטפערט אונזר מוטר שרה רבקה רחל ולאה דר זאל אונז ענטפערן עס זאל זיין צו ווילין פאר דיר גאט מיין זאגן פון מיין מויל אונ די גידאנקן מיינעס הארץ גאט איז מיין באשעפר אונ מיין דער לייזר אמן :

עש איז אויך גוט ווען דר מאן טוט תפלה פון וועגן זיין ווייב ווען זיא אין זיבעטן חודש קומט זאל ער דיא תחנה זאגן :

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטערין אז דוא זאלסט דער גרינגערין פון מיין ווייב פלונית בת פלונית דעם צער פון איר טראגין עש זאל נים גישלאפט ווערן דער כח פון איר טראגין מיט קינערלייא אויף דער וועלט אונ זאל ניט גישלאפט ווערין דאס קינד אין מוטערס לייב אונ זאלסט זיי באשירמען פון דיא שטראף וואס חוה איז גישטראפט גיווארין אונ זאל ניט פאר קערט ווערין דיא אנגלען פון איר גיווינען אונ זיא זאל ניט גיווינען שווער נייערט אין איין אויגין בליק אונ גרינג וויא איין הון דאש איי גיווינט אן שאדן ניט צו דר מוטר ניט צו דעם קינד ׃ אונ דאס קינד זאל גיבארין ווערן אין איין גוטע שעה צו מזל ברכה צו לעבן צו פרייד צו גיזונט צו חן צו חסד צו עושר צו כבוד אויך זאל זיא איר קינד ניט גיווינען אום שבת מען זאל ניט באדארפן ח״ו מחלל שבת זיין פון אירט וועגן אונ זאלשט דער הערן מיין גיבעט מיט דר בארימקייט צווישן כל ישראל די וואס דארפן צו דיין דר בארימקייט אונ לאז מיך ניט לער מיט מיין תפלה ווידער קערין פאר דיר אמן ׃
דער נאך זאל ער זאגין ענני ה׳ ענני ביז השתא בעגלא ובזמן קריב ׃

הלכות ספר תורה

ווער עס נעמט אספר תורה אין זיין האנט זאל מען זעהן אין דר רעכטר האנט צו נעמן די ס״ת ׃ גיווארינט צו זיין וויא מען נעמט אוים די ס״ת זאל מען ערינסט זאגן בריך שמיה ׃ ווארום ר״ש האט גזאגט בשעת אז מען נעמט אוים די ס״ת צו לייענן אזו ווערט דר ווערקט אגרויסע ליבשאפט צווישן הש״י אונ צווישן די ישראל דרום זאל מען זעהן צו זאגן בריך שמיה אוים אסידור ׃ אזו אסידור אז עס זאל זיין אין בריך שמיה הונדרט אונ דרייסיג ווערטר ווארום אלע סידורים זיינן ניט גלייך ׃ ווען מען עפינט אויף דאש ארון הקודש גהער מען אויף צו שטיין אונ מכ״ש צו שטיין ווען מען טראגט פאר אים די ס״ת אויך איז אמצוה צו קושן די ס״ת מיט דעם מויל אונ ניט מיט דר האנט ווארום איז קיין כבוד ניט צו דר ס״ת ׃ אונ בשעת אז מען קושט די ס״ת מיט דעם מויל זאל זאגן ישקני מנשיקות פיהו אונ ניט אן צו רירין די ס״ת אז זיא איז נאקעט נייערט דורך אדר אמענטעלע אטייל לייט בלייטן די ס״ת ביז דעם אלמעמר אבר ווען מען אז די לייט טוען דש פון גאוה וועגן ׃ גהער מען צו בלייטן נאר פיר איילן אבר מש וואס ער איז גווען מיט פתיחת הארון דר גהער צו בלייטן די ס״ת ביז אין מעמר ׃ ווען מען רופט אויף איינם אונ ער האט ניט קיין טלית אונ ער נעמט איין טלית באדארף ער קיין ברכה מאכן איבר דעם טלית ׃ אבר אז ער נעמט דעם קהלישן טלית מוז ער איין ברכה מאכין איבער דעם טלית ׃
ן אברהם שרייבט ווען מען איז עולה לתורה אונ מען זאגט די ברכה איבער ס״ת זאל מען די עץ חיים נעמן אין זיינע הענט אונ בשעת אז ער זאגט ונתן לנו זאל ער די ס״ת אביסיל אויף הייבן ׃ אונ מען טאר די ברכה ניט אן הייבין צו זאגין ביז ער מוז פריער זעהן וואו די פרשה וועט זיך אן הייבן וואס מען וועט פר אים לייענן אבר אז ער זעהט ניט צום ערשטן וואו די פרשה הייבט זיך אן הייסט דש איין ברכה לבטלה אונ מען גהער די ברכה צו זאגן הויך אז יענר זאל הערן די ברכה אונ זאל דרויף אמן נאך זאגן אונ זאל די פרשה ווארט ביי ווארט מיט דעם חזן זאגן ׃ אונ

אז דר חזן קען ניט אויש ווייניג דעם טראפ מעג מען פאר לייענן ווארט ביי ווארט פר
דעם חזן אונ ניט גאנץ הויך פאר צו זאגן כדי מען זאל הערן דעם חזן וויש ער לייענט׃
אויך גהער מען די ס"ת צו דעקן בשעת אז מען מאכט מי שברך׃ אויך זאל מען גווארינט
זיין ווען מען צוויי ס"ת אום שבת אוים נעמט זאל מען מפטיר ניט געבן צו אקליינם
יונג ובפרט אום שבת תשובה זאל מען פשיטא ניט געבן מפטיר צו אקליינם יונג׃ אויך
גהער מען צו וויסן אז דר חזן הייבט אן צו לייענן אין דר ס"ת זאל זיין גאר שטיל אונ
מען זאל ערינסט צו הערן ווארט ביי ווארט אונ מען זאל ניט מפסיק זיין בשעת אז דר
חזן לייענט דען דאש איז אגרויסע עבירה ווארום אין זוהר ויקהל שטייט בשעת אז
מען נעמט אוים די ס"ת צו לייענן זאל איטליכער מענטש שטיין מיט פארכט אונ מיט
בוונה גלייך אז ער איז די ס"ת איצונד מקבל פון דעם בארג סיני דרום זאל איטליכער
מענטש צוא הערן בשעת אז דער חזן לייענט ׳ אויך טאר מען ניט לערנען קיין תורה
בשעת אז דער חזן לייענט ומכל שכן צו ריידין דברים בטלים׃
אויך זאל מען גיווארינט זיין בשעת אז דר חזן הייבט אן צו לייענן זאל מען ניט אן הייבין
ק"ש אדר שמונה עשרה ווארום טאמר וועט מען אים אויף רופן וועט ער מוזן מפסיק
זיין אדר ער וועט מוזן די ס"ת מבייש זיין ווארום ער וועט ניט קענען עולה לתורה זיין ׳ אויך
גהער מען אן צו שרייען אן די מענטשן וואס זיי העלפן דעם חזן בשעת אז דר חזן לייענט
אונ איבר זייער גישריי הערט מען דעם חזן ניט ׳ אויך זאל מען נזהר זיין אמן צו ענטפערן
אויף דר ברכה וואס מען מאכט איבר דער ס"ת ׳ די ווייבר וואס וואשן די מפות זאלין זייא
וואשן די מפות אליין אונ ניט מיט אנדרע זאכן ׳ דאס לייענן וואס מען לייענט אן אמנין
טאר מען ניט מאכן קיין ברכה ניט פארן לייענן אונ ניט נאכן לייענן אונ דעסט גלייכן די
הפטורה זאגט מען אויך אן אברכה ׳ אום פרייטאג צו נאכט אז מען דאווינט אן אמנין זאגט
מען ויכולו אונ מגן אבות אן אברכה ׳ ווען איינר דאווינט שבת פריא אן אמנין אונ מען
בדארף דעם שבת זאגן יוצרות זאל ער זאגן די יוצרות נאך שמ"ע ווארום מען האט מער ניט
מתיר גיווען מפסיק צו זיין אין דר שמ"ע צו זאגין יוצרות נאר ביי אמנין אבר איחיד מי
ניט מפסיק צו זיין אין דר שמ"ע ׳ ווען איינר גייט מיט גלילה זאל ער דש זאגן יהי רצו
זאל זיין צו ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן עס זאל זיין דיין גנ
דיין דר ברמיקייט איבר דיינע מדות אונ זאלסט גיין מיט דיינע קינדר ישראל מיט רו

עניני תהלים ומעמדות

אייביג זאל מען גווארינט זיין צו זאגן פיל תחנות אונ שבחים וויש די אנשי כנסת ולה
האבן אונז מסדר גיוועז אונ ווער עס וויל זאגן תחנות אונ האט קיין וויס אפט
ניט אין די שמות וואש קומט ארויס אוים די תחנות איז דש זאגן איין גרויסע ירה
עס איז בעסר אז ער זאל זאגן תהלים איידר ער זאל זאגן די תחנות אבר עס ופר
האגדן אטייל מענטשן אז זיי האבן קיין צייט ניט דאווען זיי זייער גיך אן כוונה גדי זיי
זאלן גאנץ תהלים אוים זאגן טוען זיי ניט רעכט ווארום עס איז בעסר אז זיי זאלן תפלה
טאן בכוונה אונ ניט צו זאגן קיין תהלים ובפרט עס איז פראגן תחנות אזו ווי אתה סתר
אדר אנדרע תחנות ווען מען זאל וויסן די סודות וואס פון זיי ארויס גייט וואלט מען
זיי ניט בדארפן אייביג זאגן דהיינו שבת אונ יום טוב אונ ראש חודש אונ דעסט גלייבן
ווען מען זאגט ניט קיין רחום וחנון דהיינו ל"ג בעומר אדר חמשה עשר מאר מען קיין תחנות
אויך

אויך ניט זאגן אבר די גמיינע לייט זאגן די תחנות גאר אן כוונה אוועק דער מיט דער וועקן זיי אויף דעם הימל אלע דינים דרום איז בעסר אז זיי זאלן קיין תחנות ניט זאגן אונ ווען זיי האבן צייט איז בעסר תהלים צו זאגן ווארום דרויף האט דוד המלך תפלה גטאן פר הש״י אז הש״י זאל געבן גוטן שכר צו די לייט וויש זאגן תהלים גלייך וויא די לייט וויש האבן תורה גלערנט׳ אונ וואול איז צו די מענטשן וויש זיי זאגן תהלים מיט דעם טראפ ווארט ביי ווארט אונ די תפלות וויש מען זאגט פר תהלים אונ נאך תהלים זיינן שוין גדרוקט גווארן אין די סידורים׳ אונ מען גהער צו זאגן מיט גרויס כוונה דעם יהי רצון׳ אויך גהער מען צו ווייסן אז מיזאל תהלים זאגן פארן דאווגן אונ ניט נאך דעם דאווגן ווארום תהלים איז גשטעלט גווארן פארן דאווגן צו זאגן כדי צו פר שניידין די הרהורים רעים אבר מען מוז זעהן אז מיזאל ניט עובר ק״ש זיין פון זיין תהלים זאגן אונ ווער עס זאגט תהלים נאך דעם דאווגן גיט מען אים שכר גלייך ווי ער הט תורה גלערנט:

הלכות בית הכנסת

ווען מען גייט אין דר שול זאל מען גיך גיין ׳ אונ ווען מען ארויס גייט פון דר שול זאל מען פמעלך גיין׳ מען טאר ניט שלאפן אין דר שול מען טאר ניט ברייגגן קליינע קינדר אין שול אריין אבר די קינדר וויש האבן שכל די איז אמצוה צו ברייגגן אין דר שול׳ אונ זיי צו גוויינן אמן נאך זאגן ׳ פאר דעם וועט איר האבן די וועלט אונ יענע וועלט ׳ דר שלחן ערוך שרייבט ביי אייגעם נכרי מעג מען קויפין ליכט אין שול אריין ווארום עס איז אגרויסע מצוה אז אויף איטליכר שטאט אין שול זאל ברענן אליכט ׳ אונ ווי דר שמש עפינט די שול גהער מען תיכף אן צינדן דיא ליכט ווארום די שכינה קומט צום ערשטן אין שול איי די לייט קומן ׳ אויך שרייבין אונזרע חכמים ווען דאש קינד הייבט אן צו ריידן גהער דר פאטר צו לערנן דעם קינד לשון הקודש צו ריידן ׳ אין איין ארבע כנפות צו פירן ׳ אבר ווען פאטער אונ מוטער לערנן זייערע קינדער קיין גוטש ניט איז גלייך אז זייא האבן זייערע קינדער אליין בגראבן ׳ אונ דר קירצן זיך אונ זייערע קינדער די טעג דרום זאל מען גיווארינט זיין דיא קינדער וואס מען ברייגגט אין דער שול זאל מען אכטונג געבין אז עס זאל זייערע קליידער ריין זיין אונ דאס איז מחויב די מוטער השגחה געבן דרויף ׳ אונ אז די מוטער טוט אזו איז איר שכר גרויס אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט:

איך האב מקבל גיוועז פון אחשוב ווען בייא איינם איז אקינד שלאף אונ דאס קינד איז נוטה למות זאל פאטער אונ מוטער אויף זיך נעמן דעם טאג צו פאסטין ביז דאש קינד וועט אלט זיין דרייצעהן יאר ׳ אונ אויך אלע יאר וואקס געבין אין שול אריין פון דעם קינדש ווענן וועדליג זייער פר מעג איז אונ ווען עס טרעפט זיך אמאל אז מיקען ניט פאסטן אין דעם טאג וואס די פאטער אונ מוטער האבן אויף זיך מקבל גיוועז צו פאסטן זאלן זיי געבן אכצעהן פרוטות ׳ דעסט גלייכן אז די מוטער איז מעוברת אדר זיא איז אמינקת זאל זיא געבן פר דעם תענית אכצעהן פרוטות אונ ווען דאש אויש גלייזטע קינד וועט דר וואקסן ווערן זאל מען דעם קינד געבן אלע יאר די ליכט אין זיינר האנט אונ מיזאל געבן דעם קינד אביסל געלט אז דש קינד זאל אליין צדקה געבן אונ מיזאל דש קינד אויש לערנן די תפלה זאגין:

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן צו פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיין עלטרן אז אן דעם זכות פון דעם ליכט וויש מיין פאטר אונ מוטר האבן איצונד געבן אין שול

אריין פון מיינט וועגן זאל זיין צו ווילן פר דיר אונ עס זאל זיין אן גנומן גלייך וויא זיי האבן אן גצונדן דיא מנורה אין בית המקדש אונ אזו וואול אז דיא מנורה האט פאר שטערט אלע בייזע גזירות פון ישראל · אזו זאל אויך פון מיר בטל ווערן אלע גזירות · אונ אזו וואול אז די מנורה האט בטייט אויף דר תורה אזו אויך דורך דער מצוה פון דעם ליכט זאלסטו גאט מיך לייט זעליגן אין דר תורה זאלסט מיר געבן פר שטאנד צו פר שטיין אונ בגליקן מקבל צו זיין די היליגע תורה אונ איך זאל ניט פר געסן ווש איך האב מקבל גוועזן · ליבר גאט עפין מיר מייגע אויערין אונ מייגע אויגין · אונ גיב מיר אהייליגע נשמה אז איך זאל קענן לערנן אונ היטין · אונ בשטעטיגין וואס איך וועל לערנן מיט גרוים ליבשאפט אונ גיב מיר אין מיין הארצן נאך צו יאגן תורה אונ מצות מיט גרוים יראה אונ אהבה אונ לאז מיך זוכה זיין צו לאנגע יאר אונ טעג צו עושר צו כבוד צו צדקה צו גמילות חסדים צו טאן · אונ זאלסט מיר געבן לאנג לעבן אזו אלעבן אז איך זאל זוכה זיין צו זעהן. קינדר אונ קינדש. קינדר זאלן תורה לערנן אונ מצות טאן אמן :

ווען מען הערט פון איינם אברכה בדארף מען נאך צו זאגין ברוך הוא וברוך שמו אמן · אויך האבן מיר שוין דר פון גישריבן ווען מען האט אבזונדרן חדר אין שטוב זאל מען אין שטוב ניט דאוונען ווארום די בני ביתו וועלין אים מבלבל זיין :

אויך איז אחילול השם פאר איין א"י ווען איין א"י קומט צוא איהודי אריין אונ דער יהודי דאווינט אונ דר יהודי הייבט אן צו ריידין מיט דעם א"י אין מיטין דאווענען איז דאש אחילול השם · ווארום דר א"י טראכט זיך אין זיינם זין ווען ער איז מתפלל שטייט ער מיט גרוים יראה אונ דר יהודי איז מפסיק אין זיין תפלה · דרום ווער עס האט אבזונדר חדר גהער מען צו גיין אין דעם חדר אריין אונ זאל זיך אן טאן שיינע קליידר · גלייך ווי ער גייט צו איין שררה · אונ אן טאן טלית ותפילין אונ זאל דאוונן מיט כוונה · ווער עס טוט אזו איז ער זוכה צו חיי עוה"ב אונ מב"ש וואו עס איז פאראנן אשול גהער מען צו גיין אין שול אריין דאוונן מיט אמנין · אונ ווער עס גייט ניט דאוונן במנין דר הייסט שכן רע איז טייטש אבייזר שכן אונ מוז פר טריבן ווערן פון זיין שטאט אונ מוז נע ונד זיין · אונ ווען מען איז אין שול גהער מען צו שטיין באימה וביראה אונ ניט ווי אטייל ישובים ווש זיי שטיפן אין דר שול אונ ריידן דברים בטלים אונ אמאל שלאגן זיי זיך אין דר שול אונ דיינקן ניט אז די שכינה איז אין שול די זעלביגע מענטשן וועלן בוודאי אגרויסן עונש האבן · ובפרט אמאל קומן א"י אין דר שול אריין אונ זעהן די חוצפה וואס אין שול איז · דער מאנט איך וואס פר אגרויסן חילול השם דש איז · דרום די מענטשן וואש האבן מורא פר גאט ב"ה דארפן זיי דרויף אבטונג צו געבן אונ שטראפן זיי · די זעלביגע רשעים וואס זיי האבן ניט חס אויף דעם כבוד פון דר שול :

דער מגן אברהם שרייבט אז ער האט גפונן אין ספר סמ"ק ווען מען שטיפט אין דר שול איבר דר עבירה ווערט בעוה"ר די שול חרוב · אויך שרייבט דער מגן אברהם אין איין קליין ישוב וואס קיין מנין איז ניט פאראנן איז דר דין אזו מען זאל נעמן אקליינם יונג אונ מיזאל אים געבן איין חומש אין דר האנט אונ מצרף צו זיין אים צו אמנין דאס מיינט מען אזו איין חומש וואס די ס"ת איז גישריבן אויף פינף טייל אויף פארמעגט אונ איטליכער חלק איז מיט צווייא עץ חיים אזו וויא איין ס"ת · אויך העלפט מער ניט דר צירוף נאר צו זאגן קדיש וברכו וקדושה אבר ניט צו לייענן אין ס"ת אויך ניט צו קדיש נאך עלינו · אבער ווען איינר איז פר האנדין אין דעם ישוב וואס ער איז בר מצוה טאר מען ניט דעם קליינם

יונג

יונג מצרף צו זיין צום מנין · אבר ווען מען איז מצרף דעם קליינם יונג מיט דעם חומש בדארף דער קליינער יונג האטשע אלט זיין זעקס יאר :

דר חזן צו מנחה זאל ניט אן הייבן אשרי צו זאגן ביז עס איז פאר האנדן אמנין אין דר שול כדי מען זאל קענן זאגן תיכף קדיש אויך זאל מען מזהיר זיין צו די לייט וואש גייען אין וועג זיי זיינן זיך נוהג מיט ש"ע ביז האל הקדוש שטייען זיי אויף איין ארט אונ דר נאך גייען זיי ווייטר אונ זאגין די ש"ע ביז אוים דער מיט טוען זיי ניט רעכט ווארום אונזרע חכמים האבן מתיר גוועזן צו גיין אינדר ש"ע נאר במקום סכנה דהיינו פאר גזלנים אדר רצחנים · אונ ווען מען דאווינט ש"ע אין וועג זאל מען זיך שטעלן בייא איין בוים אדר בייא איין צאם אבר ניט אין מיטין פעלד :

איר ליבע לייט איר זאלט ניט פאר גרינג האלטן וואש איך האב אייך גשריבן ווארום ווער עס וועט די אלע זאכן מקיים זיין וועט ער געוויס האבן אגוטן שכר :

דר מגן אברהם שרייבט ווער עס דאווינט ניט מעריב מיט אמנין אין דר שול ווען עס קומט די צייט פון מעריב צו דאווענן זאל מען זיך ניט זעצין לערנן אונ מכל שכן אמלאכה טאן נאר פריער מעריב דאווענן · דעסט גלייכין תפלת שחרית איז דער דין אויך אזו · ווען דער שמש רופט אין שול אריין איז דיא זעלביגע צייט ניט רעכט קיין מלאכה טאן נאר מען מוז פריער דאווענן · אויך זאל מען גווארינט זיין אז מען זאל ניט דאווענן מעריב איידר דיא צייט קומט · אפילו במנין אונ מכ"ש אן אמנין גיהער מען פשיטא ניט דאווענן ביז דיא צייט איז כלומר ווען שטערין שטייען :

דער ספר חסידים שרייבט אז עס קומט נאהענט צו דר צייט פון מנחה דאווענן זאל מען קיין קינד ניט האלטן אויף די הענט ווארום טאמר וועט דאס קינד צורך האבן ביי אים אונ וועט אים איין ריכטין דאס קלייד אונ דער שמש וועט רופין אין שול אריין וועט ער פאר געסן אפ וואשן דאס קלייד אונ וועט גיין מיט אום ריינע קליידר אין שול אריין · אונ אז ער וועט ניט פר געסן אונ אפ וואשן דאס קלייד איידר ער האט אפ גוואשן דאס קלייד וועט ער עובר מנחה זיין · אויך גהער מען צו שטראפן די לייט וואס זיי האבין מלבושים אונ טוען ניט אן צום דאווענען נאר זיי דאווענען וויא זיי שטייען אונ גייען · די מענטשן פר מיידן דעם כבוד פון הש"י · אונ אונזרע חכמים האבן אונז גלערינט אז מען זאל זיך שיין אן טאן צום דאווענן קענן הש"י אונ האבן גגעבן איין משל דר צו · ווען איין מענטש גייט צו איין שררה טוט מען זיך זייער שיין אן אונ מכ"ש אז מען גייט צו איין מלך טוט מען זיך אוודאי זייער שיין אן · אונ מכ"ש אז דר מלכות זאגט צו איין מענטשן אז ער זאל פר אים קומן אלע טאג טוט ער זיך פשיטא זייער שיין אן איז שוין איין כ"ש פר הש"י וואס ער איז מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ וואול איז צו אונז וואס אונזרע אבות זיינן פון אים אוים דר ווילט גווארן דרום גהער איטליכר מענטש אן טאן זיך צום דאווענן · אונ אויך גהער איטליכר מענטש צו האבן איין אויבערשטע קלייד צו גיין אין שול אריין אין איטליכש ארט וויא זייער מנהג איז · אונ אויך איטליכר מנהיג דארף דרויף השגחה צו געבן ובפרט אויף די מענטשן וואס גייען נאר פר שייט מיט חוצפה דרום גיהער איטליכר מענטש נוהג צו זיין זיך מיט הש"י גלייך וויא ער איז זיך נוהג מיט איין מלך וואס מען מוז אים בכבוד האלטן אונ איטליכר מענטש גיהער אין זינן צו האבן אז הש"י איז מלא כל הארץ כבודו אונ הש"י זעהט די גאנצע וועלט אונ די וועלט זעהט אים ניט · אונ ווער עס וועט זיך אזו צום הארצן נעמן וועט ער גוויס דאווענן מיט גרויס יראה אונ מיט גרויס כוונה אונ זיין תפלה וועט געוויס פר הש"י אן גנומן ווערן :

אמר רבי · רבי האט גיזאגט אייביג גיהער אמענטש זיך צו פעדערן איין צוא קויפן אויף שבת · אונ בפרט נאר צו קויפן פרייטאג פריא אונ ניט אום דאנערשטיג סיידין אז ער ווייס קלאר וואול אז ער וועט ניט קריגן אום פרייטאג זאל ער קויפין אום דאנערשטיג · אונ אלצדינג וואס מען קויפט אויף שבת זאל מען זאגין איך קויף דאס לכבוד שבת :

ווען מען באקט חלות ביי איין א"י מוז מען צום ערשטן כשרין דעם אויבן דהיינו מען מוז אריין ווארפן אפאר שפענדליך אין אויבן אריין אויך איז פר האגדן אטייל מענטשן וואס זיי ווייסן ניט צו כשרין דעם אויבן דהיינו די ישובים לייט וואס זיי זיצן אייבג אין די דערפר · אונ זיי האבן זייערע אויבינש · אונ ווען עס ווערט קילע זייערע אויבינש באקן זיי ביי איין א"י · אונ ווייסן ניט אויב מען בדארף כשרן דעם אויבן · דרום זאל מען זיי אן זאגן אז מען בדארף כשרן דעם אויבן · ווען איין א"י באקט ברויט ביי יהודים · גיהער איין בר ישראל העלפין דר צו · אונ דעסט גלייכן אז איין א"י קאכט ביי איין בעל הבית מוז מען העלפן דעם א"י מיט דעם קאכין :

איין למדן זאל אום פרייטאג ווייניגער לערנען · אונ זאל זיך מתעסק זיין לכבוד שבת · וויא מיר גיפינען אין דער גמרא אז פיל חכמים האבין זיך אליין מתעסק גיוועזן לכבוד שבת :

דער תוצאות חיים שרייבט · ער האט גפונן אין די ספרים פון רבי יצחק לוריא · מען גהער אן פרייטאג דאס שפין וועבש אפ צו קערן · אויך גהער מען צו שארפן די מעסר אלע פרייטאג לכבוד שבת · אונ איטליכר מענטש זאל זיך בדיינקן אין זיינע מעשים אלע פרייטג נאהנט פר נאכט וואס ער האט אגאנצע וואך גטאן · אונ זאל דרויף מהרהר בתשובה זיין : אויך איז אמצוה אז איטליכר מענטש זאל פאסטן אום פרייטג כדי דר מענטש זאל מיט חשק עסין פון כבוד שבת וועגן · דעסט גלייכן אז עס איז פר האנדן אום פרייטאג אסעודת מצוה · גיהער מען צו עסין פר זייגר צעהן אונ ניט שפעטר · אבר דעם מענטשן וואס שאט אים דאס פאסטן זאל ער ניט פאסטן · אויך גהער מען אום פרייטאג צו שניידן די נעגיל · אונ ניט אום דאנערשטיג ווארום די נעגיל הייבן אן צו וואקסן דעם דריטן טאג · אזו מאכט ער וואקסן די נעגיל אום שבת · אויך זאל מען ניט אפ שניידן די נעגיל איין פינגר לעבין אנדערן פינגר ווארום עס איז אסכנה אונ אונזערע חכמים האבן גיגעבן אסימן וויא אזו מען זאל שניידן די נעגיל · ביידר לינקר האנט איז דר סימן ד׳ ב׳ ה׳ ג׳ א׳ דהיינו צום ערשטן זאל מען שניידן דעם פינגר וואס הייסט קמיצה דר נאך דעם פינגר וואס הייסט אצבע דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט זרת דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט אמה דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט גודל · אונ פון דר רעכטע האנט איז דר סימן א׳ ג׳ ה׳ ב׳ ד׳ דהיינו צום ערשטן זאל מען שניידן דעם פינגר וואס הייסט גודל אונ דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט אמה אונ דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט זרת אונ דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט אצבע אונ דר נאך פון דעם פינגר וואס הייסט קמיצה אונ נאך די נעגל שניידן זאל מען זיך אפ וואשן דעם פנים · אונ מען זאל זיך זעצן די סדרה מעביר זיין · דהיינו צווי מאל דעם פסוק מיט טראפ אונ איין מאל תרגום אן טראפ · ווארום אונזערע חכמים שרייבין ווער עס איז מעביר די סדרה אלע פרייטאג דעם דר לייגערט מען זיינע יארן אונ טעג :

אויך זאל מען ווישן אז מען איז מעביר די סדרה זאל מען טאן אזו וויא איך האב גזעהן ביי מיינע רבנים · ווען זיי האבן זיך גזעצט מעביר זיין די סדרה · האבן זיי אויף

גשריבן אויף פאפיר אהובי רבותי זייט מיר מוחל דאס איך טאר איצונד ניט ריידין מיט אייך · ווארום מען טאר ניט מפסיק זיין ווען מען איז מעביר די סדרה אונ האבן דאס בריביל גליינט אויף דעם חומש אונ ווען אימצר איז אריין גיקומן בשעת אז זיי האבן מעביר גוועזן די סדרה · האבן זיי צו קיינם ניט גרעט נייערט זיי האבין יענעם דש בריביל גוויזן האט ייענר פר שטאנן אז מען טאר ניט מפסיק זיין · אונ נאך דעם אז מען האט מעביר גוועזן די סדרה · זאל מען זאגן די הפטורה אונ דר נאך זאל מען זאגן מזמור שיר ליום השבת אונ ווער עס טוט אזו איז ער מקיים תורה נביאים כתובים אין איינם · אונ נאך דעם זאל ער זיך וואשן מיט ווארימע וואסר · אונ ווער עס קען טבילה האבן אום ע"ש איז צום בעסטן · אונ וויא מיזאל זיך נוהג זיין אין דר מקוה גפינט מען אין דעם ספר הקדוש קיצור שני לוחות הברית דען אזו וויפיל וויא מיר האבן דא גשריבן איז שוין גינוג פר דעם גמיינם מאן · דר נאך זאל מען טאן אן די קליידר פון שבת אונ ווען גאט ב"ה האט גהאלפן אז ער פר מאגט צו קויפן קליידר לכבוד שבת פון קאפ ביז פוס איז וואול צו אים · דר נאך זאל מען זאגן שיר השירים אונ ווער עס האט קיין צייט ניט צו זאגן שיר השירים זאל ער זאגן חאטשע די פיר פסוקים דהיינו ישקני מנשיקות פיהו · אונ ענה דודי · אונ קול דודי · אונ באתי לגני דאס איז די ראשי תיבות פון יעקב :

אונ איידר מען גייט דאווגן מנחה אין שול אריין זאל ער זאגן צו די ווייב אז זיא זאל ליכט בענטשן · ובפרט אז דאס ווייב הערט צו די רייד פון דעם מאן · איז דאס בוודאי אגרויסע מצוה צום מאן אז ער זאל די ווייב הייסן ליכט אן צינדן · דר נאך זאל ער גיין אין שול אריין אונ זאל דאווגן תפלת מנחה מיט כוונה אונ צו זינגן לכו נרננה אונ לכה דודי מיט גרויס שמחה אונ מיט כוונה ווארום אום דער וואכן זארגט דער מענטש אויף פרנסה קען מען ניט דאווגן מיט כוונה · אבר אום שבת טאר מען ניט זארגין דרום זאל מען דאווגן מיט כוונה אונ מיט שמחה :

פרייטאג צו נאכט צו מעריב זאגט מען אין דר ש"ע וינוחו בה אונ צו שחרית אונ צו מוסף זאגט מען וינוחו בו אונ צו מנחה זאגט מען וינוחו בם · אז מען זאגט ויכולו גהער מען צו שטיין · ווארום דאס איז איין עדות אז גאט ב"ה האט גרוט אום שבת בשעת אז ער האט בשאפן די וועלט · אונ דר דין איז אז מיזאגט עדות בדארף מען צו שטיין · די ברכה וואס דר חזן זאגט פרייטיג צו נאכט נאך שמ"ע טאר ניט קיין יחיד די ברכה זאגן · אבר מגן אבות מעג איין יחיד זאגן · ווען איינר איז זיך ח"ו טועה אין שמ"ע דהיינו ער האט בדארפט אן הייבן אתה קדשת האט ער אן גהייבן אתה חונן זאל ער זיך בטראכטן אין זיינע מעשים וואס ער האט גטאן ביז אהער אונ זאל זארגן די וואך וואס וועט זיין פר פורעניות ווארום דאס איז איין שלעכטר סימן · גאט זאל אונז בהיטן דר פון · דרום ווען עס טרעפט זיך אזו זאל ער תשובה טאן אויף זיינע שלעכטע מעשים :

אונ ווען מען גייט פרייטאג צו נאכט פון דר שול אהיים זאל מען זאגן תיכף שלום עליכם אונ דר נאך זאל מען תיכף קידוש מאכן אין די קליידר וואס מען איז גקומן פון דער שול · ווארום דאס איז ווישענטליך אז דר מענטש גייט פון דר שול אהיים בלייטן אים צוויי מלאכים · איינר איז איין גוטר מלאך אונ איינר איז איין מקטרג · אונ בשעת אז זיי קומן מיט דעם מענטשן אהיים אונ אין שטוב איז ליכטיג אונ שלום אזו וויא עס גיהער צו זיין אום שבת · זאגט דר מלאך טוב איבר אכט טאג זאל אויך אזו זיין · אונ דר מלאך רע מוז איבר דאנק ענטפרין אמן · אבר אז די מלאכים קומן מיט דעם מענטשן אהיים אונ אין

שטוב איז ניט וויא עס געהער צו זיין אום שבת דהיינו עס איז מחלוקת אונ עש איז ניט ליכטיג זאגט דר מקטרג איבר אכט טאג זאל אויך אזו זיין מוז דער גוטער מלאך איבר דאנק דרויף אמן ענטפערין :

אבער אין מדרש פון רבי שמעון בן יוחאי שטייט בעסר בשיידן · ווען דער מענטש גייט שבת פון דר שול אהיים גייען מיט אים פיל מלאכים פון ביידע זייטן אונ די שכינה גייט פריער אונ זאגן די פסוקים יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש · רק בעיניך תביט ושלומת רשעים תראה כי אתה יי מחסי עליון שמת מעונך · לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך אזו ווערט גזאגט ווען דר בעל הבית קומט אהיים אונ אנטפאנגט זיינע גוטע היילגע געשט קומט די שכינה מיט די מלאכים מיט שמחה אונ ווען די שכינה זעהט אז עס איז ליכט אן גצונדן אונ דער טיש איז גגרייט אזו וויא מען בדארף האבן · אונ צווישן מאן אונ ווייב איז שלום זאגט די שכינה דש איז מיין ער איז אפרומר מענטש וואס איך בארים זיך מיט אים · אונ ווען עס איז ח"ו ניט אזו אונ עס איז מחלוקת צווישן מאן אונ ווייב · אזו גייט די שכינה מיט די מלאכים אוועק אונ דר יצה"ר מיט זיינע חברותות בהעפטן זיך אין זיי · אונ זאגן איר זייט אונזרע · דרום זאל איטליכר מענטש גווארינט זיין אז עס זאל קיין שום מחלוקת זיין אום שבת צווישן מאן אונ ווייב · ווען זיי זעהן אז עס איז פר האנדן מחלוקת צווישן מאן אונ ווייב · אזו דר וועקן זיי נאך מער מחלוקת . אונ מאכן זיי נאך מער זינדיגן · אזו וויא מיר גפינן אז עס איז גוועז אמאל איין מעשה תמיד אום פרייטאג צו נאכט פלעגן זיך מאן אונ ווייב קריגן · איין מאל איז רבי מאיר ביי זיי גוועזן צו גאסט · האט ער גיהערט די מחלוקת פון דעם מאן אונ ווייב · האט ער צווישן זיי שלום גמאכט · אונ איז גוועזן ביי זיי דריי שבתים דורך אנגדר אונ האט גמאכט צווישן זיי שלום · דר נאך האט רבי מאיר גהערט וויא די מחלוקת הט גשריען ווי איז צו מיר אז רבי מאיר האט מיך פון דר דירה ארויש גיצוגין · נוא רבותי זעהט וואש מחלוקת בטייט . דרום זאל מען זיך היטן דער פון אונ עש זאל זיין שלום :

בשעת מען מאכט קידוש זאלין זיין דיא חלות צוא גידעקט כדי עש זאל זיי ניט זיין קיין בזיון וואש מען מאכט קידוש איבער ווין אונ אז עש איז גישט פאר האנדין קיין וויין אונ מען מאכט קידוש איבער דיא חלות זאלין זיין דיא חלות צוא גידעקט · ווארום דאש איז איין גידעכעגעש פון דעם מן וואש ער איז גיפאלין אין דער מדבר אויבין איז גילעגין דער טויא · אונ אין מיטין איז גילעגין דער מן אזו גיהערין אויך זיין דיא חלות צו גידעקט פון אויבן אונ פון אונטין :

אונ ווען מען זאגט ויכולו בשעת קידוש גיהער מען צו שטיין · אונ מיט די אויגין זאל ער קוקן אויף די ליכט · אונ נאך דר ברכה זאל ער קוקן אויף דעם כוס וואס יין קידוש דרינן איז · אונ אויך וואו עס איז פר האנדן וויין איז אמצוה אז מיזאל קויפן וויין אויף קידוש אונ וואו מען קריגט ניט קיין וויין אויף קידוש זאל מען מאכן פרייטאג צו נאכט קידוש איבר חלות אונ אום שבת פריא זאל מען מאכן קידוש איבר יין שרף אדר איבר אנדרע גיטראנקען : דער לבוש שרייבט מען גהער קידוש צו מאכן ווארט ביי ווארט · ווארום אין ויכולו איז פר האנדן פינף אונ דרייסג ווערטר · אונ די ברכה וואס נאך ויכולו איז אויך פר האנדן פינף אונ דרייסג ווערטר · דרום גהער מען דעם קידוש ווארט ביי ווארט צו זאגן · אונ צום בעסטן מיזאל דעם קידוש זאגן אין אסידור אונ וייל קידוש מאכן איז אמצוה מן התורה זיינן די ווייבר אויך מחויב קידוש צו מאכן · אונ ווען דר מאן איז ניט אין דער היים זאל זיא הייסן איין קליינעם יונג וואס ער איז נאך ניט בר מצוה ער זאל קידוש מאכן :

דער מגן אברהם שרייבט פון וועגן רבי יצחק לוריא פרייטאג צו נאכט מאכט מען המוציא איבער דר אונטערשטע חלה · און שבת פריא זאל מען מאכן המוציא איבער דער אויבערשטע חלה · פרייטאג צו נאכט נאכן עסין · זאל מען לאזן אויפן טיש שטיין דעם בעכר מיט אביסיל וויין וואס ער האט דרויף געבענטשט · און איין שטיקיל חלה פון דיא חלות אויפן טיש · דער מיט ציהט מען אויף זיך דיא ברכה אויף אגאנצע וואך · אבער אגאנצע חלה זאל מען אויפן טיש ניט לאזין ליגין :

דר מנהג איז אום שבת זמירות צו זינגן · ווייל איוב האט געשאלטן זיין טאג און האט געזאגט פאר פלוכט זאל זיין דר טאג · און עס זאל ניט זיין קיין געזאנג · און ווייל שבת איז איין געבענשטער טאג פון גאט · וויא דר פסוק שרייבט גאט האט אים געבענשט און גיהייליגט · איבר דעם איז רעכט אז מיזאל זינגן זמירות אום שבת · פארין בענטשן זאל מען זאגן שיר המעלות בשוב יי · אויך געהער מען גרויסע ליכט אן צינדן פרייטאג פר נאכט כדי זיי זאלין ברענגן ביז רעכט נאכט איז · אויך געהער מען גווארינט צו זיין אז מיזאל עסין אין דער שטוב וואס די ליכט ברענן · ניט וויא אטייל לייט עסין אויף די גאסן און די ליכט ברענן אין שטוב :

דינים פון ליכט אן צינדין

ווען עש קומט פרייטאג די צייט פון ליכט צינדן געהער דר מאן צו זיין ווייב זאגן אז זיא זאל ליכט צינדין און די גרעסטע מצוה איז בוים אייל צוא צינדין לכבוד שבת · און גווארינט צו זיין אז מיזאל ניט אריין טאן פעטס אין די לאמפין ווארום טאמער וועט אראפ רינען אטראפין פעטס אין דיא עסין אריין וועט דאס עסין זיין טרייף און מען וועט ניט טארין פר קויפין אפילו צו איין א"י :

דר בחיי שרייבט די אשה געהער תפלה צו טאן צו הש"י בשעת זיא צינט אן דיא ליכט לכבוד שבת אז הש"י זאל איר געבן קינדר אז זייערע אויגן זאלן לייכטן אין דער תורה · ווארום די ליכט צינדן איז די ווייברשע מצות · און די תפלה ווערט גיהער דר הערט בשעת מען טוט אמצוה · אויך זאגן אונזערע חכמים ווער עס צינט אן פיל ליכט לכבוד שבת · דר איז זוכה צו האבן קינדר תלמידי חכמים · עס איז פר האנדן ווייבר אז זיי צינדן אן די ליכט זאגין זיי די הפטורה פון ר"ה וויא חנה האט תפלה גיטאן אז הש"י זאל איר געבן קינדר און איי די אשה צינט אן ליכט זאל זיא פריער מנחה דאווענן · אבר אז די אשה קען ניט דאווענן · אדר זיא האט קיין צייט ניט צו דאווענן דהיינו זיא הט נאך אויך וואס צו טאן · זאל די אשה אזו זאגן בשעת ליכט אן צינדין איך בין נאך ניט אויף זיך מקבל שבת סיידן קהל וועט מקבל שבת זיין :

ווען איינער קומט אין שול אריין דאווענן · און דאס קהל איז שוין מקבל שבת זאל ער דאווענען מנחה אין פאליש :

דיני הטמנה

דאש זיינן די דינים וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט דעם טשאלינט אז מען זאל ניט קומן צו חילול שבת מען געהער די ווייבר אן צו זאגן ווען זיי האבן דעם אויבן רעכט צו גמאכט וואס דר טשאלינט שטייט דרינן טאר מען ניט עפינן דעם זעלביגן אויבן ביז שבת פרי און וויא אטייל ווייבר זיינן זיך נוהג אז מען קומט פרייטאג צו נאכט פון שול הייסן זיי איין א"י עפינן דעם אויבין · און בקוקן דאס עסין · אדר זיי נעמן עפעס ארויש דר

פון · אונ הייזשן דעם א"י ווידר צו מאכן דעם אויבן דאס איז איין איסור גמור וואָרום פון דעם עפינן קריגט דאס פייער איין לופט אונ הייבט אן רעכט צו ברענען · אזו מאכט ער אום שבת פייער ברענען אונ דאס עסין ווערט גיקאָכט :

דאש גלייכין גיהער מען אן צו זאָגין די ווייבר · זיי קאָבין דאס עסין פרייטאג אויף שבת פריא אונ שבת פריא שטעלין זיי דאס עסין אויף דעם אויבין צוא וואַרימען אָדער אריין שטעלין אין דער רער אריין טאר מען ניט אריין שטעלן · נאר דורך איין א"י מעג זיא שטעלין :

אויך גיהערן ווייבר אונ מיידן גוואָרינגט צו זיין וואס מען דארף אויף שבת פריא זאָל מען אלש אן גרייטן פר שבת וואָרום מען דארף זעלבע זאכן ניט אין די הענט צו נעמן פון מוקצה וועגן איז דש אסורי אויך אזעלכע זאכן וואס מען באדארף לאזן טאָן דורך איין א"י זאָל מען דעם א"י הייזשן טאָן פר שבת · וואָרום דש זאָגן וואס מען זאָגט צו איין א"י אום שבת אז ער זאָל דאס טאָן איז גלייך וויא ער האט דאש אליין גיטאָן :

דיני עירוב

מען טאר ניט טראָגן קיין שום מלבוש וואו קיין עירוב איז ניט פר האנדן · אזו שרייבט דר לב טוב אפאציילע טאר מען ניט טראגין אום שבת סיידן אז עס איז בהעפט צום קלייד פון פר שבת · אָבר אן קניפין אן דעם גארטיל טאר מען ניט · אָבר דר טורי זהב שרייבט מען מעג אפאציילע טראָגן ווען עס איז אן דעם גארטל אן גקנפט · אויך גהער מען צו ווערן אז מיזאָל ניט קויפן קיין אויפס ביי איין א"י אום שבת · אז ער הט נאך אויפס אויף די בוימר וואָרום טאמר האט דר א"י אום שבת אפ גריסן דאס אויפס אזו איז דאס איין איסור גמור אפילו אן צו רירן ומכ"ש צו עסן די פירות טאר מען ניט :

אום שבת טאר מען מער ניט גיין נאר אתחום שבת · אונ אתחום שבת באטרעפט צוויי טויזנט איילן · אָבר עס איז פר האנדן בעו"ה גרינגע נשמות אונ גייען אום וויפל טויזנט איילן אונ זאָגן דר רבי הט אונז מתיר גוועזן אונ דר זעלביגר רבי איז גווים איין ע"ה אונ ווייש גאר ניט דעם טייטש פון תחום אונ וויפיל איילן איז אתחום · דרום האט ער מתיר גוועזן · ווייל גשריען אויף אזעלכע מענטשן וואס זיינן מחלל שבת · אונ וויי גשריען אויף אזעלכע רבנים וואס זיינן מתיר · דאש גלייכן מוז מען אכטונג געבן אלע צייט אויפן עירוב אויב ער ליגט אויף זיין אָרט · אונ מען טאר ניט גיין אפילו איין תחום שבת נאר צו אדבר מצוה עס איז פר האנדן נאך פיל דינים וואס דר צו גהער :

עש איז איין גרויסע מצוה אז מיזאָל פר זוכין דאס עסין פון שבת אום פרייטיג פריא דאס עסין זאָל זיין גוט גקאכט · עס איז דרויף איין גרוישער סוד :

דער טאג שבת גיהער צו זיין איטיל חן אונ חסד אונ שלום אונ גרויש ליבשאפט · וואָרום אום שבת רוען אפילו דיא רשעים פון דער גיהנם · דרום איז איין גרוישע עבירה אום שבת צוא ווייזין כעס אָדער רוגז · אז מען עסט אום שבת רעטאך אָדער ציבעלעס טאר מען ניט צו זאלצין נאר מען מוז איטלעכש שטיקיל בזונדר איין טונקין אין זאלץ :

דער רמב"ם שרייבט מען גהער צו קאָכין דאש גקעכין אויף שבת מיט בשמים אונ עש זאָל זיין פעטע פלייש אונ היפשע פיש אונ ווין וועדליג נאך זיין פר מעג · אונ עש איז איין גרויסע מצוה אז עס זאָל ביי אלע דרייא סעודות זיין פיש · דרום

גיהער מען צו האבן ביי אלע דריי סעודות פיש · אונ ווער עס טוט זיך אן תענוגים אום שבת דר איז זוכה צו דריי ערליי גן עדן די זעלביגע גן עדן הייסין עדן נהר גן · אונ ווער עס טוט זיך ניט אן קיין עונג אום שבת אזו ווערט פון דעם ווארט ענג נגע איז טייטש פלאג · אונ אלע תענוגים וואס איין מענטש טוט זיך אן אום שבת זאל זיין די כוונה לכבוד שבת · מען גיהער אום שבת צו עסין דריי סעודות :

דיא ווייבר זאלן זיין גיווארינט דארטן וואו מיטאר ניט טראגן · דהיינו עס איז קיין עירוב ניט פר האנדן זאלן די ווייבר ניט גיין אין אזו איין פינגעריל וואש איין חותם איז פר האנדן אין דעם פינגעריל · דאס גלייכין טארן די ווייבר ניט טראגין זייערע שליסלען אן זייערע גארטלען · אויף אזו איין ארט וואס קיין עירוב איז פר האנדן · אבר איין אשה וואס זיא איז איין נגידה זאל זיא אזו טאן זאל זיא לאזין מאכן א זילבערנעם שליסיל צו איין חדר אונ זאל דארטן אריין לייגן אלע שליסלען אונ זאל מיט דעם זילבערנעם שליסיל פר שליסין דאש חדר אונ דעם זילבערנם שליסיל וועט זיא מעגין טראגין ווארום דאס איז צוא איר איין צירונג :

ווען איין מענטש בגעגינט דעם אנדערין אום שבת זאל מען ניט זאגין גוט מארגין אדער אגוטע נאכט · נייערט גוט שבת · ווען מיקושט דיא מזוזה שבת זאל מען זאגין זכור את יום השבת לקדשו :

ווען די ווייבר וואשן זיך אום שבת זאלן זיי גווארינט זיין אז זייא זאלין זיך ניט אפ ווישין מיט איין נאסע טוך ווארום זיי קוועטשן אויש די טוך · ווער אום ריין איז גווארן אום שבת מעג ער זיך טובל זיין · אום שבת אדר י"ט זאל מען מער ניט ווארטין מיט דעם עסין נאר ביז זעקס שעה אויף דעם טאג · אבר ראש השנה מעג מען דאווענען אגאנציין טאג · ווארום ר"ה איז ניט קיין יו"ט אויף עסין אדר טרינקן · ווען איינר האט יאר צייט אום שבת אונ האט פר געסן ליכט אן צינדן איז דר דין אזו אז שטערן שטייען נאך ניט זאל מען הייסן איין א"י אן צינדן אבר אז שטערן שטייען שוין טאר מען אפילו ניט הייסין איין א"י אן צינדין :

ווען איינער האט חתונה גיהאט מיט איין אלמנה זאלין זייא דאש ערשטע מאל ניט צו זאמען זיין אום פרייטיג צוא נאכט דאס גלייכין אום שבת אויך ניט · דער מגן אברהם שרייבט ווען וואקס איז אויף איין ספר אן גיטריפט טאר מען דאס וואקס ניט אראפ נעמן אום שבת ווארום אז מיוועט די וואקס יוא אראפ נעמן וועט ער חיב זיין אקרבן חטאת · נאך שרייבט דר מגן אברהם עס איז פר האנדין איין טייל מענטשין וואש זיי זיינן זיך נוהג אום שבת שירה צו ווארפין קאשע די פוגלען טוען זיי ניט רעכט אונ עס איז איין איסור גמור ווארום אזעלכע בשעפניש וואס דר מענטש דארף זיי ניט געבן קיין שפייז טאר מען זיי אום שבת ניט געבין עסין :

דער טורי זהב אונ דר מגן אברהם שרייבן אז עס בלייבט אום שבת אויפן טיש ביינער אדער שאלאכין פון ניס טאר מען דאס ניט מטלטל זיין נייערט מען הייבט אויף דעם טאביל פון דעם טיש אזו פאלט עס פון זיך זעלבערט אראפ פון דעם טיש · נאך שרייבט דער טורי זהב מיט איין מעסער אדר מיט איין פלעדר וויש מעג מען דעם טיש אפ קערן דאש גלייכין אז עס איז ניט פר האנדן קיין א"י אוים צוא קערן די שטוב מעג מען אליין מיט אפלעדער וויש אוים קערין :

אויך זאל מען וויסן אזוא אזאך וואס מיטאר ניט זאגן צוא איין א"י ער זאל דאס טאן טאר מען מיטין וואונק צוא אים אויך ניט זאגן דהיינו מען באדארף אפ שנייצין דאס ליכט זאל מען צו אים זאגין שנייץ אפ דעם נאז כדי ער זאל פאר שטיין אז ער זאל דאש ליכט אפ שנייצין טאר מען אזו ניט טאן:

ווען איין שריפה איז ח"ו דאס גלייכין ביי איין א"י מעג מען מחלל שבת זיין דהיינו דאס פייער צו לעשן · מען טאר אום שבת קיין גריבענע מצה אין איין גטראנק געבן ווארום עס איז גלייך וויא מען קנעט טייג דם גלייכן מען טאר ניט גיסן וואסר אויף קלייען געבן די בהמות עסן · אויף אזו איין ארט וואו מיטאר אום שבת ניט טראגן טאר מען ניט טראגן דם קינד צו דר מילה אום שבת סיידן איין א"י זאל טראגן דאס קינד ביז אין פאלעש אונ אין פאלעש זאל עס די קוואטערן נעמן פון דעם א"י אונ צו ריק זאל אויך דר א"י טראגן ביז אהיים ווען איין מענטש האט פר געסן אונ האט גטראגן אונ אין מיטן וועג האט ער זיך דר מאנט אז מיטאר ניט טראגן טאר ער ניט צוריק ווארפן אדער דר לאנגן נייערט ער מוז ווארטן ביז איין א"י וועט קומן וועט ער אים געבן אהיים צו טראגן דרום זאל מען גווארינט זיין אום ע"ש צו זעהן זייגע קליידר אז עס זאל ניט ליגן קיין שום זאך כדי ער זאל ניט קומן צו חילול שבת:

ווען איינער איז ח"ו קראנק אונ מען בדארף מחלל שבת זיין פון דעם חולה וועגן אונ אז מען וועט ניט מחלל שבת זיין וועט זיין אסכנה דהיינו איין ליכט אן צינדן אדער אנדר זאך בדארף מען ניט ווארטן ביז איין א"י וועט קומן נאר מען מעג באלד מחלל שבת זיין פון דעם חולה וועגן אדרבה דר גרעסטער חשוב גיהער דאס צו טאן כדי דר גימיינר עולם זאל וויסן אז מען מעג מחלל שבת זיין פון איין חולה וועגן ווארום אז דר חולה וועט גיזונט ווערן וועט ער קענן פיל שבתים האלטן וואס מען האט פון זיינט וועגין מחלל שבת גיוועזן:

דער בית חדש שרייבט ווען איין יהודי האט פאר דונגען איין בהמה צוא איין א"י אדער ער לייט זיא צום א"י צוא ארבעטין אונ דער א"י ארבעט מיט דער בהמה שווערע ארבעט איז דאש ניט רעכט אבער אדבר מצוה דהיינו אתרוגים צו פירין מעג מען אום שבת פאר דינגען צוא פארין מיט דער בהמה:

מען טאר ניט געבן געלט אום שבת צו איין א"י צו קויפן דאס גלייכן טאר מען ניט אן רירין אום שבת אזעלכע זאכין וואס איז גיקומען חוץ לתחום · ווען איין א"י האט גבראכט אבריב אום שבת מחוץ לתחום איז דער דין אזו דר א"י זאל אנידר לייגן דעם בריב דר נאך מעג דר יהודי נעמען דעם בריב דאס גלייכין אז מען שיקט איין א"י חוץ לתחום ער זאל ברייגגן משקה איז דר דין אויך אזו זאל דר א"י אנידער שטעלן די כלי דר נאך מעג ערשט דער יהודי נעמן דאס זעלביגע שטייט אין תקנות מהר"ם מינץ:

ווען איין מענטש האט גיפונן איין בריב וואס דר בריב איז גישריבן איין כתב פון איין א"י מעג מען לייענן דעם בריב אום שבת אויך זאל מען וויסן אז מען האט גילייענט דעם בריב איין מאל טאר מען שוין דאס אנדר מאל ניט לייענן ווארום ער ווייס שוין וואול וואס אין דעם בריב שטייט אדר נייעה צייטונג אום שבת · דער טורי זהב שרייבט ווען איינער האט יאר צייט אום שבת טאר ער ניט גיין אויף איין חתונה דעם זעלביגן שבת · אבר גיין צום חבר מחמת פריינט שאפט מעג מען גיין עסן אונ טרינקן · מען טאר ניט דר שלאגן קיין שום בשעפעניש אום שבת אפילו איין שפין אדער אנדערע באשעפעניש וואס זיינען מזיק:

דער טורי זהב שרייבט ווען איין פליג איז אריין גיפאלין אום שבת אין איין עסין אדער אין איין גיטראנק טאר מען די פליג אליין ניט ארויש נעמען ווארום

דאס

דאס הייסט בורר פסולת מתוך האוכל דאס איז טייטש מען קלייבט אויס פסולת פון דעם עסין טאר מען אזוא ניט טאן גייערט מען זאל דיא פליג אויס גיסין מיט אביסיל גיטראנק אדער מיט איין ביסיל עסין · ווען איינער איז געצר אום שבת אונ מען באדארף אים מאכן איין צעפל זאל מען ניט טאן וויא אום דער וואכין דהיינו מיט צוויי פינגער זאל מען נעמען דאס צעפל אונ פאמעלך אריין טאן :

ווען מען האט פר געסן פרייטיג עסיק אריין טאן אין די חריין זאל מען צום ערשטן אריין טאן די עסיק אין אכלי אונ דר נאך אריין טאן די חריין אונ אן מישן מיט דר כלי :

מען גיהער צו פר שליסן די קראמען איין שעה פר שבת אונ מיזאל פרייטיג צוא נאכט בצייטן ברכו אן הייבן צו זאגן אין שול ווארום אז מען הייבט ניט אן בצייטן ברכו אום פרייטיג צו נאכט קומט דר פון ארויס אגרויסר חלול שבת ווארום מענטשן זאגן מען האט נאך ניט אן גיהייבן ברכו אין שול ובפרט אז מיזאל אויף קיינם ניט ווארטן מיט ברכו אפילו פון וועגן איין אדם חשוב ווארום עש איז קיין כבוד ניט אז מיזאל איבר אים מחלל שבת זיין :

דער טורי זהב שרייבט מען טאר ניט אום שבת קיין שום רפואה איין נעמן וואס משלשל איז דהיינו אזעלכע רפואה וואס זיא מאכט איין דורך גאנג גייערט ווען עס איז במקום סכנה מעג מען טאן כל רפואות וואס אויף דר וועלט איז ווען איין מענטש האט כלים וואס זיי זיינן גלידר ווייס טאר מען זיי אום שבת ניט צו שרויפן אונ ניט אפ שרויפן דאס גלייכין עס איז פר האנדן אין שול בלעכן בכלי קודש אונ אויף די בלעכן איז פאר האנדן קליינע בלעכלעך וואס אויף זיי שטייט שבת פסח סוכות אדר שבועות · טאר מען ניט דיא קליינע בלעכלעך ארויף טאן אויף די גרויסע בלעכן אום שבת אדר יום טוב גייערט פר שבת אדר פר יום טוב אונ מיטאר ניט גיין אום שבת מיט הענט שוך אויף אזו איין ארט וואו מיטאר ניט טראגין טאמר וועט ער פר געסין אונ וועט אראפ נעמען פון דר האנט דיא הענט שוך וועט ער מחלל שבת זיין :

ווען דאס קלייד איז איין גיפלעקט מעג מען אום שבת אפ קראצן מיט די נעגל אבער ניט מיט שפייעכין · אדער מיט וואסער · מען מעג דיא שיך אפ קראצין אום שבת אן דעם אייזין וואס ביי דער שול איז גימאכט גיווארין · אויך זאלין גיווארינט זיין ווייבר אונ מיידין אז זיי וואשין דאס גיפעס אום שבת נאך דעם עסין זאלין זיי ניט אפ ווישין מיט אנאסע טוך ווארום דאס איז אגרויסע עבירה נאר מיט וואסר אפ צו שווענקען אונ דר נאך מיט איין טרוקינע טוך אפ ווישין :

אויך טאר מען ניט טאן אום שבת אדר אום י"ט אויף דר וואכין דהיינו גיפעס צו וואשן אדר דאס בעט פאר בעטן אבר דאס טאן פון שבת וועגין אדער פון י"ט וועגין מעג מען עס טאן אום שבת אדר אום י"ט · דערסט גלייכן די צייט פון מנחה טאר מען ניט אום שבת איין הייצן אין אויבן ווארום די ווארימקייט איז אויף נאך שבת אז מען וויל ווארים מאכין דאס טשאלינט איז דער דין אזו · אום ווינטר מעג מען דורך איין א"י ווארעם מאכן · אבר אום זומר טאר מען ניט אפילו דורך איין א"י · אויך טאר מען ניט אום ווינטר דם ערשטע מאל איין הייצן אין אויבן אום שבת · אונ שבת פריא פארן קידוש גהער מען צו זאגן ושמרו בני ישראל · אויך גהער מען אכטונג צו געבן אז מען זאל ענטפרן אמן אויף אלע ברכות כדי מיזאל מקיים זיין מאה ברכות דאס גלייכן גיהער דר בעל הבית אן צו זאגן צו זיין הויז גיזינד אויב זיי האבן פירות זאלן זיי די פירות עסן נאכין עסין כדי מיזאל מקיים זיין מאה ברכות אבר אום דר וואכין בדארף מען דאס ניט אן זאגן :

דר

דר שולחן ערוך שרייבט שבת אין דר פריא נאך דעם עסן זאל איטליכר למדן לערנן איין שיעור כדי די גימיינע לייט זאלן קומן הערן דעם שיעור אדר דר למדן זאל זאגן דברי מוסר אונ די גימיינע לייט זאלן קומן הערן כדי זיי זאלן וויסן דעם רעכטן וועג וויא אזו זיי זאלן דינן הש"י מיט אמת · דאס גלייכן איז מחויב דער למדן אלע שבת עוסק צו זיין אין דר תורה ווארום אז די נשמה יתירה קומט צו ריק נאך שבת ארויף אויף דעם הימל פרעגט מען זיא צו האסטו עוסק גיוועזן אין דר תורה · אונ ווען דר גימיינר מאן האט צו גיהערט וואס דר למדן האט אום שבת עוסק גיוועזן אזו האט דר גמיינר מאן שכר גלייך וויא ער האט אליין עוסק גיוועזן אונ צו זיין נשמה איז אגרויסע הילף · מען טאר אום שבת ניט זארגן אונ מכ"ש צו וויינן אבר אז ער הט נחת רוח פון דעם וויינן מעג מען וויינן אום שבת דס גלייכן פאסטן טאר מען אויך ניט אום שבת · בייערטוועגן עס הט זיך אים ח"ו גחלומת איינס פון די פיר חלומות דהיינו ווען ער האט גיזעהן איין ס"ת ברענן אדר מען האט אים אויף גרופן צו דר ס"ת אדר מען האלט נעילה אום יום כפור · אדר ער האט מקדש גוועזן איין אשה אונטר דר חופה אונ דס הארץ איז אים שווער · מעג ער פאסטן אום שבת אבר ער מוז זונטאג פאסטן ווייל ער האט מחלל שבת גוועזן מיטן פאסטן אבר אז דאס הארץ איז אים ניט שווער בדארף ער ניט פאסטן · אויך האב איך געהערט פון איין למדן אויף דר נאכט איי מען גייט שלאפן זאל מען זאגן אלע חלומות וואס עס וועט זיך מיר חלמען וועל איך מארגן ניט פאסטן איז דאס איין סגולה אז עס וועט זיך ניט חלמן קיין בייזע חלומות :

אונ ווער עס הט אזו גטאן וויא מיר האבין גישריבין אונ עס האט זיך אים גיחלמת
שלעכטע חלומות זאל ער ניט פאסטן · אונ ווער עס פאסט אום שבת איין תענית חלום זאל ער אום שבת פריא מטיב חלום זיין כדי די לייט וואס זיינן אים מטיב חלום זאלן זיי אויך בעטן גאט אויף אים · אונ שרייבין וויא אזוא מען זאל מטיב חלום זיין בדארף איך אייך ניט שטעלן ווארום ווען עס חלמת זיך איין חלום קען ער גיין צוא איין למדן וועט אים דר למדן מטיב חלום זיין · אום שבת גיהער מען קיין נוציגע רייד צו ריידן ווייל הש"י האט מיט זיינע רייד דיא וועלט בשאפין · אונ אום שבת האט ער גרואט פון זיין זאג וואס ער האט דר מיט בשאפן די וועלט · דרום גהער מען זיך אויף צו האלטן אום שבת מיט אזעלכע רייד וואס גייט אן ביי איין מלאכה · אדר ביי משא ומתן · אונ מכ"ש ניבול פה נייערט צו ריידן נאר דברי תורה · אונ ווער עס וועט אזו טאן · אזו וועט ער האבין אגרויסין שכר מיר האבין שוין גישריבין אז מען זאל אום שבת ניט זארגין · נייערט מען זאל זיין פריילך אום שבת דרום זאל מען זיך אין זינען נעמן גלייך אז זיינע ארבעט איז גיטאן גיווארן פר שבת · חען איין מת ליגט אין איין ארט · אונ מען בדארף האבן צום ארט · טאר מען דעם מת ניט נעמן פון דעם ארט אום שבת · איטליכר מענטש בדארף לערנען אום שבת אויס אזעלכע ספרים וואס שטייט דרינן פון הלכות שבת · אויך די לומדים וואס זאגן איין שיעור אום שבת זאלן זיי זאגן אזו איין שיעור וואס עס גהער צו שבת · אונ איטליכר בעל הבית זאל האבין אזעלכע ספרים וואס שטייט דרינן פון הלכות שבת · חאטשע עברי טייטש ספרים · נוא איר ליבע לייט זעהעט אז איך האב אייך אלס גישריבין אויף טייטש וואס שטייט אין ספר הקדוש קיצור שני לוחות הברית כדי דר גימיינער מאן זאל אום שבת אויס לייענען דיא דינים פון הלכות שבת · אונ זאל זייא מקיים זיין · אונ ווער עס וועט אזו טאן · וועט אים זיין גוט אויף דער וועלט · אונ אויף יענער וועלט :

איטלאבער.

איטליכר בעל הבית איז מחויב אן צו זאגן זיין הויז גיזינד אז זיי זאלין ניט טאן קיין שום מלאכה פר הבדלה · דרום זאל מען אן זאגין די דינגסט מיידין · וואש זיי ווילין ניט ווארטן אויף הבדלה זאלין זייא זאגין דיא ברכה המבדיל בין קודש לחול וכו׳ : אזו באלד וויא מען הייבט אן ויהי נועם אין שול זאל איטליכר מענטש זיין טלית צו נויף לייגן · כדי מען זאל וויסן אז ביז אהער איז אסור גיוועזן איין מלאכה צו טאן מען גהער אייביג צו זעהן אז מיזאל צו נויף לייגן דעם טלית פר הבדלה · ווארום עס איז ח״ו איין סכנה אז עס ליגט איבר נאכט ניט צו נויף גלייגט · אונ ווען מיהאט פר געסן צו נויף לייגן דעם טלית מוצאי שבת זאל ער אום זונטאג פריא אפ שקלן דעם טלית · מען גהער גווארינט צו זיין אז מיזאל ניט קיין ליכט אן צינדן · איידר מען זאגט ואתה קדוש · ווארום עס שטייט אין זוהר ווער עס צינט אן ליכט איידר ער זאגט ואתה קדוש איז ער מחלל שבת · אונ עס ווערט דורך אים אן גיצונדן דס פייער פון דעם גיהנם אויך פר דר צייט · אונ מען הייבט אן דן זיין די רשעים · ווארום עס איז פר האנדן איין ארט אין גיהנם פר די זעלביגע מענטשן · וואס זיינן מחלל שבת מיט דעם וואס זייא צינדן אן איין ליכט פאר דער צייט · אזוא ווערט עס דארטן אויס גירופן דאס איז דאס ארט פר דיא מענטשן וואס האבין מחלל שבת גיוועזן · אונ אלע רשעים פון דעם גיהנם העלפן אן צינדן דאס פייער פון דס גיהנם · אונ דר מלאך וואס איז איין ממונה איבער דעם גיהנם אונ אלע רשעים וואס זיינן דארטן אין גיהנם הייבן אן אלע צוא שרייען דו רשע איבער דיר האט מען גימוזט אן צינדין דאס פייער אין דעם גיהנם פאר דער צייט · אבער דער מענטש וואס ער ווארט מיט איין ליכט אן צינדן ביז דאס קהל האט גיזאגט ואתה קדוש דר זעלביגר מענטש ווערט גיבענשט מיט אלע ברכות · אונ דיא רשעים גיבן צו השי״ דיא גירעכטיקייט אויף זייערן משפט · וואס ער האט בשאפן דעם גיהנם אז זייא זאלן האבין איין כפרה אויף זייערע עבירות · דאש שטייט אלץ אין דעם ספר דרך חכמה :

דער מנהג איז אז מיזאל זינגן אלע מוצאי שבת אזעלכע זמרות · וואס אליהו הנביא איז דרינן דר מאנט · ווארום ער וועט קומן זאגן די בשורה פון דר גאולה · דיא תוספתא שרייבט אלע מוצאי שבת זיצט אליהו הנביא אונטר איין בוים וואס דר בוים הייסט עץ החיים · אונ שרייבט אויף אלע זכיות · איין טייל מענטשן זיינען זיך נוהג בשעת אז זיי זאגן די ברכה פון הבדלה גיסן זיי אביסל ווין אפ פון דעם בעכיר · טוען זיי ניט רעכט · ווארום דאס הייסט ער איז מבזה די ברכה · אבר ווען ער גיסט אין כוס אריין אויף הבדלה זאל ער אביסל איבר גיסן · דס איז איין סימן ברכה : צום ערשטין גיהער מען דעם כוס פון הבדלה טרינקן · אונ איין ביסל איבר לאזין אין דעם כוס כדי ער זאל פר לעשין די הבדלה ווארום דאש וואש בלייבט איבער פון איין ברכה דאש האלט אויף אלע פורעניות · אונ ווען מען האט שוין דאס כוס אויס גטרונקן זאל מען מאכן די ברכה אחרונה · אויך איז רעכט אז מיזאל נעמן דעם הדס פון דעם לולב צוא די בשמים פון הבדלה · ווייל מיהאט איין מצוה דער מיט גטאן · זאל מען עש ווידר נעמן צו איין מצוה · בשעת אז מען זאגט די ברכה בורא מאורי האש זאל מען איין בייגן די פינגר פון דר רעכטע האנט אין דר האנט אריין · אונ זאל זעהן די נעגיל אבר די האנט ניט · אונ נאך הבדלה זאל מען גרייטן צום טיש אונ ליכט אן צינדין האטשע אז מען קען ניט מער אויף עסין איין כזית · אונ ווער עס פאסט שבתות צוא נאכט · זאל מעוזיך זעצן לערנן · איז גלייך וויא ער האט גיגעסן די סעודה פון מלוה

מלכה

מלכה · דער טורי זהב אונ דר מגן אברהם שרייבט מען גיהער צו זוכין גוטע שפייז אונ בעסטע שפייז אויף דר סעודה · אבר ווען ער איז גיזעסן לאנג ביי שלש סעודות אונ קען ניט עסין אפילו איין כזית גרויש איז מען יוצא אז מיזאל עסין פירות · עש איז ווישענליך אז עש איז פר האנדן אין דעם מענטשן איין גליד וואש ער הייסט נשכוי דאש זעלביגע גליד האט קיין הנאה ניט אגאנצע וואך פון דעם עסין · נייערט אז מען איז מלוה מלכה · אונ דר טעם איז · ווייל אלע גלידר האבן איין הנאה גהאט בשעת אדם הראשון האט געגעסן פון עץ הדעת אונ האט דער מיט גיבראכט דעם טויט אויף דר וועלט · דרום ווערן פר פוילט אלע גלידר · אונ דר גליד נשכוי בלייבט ביז תחיית המתים · ווייל דאס גליד האט קיין הנאה ניט גיהאט ווייל אדם הראשון האט גיגעסן דעם עץ הדעת אום פרייטאג אונ דאס גליד האט אגאנצע וואך קיין הנאה ניט פון דעם עסן · נייערט שבתות צו נאכט · דרום זאל מען גוואריגט זיין מלוה מלכה זיין : נאך איין טעם איז · וואס מען גדיינקט אליהו הנביא אלע שבתות צוא נאכט דער ספר הקולות שרייבט עס איז פר האנדין צדיקים וואס מען בדארף זיי געמן שבתות צוא נאכט אין גיהנם אריין · קומט אליהו הנביא אונ איז מגין אויף זייא אונ זאגט ער געמט אויף זיך דאס ביסיל עבירות וואס זיי האבן · דרום פון אלע זאכין וואש מען האט מסדר גיוועזין וואס מען זאל טאן פון שבתות צו נאכט זאל מען ניט פר מיידין דר פון ווארום עש איז אלין איין סימן ברכה :

הלכות ראש חודש

ערב ראש חודש הייסט קליין יום כפור אזו וואול אז יום כפור איז מכפר פר אגאנץ יאר · אזו גהער מען אום ערב ראש חודש תשובה טאן אונ פאסטן אז הש"י זאל מוחל זיין · וואס מען האט דעם חודש גזינדיגט · איין טעם איז ווארום מען האט גגעבן צו ווייבר דעם ראש חודש פר איין יו"ט · ווארום עס איז פר האנדן שלש רגלים קעגן דריי אבות אברהם יצחק יעקב · אונ צוועלף חדשים · קעגן צוועלף שבטים · אונ ווייל די שבטים האבן גזינדיגט מיט דעם עגל אונ די ווייבר האבן ניט גזינדיגט · דרום האט מען צו גינומן ביי די מאנזבילן דעם ראש חודש · אונ מען האט גגעבן צו די ווייבר פר איין יו"ט · מען טאר ניט פאסטן אום ראש חודש · נייערט איין תענית חלום מעג מען יוא פאסטן · אונ ווען מען פאסט אום ראש חודש איין תענית חלום · זאל מען פאסטן איין טאג נאך ר"ח אויך · ווארום ווייל ער האט גיפאסט אום ר"ח · אבער אז מיהאט גיפאסט איין תענית חלום אום ר"ח ניסן אדר ר"ח אב · באדארף מען ניט פאסטן נאך איין טאג · ווארום ר"ח ניסן אונ ר"ח אב איז איין תענית צדיקים · ווען איינר האט חתונה אום ר"ח בדארף מען ניט פאסטין · דעסט גלייכין אסרו חג אונ חמשה עשר באב אונ חמשה עשר בשבט בדארף מען אויך ניט פאסטן אבר אז איינר האט חתונה ר"ח ניסן אדר ל"ג בעומר אדר ר"ח סיון · אדר ערב שבועות אדר ר"ח אב אדר אין די פיר טעג פון יום כפור ביז סוכות באדארף מען יוא פאסטין :

הלכות קידוש לבנה

עש איז איין גרויסע מצוה שבתות צו נאכט מקדש זיין דיא לבנה · ווייל מען איז נאך

פריליך

פרייליך פון שבת · אונ מען גייט נאך אין דיא קליידער פון שבת אונ אז מען איז מקדש די לבנה אום דר וואכין · זאל מען זיך אן טאן אין די קליידר וואס מען גייט אין שול אריין · אונ ווען שבתות צו נאכט איז דר דריטר מעת לעת פון דעם מולד · פסקינן אלע גאונים מען זאל די מצוה ניט אפ לייגן · אונ מען זאל מקדש זיין די לבנה:

איין אבל טאר ניט מקדש זיין די לבנה · אבר ווען די שבעה גיווערט ביז נאך צעהן טעג מיט דעם מולד אזו מעג דר אבל ביי נאכט ארויס גיין אונ מעג מיט די לייט די לבנה מקדש זיין · אונטר איין דאך טאר מען די לבנה ניט מקדש זיין ווארום דיא לבנה מקדש זיין איז גלייך אז מען זאל די שכינה אנטפאנגן נוא וואס פר איין דרך ארץ איז אז מען זאל שטיין אונטר איין דאך · ווען מען זאלט אימעצן אנטפאנגן · וואלט מען אנטקעגן גיגאנגן איז שוין איין כ״ש די שכינה צו אנטפאנגען · איז פשיטא ניט רעכט אונטר איין דאך צו שטיין · נייערט מען זאל שטיין אונטערן הימל · אבר ווען עס איז אנדערש ניט מיגליך אז מען זאל שטיין אין דרויסין אונטערין הימל · דהיינו ער האט מורא · אזו מעג מען אונטערן דאך די לבנה מקדש זיין · ווען איין קלארר וואלקן האט די לבנה פר דעקט · אונ מען זעהט די שיין פון דר לבנה ארויס · מעג מען זיא מקדש זיין · מען טאר די לבנה ניט מקדש זיין · נייערט ביז מען זעהט דעם שאטן פון זיך · אונ ווען מען איז מקדש די לבנה · זאל מען די פיס ביי אנאנדער שטעלן · איי מען הייבט אן מקדש זיין די לבנה זאל מען איין בליק טאן אויף דר לבנה אונ ניט מער · אבר מען זאל זיך ניט שטעלן אויף די גאסן וואו אנדרע גלויבינס גיגאסן גייען דען זיי מיינן אז מיר דינען ח״ו צוא די לבנה אונ דורך דעם ווערט גרויס חילול השם אונ ווען מען איז מקדש די לבנה · זאל מען זיא מיט גרויס כוונה מקדש זיין אונ דר נאך זאל מען זאגין ברוך יוצרך ברוך עושך ברוך קונך ברוך בוראך דען דאס איז די ר״ת פון יעקב אונ דיא לבנה איז גיגליכין צו יעקב · אויך שטייט אין דר גמרא דבי רבי ישמעאל האבין גילערינט ווען די יודן וואלטן מער ניט זוכה זיין נאר איין מאל אין חודש צו אנטפאנגען דיא שכינה וואלט אויך גינוג גיוועזן · אונ דיא לבנה מקדש זיין איז גלייך אז מיהאט דיא שכינה אנטפאנגן · דרום זאגט אביי מען בדארף צוא שטיין ווען מען איז מקדש דיא לבנה:

דער ספר אור חדש שרייבט איין וואונדרליכע מעשה וואס ער האט גיהערט דר ציילין פון רבי מאיר מייזעלס · איין יהודי איז גיגאנגן אין וועג האט אים באגעגנט איין רוצח אונ האט אים גוואלט דר שלאגן אזו האט אים דר יהודי גיבעטן אז ער זאל אים לאזן נאך איין מצוה טאן פארן טויט אונ די לבנה איז דענסט מאל זייער שיין גישטאנן · אונ עס איז צייט גיוועזן מקדש צו זיין די לבנה האט דער יהודי מקדש גיוועזן די לבנה מיט גרויש כוונה אונ בשעת אז ער האט אן גהויבן צו זאגן דעם פסוק כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה איז טייטש אזו וויא איך שפרינג קענן די לבנה אונ קען ניט אן רירן אן דיר · אזו זאלן אן מיר אויך ניט קענן אן רירן די פיינד צו בייזן · אונ וויא דר יהודי האט אויס גיזאגט דעם פסוק · איז גיקומן איין רוח אונ האט אים פון דר ערד אויף גיהויבן · אונ האט אים פר טראגן פון רוצח אונ איז ניצול גיווארין פארן רוצח · אויך שרייבן אונזרע חכמים ווער עס איז מקדש די לבנה ערינצט אזו איז ער פר זיכערט אז ער וועט דעם חודש ניט שטארבן דרום איר ליבע לייט זעהט וואס פר איין גרויסע זאך איז די לבנה מקדש זיין · דרום זאל איטליכר מענטש זיין איין זריז צו מקדש זיין די לבנה ערינצט זיא מקדש צו זיין:

דיא זעלביגי מענטשן וואש זיינען זיך נוהג צו פאסטין אלע ערב ר"ח גיהערין זיי אויך צו פאסטין ערב ר"ח אייר ווארום דש הייסט וויא אנדר · דעסט גלייכין ווער עס האט יאר צייט נאך אסרו חג פון פסח גיהער אויך צוא פאסטין :

דר סדר היום שרייבט · ווייל דאס ברויט איז דאס לעבן פון דעם מענטשן · אונ מען פאר שעמט עס מיטן חמץ פר ברענן · איבר דעם האבן אונזערע חכמים מתקן גיוועזין אז מען זאל זאגין כל חמירא אויף תרגום לשון · מען טאר ניט פאר ברענגען דעם חמץ אום ערב פסח שפעטער פאר זייגער צעהען · אונ ווער עס וויל דיא מצוה רעכט טאן · זאל ער פאר ברענגען דעם חמץ צווישין זייגער ניין אונ צעהען :

אונ ווייל הלכות פסח איז גאנץ הארב אויף דר נשמה · ווייל מען איז חייב כרת אז מען טוט ניט וויא מען בדארף · דרום גהער איטליכר מענטש אליין אכטונג געבן דרויף · אונ ניט אויף קיינעם זיך פר לאזן סייא כלים כשרן · סייא חמץ מבטל זיין · אונ מכ"ש בייא דיא מצות באקן גיהער מען פשיטא אליין צו זיין · וויא דר הזקי חיים שרייבט · דאס וואס מיר טוען אום פסח איז אלס איין גידעכענעש פון מצרים · אונ די גמרא סוטה שרייבט · דיא שווערסטע ארבעט האבן גיהאט די ישראל פון פרעה · די ארבעט וואס ווייבר באדארפן טאן האט ער גיהייסן אז מאנזבילן זאלן טאן · אונ די ארבעט וואס מאנזבילן בדארפן טאן האט ער גיהייסן אז ווייבר זאלן טאן · האבן גמוזט די מאנזבילן אליין קנעטין טייג · אזוא וויא מיר גפינען אין מדרש תנחומא פרשה ויצא · אז מאנזבילן האבן גמוזט קנעטן טייג אונ באקן דרום איז אויך די מצוה אז מאנזבילן זאלן זיין ביי מצות באקן · אונ נאך איין טעם איז · מיר גיפינן אין רש"י פרשה בא די ישראל בשעת אז זיי זיינן גיגאנגן אויש מצרים האבין זיי גיטראגן דאס טייג אויף זייערע אקסלן חאטשע זיי האבן גיהאט בהמות פון דעסט וועגן האבן זיי אליין גיטראגן אויף זייערע אקסלן מחמת די מצוה פון מצה איז בייא זייא זייער ליב גיוועזין · דרום זאל איטליכר זיין ביי זיינע מצות · אונ זאל דרויף השגחה געבין · אונ זאל זיך אויף קיינעם ניט פאר לאזן :

דער מנהג איז אז מען כשרת גיפעס אויף פסח אזו כשרת מען גאר די כלים אין איין קעסיל · דרום גיהער מען גיווארינט זיין צום ערשטין כשרין די כלים וואס מען ניצט אין זיי קאלטע זאכין אונ דר נאך טעלר אונ דר נאך שיסלען אונ לעפיל דער נאך קופערנע כלים · אונ אויב מיהאט אין דאס קעסל גיכשרת פליישיגע כלים טאר מען דר נאך אין דעם וואסר ניט כשרין מילכיגע כלים :

אויך גיווארינט צו זיין אז מקויפט כלים פון איין א"י סיי זילבערנע אדר גילדערנע אדר צינענע אדער מעשענע אדער קופערנע אדר אייזערנע מען זאל זיי פריער טובלן · אונ אז מען קויפט כלים פון איין א"י דארף מען זיי פריער כשרין אונ דר נאך טובלן · ערדענע כלים טויבלת מען אן אברכה אונ די לייט וואס זיינען זיך נוהג ניט צו טובלן ערדענע כלים עכ"פ גיפעס דאס גיגלייזטע גיפעס דארף מען יוא טובלן אונ אויך אן איין ברכה · דרום איר ליבע לייט דעם מנהג גיהער מען צו האלטן אז דאש גיגלייזטע גיפעס טאר מען ניט ניצן אן טבילה אונ ניט פסח אליין נייערט אגאנץ יאר :

ווען איין א"י האט גיגעבן צו איין יהודי במשכון איין זילבערנע אדער אגילדערנע אדר אצינענע אדר איין אייזערנע כלי · אונ דר יהודי ווייס וואול אז דער א"י וועט בוודאי דעם משכון אויש לייזן מעג ער ניצן אין דר כלי אן טבילה · אבר אז דר יהודי איז גיוואר גיווארן אז דר א"י לאזט דעם משכון פר פאלן ווערן האטשע ער האט ביז אהער דיא כלי

גניצט אן טבילה אבר הייגט דארף ער זיא טובלן · ווען מען פר קויפט דעם חמץ ע״פ זאל מען זעהן דעם חמץ לייגן אין אזו אחדר אז דר א״י זאל קענן אריין אונ ארויש גיין אין דעם חדר אונ אויב ניט איז גלייך וויא ער האט ניט פר קויפט אונ דר חמץ איז נאך פסח אויך אסור אונ דער וואס האט הנאה פון דעם חמץ איז חייב כרת :

דער ר״ן שרייבט וויא באלד די זון איז אונטר גיגאנגען גהער מען נאך מצה וואשער גיין אונ דר נאך זאל מען בודק חמץ זיין כדי צו גיין פון איין מצוה צו דער אנדערער · איר ליבע לייט איך האב אייך שוין גישריבן די צייט פון חמץ פר ברענן דהיינו זייגר צעהן · אבר בעו״ה עס זיינן פר האנדן פיל לייט וואס עסן אונ טרינקען חמץ נאך צעהען זיינען זייא עובר אויף צווייא עבירות · איינש ער פר ברענט ניט דעם חמץ אין דער צייט · דאש אנדערע אז ער פר ברענט דעם חמץ נאך דר צייט איז דאך דער חמץ שוין ניט אין זיין רשות · דרום ווער עש פארכט זיך פר גאט זאל זיך איילין מיט דעם חמץ עסן כדי ער זאל קענן פר ברענן דעם חמץ פאר צעהן אזו וועלן זיך אנדרע לייט אויך פון אים אפ לערנען · אונ דרוואס איז זיך אזו נוהג וועט אים געווים וואול זיין אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט:

אז מען פאר ברענט דעם חמץ זאגט מען דיא תחינה :

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פאר דיר גאט מיין גאט · אונ גאט מיינע עלטערן אזו וואול אז איך בין מבער דעם חמץ פון מיין הויז אונ פון מיין רשות · אזו אויך גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטערן זאלסטו מבער זיין אלע די תאוות · אונ דעם יצה״ר זאלסטו אויך פון אונז מבער זיין אונ זאלסט אונז געבן אגוט הארץ צו דינען דיך · אונ אלע די תאוות זאלין פאר גיין וויא איין רויך אונ זאלסט מבער זיין די חטאים פון דער ערד :

דער מגן אברהם שרייבט דר וואס ווערט גיבארן נאך איין נפל דר איז איין בכור אונ דארף פאסטן ע״פ ווען עש טרעפט זיך איין מצה איז חמץ גווארן פר בדיקת חמץ טאר מען זיא ניט עסן מספק דען טאמער איז זיא מצה אונ מטאר דאך קיין מצה ניט עסן ביז אויף דער נאכט · איין אבל טאר ניט זיצן אויף קיין הסיבה אונ אויך טאר ער ניט קיין קי״ל אן טאן · אונ סייא ער איז איין אבל די ערשטע פיר וואכן נאך איין פריינט · אדר אגאנץ יאר נאך פאטר אונ מוטר אונ ווען איינר איז איין אבל גיווארן אום ערב פסח טאר מען אים קיין אן בייסן ניט שיקן אזו וויא מען פלעגט אים אלע מאל שיקן דס גלייכן פרייטאג נאך מיטאג טאר מען אויך ניט · ווען ערב פסח גפאלט אום שבת זאל מען מקיים זיין שלש סעודות מיט פיש אדער פלייש דען קיין מצה טאר מען ניט עסן אום ערב פסח :

דער זוהר שרייבט אז ע״פ גפאלט אום שבת זאל מען תורה לערנן איז מען אויך יוצא דער מיט שלש סעודות אדער מען זאל ווין טרינקען איז מען אויך יוצא · ווען איינער גיפינט חמץ אום ע״פ וואס גיפאלט שבת אדער ער גיפינט חמץ אום פסח זאל ער לאזין דורך איין א״י אויש ראמען · אונ אויב ער גיפינט ניט קיין א״י זאל ער דעם חמץ צוא דעקין מיט אכלי נאר ער זאל ניט מטלטל זיין אום שבת אדער אום יו״ט · אבער אז מען גיפינט אום חוה״מ זאל ער אוים ראמען אויש דעם הויז אונ זאל פר ברענען · דער וואס וויל גוט אונ פרום זיין זאל ער זעהען וויא ווייט מיגליך איז זיינע מצות אפ צוא באקין פאר פסח וועט ער שוין פאר זיכערט זיין פון אלע ספיקות אונ ער וועט פאר זיכערט זיין פון חמץ בפסח :

נוא איר ליבע לייט ווער עס איז קלוג קען פאר שטיין אז דר איסור פון חמץ איז גרויס אז עש איז אפילו גרויס וויא אנאגל הייכט אויך חמץ · אונזרע חכמים שרייבן מען טאר

די מצות ניט קנעטן נאר מיט די וואסר וואס איז איבר גינעכטיגט גוואָרן כדי די וואסר זאל קאלט זיין · דאס גלייכן די מעל אדר די מצה וואסר טאר מען ניט טראגן אויף גידעקט אונטר דעם לופט פון דעם הימיל חאטשע עש איז איין וואלקענדיגר טאג · אויך טאר מען ניט קנעטן ביי דעם פענצטער כדי די זון זאל ניט שולט זיין אויף דעם טייג · אויך די טייג ניט צוא לאזין ליידיג ליגין · אויך גרוים השגחה געבן ביי דעם מאלין :

אונ ניט וויא איך האב גיזעהן אז אין די קליינע קהלות זיצן די עמי הארצים אין מיל אונ זיי זעהען נאר וואס זיי איז גוט · אבער אויף רעכטע זאכן גיבין זיי ניט אכטונג דרום גיהער מען זעצין איבר זיי איינם וואש האט יראה דאס זיי זאלין ניט מאכין חמץ עסין · דאס גלייכן די דאזיגע וואס זיינן זיך מיט די מצות אויך ניט רעכט נוהג דהיינו זיי מאכין גרוישע טייגין כדי זייא זאלין ווייניג דארפין צאלין אונ אטייל שטעלין נאר קליינע קינדער ביי די מצות · אונ אטייל גרויסע מענטשן גיבין אויך ניט אכטונג זיי לאזין דאש טייג ליידיג ליגין אדער זיי וועלגערין מיט די וואלגער העלצער נאר אויף איין ארט דיא לייט עסין גיוויס חמץ בפסח :

דרום זאל איטליכר יהודי מיט אלץ דינג זיך רעכט נוהג זיין אונ זיין לעבין זאל ניט פאר שניטן ווערן · דאס גלייכן ניט פיל מצות מיט אמאל אין אויבן איין זעצין אונ ניט חס צו האבין אויף די האלץ · זעהט ווען עס וואלט איינם בגעגינן איין גזלן אונ זאל אים זאגן גיב מיר פיל געלט זונסט וועל איך דיר הארגנן וואלט ער דאך בוודאי גאר זיין האב אפ גגעבן · אזו דא אויך פון אקליינע הוצאה וועגן זאל מען פר דר צייט שטארבן מיט כרת אונ עוה"ב ווערט ער אויך אן · דאס גלייכן אז דר אויבן איז פול מיט מצות אונ אויף דעם טיש ליגן אויך מצות · איז בעסר מען זאל די מצות איבר קנעטן נאך אמאל איי זיי זאלן אויף דעם טיש לאנג ליגן אונ זאלן חמץ ווערן דש גלייכן ווען מען הט אטייג צו לויזגמאכט זאל מען צו קנעטן ביי דר צייט איין הארטן טייג אונ מיזאל דר נאך צו אננדר קנעטן דש גלייכן די כלים וואס מען קנעט אין זיי זאל מען אלע מאל ריין מאכן דען אפט מאל בלייבט צו גקלעפט טייג אין די כלים אונ דאס טייג איז גיוויש חמץ אונ צום בעסטן איז ווער עס הט צוויי כלים צו קנעטן דהיינו אזו באלד אז מען האט איין טייג אויס גיקנעטין וועט מען די כלי אויס וואשן אונ דר וויל וועט מען אין דר אנדרר כלי קנעטן · אונ דר וואס מעסט איין די מעל טאר ניט קיין וואשר גיסין דען אפט מאל בלייבט אביסיל מעל אויף זיינע קליידער נוא אז עס וועט דרויף קומען וואסר איז דאס ארעכטר חמץ · אונ ווער עס קנעט זאל זיך די ארבל ארויף שארין :

רבי יצחק לוריא שרייבט ווער עס פארעט זיך מיט די טייג ביז ער ווערט דער היצט · אדר דאס גלייכן ביי אנדרע מצות אויך דהיינו אסוכה צו בויען אדר ער גייט מיט איין מת אונ ווערט דר שוויצט אזו איז עס אתיקון למחשבות זרות שמביאות לידי חטא מען גהער צו זאגן פירורים הפקר אויף די ברעקליך טייג וואס וועלן ארונטר פאלין · בשעת ער פארעט זיך מיט די מצות זאל ער אלע מאל ארוים ריידן דא מאך איך מצות דר מיט מאכט מען די קליפות אוועק לויפן אונ מען מאכט די קדושה אויף זיך רוען אבער די כוונה מוז אויך זיין לשם שמים · מען גיהער די ווייבר צו לערנן אז עס איז דא פיל טייג פארטג אויף דעם טיש אונ עס ווילין פיל ווייבר חלה נעמן זאל מען זיי לערנן אז זיי זאלן ניט נעמן פון איטליכם טייג בזונדר נייערט פון צוויי דריי טייג ביי אננדר · ווען מען האט פר געסין חלה נעמן סייא פון איין טייג אדער פון גאר די מצות אונ דיא מצות זיינען שוין גיבאקין זאל מען דיא וועלביגע מצות אין איין כלי אריין טאן אונ מען זאל זיי צו דעקן אונ פון איין מצה חלה

נעמן

נעמן אונ אברכה מאכן אזו איז מען שוין יוצא אבער אויב עס איז איין ספק אויב מען האט גינומען חלה אונ אויב ניט זאל מען נעמן אן אברכה :

אויך גיווארינט צו זיין אז מען באקט די מצות ביי איין א״י זאל מען ווארטן ביז די חלה ווערט רעכט פר ברענט אונ די וואס זיינן זיך ניט אזו נוהג אונ ווארטן ניט איז ב״עו״ה איין גרויסע עבירה מען איז מבזה די מצוה · אונ אויך די טייג פון מצה זאל ניט גרעסער זיין פון אשיעור חלה · אויך זאל מען די מצות ניט ארויס נעמן פון דעם אויבן ביז זייא ווערין רעכט אויס גבאקן · אויך זאל קיין איבר לויף ניט זיין מיט די מצות צום אויבין טראגין דען עס קומט צוא גרויסין חמץ · ע״פ זאל מען אנאנצין טאג נאך גיין נאך גאטש דינסט · צום ערשטין דעם חמץ אין דר צייט צו פר ברענן · אונ דאס אנדערע ער זאל אין זין האבין אז ער ווערט גוט אונ פרום זיין · אונ דעם יצה״ר פון זיך מבטל זיין · דען חמץ איז איין רמז אויף דעם יצה״ר · אונ נאך דעם חמץ פר ברענן זאל מען זיך אפ גאלין אונ די בעגיל אפ שניידן לכבוד יו״ט · אונ דאס דארף אלץ גטאן ווערן פר מיטאג דען נאך מיטאג טאר מען קיין שום מלאכה ניט טאן דען ע״פ נאך מיטאג איז שוין יו״ט ווייל אין דר צייט פלעגט מען דעם קרבן פסח מקריב זיין :

דיא בעסטע מצוה איז ע״פ נאך מיטאג די מצות צו באקן · אונ דר נאך טובלן זיך לכבוד יו״ט אונ היפשע קליידר אן צו ציהן אונ צו הש״י איין שבח געבין אויף די נסים וואש ער האט אונז גיטאן · אונ צו מנחה אין דער שול צוא גיין מיט גרויס שמחה אונ זיין תפלה היפש מיט שמחה אונ כוונה צו טאן אונ אז ער קומט פון שול אהיים אן צו ריכטין זילבער אונ גאלד וויא ער פאר מאגט · אונ וויא גאט האט אים גיגעבן בכדי ער זאל ווייזן פאר זיין הויז גיזינד די פרייד פון זיין הארצן אויף דעם חסד וואס הש״י האט אונז גטאן אויך גיהער איטליכר ווישן אז די קדושה פון דר נאכט פסח איז גרויס דען די זעלביגע צייט האט הש״י אונז אויס גצויגן אויס מצרים צו זיין איין גיליבט פאלג צו גאט אונ צו האלטן זיין גיבאט · דרום גיהער מען די נאכט קיין דברים בטלים ניט ריידן נאר פון גאטש גנאד צו ריידן וואש ער האט אונז די זעלביגע צייט גטאן אונ געבין צו פר שטיין זיין הויז גיזינד וואס עס איז דר מער מיט אונז אונ זאל ע״פ ביי טאג אלץ גרייט מאכן בכדי מען זאל עסן דעם אפיקומן אונ הלל זאגן פר האלבע נאכט דען נאך האלבע נאכט איז שוין די צייט פון הלל פאר פאלין אונ דאש גלייכין דיא צייט פון אפיקומן אויך :

מען גהער שטעלן דאס פיטר זייל גאר נאהנט לעבן זיך · אונ באלד דר ביי די זאלץ וואשר אונ דר נאך די חרוסת · אונ אז מיזאגט כהא לחמא עניא הייבט מען אויף די שיסל מיט די מצות אז די קינדר זאלין פרעגן ווארום שטעלט מען אוועק די שיסל מען האט נאך ניט גיגעסן · ענטפערט מען אזו · מען הייבט אויף די שיסל צו ווייזן פר אגידעכעניש דאס הש״י האט אונז אויף גיהויבין צו איין גרויסע גדולה אונ האט אונז ארויס גינומען פון מצרים אונ האט אונז גבראכט קיין א״י · חרוסת מאכט מען פון זעלבע פירות וואס דר פסוק גליכט צו ישראל · דהיינו עפיל פייגן נים מיט מיל גרוימין מאנדיל קערין אונ אין דרינען ארין טאן בשמים צימרונג אונ אינגבר · אונ אלימן צו גקלאפט דאס ווייזט עס אויס וויא שטרויא צו איין גדעכעניש אז מיהאט גימוזט שטרוי קלייבן אויף דעם פעלד איין צו קלעפין אין דיא ליים · אונ די חרוסת זיינן גלייך וויא ליים אונ אז מען קאן ניט קריגין די פירות זאל מען נעמען עפיל מיט נים אונ דיא בשמים איז שוין גינוג · אז מען טונקט איין דעם מרור אין חרוסת זאל מען דר נאך די חרוסת אפ שאקלען ווארום דער מרור דארף אליין גיגעסין ווערין ניט מיט קיין אנדער זאך :

דער כוס זאל ניט קלענער זיין פון אקוואטירל דאס טרעפט אן אנדר האלבן הינערשע אייער אונ מען זאל פון דעם כוס צום וויינגשטן ארוב אוים טרינקן · אונ אז מען מאכט די ברכה איבר די ויין מוזן די מצות צו גידעקט זיין זיי זאלין זייער ביוש ניט זעהן אז מען מאכט איבר זיי ניט קיין ברכה · בשעת מיזאגט די הגדה זאלן די מצות אויף גדעקט זיין ביז מען האלט והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם דר נאך זאל מען די מצות ווידער צו דעקין · אונ פר אלע זאכין וואס מען טוט זאל מען זאגן לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה · מען געהער קיין איבריגס ניט עסן בכדי מיזאל דעם אפיקומן ניט איבר דאנק עסין דען מען מוז צום וויינגסטן איין כזית אפיקומן עסין :

איטליכר יהודי איז מחויב צו לערנן הלכות פסח אונ איז אויך מחויב צו דר ציילין יציאת מצרים אונ די נסים ונפלאות וואס הש"י האט מיט אונז גיטאן ביז ער ווערט שלעפערדיג חאטשע דר מנהג איז מען לייענט ניט קיין קריאת שמע דיא ערשטע צוויי נעכט פון פסח אבר ברכת המפיל אונ די ערשטע פרשה פון ק"ש איז מען יוא מחויב צו לייענן · עס זיינן פר האנדן פיל לייט וואס שלאפן ניט די גאנצע צוויי ערשטע נעכט אונ דר ציילין ביז טאג פון יציאת מצרים :

די ערשטע צוויי נעכט זאל מען דעם הרחמן זאגן נאך במרום :

הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו יו"ט שכולו ארוך ליום שהצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה ויהיה חלקנו עמהם :

דער נאך זאגט מען הרחמן הוא יזכנו :

דער ט"ז שרייבט עס איז אמצוה צו נעמן דוקא רויטן ויין אויף ארבע כוסות אבער היינטיגע צייטן האט מען מורא פר עלילות שקר דרום זאל מען נעמן פראסטין ויין · די ווייבר זיינן אויך מחויב צו האבן ארבע כוסות ווייל זיי זיינן אויך אין דעם נס געוועזן · אטייל לייט זיינן זיך נוהג זיי נעמן אשטיק אפיקומן אונ מאכן אלאך דרינן אונ הייגן עס אויף אגאנץ יאר · דאס דאזיגע איז ניט גידאכט אין קיין שום ספר אונ עס הייסט מבזה געוועזן גאטש גאב · אונ דר צו אויך זאגן אונזרע חכמים ווער עס הייגט אויף זיין ברויט אזו ווערט זיין פרנסה אויף געהאנגן אונ ווער עס וויל דעם מנהג יוא האלטן זאל ער אשטיקיל אפיקומן ביי זיך טראגן דר מיט פר טרייבט ער די תאוות :

הלכות ספירה

ווייל די ספירה איז אגרויסע קדושה · אונ ער ציהט אויף זיך די אויבערשטע קדושה מיט דר ספירה ציילן דרום געהער דר מענטש זיך זיין הארץ דר וועקן מיט כוונה ספירה צו ציילן מען זאל זאגן היום אונ ניט שהיום · דר רש"ל שרייבט די צייט פון ספירה ציילן איז אז די שטערן גייען אויף אונ ניט פריער · אונ איי די צייט קומט פון ספירה ציילן דהיינו בין השמשות זאל מען ניט אן הייבן צו עסן ביז מען ציילט פריער ספירה · מיטאר זיך ניט פוצין אונ ניט שערין אין ספירה · אבר ווען איינר נעמט קוואטר שאפט אדר מוהל שאפט אדר אבעל ברית מעג ער זיך יוא פוצין אונ שערין אין ספירה :

הלכות עירוב תבשילין

צו ערוב תבשילין זאל מען נעמן פיש אדר פלייש וואס זיינן אן גיגרייט געווארין פון

שבת

שבת ווענין · ווער עס וויל גוט אונ פרום זיין גהער זיינע שטאט לייט אויך מוציא זיין מיט דעם עירוב תבשילין דהיינו ער זאל זאגן צו זיינע קינדר דאס ברויט אונ פיש גיב איך במתנה גמורה צו דעם וואס ווערט פר געסן איין עירוב תבשילין מאכן כדי זיי זאלין דר מיט יוצא זיין אונ דר נאך זאל ער ערשט די ברכה מאכין :

הלכות יום טוב

מען טאר אום יו"ט קיין וועקסין ליכט ניט ווארמן בכדי ער זאל עס קענען צו נויף קלעפן דאס גלייכן מיטאר קיין וואקס ניט האלטן אין די הענט ווארום עס ווערט דר ווארימט אונ ווערט ווייך · דר מגן אברהם שרייבט אום יו"ט טאר מען קיין ליכט ניט אפ שנייצן מיט דר האנט סייא חלב ליכט אדר וועקסנע ליכט · דר שולחן ערוך שרייבט דר מנהג איז צו דעם חמץ ברכו מאכט מען הבדלה איבר ביר · שרייבט דרויף דר מגן אברהם דאס איז גרעט גוואורן אין די לענדר וואס עס איז קיין בעסרע משקה ניט פר האנדן אבר אין די ערטר וואס איז פר האנדין וויין דארף מען מאכין הבדלה איבר וויין אפילו ביי דעם חמץ ברכו · דר ט"ז שרייבט ווען עס טרעפט זיך איין אשה דארף טבילה האבן אום יו"ט אונ זיא האט פר געסין די נעגיל אפ שניידין פר יו"ט טאר איר קיינער די נעגיל ניט אפ שניידן :

דער טורי זהב שרייבט מען מעג וואול די אנדרע נאכט יו"ט אן צינדן די לאמפין וואש זיינן די ערשטע נאכט יו"ט פר לאשן גוואורן · אבער יו"ט פון ר"ה טאר מען עס ניט טאן · דאס גלייכן אז יו"ט גיפאלט אום זונטיג טאר מען אויך ניט אן צינדין די לאמפן וואס זיינן איבר גיבליבן פון שבת · דרום איז צום בעסטן אז מיזאל אלע ערב יום טוב אן גרייטין גינוג לאמפין בכדי מען זאל זיך ניט טועה זיין אז עס ווערט זיך אזו טרעפין :

ווען מען באקט אום יו"ט טאר מען די חלה ניט פר ברענן נאר מען לאזט זיא ליגין ביז נאך יו"ט דר נאך פר ברענט מען זיא · אבר פסח טאר מען די חלה ניט לאזין ליגין פון חמץ וועגן אונ באקין טאר מען זיא אויך ניט דען אזו אזאך וואס מען דארף ניט אויף יו"ט טאר מען ניט באקן אזו זאל מען דש טייג באקן אן חלה אונ נאך דעם באקן זאל מען ערשט נעמן חלה פון די מצות אונ זאל זיא לאזן ליגן ביז נאך יו"ט אונ נאך יו"ט זאל מען זיא פר ברענן :

דער מגן אברהם שרייבט מען טאר קיין ליכט פון יו"ט ניט אהיים נעמן פון דר שול אפילו עס איז ניט קיין ווינט · דען טאמער ווערט זיך אויף האפין אווינט אונ ווערט די ליכט פר לעשין נמצא איז ער דר גורם צו פר לעשן · אונ אויך טאמר ווערט דר גמיינער מאן זיך טועה זיין אז ער ווערט זעהן אים די ליכט טראגין אונ ווערט מיינען מיטאר טראגין אפילו איין ווינט ווערט זיין :

דער ט"ז שרייבט אין אטייל קהילות טוען די לייט אריין שמעקדיגע זאכן אין דר וואשר בשעת זייא וואשין די כהנים דש טאר מען אום יו"ט ניט טאן נייערט פר יו"ט · מען זאל יו"ט היפש מכבד זיין מיט גוט עסין אונ גוט טרינקן אונ שיינע קליידר אז די קליידר פון יו"ט זאל בעסר זיין אז דיא קליידר פון שבת · עש איז אמצוה אום יו"ט צו שיקן דיא ארעמע לייט פון בעסטין פון זיין טיש דען וייל דר טיש איז גיגליכן צום מזבח אונ דאס עסן ווש מען שיקט די ארמע לייט פון זיין טיש איז גגליכן צו אקרבן אונ פון דעם קרבן האט מען דאס בעשטע גימוזט מקריב זיין צו השי"י · דרום זאל מען אויך פון דעם בעסטין דיא ארמע לייט שיקין · וייל אום יו"ט צו מארגינש זיינן די חזנים מאריך מיט פיל ניגונים דרום

פר דר מורא מיזאל ניט עובר ק"ש זיין זאל מען אזו טאן אז מען האלט שמע ישראל ועש פר ברוך שאמר זאל מען די ערשטע פרשה פון ק"ש אויך זאגין האט מען שוין דער פאר קיין מורא ניט צו האבין · די תפלות וואס מען זאגט בשעת אויש נעמען דיא ס"ת אונ דיא תפלות וואס מען זאגט ווען מען דוכינט דאס שטייט שוין אין די סידורים:

דער מנהג איז אין אטייל קהילות אז יו"ט גיפאלט אום שבת איז מען ניט מקבל שבת אונ מיזאגט ניט קיין לכו נרננה אונ דארטין וואו דר מנהג איז מען איז יוא מקבל שבת שרייבט דער מגן אברהם אז מיזאל התנערי מעפר קומי איבר היפין:

אויך שרייבט דר מגן אברהם פון דעם מהרי"ל וועגן מען טאר אום יו"ט ניט אוועק בייגן דעם אייל פון די לאמפן ווארום אזו האט דר לאמפ קיין מאכט ניט צו ברענן אונ מוז שוין אוים גיין · ווער עס פאסט איין תענית חלום אום יום טוב זאל ער אגאנצן טאג תהלים זאגן · מען גיהער די ווייבער צו לערנען ווען זיי ווילין אום יום טוב עפים איין עסין ווארג צו נייען דהיינו גיפילטע הינער אזו מוזין זיי דעם פאדים אין דער נאדיל אריין ציהן ערב יום טוב אונ ניט אום יו"ט אונ דאס שטיקל פאדים וואס בלייבט איבר פון דעם נייען זאל מען אפ ברענן אונ ניט אפ שניידן · מען טאר אום יו"ט ניט אן בריטן אויף דר נאכט · דען די נאכט גיהער צום טאג וואס דר נאך · ווען די ווייבר צינדן אן די ליכט פון יו"ט זאלן זיי זעהן פארטיג ווערן מיטביידע ברכות להדליק נר של יו"ט אונ שהחיינו איידר זיי האבין די ליכט אן גיצונדין · אטייל לייט זיינן זיך נוהג אז איי זיי גייען אהיים ביי נאכט פון דער שול שטעקין זייא ארין די ליכט אין זאמד בכדי אז די ליכט וועט קומן צו דר זאמד זאל זיא פר לאשין ווערן דאש טוען זיי ניט רעכט נייערט פריער איי מען צינט אן די ליכט מעג מען זיא יוא אין זאמד ארין שטעקן אז זיא זאל ניט לאנג ברענן · אום יום טוב איז בעסר דאס ליכט אהיים צו נעמען חאטשע מיר האבן דאך שוין גשריבן אז מען טאר די ליכט ניט אהיים נעמן אפילו אז עש איז ניט קיין ווינט · אבר איי ער זאל אין זאמד ארין שטעקן איז בעסר אהיים צו נעמען · ווארום דר צו האט ער נאך אמצווה ער מאכט ליכטיג די פינצטערע גאסן · דען אזו שרייבן אויך אונזערע חכמים ווייל שאול הט ליכטיג גמאכט די פינצטערע גאסן הט ער זוכה גוון צו דר מלוכה: אזעלכע זאכן וואס ווערן ניט קיילע איז בעסר ערב יו"ט אן צו גרייטן אונ ניט אום יום טוב ווארום די מלאכה וואס מען קאן ערב יום טוב מאן טאר מען אום יו"ט ניט טאן:

הלכות שבועות

ר' שלמה לוריא שרייבט דיא ערשטע נאכט פון שבועות זאל מען קיין קידוש ניט מאכן ביז עס וואר רעכטנאכט · ווייל ביי דר מצוה פון ספירה שטייט שבע שבתות תמימות תהיינה דאס איז טייטש זיבן גאנצע וואכן זאלט איר ספירה ציילן · אונ אז מען מאכט קידוש פרי איז דאך די זיבן וואכן ניט פר האנדן · איטליכר איז מחויב זיך טובלן אום יום טוב · ובפרט שבועות האבן זיך כל ישראל מאנן אונ ווייבר גטויבילט די תורה מקבל זיין · אונ די בעסטע צייט איז זיך צו טובלן אן ערשטין טאג שבועות צו פריא איי דר מארגן שטערן גייט אויף · אונ עס איז אויך גוט אום ערב יו"ט זיך צו טובלן חאטשע ער האט בדיעה אום יו"ט זיך צו טובלין כדי ער זאל אין יו"ט ארין גיין ריין · אונ די תחנה וואס מען זאל זאגין אז מען איז זיך טובל אום יו"ט אדר ערב יו"ט וועט איר גפינן אין לשון הקודש קיצור שני לוחות הברית הלכות ערב פסח · אונ וואס מען זאל לערנען די גאנצע נאכט זיינן שוין פר האנדן אין תיקון ליל שבועות:

אויך

אויך שרייבן די ספרי קבלה ווער עס שלאפט ניט די גאנצע נאכט איז ער פר זיכרט אז ער וועט זיינע יארן אויס לעבן אונ עס וועט אים קיין שאדין זיין · אויך שטייט אין ספר שערי ציון עס איז אגוטר מנהג ביי ישראל זיי שלאפן ניט די גאנצע נאכט פון שבועות אונ לערנן תורה · אונ ווער עס שלאפט ניט אפילו איין רגע אויך ניט אין דר זעלביגר נאכט אונ טוט תשובה אזו ווערט ער דאס זעלביגע יאר בשירמעט פר כרת אונ לעבט זיינע יארן אויס אונ נאך זיין טויט ווערט זיין נשמה גיקריינט מיט תורה אונ עס וועט אים וואול זיין אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט · אונ עס איז גוט די נאכט אויף זיין מיט איין מנין אז מען זאל קענן דרייצעהן קדשים זאגן עס איז דרויף גרויסע סודות אונ אויך אז צעהן לייט ביי אננדער זיצין בייא איין דבר מצוה אזו רועט די שכינה בייא זייא :

הלכות תלמוד תורה

דער רמב"ם שרייבט איטליכר איז מחויב צו לערנען ער מעג זיין ארום אדער רייך · גיזונד אדר קראנק · יונג אדער אלט · אונ ווען איינר האט דעם דלות ח"ו אונ ער מוז אויף די טירן אום גיין בעטלן אונ ווייב אונ קינדר מפרנס זיין מוז ער זיך דאך אלע טאג אונ אלע נאכט קובע זיין אצייט אויף צו לערנן · אונ ווען איינר קאן גאר ניט לערנן אדער איין טרוד אונ האט קיין צייט ניט צו לערנען זאל ער לומדים אויס האלטן אונ זאל זיי מפרנס זיין איז גלייך וויא ער האט אליין גלערינט · אונ מען מעג אויס נעמן מיט זיין חבר אז דר חבר זאל זיצן אונ לערנן אונ ער זאל אים מפרנס זיין אונ פר דעם חלק פרנסה זאל ער אים געבן אחלק עולם הבא אויף דעם ווערט גיזאגט דר פסוק אין משלי עץ חיים היא למחזיקים בה דאס איז טייטש איין בוים וואס קומט דר פון אייביג לעבן צו די לייט וואס האלטן תורה · אונ דאס איז די ערשטע פרעג אויף יענר וועלט האסטו דיר קובע גוועז אצייט תורה לערנן · אונ דאס איז אלץ גרעט גווארן ביי דעם וואס איז אבעל משא ומתן אונ איין טרוד אונ האט ניט צייט צו לערנן · אבר דר וואס איז אלמדן אונ האט קיין שום האנדיל ניט טאר ער ניט ליידיג גיין אונ מוז לערנן אונ אויך מיט אמלאכה זיך צו בשעפטיגין אונ אויב ניט הייסט ער איין פר שטערער פון דר תורה · אונ אזו וואול איז ביי צדקה סייא מען גיט פיל אדר ווייניג אויב זיין כוונה איז נאר לשם שמים אזו אויך ביי תורה לערנן דען עס זיינען פר האנדן לומדים וואס זיינען שארף אין דר תורה · אונ עס זיינען ווידר פר האנדן לומדים וואס זיינען ניט אזו שארף דען דר מענטש קען מער קיין פר שטאנד ניט האבין אין דר תורה נאר וואס זיין נשמה ברייננט מיט · אונ עס זיינען ווידר פר האנדן לייט וואס האבן גאר קיין פר שטאנד ניט דרום איז איטליכר מחויב צו לערנן וואס זיין פר שטאנד ברייננט מיט אונ ער זאל זיך שטארקן אין לערנן · דאס גלייכן ווער עס קאן נאר אין טייטש ספרים · אונ גפינט אויך ניט אין שטאט קיין למדן וואס זאל הערן פון אים לשון הקודש ספרים · אויב דר גימיינר מאן איז זיך קובע אצייט אלע טאג צוא לערנען טייטש ספרים פון ספרי קדושה אונ יראה אונ מוסר · אונ זיין כוונה איז ער וויל וויסן וואס אין דער תורה שטייט · אונ וויל מקיים זיין די תורה נעמט ער שכר גלייך מיט דעם למדן וואס לערינט לשון הקודש ספרים · אבר דר וואס פר ברייננט זיין צייט אין מעשה ביכלאך לאדי וואס ער קריגט ניט קיין שכר אויף דעם לייענן · ער קריגט נאך איין עונש דר

פאר · אונ בפרט די לייט וואס ווילין ניט גיין הערן ווען דר למדן זאגט איין דרשה מיט מוסר · די זעלביגע לייט וועלין בוודאי איין גרוישן עונש ליידן · דען אז וויא ביי צדקה איז איטליכר מחויב צו געבן אפילו דר גרעסטר עני אלין נאך זיין פר מעג נאך אזו איז ער מחויב צו לערנן נאך זיין פר שטאנד נאך אונ דש וואס ער פר שטייט ניט אזו מוז ער גיין צו לומדים הערן · ווער עס וועט זיך אזו האלטן · דר וועט בוודאי מאריך ימים זיין · אונ זיין שכר וועט זיין גרויס לעולם הבא :

עש שטייט אין פסוק ולמדתם אותם את בניכם איז טייטש איר זאלט מיט אייערע קינדר לערנן אונ דר עיקר פון לערנן מיט די קינדר איז אזו ער זאל מיט דעם קינד לערנען חומש גאר אויס אונ אויך דעם חיבור בכדי דאס קינד זאל ווישן וואס ער לערינט אויב ער טויג נאר דר צו אונ ניט וויא אטייל מלמדים לערנן מיט דעם יונג אונ זאגן אים פאר וויא אפוגיל פיפצעט אונ שרייט אונ ווייסט אליין ניט וואס ער שרייט · אזו קומט דעם יונג פון דעם לערנן ניט ארויס · אבר דר מלמד וואס גיט דעם יונג פר שטיין דאס לערנן אזו איז בעסר אביסל אונ גוטש דען ווען דר יונג ווייס די כוונה פון דעם לערנן אזו קאן ער קומן צום לשון הקודש · אונ קאן דר נאך אויך זיין תפלה פר שטיין · אונ אפילו ער וועט דר נאך קיין משניות אדר גמרא ניט לערנן וועט ער פארט קיין עם הארץ ניט בלייבן · אזו וויא מיר גפינן פיל וואס פר שטייען ניט דעם פירוש פון מינצטן פסוק · אונ דאס איז גיוויס ווען דר יונג פר שטייט דעם חיבור פון דעם פסוק וואס דר רבי לערינט מיט אים וועט ער בוודאי גמרא אויך פר שטיין · אונ וואול איז דעם מלמד וואס קנעלט רעכט מיט דעם קינד · אונ ניט וויא דיא מלמדים וואס לערנן גאר ניט נאר זיי קוקין די וואך זאל פר ביי זיין זייער שכירות צו נעמען אונ אפילו דר מלמד לערינט מיט דעם קינד די גיזעצטע צייט וואס מען האט אים גדונגען דר מיט האט ער נאך רעכט זיין געלט ניט פר דינט · נאר דר עיקר איז צו לערנן מיט דעם יונג דרך ארץ אונ יראה אונ תרבות · אונ ווען דר מלמד איז ניט אזו מדריך · וויא מיר זעהען ווען די אינגלאך גייען פון רבי פרייא · שפרינגען זיי אזו וויא די ביקעס · אונ שרייען אונ שטיפן אזו וויא די פעטעקעלבר ווען מען לאזט זיי ארויס פון דר שטאל · אונ אז זיי ווערן עלטר שוויגן זיי קיינעם ניט · זיי זיינן אזו גוואונט גווארן אפילו פאר זייערן פאטר אונ מוטר האבן זיי קיין דרך ארץ ניט · אונ ווען זיי גייען אין שול דאוונן זייא אן כוונה · אונ בפרט אין די קליינע ישובים זיינן די מלמדים חזנים · אונ שטייען פארן עמוד אונ קענן ניט אכטונג געבן אויף די קינדר · אויב זיי זאגן נאך אמן אונ שטיפן מיט גרויש הוצפה · אונ וואשין זיך ניט צום עסין אונ זיי עסין אן אברכה · אונ ווייסן גאר ניט וואס מען זאל זאגן בשעת אז מען קומט אין שול אריין · אונ וואס מען זאל זאגן בשעת אז מען נעמט אויס די ס"ת · אונ די בעלי בתים גיבן דרויף ניט אכטונג · אויף דעם האבן אונזערע חכמים גזאגט · דאס לערנן איז ניט דר עיקר · נאר מעשים טובים איז דר עיקר · אונ אזדר מלמד גיט דרויף ניט אכטונג · וועט ער מוזן ליידן איין גרוישן עונש · אבר אז דער מלמד גיט יוא השגחה אויף די תלמידים הן מיט לערנן · הן מיט מעשים טובים · דר וועט בוודאי האבן אגרוישין שכר בעוה"ז אונ בעוה"ב · אויך איז רעכט אז דר מלמד זאל צום ערשטן לערנן תורה נביאים וכתובים תורה מיינט מען חומש נביאים מיינט מען עשרים וארבע · כתובים מיינט מען תהלים · אונ דר נאך משניות · אונ דר נאך גמרא נוא זעהט וויא אונזערע ספרים פאר פלוכין אונ פר שילטין די מלמדים · וואס זיי לערנן ניט באמונה מיט דיא תלמידים ובפרט צווישין דיא זמנים דהיינו נאך פסח · אדער נאך סוכות · איז ביי די מלמדים בין

הזמנים אונ גייען ארום פון איין בעל הבית צום אנדרן אונ לערנן גאר ניט מיט די תלמידים׳ אזעלכע מלמדים זאלן גאר ניט גדאכט ווערן אויף דר וועלט ׳ נאר ביי דעם מלמד בדארף זיין תמיד גלייך ער בדארף לערנן מיט די תלמידים אגאנצן טאג בייערט ר"ח אדר יו"ט אדר עיו"ט אדר חול המועד ׳ גיהער מען די תלמידים לאזן פריי נאך מיטאג ׳ אבר ניט אגאנצן טאג: איר ליבע לייט איר זאלט ווישן. אז מיקאן ניט דר שרייבן דעם גרוישן שכר וואס דר מענטש האט אז ער דר ציהט זיינע קינדר צו גוטע אויף פירונג אונ צו דר תורה ׳ ווארום זכות אבות העלפט אויף דר וועלט אבר אויף יענר וועלט העלפט ניט זכות אבות ׳ אבער אז מיהאט גוטע קינדר ניט גינוג וואס די קינדר זיינן מציל פאטר אונ מוטר פון גיהנם דר צו נאך קענען זיי ברייגגען פאטר אונ מוטער אין גן עדן אריין מיט אנדערע צדיקים:

ווען מען לערינט ספרי מוסר ׳ גהער מען זיך אין זינן צו נעמן וואס איך לערן וועל איך דש מקיים זיין ׳ דש הייסט תורה לשמה איז טייטש פון גאטש וועגן ׳ ער לערינט ער זאל ווישן וואש אין דר תורה שטייט ׳ אונ וועט טאן וואש ער וועט גיפינן אין זיינעם לערנן:

ווען עס קומט צו אים אמצוה זאל ער זיא באלד טאן וועט ער דאס זעלביגע מאל זעהן ׳ ווען די מצוה לייכט איז אונ קומט אים אן גאר אן מיא דענסט מאל זאל ער ווישן אז גאט ב"ה איז מיט אים אונ זיין נשמה איז גרייט צו פר ריכטן ׳ אונ וועט קענען טאן נאך מצות ׳ אבר ווען ער וויל אמצוה טאן אונ עס קומט אים זייער שווער אן ׳ אזו זאל ער גיוויס ווישן אז זיין נשמה איז ניט גרייט צו פר ריכטן וואס זיא איז גקומן אויף דר וועלט ׳ אונ גהער זיך מצער זיין דרויף ׳ אונ גיהער צו פאסטן אונ צו וויינן אונ צו בעטן צו השי"ת אונ זאל תשובה טאן אז זיין נשמה זאל פר ריכט ווערן:

אונ ווען אייגר מאכט אויף דעם ספר צו לערנן זאל ער אזו זאגן איך בין אן גבריית צוא לערנן אונ בין אן גבריית צו האלטן וואס איך וועל לערנן ׳ מען טאר קיין שם ניט בחנם ארויס ריידן ׳ בייערט ווען ער לערינט אונ עס קומט אים איין שם צו האנדן זאל ער ניט זאגן אדושם בייערט אדוני רעכט ארויס ׳ אבר ווען מען לערינט ניט זאל מען קיין שם ניט ארויס ריידן ׳ אונ ווען עס קומט איין שם צו ריידן זאל ער זאגן אדושם אויך קיין מלאך ניט ארויס צו ריידן דהיינו ווען עס שטייט פר אים מטטרון זאל ער זאגן מט"ט אדר סמאל זאל ער זאגן ס"מ ׳ אויך שרייבן אונזרע ספרים פון דעם גרוישן שכר וואס די לייט האבן ווען זיי אלמדן צו גאסט נעמן אונ לאזן אים איין הנאה האבן פון זייערן האב אונ גוטש ׳ דאס איז גלייך אז ער וואלט קרבנות מקריב גוועזן ׳ וויא די גמרא זאגט ווער עס וויל גיסן ווייין אויפן מזבח וויא מען האט פר צייטן גטאן ביי דעם קרבן ׳ זאל מען געבן ווייין דעם פרומן אונ נויט בדערפטיגן למדן צוא טרינקן ׳ איז גלייך אז ער האט גגאסן ווייין אויפן מזבח ׳ אבר ווער עס פר מאגט אונ לאזט אים ניט הנאה האבן פון זיין גוטש דר זעלביגר מענש איז ביי אים קיין סמן ברכה ניט אין זיין עשירות:

אבער איצונד אין דעם דור בעוה"ר זיינן מלמדים אין די ישובים אדר אין די דערפר די קענן קנאפ חומש אונ וועלכר עס קען חומש קען ער ניט לערנן מיט די תלמידים אונ פסקנן איסור והיתר ׳ זיי מיינן ווייל מען רופט זיי רבי איז זיי איין חרפה אז זיי זאלין ניט קענען פסקנן איסור והיתר ׳ דר נאך זאגין די ווייבר ווען אונזר רבי האט אונז מתיר גיוועזן איז גיוויש מותר אבר די ווייבר ווייסן ניט אז דר רבי איז מאכיל טריפות בייערט די נארישע גאוה ברייגגט עס מיט איבר דעם וועלן זיי תחיית המתים ניט אויף שטיין אונ אין איטליכר לאנד גיהער דר רב אויף די לייט אכטונג צו געבן אז זיי זאלן די נשמה ניט פר לירן ׳ אונ מאכן יענם טריפות עסין ׳ מען גהער די תורה צו האלטן בכבוד דהיינו

ניט

ניט צו זיצין וואו ספרים ליגין · אויך טאר מען ניט לייגן אויפן בעט איין ספר · אפילו איין שטיק שמות זאל מען ניט לאזן ליגן אויף דר ערד · אויך שרייבין אונזרע ספרים וויא דיא דרשה זאל זיין · ווען דר למדן טוט דרשנן זאל ער דאס מיינשטע זאגין דברי מוסר הלכות שבת הלכות תפלה הלכות נדה אדר אנדערע הנהגות · ווארום אז דר למדן וועט זאגין פשטים וועלין די גימיינע לייט שלאפין ווארום זיי פר שטייען ניט וואש דר למדן זאגט · אונ דר למדן בדארף צו לערנן די גימיינע לייט וויא אזו זיי זאלן זיך נוהג זיין · אונ ווען קיין למדן איז ניט פר האנדן אז ער זאל זיי לערנן · בדארף דר גימיינר מאן לייען חאטשע טייטש ספרים איטליכש אין זיין צייט דהיינו הלכות פסח אום פסח הלכות שבת אום שבת דאש גלייכין אלע דינים אין זיין צייט אויך זאל מען זיין גיווארינט ווען מען לייענט די פרשה אין דר ספר תורה אפילו זיא שטייט טאפיל אין דר תורה פון דעסט וועגין זאל ער זאגין ווארט בייא ווארט ווארום אין דר ספר תורה איז ניט פר האנדין קיין שום ווארט אום זונשט ווארום אין איטליכן ווארט פון דער ספר תורה היינגט אן וויפיל מאל טויזינט מאל צעהען טויזינט עולמות · אזו שטייט אין שולחן ערוך אורח חיים סימן ל״ז :

הלכות תשעה באב

עש איז אגרויסע מצוה צו טרויערין אום תשעה באב · אונ בפרט ווען מען זאגט איכות וואס עס איז גזאגט גווארן דורך נביאות ירמיה הנביא · דרום איז איין מצוה אז איטליכר זאל אין דר פריא אויך זאגין איכות אין זיין הויז · דרום איז מיר איבעל גיפעלן די חוצפה וואס זיי שטיפן אין די ישובים אום ת״ב אין שול זיי ווארפן זיך איינר צום אנדרן אונ קיינר שרייט אן זיי ניט אן · דש איז אוודאי ווישעגליך וואס פר גרויסע צדיקים זיינן גוועזן אין דר גרויסע שטאט ביתר אונ מיקען דש פר שטיין · נאך דעם אז אנדריינוס האט דר שלאגן וויא פיל טויזינט יהודים · אונ זיינן גבליבן ליגן אלאנגע צייט אונ זיינן ניט פר שטונקן גווארן · אונ ווערים האבן איבר זיי קיין מאכט גהאט אן צו רירן · אונ ווען זיי זיינן אזעלכע גרויסע צדיקים גוועזן ווארום האט מען זיי דר שלאגן אונ פר וואס האבין זיי גיהאט אזו איין גרוישן עונש · שרייבן אונזרע חכמים ווייל זיי האבן ניט גטרויערט אויפן ערשטן חורבן בית המקדש איבר דעם האבן זיי גהאט דעם גרוישן עונש · אונזרע חכמים שרייבן ווער עס קלאגט ניט אונ וויינט ניט אויפן חורבן בהמ״ק · דר זעלביגר וועט ניט זוכה זיין צו זעהן די שמחה פון ירושלים · אונ בפרט אין שול וואס זיא איז בזמן הזה אקליין ב״ה גהערט מען צו וויינן אונ צו קלאגן אונ ניט חוצפה צו טרייבן דרום איז דאס אגרויסר חיוב מזהיר צו זיין די לייט וואס חוצפה טרייבן אום תשעה באב · אונ אז דר פרנס אדר דר גבאי גיבן דרויף ניט השגחה אזו וועט ער מוזין ליידין דעם עונש :

דיא סעודות פר סעודה המפסקת זאל מען זיך קיין תענוגים ניט אן טאן אונ ניט וויא איין טייל מענטשן גרייטן זיך אן אלערליי גיפרעגילטע פיש אונ אלערליי פיינקוכין די זעלביגע לייט ווערין זייערע עבירות אן גשריבן אויף זייערע ביינער אונ דאס איז בוודאי ניט גוט פר אים הש״י זאל אונז דר פון מציל זיין · דרום זאל איטליכער מענטש אפ היטין זיך דער פון :

אין דר סעודה המפסקת זאל מען קיין אויגערקעס ניט עסין · אונ מיזאל קיין ביר ניט טרינקן · אונ דריי לייט זאלין זיך ניט זעצין מיט אנגדר עסן · כדי זיי זאלין ניט

באדארפין

בדארפן בענטשן מיט אמזומן ׳ דר מגן אברהם שרייבט ׳ די קינדר וואש פאסטן נאך ניט אום ת״ב דהיינו זיי זיינן נאך ניט בר מצוה ׳ אבר זיי האבין שכל צו טרויערן זאל מען זיי מער ניט געבן עסן אונ טרינקן ברויט אונ וואסר כדי זיי זאלין וויסן אז עס איז ת״ב אונ כל ישראל בדארפן טרויערן ׳ אויך איז פר האנדן אטייל לייט וואס זיי טועך אן די שיך באלד נאך מיטאג איז דאס ניט רעכט ׳ ווארום וואס אונזרע חכמים האבן אונז אסור גמאכט אום ת״ב איז דאס אסור אויפן גאנצן טאג נייערט ווען עס איז נאס אין דרויסן ׳ אונ ער בדארף אוועק גיין מעג ער אן טאן די שיך :

רבי שלמה לוריא שרייבט די מענטשין וואס זיינן זיך נוהג ניט צו עסין קיין פלייש ביז שבת נחמו איז דאס איין נארישער מנהג ׳ סיידין אז ת״ב איז אום דאנערשטיג האלט מען זיך אויף מיט פלייש עסין ביז שבת פון כבוד שבת וועגן ׳ איין יולדת זאל אויף הערין צוא עסין פלייש פון זיבין טאג אין חודש ׳ ווען ת״ב גיפאלט אום שבתות צו נאכט זאל מען ניט בענטשין די קינדער ׳ אונ מען טאר ניט עסין קיין פלייש ביז צעהען טאג אין חודש נאך מיטאג ׳ ווייל דאס פייער האט גיברענט ביז אין די זעלביגע צייט :

דר אליהו זוטא שרייבט ווי אזו מען הט אתקנה גמאכט אין פראג ׳ ווען ת״ב גפאלט אום דאנרשטג ׳ אונ אום שבת נחמו מאכט איינר חתונה האבן זיי מתיר גמאכט אז חתן אונ כלה אונ פאטר אונ מוטר׳ מעגן עסן פלייש אום דאנרשטג אויף דר נאכט נאך דעם תענית׳ אבר אנדרע חתונה לייט טארן ניט עסן קיין פלייש ביז דעם צעהנטן טאג נאך מיטאג ׳ אבר שפיל לייט טארין ניט שפילין ביי חתן וכלה ביז דעם צעהנטן טאג נאך מיטאג ׳ ווארום די סעודה וואס מען מאכט אנאכט פר דר חתונה איז ניט קיין סעודת מצוה דרום גהער מען זיך פר מיידין דר פון ׳ אום מוצאי ת״ב זאל מען ניט מאכן קיין סעודות סבלונות דהיינו ווען מען גיט מתנות צו חתן וכלה מאכט מען אסעודה ׳ זאל מען אום מוצאי ת״ב אזו ניט טאן ׳ ווארום עס קען דר פון ארויס קומן איין עבירה ווארום מען וועט עסן פלייש ׳ אונ מען וועט טרינקן ווין ׳ דרום ווער עס איז ירא שמים זאל זיך דר פון אפ היטן׳ דר לבוש אין סימן תקנ״ד שרייבט אום מוצאי ת״ב אויב אאשה בדארף גיין טבילה מעג זי טבילה האבן נאר בייטאג טאר זיא זיך ניט אפוואשן נייערט ווען רעכט נאכט איז ׳ אבר ווען זיא וואשט זיך אין באד וויא איר מנהג איז זאל זיא זיך וואשן אום ערב ת״ב אונ זיא זאל זיך היטן פר שמויב ׳ ווייל אום ת״ב זיצט מען אויף דר ערד ׳ איז צום בעסטין אז זיא זאל אן טאן צוויי פאר זאקן כדי די פיס זאלין ריין זיין :

ווען ת״ב גיפאלט אום שבתות צו נאכט טאר מען ניט קיין הבדלה מאכין אבער מען זאל גוואריינט זיין ניט פר געסן צו זאגן אתה חוננתנו אין דר שמ״ע אונ די ברכה בורא מאורי האש׳ זאל מען זאגן פר איכות ווען מען צינט אן אליכט ׳ אונ עס איז פר האנדן אטייל ווייבר וואס זיי זאגן ניט די ברכה אונ אתה חוננתנו זאגין זיי אויך ניט ׳ זאל איטליכער מענטש אן זאגן צו זיין ווייב אז זיא זאל מאכין די ברכה זונטאג אום ת״ב איידר זיא לייגט איין פייער צו קאכן ׳ מען גהער צו גיין אום ת״ב אויפן בית הקברות כדי מ׳זאל וויינען ׳ עס איז פר האנדין אטייל מענטשן וואס זיי גייען אויפן בית הקברות צוויי אדר דריי אונ ריידן בשעת גאנג אזעלכע רייד וואס גייט גאר ניט אן אום ת״ב איז דאס ניט רעכט ווארום דאס הייסט שפאצירן גאנגן אום ת״ב איז דאס ניט רעכט ׳ ווען איינר האט יאר צייט אום ערב תשעה באב אדר ער האט איין תענית חלום אדר ער פאסט מאנטג אונ דאנערשטג זאל ער פאסטן

בין

ביז נאך מנחה אונ טאר מער ניט עסן נאר דיא סעודה המפסקת נאר איין גיריכט אבער ער
מעג זיך זאטו אן עסן · ת"ב צו מנחה לייגט מען תפילין אונ נאך קדושה לייגט מען זיי אויף :
מען גהער די חזנים צו ווערן זיי זאלן ניט זינגען אויף סעודות קדישים אדער אנדערע

דברים שבקדושה וואורום די זעלביגע חזנים ווען גיוויש האבן איין גרויסן עונש וואורום מען טאר מער ניט זינגן אויף סעודות נאר וואס מען האט מסדר גוועזן · דהיינו נודה לשמך אדר אויף איין חתונה דוי הסר אונ מכ"ש אן צו שרייען אויף דיא פושעים וואש זיי מאכן לידר אוים פסוקים אדר אוים הייליגע ווערטר אויף דעם האבן אונזערע חכמים גיזאגט די ס"ת קליידט זיך אן אין איין זאק · אונ קלאגט פר הש"י אונ זאגט דיינע קינדר מאכן פון מיר איין פידל אונ זינגן לידר אונ ריידן ניבול פה אונ אויך ווייבר אונ מיידן לאזן הערן זייערע קולות · וויי איז צו די אויערן וואס זיי הערן דאס צו ווער עש קען דרויף אכטונג געבן אונ אן שרייען אז די חוצפה זאל ניט זיין איז וואול צו אים · אונ אויב מען ווערט אים ניט צו הערן זאל ער צום בעסטן אוועקגיין פון אזעלכע סעודות :
דר כנסת הגדולה שרייבט ווער עס רויכרט טאבק אום ת"ב איז איין עבירה · ווען

איינר האט זיך טועה גוועזן אונ האט געגעסן אום עשרה בטבת מוז ער דאך דעם טאג אוים פאסטן אונ מוז דר נאך דריי טעג פאסטן · דהיינו מאנטיג אונ דאנערשטיג אונ ווידר מאנטיג · איבריג איז מען שולדיג צו גדיינקן אן דעם חורבן בהמ"ק דהיינו ווען מען ווייסט אוים די שטוב זאל מען לאזן איין שטיק ליידיג ניט גווייסט אבר אטייל מענטשן לאזן איין שטיק ליידיג אונ שווארצן אפ די שטיק אונ שרייבן דרויף שחור על לבן זכר לחורבן דם העלפט ניט וואורום דאס איז איין צירונג · דאס גלייכן ווען איין אשה מאכט זיך איין צירונג זאל זיא אויך לאזן אשטיקל ליידיג כדי זיא זאל זיך דער מאנן אן חורבן בהמ"ק אבר בעו"ה אין די דורות איז נאך ניט גינוג אז זייא זיינן עובר אויף די רייד פון אונזערע חכמים מאכן זיי זיך נאך איבריגע צירונג גלייך ווען דאש בהמ"ק איז שוין גיבויט גיווארן · אונ פון זייערע צירונג ווערן פיל צרות אויף אונז · דרום ווער עס איז איין ירא שמים זאל זיך דער פון אפ היטין פאר אזעלכע זאכן :
אונ דאש איז וויסעגליך זינד די סנהדרין זיינען בטל גיווארן איז אויך פר שטערט גיווארין

דם גיזאנג פון די טרינק הייזר · וויא דר פסוק זאגט בשיר לא ישתו יין דם איז טייטש מיט גיזאנג זאלן זיי ניט טרינקען קיין וויין · אונ מיטאר ניט זינגען · סיי מיט דעם מויל אדער מיט איין כלי זמר נייערט שירות ותשבחות צו הש"י מעג מען זינגן · אבר אויף איין חתונה מעג מען אויך זינגען כדי משמח צו זיין חתן וכלה · אונ כלי זמרים מעגן שפילין · אבר ווער עס טרייבט חוצפה אדר נבול פה ריידן · ווען גלייך אז מען האט אויפן הימיל אויש גירופין אויף אים פיל גוטש אויף זיבציג יאר · ווערט דש אויך פר קערט אונ מען עפינט אים דעם גיהנם:
אונזערע חכמים שרייבן ווען חוצפה ווערט גשטיפט אויף שמחות קומט דר שטן אויף דר

שמחה · אונ שפרינגט צווישן זיי אונ דר פון קומט צו קריג אונ גישלעג · דרום זאל מען דר פון גיווארינט זיין · אונזערע חכמים שרייבן אונ זיינן זיך מפלפל איינר זאגט ווען ער פאסט ווען קיין תענית איז · הייסט ער איין חוטא · אונ איינר זאגט ווער עס גיוויינט זיך צו פאסטן דר הייסט איין קדוש · איז דר פשט אזו ווער עס איז גוט אונ פרום אונ לערינט תורה דר זעלביגר ווען ער פאסט איבריג הייסט ער איין חוטא · ובפרט ווען איינר איז איין מלמד אונ ער פאסט אזו איז ער שלאף אונ מיד אונ קאן ניט מיט די קינדר לערנען הייסט

דער

דער מלמד איין חוטא וואָרום ער נעמט שבירות אז ער זאל מיט די קינדר לערנן · אבר דר מענטש וס ער קען לערנן אונ ווייסט בוודאי וואול אז מיטן פאסטן וועט ער ניט שלאף ווערן אונ וועט זיצן אונ לערנן דר הייסט איין קדוש · אונ בפרט די מענטשן וואס זיינן פול מיט עבירות גיהערן זיי צו פאסטן כדי השי״ זאל אויף זיי רחמנות האבן אונ וועט זייערע זינד מוחל זיין · אונ דעם טאג וואס מען פאסט גהער מען צו זיין אין אייטל צער אונ דאגה · אונ בפרט אז מען פאסט אתענית חלום · אונ איין בעל תשובה מעג פאסטין אפלו אום שבת ממילא קאן מען דר פון אפ לערנן ווען מען פאסט זאל מען זיין מיט יראה אונ מיט דעמוטיקייט אונ זאל תשובה טאן דרויף וואס ער האט גזינדיגט · יונגע ווייבר זאלן ניט פאסטין בייערט אזעלכע תעניתים וואס אונזרע חכמים האבן מתקן גוועזן אונ אז זיי ווילן יוא פאסטן זאלן די מאנן ניט לאזן פאסטן אונ בפרט מעוברת ומיניקות גהערן פשיטא ניט צו פאסטן אונ ווען איין אשה האט אנדר גטאן אז זיא זאל מארגן פאסטן איז דר דין אזו · אז דר מאן האט איר גווערט איי די שטערן זיינן אויף גיגאנגן טאר זיא מארגן ניט פאסטן אונ אז זיא פאסט יוא איז דר תענית גאר נישט · אונ אז ער האט איר ניט גווערט דעם טאג וואס זיא האט אויף זיך מקבל גיוועזן צוא פאסטן אונ צו מארגינס פריא וויל דר מאן ניט ליידן אז זיא זאל פאסטין העלפט דאש וועלן פון מאן ניט נייערט זיא מוז רופן דריי לייט אונ זייא זאלן איר מתיר נדר זיין:

רבי שלמה לוריא שרייבט ווער עס נעמט אויף זיך צו פאסטן איין תענית זאל ער צו מנחה אזו זאגן איך בין מקבל אויף זיך איין נדר אם ירצה השם מארגן צו פאסטן · אונ בשעת אז ער האלט אין דר שמ״ע בייא שומע תפלה זאל ער דאס אין זיינעם זין האבן · אונ ביי אלהי נצור זאל ער דאס זאגן וואָרום ביי שומע תפלה טאר מען ניט מפסיק זיין דרום מוז ער אין דר מחשבה האלטין · אונ ווען ער האט פאר געסין דעם תענית מקבל זיין בשעת מנחה זאל מען מקבל זיין דעם תענית בשעת עש איז נאך טאג · אבער אז ער האט זיך דר מאנט איז שוין גיוועזן נאכט העלפט שוין דאס ניט · אונ פשיטא אז ער האט גאר ניט מקבל גיוועזן איז דער תענית גאר נישט:

דער בית חדש שרייבט ווען איחיד וויל זאגן סליחות טאר ער ניט מפסיק זיין אין שמ״ע נייערט נאך שמ״ע מעג ער זאגן סליחות אבר ער זאל ניט זאגן אל מלך יושב אונ אויך ניט ויעבור: דר אליהו זוטא שרייבט ווען עס איז איין ספק אויב עס איז פר האנדן צעהן מענטשן אין שול וואס זיי פאסטן זאל דר חזן ניט זאגן עננו ביי די ברכה פון גואל ישראל נייערט ביי דר ברכה פון שומע תפלה · דר מגן אברהם שרייבט ווען איינר פאסט דרייא טעג נאך אננדר אדר משבת לשבת זאל מען זאגן עננו אלע טאג צו מנחה · אונ ווען ער זאגט עננו זאל ער ניט אויס לאזן מיט דר ברכה העונה בעת צרה נייערט שומע תפלה: ווען צעהן מענטשן פאסטן מעג מען צו מנחה לייענן ויחל אדער סליחות זאגן · ווען זיבן מענטשן האבן בדיעה צוא פאסטן מעגין זייא זאגין סליחות אונ מעגין לייענען ויחל · ווען עש פאלט ביי איין מענטשן די תפילין אראפ אויף דר ערד מוז ער פאסטן אבר אז עס פאלט אראפ אין תפילין זעקל דארף ער ניט פאסטין נאר ער דארף געבן איין פרוטה אויף צדקה:

דער שולחן ערוך שרייבט וועלכר מענטש עס פאסט אונ זאגט פר לייטן אז ער פאסט איז דר תענית גאר נישט אבר ווען איינער פאסט אונ קומט אין איין שטוב אונ אין שטוב זיצן מענטשן אונ עסן אונ בעטן אים אז ער זאל אויך גיין מיט זייא עסן אונ ער זאגט איך וויל ניט עסין אונ אז עש העלפט אים ניט מעג ער זאגן אז ער פאסט: ווען דער מענטש איז זיך נוהג אז ער זאל אויש שווייגן דאס מויל אונ קען אן דעם

גיט אויש קומען מעג ער אויש שווייגען דאס מויל אין איין תענית יחיד אבער ער מוז אכטונג געבין אז עס זאל ניט אריין קומען אין האלז אפילו איין טראפען וואסער · אבער אין א תענית צבור טאר מען ניט אויש שווייגען דאש מויל :

דער מגן אברהם שרייבט ווען איין מענטש פאסט אין דעם טאג וואס האט זיך אים איין גם גיטראפען אבער אז דר טאג גיפאלט אום שבת זאל ער ניט פאסטין · אונ ווען איינר פאסט איין תענית וועלכער תענית עס איז · זאל ער זיך אפ היטין פון רוגז אונ זאל באמונה האנדלען אונ פאמעליך ריידין אונ גיהער ניט איבעריג צוא עסין די נאכט פארין תענית ווארום דאש איבעריגס עסין גיט עס אים קראפט אויף דעם טאג וואס ער פאסט איז דער תענית גאר גישט עש איז פאראנען אטייל מענטשין וואס זיי האבין גרינגע דעות ווען זייא פאסטין שפילין זיי אין קארטן אדר אנדערע שפיל ווייא איז צו זייערע נשמות ניט גינוג וואס זייא האבין נאך אגרויסין עונש דען דורך זייערע מעשים אונ זייערע שפילין ברייגגען דיא מלאכים זייערע עבירות פאר הש״י דאס איז גליך אז איינר מאכט אברכה איבר אזאך וואס ער האט גיגנבת אדר גיגזלת אדר ער האט גנבת געלט אונ גיט דר פון צדקה אזו איז אויך דם פאסטין · ווארום דאס פאסטין איז גליך אז וויא מען ברייגגט אקרבן אונ אז מען פלעגט מקריב זיין אקרבן האט מען ניט גטארט האבן אנגדר מחשבה ווארום אז מיהאט גהאט אנגדר מחשבה איז דם קרבן פסול אזו איז דר תענית אויך ווען מען שפילט אין דעם תענית · אונ אטייל לייט שפילין אונ זאגין מיט דעם שפילין וועלין מיר פאר ברייגגן אביסיל איז דאס אויך ניט רעכט דאס הייסט גיזעסין בייא לצים · אונ ווער עס וויל האבין אז זיין תענית אונ זיין תפלה זאל ווערין אן גינומען פאר הש״י זאל מען זיך אפ היטן פון אזעלכע נארעשקייט :

אין דעם וואָרט תענית איז צוויי ווערטר תת עני דאס איז טייטש גיב דעם עני צדקה ווארום ווען דער עושר פאסט גלויבט ער דעם עני אז עש איז אים זייער שפל · אונ אטייל מענטשן זיינען זיך נוהג ווען זיי פאסטין בארעכיגען זיי זיך וואש עס האט באדארפט אוועק גיין דעם טאג אויף עסין גיבן זיי אוועק צו די ארימע לייט : דר טעם איז ווען מען האט יאר צייט דארף מען פאסטין ווייל אין דעם טאג איז דם מזל שלעכט איבער דעם פאסט מען דעם טאג פון דער מיתה אבער ווען ער איז דעם אנדערן טאג צוא קבורה גיקומען איז דער דין אזוא ווער עס איז גיוועזן אין דער היים בשעת מיתה דארף ער פאסטן דעם טאג פון דער מיתה · אונ דר וואס איז ניט גיוועזן אין דער היים בשעת מיתה דארף ער פאסטן דאש ערשטע יאר פון דער קבורה אונ דעם אנדערין יאר זאל ער פאסטין דעם טאג וואס דיא מיתה איז גיוועזן :

איין טייל מענטשן האלטן דעם יאר צייט גאר פר גרינג זיי זאגן זייא זיינען שוין לאנג טויט זיי זיינען שוין בוודאי אין גן עדן דר מיט זיינען זיי זיך טועה דען אין ג״ע איז פאראנען מדריגות איינע איז העכער פון דר אנדערער ממילא אז די קינדר טוען גוטע מעשים ברייגגן זיי דר מיט אז זייער פאטער אונ מוטר גייען ארויף אויף איין העכערע מדריגה · נעמט איך איין משל דר צו אום שבת אדר אום יו״ט נעמט מען דאך אלע רשעים ארויס פון גיהנם אונ פר וואס זאגט מען קדיש איז דר טעם כדי זיי זאלן קענן קומן צו איין העכערע מדריגה :

אין ספר חוקי חיים שטייט וויא ער האט גיפונען אין דעם ספר יש נוחלין · קדיש איז מער ניט גמאכט גיווארן נאר פר קליינע קינדר אדר פאר גרויסע אום גילערנטע

דען

דען אין בבל זיינען גיוועזן גרויסע אום גילערינטע איבער דעם האט מען גימוזט איין קורצין שבח מאכן אויף דעם לשון וואס זייא ריידן · דרום תהלים צוא זאגן אדר פארן עמוד דאווענען אדר תורה לערנען איז בעסר וויא קדיש זאגין :

הלכות ראש השנה

אונזערע חכמים האבין אונז גיגעבן אסימן אויף תשובה דעם פסוק אריה שאג מי לא יירא איז טייטש ווען דר לייב שרייט ווער האט דען קיין פארכט ניט אונ דאש ווארט אריה מאכט אזו · דר אל"ף מאכט אלול · דר רי"ש מאכט ר"ה · דר יו"ד מאכט יו"כ דר ה"א מאכט הושענא רבה · אין די דאזיגע צייטן גיהער איטליכר תשובה טאן אונ דר חודש אלול איז אויך אן גיברייט אז מען זאל תשובה טאן ווארום ער איז דר לעצטר חודש פון יאר · איבר דעם גיהער איטליכר מענטש איבר רעכנן זייניע מעשים וואס ער האט גיטאן אגאנץ יאר אונ תשובה טאן דרויף כדי מ'זאל ניט קומן אום ר"ה צום דין מיט פיל עבירות · אונ מכ"ש אום עשי"ת גיהער מען תשובה טאן · ווארום דר גאמן ברייגנט אז מען זאל אין עשי"ת תשובה טאן ווארום איין יחיד אז ער טוט תשובה אגאנץ יאר קומט עס ניט באלד פר הש"י אבר אום עשי"ת קומט די תשובה תיכף פר הש"י · אונ מען גיהער צו וויינען אונ פאסטן אויף די זינד וואס ער הט גיטאן אגאנץ יאר :

אונ אויך זאל מען זיך אין דר דאזיגר צייט ניט אן טאן קיין תענוגים אונ אויך די מענשן וואס פאסטן פערציג טעג זאל מען אן הייבן צו פאסטן פון שבעה עשר בתמוז ווארום אז מען וועט ניט אן הייבן צו פאסטן פון שבעה עשר בתמוז וועט ניט אויס קומען פערציג טעג :

ערב ראש השנה איז ערב ר"ה אונ דאס איז דער לעצטער טאג פון דעם יאר אונ מארגן איז דר יום הדין · איבר דעם גיהער מען אום ער"ה זיין מיט גרויס יראה אונ מען זאל זיך לאזן שלאגן מלקות פר דריי לייט איז גלייך וויא פר ב"ד דר נאך זאל ער זיך די נעגל אפ שניידן אונ אפ גאלן אונ זאל זיך אן טאן אין אווייסע העמד כדי מען זאל ווייזן אז מען פר זיכרט זיך אן גאט ב"ה אז הש"י וועט אונז געבן איין גוט יאר אבר אלן דינג זאל זיין מיט יראה אונ מען זאל איין גאנצן טאג מהרהר בתשובה זיין · ווער עש איז זיך נוהג אז ער עסט ער"ה פר טאג זאל מען אכטונג געבן עש זאל זיין רעכט נאכט אבער אז עס הייבט אן צוא טאגן זאל מען שוין ניט עסין :

אום ערב ראש השנה גייט מען אויפן בית הקברות אבר אין איין טאג גייט מען ניט צוויי מאל אויף איין קבר · דר מהרש"ל שרייבט ווען ער איז גיגאנגן אויף איין קבר האט ער אזו גיזאגט יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט אז דר דאזיגר מת זאל זיין רואונג האבין מיט כבוד · אונ זיין זכות זאל אונז בייא שטיין :

איין טייל מענטשן זיינען זיך נוהג זיי רייסן אויס גראז אונ לייגן אויפן קבר אדער איין שטיין דאס טוט מען לכבוד המת צוא ווייזן אז מען איז גיוועזן אויף זיין קבר · אונ מען דארף געבן צדקה איידר מען גייט אויף די קברים · אונ מען זאגט די תחינות פון ער"ה אויפן בית הקברות דר מיט צו ווייזן אז הש"י וועט זיך ח"ו ניט דר בארימן איבר אונז אזו זיינען מיר גלייך צו די מתים · אונ וואו עס איז פר האנדין גרויסע צדיקים ליגין אויף דעם בית הקברות ווערט גיכער דר הערט דיא תפלה פר הש"י · אבער ח"ו ניט אין זין צוא האבין אז דיא מתים זאלין אים העלפן נייערט הש"י זאל אונז העלפן צו ליב דעם זכות פון דיא מתים וואס דא ליגין :

אין סדר היום שטייט אזו ווען איינר איז זיך ניט טובל אגאנץ יאר זאל ער חאטשי זיך טובל זיין אום ער"ה ער זאל קומן אום ר"ה צום יום הדין ריין פון עבירות אונ פון אנדערע גידאנקען · דרום טאר מען די נאכט פון ר"ה ניט זיין בייא זיין ווייב · נייערט אז זיא האט טבילה גיהאט אום ערב ר"ה · אונ מארגין פריא זאל ער זיך טובלען :

מען גהער די ערשטע נאכט פון ר"ה עסין זיסע עפיל · אונ מען זאל פריער איין ברכה מאכן אונ דר נאך זאל מען זאגן יהי רצון עס זאל זיין דר ווילין פאר דיר גאט מיין גאט אונ פון מיינע עלטרן אז דו זאלסט בנייען אויף אונז דאש יאר צו אלעס זיסין :

אונ די אנדרע נאכט פון ר"ה זאל מען נעמן איין נייעה פרי צום קידוש · ווארום מען בדארף זאגן שהחיינו דאס גלייכן דיא ווייבער זאלין אויך נעמן איין נייעה פרי בשעת אז זיי בענטשן ליכט · ווארום זיי בדארפן זאגן שהחיינו אבר איין אנדר יו"ט בדארף מען ניט נעמן איין נייעה פרי צו שהחיינו : מען עסט אום ר"ה אויף דר נאכט איין קעפיל פון איין שאף דאס איז איין גידעכעניש פון דר ווידר וואס אברהם אבינו האט מקריב גיוועזן פר זיין זון יצחק · אונ גאט ב"ה זאל אונז היינט גידיינקן דעם זכות פון עקידת יצחק · אויך גהער מען עסן פיש אום ר"ה ווייל ביי די פיש איז תמיד אפין די אויגן אזו זאל הש"י האלטן אפין זיינע אויגן אויף אונז צו דר בארימן · אבר גיווארינט צו זיין אז מען זאל ניט קאכן די פיש אין עסיק · אויך זאל מען גידיינקן אז הש"י זאל אונזר זכות מערן אזו ווי די פיש אין וואסר :

אונ מען גייט תשליך מאכן צו איין וואסר וואס פיש דרינן זיינן כדי הש"י זאל אונז גדיינקן די עקדה ווארום בשעת אז אברהם אבינו איז גגאנגן מקריב זיין זיין זון יצחק · האט זיך דר שטן גימאכט צו איין גרויס וואסר · האט אברהם אבינו גזאגט העלף מיר רבש"ע די וואסר איז שוין גיקומן ביז אין האלז האט גאט ב"ה אן גשריען אויף דעם שטן איז דאש וואסר אוועק גיגאנגן פון אים · אזו זאל אונז הש"י אויך העלפן פון דעם שטן · נאך איין טעם איז וואס מען גייט צו אזו איין וואשר וואס פיש איז פר האנדן כדי דער מענטש זאל גידיינקן · אזו ווייא די פיש ווערן פלוצלונג נחאפט אין דער נעץ אדר מיט די אנגלען אזו קען קומן חס ושלום פורעניות אויפן מענטשן אויך פלוצלונג · אונ אז מען ווערט אזוא אין דר מחשבה האבן ווערט מען קומען צווא יראה אונ צווא תשובה :

אויך זאל מען דעם בייזן מנהג מבטל זיין פון די גמיינע לייט וואס זיי זאגן מיר וועלן גיין די זינד אפ שאקלען אונ בשעת אז זיי שאקלען אפ דעם עק פון זייערע קליידר מיינן זיי אז זיי האבן שוין די זינד אפ גישאקלט טאר מען אזו אנארישקייט ניט זאגן ווארום אזעלכע רייד איז איין חילול השם פר די א"ו · נייערט מען גיהער צו זאגן מיר וועלן גיין תשליך מאכין · אויך גהער מען די תשליך מאכין דעם ערשטין טאג ר"ה נאך מנחה איי די זון אונטר גייט · אונ מען זאל זאגן די דאזיגע פסוקים :

תשליך במצולות ים כל חטאותינו וכל חטאת עמך בית ישראל במקום אשר לא יזכרו ולא יפקדו ולא יעלו על לב לעולם

דאס איז טייטש דו זאלסט ווארפן אין דעם טיפעניש פון דעם ים אונזרע זינד אונ דיא זינד פון דיין פאלג ישראל אויף אזו איין ארט דאס זיי זאלין ניט גידאכט ווערין אונ זאל ניט אויף גיין צו גידעכעניש דאס הארץ צו אייביג · אזוא זאגט מען דריי מאל :

אבער אז דר ערשטר טאג ר"ה גיפאלט אום שבת · זאל מען דעם אנדרן טאג גיין צו תשליך · כדי מען זאל ניט קומן צו חילול שבת ווארום טאמר ווערט מען קומן צו טראגן אויף אזו איין ארט וואו מען טאר ניט טראגן · ווער עס גייט אום ר"ה אדער יוה"כ אין איין קיטל · זאל מען טאן דעם קיטל ווען מען בדארף צורך האבן :

דיא

דיא חזנים זאלן גיווארינט זיין ניט פיל צו זינגן צו שחרית פר ק"ש כדי מען זאל קענן זאגן קריאת שמע ווען די זון אויף גייט · עס איז פר האנדן תחינות וואס די חזנים זאגן איי זיי גייען צום עמוד · זאל דר בעל שחרית זאגן די תחינה פר ברוך שאמר ווארום מען טאר ניט מפסיק זיין פון ברוך שאמר ביז נאך ש"ע · עס איז רעכט אום ר"ה אונ יוה"כ ווען די חזנים זיינן קיין לומדים ניט בדארפן זיי חאטשע קענן פאר שטיין די ווערטר וואס זיי זאגן אין מחזור אונ מען גיהער צו נעמן אזעלכע חזנים וואס זייא זיינען גוט אונ פרום זיי זאלין תשובה טאן פאר ימים נוראים ווארום זיי זיינען די פיר שפרעכר פארן קהל אבר אז די חזנים זיינן אום גלערינטע אדר רשעים איז ניט רעכט אז מען זאל זיי שטעלן פארן עמוד ווארום השם יתברך וועט בוודאי ניט קערין זיך צו זיי · אונ ניט וויא אין די קליינע ישובים זיינן כל הקהל אום גילערינטע אונ דינגן איין חזן נאר ער זאל קענן זינגן אונ דר חזן איז וואס ער איז:

אויך זאל קיין שום מענטש ניט גיין דאוונן פארן עמוד ווען דם קהל איז ניט מרוצה · אונ רבי יהודה החסיד שרייבט אין ספר חסידים וועלכר מענטש וואס הייסט דם חזן דאוונן פארן עמוד אונ דאס קהל איז ניט מרוצה · גזלת ער דאס גוטס פון דעם קהל אונ וועט האבן דר פר איין גרויסן עונש אזו ווי מיר גפינן ביי פילגש בגבעה ווייל זיי האבן גפרעגט די אורים ותומים דורך אנדר כהן איבר דעם האבן זיי פר שפילט דיא מלחמה · אבער דאש דריטע מאל האבן זיי גיפרעגט די אורים ותומים דורך פנחס הכהן האבן זיי באגליקט אין דר מלחמה:

אויך שטייט אין ספר חסידים מען גיהער צוא נעמען אזוא איין חזן אז ער זאל זיין איין זקן אונ איין צדיק · אבער ווען דער זקן וצדיק זעהט אז ער וועט דאוונען וועט זיין מחלוקת זאל ער ניט דאוונען פארין עמוד:

דער בית חדש שרייבט · פרנסים אונ מנהיגים ווען זייא זיינן עוסק מיט דעם קהל מיט נאמנות די דאזיגע דארפן דאוונען פארן עמוד · אבר אין אונזערע דורות זייגען ניט פאר האנדן אזעלכע פרנסים ומנהיגים אז זיי זאלין זיין מיט נאמנות · דרום גיהער מתפלל זיין דר חזן וואס איז מתפלל איין גאנץ יאר סיידן ער זאל גווים חאטשע מהרהר בתשובה זיין אונ זאל פר שטיין וואס ער דאוועגט:

דער מנהג איז איין אבל טאר פארן עמוד ניט דאוונן · סייא אום שבת אונ סייא אום י"ט · אונ דאס גלייכן ר"ה אונ יוה"כ אויך ניט · אבר ווען עס איז ניט פר האנדין קיין בעסערר חזן אז דר אבל · שרייבט דער מהרי"ל אז דר אבל מעג דאוונען פארין עמוד · דאס גלייכן דעם טאג וואס מען זאגט קיין תחנון ניט איז פאר האנדין אבלים וואס זיי ווילן ניט דאוונען פארין עמוד מיט דעם גזלען זיי זייערע עלטערין · אבער דעם טאג וואס מען זאגט הלל טאר קיין אבל פארן עמוד ניט דאוונען:

אום ר"ה אונ יוה"כ מעג מען זאגן די שמונה עשרה אביסיל העכר וויא אגאנץ יאר · דר מ"א שרייבט מען זאל חס ושלום ניט הויך שרייען אין דער שמ"ע · ניט וויא אטייל לייט שרייען אין דער שמ"ע העכער אז דר אנדערר · אויך זאל מען שטיין אין דער שמ"ע מיט יראה אונ מען זאל שטיין איין גיבוקט מיט דעם קאפ:

אויך איז רעכט אז די מענטשן וואס דאוונן פארן עמוד אונ די וואס בלאזן שופר גיהערן זיך דריי טאג פר יו"ט אפ צו שיידן זיך פון אלע זאכן וואס עס קען קומען דער פון איין עבירה אונ צו לערנן זיך די כוונות פון דעם דאוונן אונ די כוונות פון שופר בלאזין:

אונ דר בעל תקיעה טאר ניט אן הייבן צו בלאזן אפילו די ערשטע תקיעה ביז מען זאגט אים פריער פאר דען אויף דעם איז גרויסע סודות · אונ מען גהער צו נעמן אזו איין בעל

תקיעה אז ער זאל וויסן סודות התורה · ווארום דער בעל תקיעה איז איין מעקלער צווישן השי"ת און צווישן די ישראל · און אז דער בעל תקיעה פר שטערט דעם דין אזו פר טרייבט ער דעם שטן · ממילא האט דער שטן קיין כח ניט מקטרג צו זיין און ציהט רחמנות אויף ישראל · און דרויף ווערט גזאגט דער פסוק אשרי העם יודעי תרועה איז טייטש וואול איז דעם פאלק וואס וויסן צו באוויליגן השי"ת מיט כוונות פון דעם שופר בלאזן · און אז עס איז ניט פר האנדן אזו איין בעל תוקע וואס ער זאל וויסן די כוונות פון שופר בלאזן זאל האטשע דער פאר זאגער וויסן די כוונות פון שופר בלאזן : און בשעת אז מען בלאזט שופר זאל מען אין זינען האבן אויף עקידת יצחק אזו וויא אברהם אבינו האט גבונדן זיין זון יצחק די הענט און די פיס אויף דעם מזבח · אזו זאל מען אין זינען האבן גלייך אז זיינע הענט זיינען אויך גבונדן אז ער זאל ניט גזלנן און גאנבענן אבר אז ער האט יוא גגזלת אדער גגנבת זאל ער אין זינען האבן ער וועט דאס אום קערן און וועט ווייטער שוין ניט טאן אויך זאל איטליכער אכטונג געבן בשעת אז מען בלאזט שופר מען זאל ניט פר הערן אפילו איין תקיעה דרום טאר מען ניט ריידן אויך אפילו ניט שפייען אדער הוסטן און מען זאל ניט נעמן די קליינע קינדר אין שול אריין בשעת תקיעות ווארום זייא וועלין אים מבלבל זיין און מען גיהער צוא וויינען בשעת תקיעת שופר ווארום רבי יצחק לוריא שרייבט ווער עס וויינט ניט אום ימים נוראים דער זעלביגר זאל וויסן אז זיין נשמה איז ניט גוט · און ווער עס פאסט אום ראש השנה גיהער מען צוא זיין אגאנצן טאג אין דער שול · און מען זאל לערנן אדער תהלים זאגין :

סליחות גיהער מען צוא זאגן מיט גרויש כוונה און ווען דער חזן זאגט ויעבור גיהער דם קהל צוא זאגין שמע ישראל יי אלהינו יי אחד און דער נאך יי יי אל רחום וחנון ווארט ביי ווארט מיט גרויש כוונה און בשעת מען זאגט סליחות זאל מען שטיין · און ווער עס קאן אזו לאנג ניט שטיין גהער מען צום ווייניגסטן שטיין בשעת אז מען זאגט אל מלך יושב און ויעבור :

און בשעת מען זאגט אשמנו זאל מען דעם קאפ איין בייגן · און דער עיקר איז ווען מען זאגט אשמנו זאל מען ארויס ריידן האטשי אויף טייטש די עבירות וואס מען האט גיטאן אגאנץ יאר און זאל דרויף חרטה האבן מיטן גאנצן הארצן און זאל נעמן אויף זיך אז מען זאל ווייטער שוין ניט טאן · און ווען מען זאגט ואתה צדיק זאל מען מיט גרויס כוונה זאגן :

עס שטייט אין ירושלמי מען טאר ניט שלאפן ר"ה ביי טאג · און ווער עס שלאפט דער ציהט אויף זיך טרעגהייט און פוילהייט · דאס גלייכן ווער עס גייט ארום ליידיג אום ר"ה אן תורה און אן תפלה איז נאך ערגר אז שלאפן דרום גיהער מען איין גאנצן טאג צוא לערנען וואס זיין פאר שטאנד בריינגט מיט :

אויך גיהער מען צו לערנן די מענטשן וואס זיי מיינען אז עס איז איין מצוה בשעת אז דער חזן זאגט אוחילה אדער אתיתי לחננך אדער מסוד חכמים אדער אלהינו ואלהי אבותינו אדער היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל זאגן זיי אויך מיט דעם חזן · איז דאס איין גרויסע עבירה · עס איז גלייך אז מען שווערט פאלש ווארום זיי ריידן ארויס אזעלכע שמות וואס מטאר ניט ארויס ריידן · און די תפלות זיינן נאר פארן חזן גישטעלט גיווארן דרום ווען דער חזן טוט זאגן די תפלות גיהער איטליכער מענטש שטיל שווייגן · און נאר צו הערין וואס דער חזן זאגט :

נוא ווייל ר"ה און יום כפור איז אזוא איין הייליגע צייט אזוא האט דאך איטליכער מענטש גיוויס איין גוטע כוונה אז השי"ת זאל אים מוחל זיין און זאל ווערין אן גישריבין צוא איין גוט לעבין ממילא נאך וואס זאל מען אום זונסט שם שמים ארויש ריידין ער זאל דער פר האבין איין גרויסין עונש :

אויך זאל איטליכר מענטש וויסן אז אלע אונזרע תפלות וואס מיר בעטן אויפן לעבן · דאס זעלביגע לעבן מיינט מען עולם הבא ווארום מיר זעהן דאך אז עס איז פאר האנדין פיל לייט וואס זיי וועלן גיוויש פועל זיין מיט זייערע תפלות · אונ האבן גיוויש אום ר"ה אונ אום יוה"כ ערינצט תפלה גיטאן אונ זיינן גשטארבן דרום קאן מען וואול זעהן אז אלע תפלות גייען אויף עוה"ב · דען הש"י נעמט די תפלות אום ימים נוראים פר זיך אונ פרובט מיט זיינע היליגע חכמה · אויב דש לעבין ועט זיין צו גוטן · אונ ועט טאן פיל גוטש אזו לאזט אים הש"י לעבן אבר ווען הש"י זעהט אז דש שטארבן איז בעסר פר אים כדי ער זאל ניט אן ווערן עוה"ב אזו לאזט אים הש"י בעסער שטארבין כדי ער זאל האבן עולם הבא :

הלכות עשרת ימי תשובה

דער מנהג איז אז מען זאל אום שבת תשובה דרשנן ווארום עס שטייט אין מדרש משלי הש"י זאגט אזו ווען דר ת"ח דרשת פון מוסר אונ אלע לייט טוען תשובה דענסט מאל בין איך מוחל אלע זינד פון ישראל דרום גיהער מען היפש אכטונג צו געבין אויף דר דרשה אונ ניט וויא דאס גימיינע פאלג שלאפין בשעת מען זאגט די דרשה · נאר איטליכער באדארף צו הערין :

דער שולחן ערוך שרייבט ווער עס עסט אגאנץ יאר ניט קיין כשר ברויט אבער אין די צייט זאל מען עסין כשר ברויט · אונ איטליכר זאל זיינע מעשים בזוכן אונ זאל דרויף תשובה טאן :

אונ אום עשרת ימי תשובה מעג זאגן אפילו איין יחיד אבינו מלכנו די ספרי קבלה שרייבן צום וויינגשטין זאל איטליכער מענטש אויס קלייבן איין טאג אין עשרת ימי תשובה אונ זאל דעם זעלביגן טאג נאר תשובה אונ מצות טאן · ווארום עשי"ת ווערן געפינט אלע טויערן פון רחמנות · אונ די תפלה פון איין יחיד ווערט אגאנץ יאר ניט באלד אן גינומען אבר אין דר צייט פון עשרת ימי התשובה ווערט גיך אן גינומן זיין תשובה אונ זיין תפלה אויך זאל ער לערנן דעם זעלביגן טאג פון אזעלכע ספרים וואס זיי שרייבן פון יראה :

אויך זאל איטליכר ווישן אז די עבירות וואס זיינן צווישן מענטשן אונ צווישן הש"י איז מען אום יום כפור מוחל אבר אזעלכע עבירות וואס זיינען צווישין אים אונ צווישין זיין חבר · דהיינו ער האט דעם חבר דער צארינט אדר ער האט גיגזלת ביין חבר געלט אדער גיגנבת אדר ער איז שולדיג דעם חבר וואס עס איז ווערט געלט העלפט אים יו"כ ניט ביידין ער מוז דעם חבר מחילה בעטן אדר ער זאל בצלין דעם חבר דר נאך איז ערשט יו"כ מכפר :

אויך שרייבט דר שולחן ערוך ווען איין מענטש בעט מחילה פון דעם חבר בדארף ער אים מחילה בעטן פר מענטשן אבר אז דר חבר לאזט זיך ניט איבער בעטין מוז ער נאך אמאל גיין מחילה בעטן פון דעם חבר אונ אז דר חבר וויל פארט ניט מוחל זיין אים זאל ער נאך דאס דריטע מאל גיין מיט דריי מענטשן אים מחילה בעטן אונ אז דר חבר וויל פארט ניט מוחל זיין איז ער שוין יוצא אבר ער מוז דר נאך זאגן פר צעהן מענטשן אז ער האט זיין חבר מחילה גבעטן דריי מאל אונ ער האט ניט גיוואלט מוחל זיין אבר ווען איינער האט גזינדיגט קעגן זיין רבי בדארף ער גיין וויפיל מאל אים מחילה בעטן ביז ער איז אים מוחל אויך זאל מען וויסן דעם מענטשן וואס מען בעט פון אים מחילה זאל ער תיכף יענם מוחל זיין אונ ווען דר זעלביגר איז גשטארבן וואס מען בדארף פון אים מחילה בעטין זאל דער זעלביגר וואס בדארף מחילה בעטן זאל ער נעמן צעהן מענטשן אונ זאל גיין אויפן חברס

קבר

קבר און זאל זאגן חטאתי איך האב גיזינדיגט אבינו מלכנו גאט פון ישראל :

דר לבוש שרייבט אטעם פר וואס מען בדארף איינער דעם אנדרין מחילה בעטן אום ערב יו"כ כדי די הערצר פון כל ישראל זאלן גאנץ זיין איינר מיט דעם אנדרן · וועט דר שטן קיין כח ניט האבן מקטרג צו זיין · אזו וויא עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר אז דר שטן זעהט אז קיין עבירות איז ניטא ביי די ישראל אום יום כפור · זאגט דר שטן פר הש"י רבש"ע די ישראל אויף דר ערד זיי זיינן גלייך צו די מלאכים אזו וויא די מלאכים זיינן ריין פון זינד אזו זיינן די ישראל אויך ריין פון זינד · און אזו וויא די מלאכים האבן שלום איינר מיט דעם אנדרן אזו זיינן אויך די ישראל שלום איינר מיט דעם אנדרן · און הש"י הערט דש עדות פון דעם שטן איז ער באלד מוחל אלע עבירות פון ישראל · אבר ווען קיין שלום איז ניט צווישן די ישראל איז דר שטן מקטרג און זאגט רבש"ע זעה וויא דיין פאלק ישראל וואס זיי שטייען און בעטן פר דיר אז דו זאלסט זיי מוחל זיין זייערע עבירות· זיי זיי ניט מוחל ווארום אז איינר איז דעם אנדרן ניט מוחל וואס ער הט נאר גזינדיגט אנטקעגן אים אקליינע זאך איבר דעם בדארף מען זיי אויך ניט מוחל זיין · און דר שטן זאגט רבש"ע דער מענטש איז דאך גישט מער היינט לעבט ער און מארגן שטארבט ער און ער איז אש און ערד ביי זיינם לעבן און מכל שכן נאך זיינם טויט · און וויל זיינם חבר ניט מוחל זיין · און וויא זאלסטו אים מוחל זיין וואס ער האט אנטקעגן דיר גזינדיגט פיל גרוישע זינד וואס מען קאן ניט דר ציילין און דו ביסט דאך אקיניג איבר אלע וועלטן · און דר מענטש וויא פיל יאר ער וועט לעבן קען ער דיר ניט בצאלן אפילו פון איין טאג וואס דו טוסט מיט אים טובות· און ווי אזו ווילסטו אים מוחל זיין · אזו מאכט השם יתברך מיט דעם מענטשין מדה כנגד מדה און איז אים דיא זינד אויך ניט מוחל :

און עש איז פאר האנדין איין טייל נארישע לייט וואס זיי גייען מחילה בעטן צו אזעלכע מענטשין וואס זיי האבין אנטקעגן זיי גאר ניט גזינדיגט · און צו די מענטשין וואס זיי האבן יוא גזינדיגט בעטן זיי גאר קיין מחילה ניט דורך דעם דער וועקין זיי איבר זיך דעם משפט און דר שטן איז מקטרג אויף זייא :

און ווען איינר איז שולדיג דעם חבר געלט און גיט ניט אפ דעם חבר דש געלט דאס גלייבין אז דר חבר האט אים גגעבן בהאלטן אזאך און גיט אים ניט אפ איז יום כפור אים ניט מכפר ביז ער מוז אפ געבן דאס געלט און אז ער האט אבר ניט אפ צו געבן דעם חבר דש געלט בדארף ער אים בעטן אז ער זאל אים מוחל זיין אדר ער זאל מאכן מיט דעם חבר אז ער זאל אים אפ געבן דאס געלט אויף צייטן ווייש און ווער עס טוט ניט איינם פון די צוויי זאכן אזו וויא מיר האבן דא גשריבן איז מען אים ניט מכפר אפילו ער זאל ברייגגן וויא פיל קרבנות אדר ער זאל פאסטן אלע יאר וואס ער לעבט איז מען אים מן השמים ניט מוחל ביז ער מוז די שולד בצאלין · און אטייל שטעט זיינן זיך נוהג די בעלי בתים איי מען הייבט אן זאגן כל נדרי זאגן זיי אזו · רבותי הערט צו און זייט מיר מוחל וואס איך האב גטאן אנקעגן אייך הין מיט מעשים הין מיט ווערטער אבר דאס איז איטל נארשקייט ווארום וואש הערלפט דאס אז דר שונא איז ניט בווילינגט דרויף· ספרי קבלה שרייבן ווער עס ווארפט ניט אוועק פון זיך די שנאה אזו ווערט זיין תפלה פר הש"י ניט אן גינומן אויך שרייבין אונזרע ספרי קבלה ווער עס איז אום דר בארמיג און וויל ייענם ניט מוחל זיין דאס זעלביגש נשמה איז גוויש ניט פון אישראל די נשמה איז בוודאי פון דעם ערב רב און מען גהער זיך פון אזעלכע לייט אפ צו היטן זיך ווארום דאס איז אזעלבעטער סימן אז ער האט קיין גוטע מעשים אין זיך דרום

זאל איטליכר מענטש איינר דעם אנדערן מוחל זיין אזו וויא אונזערע חכמים שרייבן ווער עס איז יענעם מוחל אזו איז אים השי"ת אויך מוחל :

הלכות התרת נדרים

כל הנדרים והאיסורים המבוארים פה שיוכל לבטל אדם אף אם כבר נדר או אסר היינו דוקא בין אדם לעצמו שאסר או שנדר לאכול דבר זה או שלא לאכול או לעשות דבר פלוני כו' אבל מה שאוסרים או נודרים לאיש אחר מדעתו או לרבים מדעתם אינו מועיל שום ביטול והתרה בשום אופן בעולם :

אונ ווייל דר גוטר מנהג איז אין אלע קהילות אז מען מאכט אין דער היילינע צייט התרת נדרים אונ די גימיינע לייט גייען ניט צו התרת נדרים ווייל זיי קענען ניט לייענען קיין עברי אונ האבן מורא זיי זאלן ניט מבוייש ווערן אונ דר גמיינר מאן בדארף נייטיגר גיין צו התרת נדרים ווארום ער איז אגאנץ יאר ניט גווארינט פאר קללות אדר פר נדרים אזו וויא דר למדן דרום האבן מיר דאס גשטעלט אויף טייטש · דהיינו וואס מען זאל זאגן בשעת התרת נדרים אונ וואס די מתירים זאלין זאגין שטייט אויף לשון הקודש :

אזו זאל אן הייבן דער מענטש צו זאגין התרת נדרים :

הערט צו רבותי אלע די נדרים אדר אאיסור אדר אקונם אדר אחרם וואס איך האב אנדר גטאן · עס מעג זיין וואכינדג אדר אין חלום אונ אלע נזירות וואס איך האב אויף מיר גנומן אפילו נזירות פון שמשון · אונ אלערליי איסורים ווען גלייך אאיסור הנאה וואס איך האב אויף מיר אסור גמאכט קיין הנאה צו האבן · אדר איך האב אויף אנדרע לייט אסור גמאכט מיט אלערליי לשון פון אסור אדר חרם אדער קונם · אונ וואס איך האב אויף מיר גנומן סאיי מיט אלשון נדר אדר מיט אלשון נדבה אדר מיט אלשון נזירות אדר איך האב גגעבן מיין האנט דרויף בתקיעת כף · אדער איך האב גהאלטן אזאך פון אמצוה דריי מאל איז דאס אויך גלייך וויא אנדר אונ אלץ וואס פון מיין מויל איז ארויס גגאנגן צו אנדר אדר וואס איך האב אין מיין זינן גינומען אמצוה צו טאן אדר איין הנהגה טובה צו טאן אדר אזו אזאך וואס איך האב זיך נוהג גיוועזין דריי מאל אונ האב ניט גזאגט דאס טוא איך אן אנדר · אונ סאיי וואש איך האב אויף מיר גנומן אונ סאיי וואס איך גדיינק אדער וואס איך האב פר געסן אויף אלעם האב איך רעכט חרטה פון תחילת אן · אונ איך בגער פון אייך אז איר זאלט מיר מתיר זיין · ווארום איך האב מורא טאמר ווערט מיך השי"ת שטראפין אויף דיא גרויסע זינד פון נדרים אדר נזירות אדר חרמות אדר איסור אדר קונמות · אבר איך האב חרטה אויף דעם וואס איך האב אויף מיר גנומן מיט אלשון נדר אדר מיט איין לשון נזירות אדר מיט אלשון חרם אדער מיט אלשון קונם · אדר וואס איך האב אין דר מחשבה אויף מיר גנומן דרויף האב איך חרטה ווייל איך האב ניט גזאגט דש זאל זיין אן איין נדר · דרום בעט איך אייך נאך אמאל אז איר זאלט מיר מתיר זיין · עש מעג זיין געלט זאכן · אדר עס מעג זיין אזעלכע זאכן וואס עס רירט אן דעם גוף · אדר אזעלכע זאכין וואס רירט אן דר נשמה אזו האב איך אויף אלם חרטה :

נוא איר רבותי דר דין איז ווען איינר וויל זיך מתיר נדר זיין בדארף ער דעם נדר ארויש ריידן פר די וואס זיצין אויף התרת נדרים נייערט זייט ווישן אז איך קען די נדרים ניט ארויס ריידן ווארום זיי זיינן זייער פיל · דרום זאל זיין גלייך פר אייך אז איך האב אלע נדרים ארויס גירעט :

דאש ענטפערין אים דיא מתירים :

הכל יהיו מותרים לך הכל מחולים לך הכל שרוים לך אין כאן לא נדר ולא נזירות ולא חרם ולא איסור ולא קונם ולא נידוי ולא שמתא ולא ארור אבל יש כאן מחילה וסליחה וכפרה וכשם שמתירין אנחנו כך יהיו מותרים מבית דין של מעלה :

דער נאך בדארף ער מוסר מודעה זיין פאר די מתירים אונ זאל אזו זאגין :

דא בין איך פר אייך מוסר מודעה אונ איך בין מבטל פון היינט אן אונ ווייטר אלע נדרים אונ נזירות אונ איסורים אונ קונמות אונ חרמות אונ וואס איך האב גינומן אויף מיר אין מחשבה · סיי וואכינדג אדר אין חלום אונ דאס וואס איך וועל מקבל זיין א תענית פר מנחה בין איך דאס ניט מבטל אונ אויב איך וועל פר געסן די מסירת מודעה אונ וועל אנדר אויף זיך נעמן · זאלט איר וויסן אז איך האב פון איצונד אן חרטה אונ געם אוים א תנאי אז עס זאל אלץ זיין בטל ומבוטל עס זאל ניט האבין קיין בשטאנד ווארום איך האב חרטה פון היינט ביז אייביג :

חאטשע איצט איז אלע חרם נדוי שמתא פון דער ממשלה פאר באטין · וכל דיני דמלכותא דינא · אזו זאגט מען נאר דיא תפלה ווייל זיא איז פון אונזערע חכמים גימאכט גיווארין :

דער נאך זאל ער דרש אויך זאגן · אויב איך האב עובר גיוועזן אויף אזו אזאך וואש איך בין שולדג דרויף צו ליידן א חרפה אדר א קללה אדר חרם עס סייא פון דר שכינה אדר פון ב"ד של מעלה עס מעג זיין פון מיר אדער פון פרעמדע עס סייא אויף דר וועלט אדער אויף יענער וועלט וועל איך דרויף תשובה טאן אגאנצע תשובה · אונ איך וועל זיצן אויף דר ערד בארפים וויא איינר איז אין חרם אונ וועל מיך איין וויקלן מיט אש אונ וועל וויינען אונ איך האב חרטה אונ איך וועל זיך מתודה זיין וואס איך האב פר קרימט אונ גמשטייט שחטאתי ושעויתי ושפשעתי אונ האב ווידר גשפעניגט אונ האב מורד גוועזן זינט איך בין גקומן אויף דר וועלט ביז דעם היינטיגן טאג · אונ איך טוא פר גיסין מיין לייב צו בעטן פר געבונג פון השי"ת אונ פון די לייט אונ בעט אייך אז איר זאלט מיך לויז לאזן פון אלע גזירות אונ קללות אונ חרמות וואס איך בין שולדיג אונ בין דר מיט גשטרויכילט ביז דעם היינטיגן טאג :

דער נאך גייט מען אוועק אויף דעם ארט וואו עס איז אן גיבריט צו זיצן אויף דר ערד אונ מען לייגט אש אויף דאס קאפ וואו תפילין של ראש ליגט · אונ בשעת אז ער זיצט אויף דער ערד זאגט מען דאס :

דא בין איך אויף מיר מקבל נזיפה אונ חרפה אונ חרם וואס איך בין שולדיג פון דעם ב"ד של מעלה אויף וויפיל עבירות וואס איך האב גטאן חטאתי עויתי פשעתי איך טרויעריגער פאר שעמטער מענטש וויפיל האב איך גישולדיגט אן דיין הייליגע תורה אונ איך האב גיפעלשט אין דיין יחוד אונ איך האב פוגם גיוועזן אין דיינע ספירות אונ איך האב אפ גבראכן פון דיין הייליקייט אונ דיינע הייליגע ווערטר וואס קומן פון גרוים קדושה אונ איך האב מיט מיינע בייזע מעשים גצויגן די אום פלויט פון די שכנים אונ איך האב מיט מיינע זינד צו פירט דיין מזבח אונ האב פר שוועכט דיין הייליגן ברית אונ איך האב פוגם גוועזן אין גאנצן א"ב וואס גשריבן איז מיט זיבן אונ צוואנציג אותיות אזו בין איך דרויף שולדג חרם פון דעם בית דין של מעלה אדר פון הקב"ה אדר פון דר שכינה דרום טוא איך בעטן אונ האב דרויף חרטה אונ טוא וויינען אונ קלאגן אויף מיינע זינד אונ איך זאג חטאתי עויתי פשעתי אונ וועל שוין אין דעם בייזן וועג ניט גיין · בשעפער פון דר גאנצר וועלט זיי מיר מתיר

שטארקר

שטארקר גאט פון יעקב פר גיב מיר ווארום דו ביסט אקיניג דר וועלט אגוטר אונ איין פר געבר אונ העלף מיר אז איך זאל קענן אויף אלעם תשובה טאן מיטן גאנצן הארצן אונ איך בעט אז דו זאלסט מיר מיין זינד שוין ניט גידיינקען אמן סלה:

דער נאך שטייען אויף די וואס זיינן מתיר נדר אונ זאגין אזוא:

אחינו אתה אחינו אתה אחינו אתה מאחר שקבלת עליך את הדין עמוד מן הארץ ובא אצלנו:

דער נאך שטייט ער אויף פון דר ערד אונ זאגט פאר זיי דאס מיט טרערין:

יהי רצון עס זאל זיין צו ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיין עלטערן · אלע די קללות אונ די נדויים אונ נזופים וויש איך האב גפלוכט מיך אדר מיין ווייב אדר מיין הויז גזינד אדר אימצן אנדרש פון זרע ישראל · אדר ווען אימעצר האט מיך אדר מיין ווייב אדר מיינע קינדער גיפלוכט זאל זיין צו ווילן פאר דיר גאט מיין גאט פון מיינע עלטערין וואש דו האסט באשאפין הימל אונ ערד · אז זיי זאלין אין מיר ניט גוועלטגן אונ זאלין קיין צייכן ניט מאכן · אונ אלע קללות זאלין פאר קערט ווערין צו גוטין · וויא דער פסוק שרייבט אונ גאט האט פאר קערט צוא דיר אלע קללות צוא ברכות ווייל ער האט דיך ליב גאט דיין גאט:

דער נאך ענטפערט מען אים אזוא:

כלם מותרים לך · כולם שרוים לך · כולם מחולים לך · כשם שאנחנו מתירין למטה · כך יהיו מותרים בבית דין של מעלה · ולא יעשו שום רושם כלל · וכל הקללות יתהפכו עלינו לטובה ולברכה כדכתיב ויהפוך יי אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך יי אלהיך:

הלכות יום כפור

מיט כפרות שלאגן זאל מען זיך אזו נוהג זיין צום בעסטן זאל מען פר טאג שלאגן כפרות אונ מיזאל באלד שעכטן די כפרה אבר דר מענטש גהער אין דר מחשבה אזו צו האבן אז ער איז שולדיג ארבע מיתות ב"ד אונ וואס פר א מיתה מען טוט אן דר כפרה די מיתה וואלט בדארפט אויף אים קומן דהיינו דש שעכטן הייסט הרג · אונ אז מען געמט אן די סימנים פון דר כפרה דש הייסט חנק · אונ מיט דעם ווש מען טוט אוווארף די כפרה הייסט דאס סקילה · אונ מיט דעם וואס מען שמיילט אפ די כפרה הייסט דש שריפה אונ אז דר מענטש האט אזו אין זינען איז די כפרה אויף אים מכפר:

אויך איז דר מנהג אום ערב יו"כ גייט מען אויפן בית הקברות אונ מען גיט צדקה אונ מיט דר צדקה לייזט מען אוים די כפרות אונ מיטאר אום ערב יוה"כ ניט פאסטן אפילו אתענית חלום · אויך די מענטשן וואס זיי עסין אגאנץ יאר ניט קיין פלייש נאר אום שבת אונ יום טוב עסין זיי יוא פלייש מעגין זיי אום ערב יוה"כ אויך עסין פלייש אונ טרינקען וויין ווארום דר טאג איז גלייך וויא יו"ט · אונ עס איז איין גרוישע מצוה אז מען זאל זיך גרוישע תענוגים אן טאן אונ גוטע זאכן צו עסן אבר עיו"כ פר נאכט זאל מען גרינגע זאכן עסין · ווארום ווער עס עסט שווערע עסין קען דר מענטש ניט רעכט דאוונן אונ קען קיין רעכט כוונה ניט האבן · דרום ווער עס איז קלוג זאל זיך אפ היטין פון אזעלכע זאכין צו עסין אום ערב יו"כ פר נאכט · כדי ער זאל ניט באדארפן מארגין אום יו"כ פיל צורך האבין ממילא וועט ער קענן גוט דאוונין אויך זאל מען אום ערב יו"כ ביי דר סעודה המפסקת ניט

עסין

עסן קיין שארפע עסן מיט בשמים גיווערט גרינגע עסן ווארג · כדי ער זאל ח"ו ניט פר אום ריינגט ווערין אויך זאל מען ביי דר סעודה המפסקת תורה לערנן · אונ מען זאל ציכטיג עסן · אונ ווער עס איז זיך אזו נוהג איז דאס עסן גלייך וויא ער האט אקרבן מקריב געוועזן :

עש איז אגרויסע מצוה אז איטליכר מענטש זאל זיך טובל זיין אום ערב יו"כ אונ מען זאל די טבילה ניט האלטן פר אקליינע זאך אונ ווער עס קען זיך יוא טובל זיין דר מוז זיך דריי מאל טובלין · אונ ווער עס קען זיך ניט טובלן זאל ער אויף זיך הייסן גיסן פופצעהן קווארט וואשר אונ די פופצעהן קווארט וואסר מוז מען נעמן אין דריי אדר אין פיר כלים אונ גיסן איינס נאבן אנדערן אונ מען זאל זיך אפ שערין איידר מען טוובלט זיך · אפילו איין אבל אין שבעה מעג ער זיך טובל זיין אום ערב יום כפור אבר ווייבר באדארפן זיך ניט טובל זיין · אונ איי מען גייט אין דר מקוה גיהער מען מהרהר בתשובה זיין אונ מען גיהער צו זאגין ווידוי · ווארום די מקוה ריינגט פון אלע עבירות ווען דר מענטש האט אין זינען אז ער וועט די בייזע מעשים שוין אייביג ניט טאן :

כל נדרי גהער מען מיט דעם חזן ווארט ביי ווארט צו זאגן אונ מען גהער שטיין בשעת מען זאגט כל נדרי אויך זאל מען גווארינט זיין מען זאל דעם טלית אן טאן ווען עס איז נאך טאג אונ דאס גלייכן ליכט אן צו צינדן אויך ווען עס איז נאך טאג אונ וויל עס איז אסור אום יום כפור ביי זיין ווייב זיין דרום זאל ער זיך די נאכט אפ היטן פון איר אונ אפילו ניט ריידן מיט איר אויך טאר מען קיין שיך ניט אן טאן אום יו"כ אבר וואו קויט איז מעג מען אין פאנטאפיל גיין ביז אין פאליש אבר ווייטר ניט אבר ווער עס איז אמפונק אונ קען אן שיך ניט גיין מעג ער גיין אין די שיך ביז אין פאליש אפילו עס איז קיין קויט ניט דא ווען דער מענטש טוט זיך אויס די שיך זאל ער וואשין די הענט :

ווען עש קומט ערב יום כפור בין השמשות זאל מען ווידוי זאגן מיטן גאנצן קהל אונ מיט גרויש כוונה · ווען דער חזן זאגט אשמנו · אדר על חטא גהער מען פאמעליך נאך צו זאגן אונ ווען מען זאגט ווידוי זאל מען איין בוקין די גאנצע שדרה :

עש איז אגרויסר תקון אז מען זאל אויס זאגן גאנץ תהלים נאך כל נדרי אבר ווער עס איז מיד אדער מיט דעם וואס ער וועט ניט שלאפן וועט דאס דר ווידר זיין זאל מען צום ווייניגסטן די ערשטע פיר קאפיטלעך תהלים זאגן דש איז אגרויסר תיקון אז מען זאל ניט פר אום ריינגט ווערן מיט בייזע גדאנקן פון זנות · אונ מען זאל זעהן זיך אפ צו היטן פון אום ריינקייט · אויך זאל מען זיך ניט צו דעקן דאס גאנצע לייב כדי ער זאל ניט דר היצט ווערן וועט ער בהיט זיין פון בייזע גדאנקן פון זנות אונ ווער עש שלאפט אין שול די נאכט פון יום כפור זאל ער זיך לייגן אין מערב זייט אדר אין דר ווייבערשע שול · אטייל לייט שטייען אגאנצע נאכט אונ אגאנצן טאג פון יום כפור אבר ווען ער פילט אן זיך אז ער וועט עס ניט קענן אויש שטיין אדר מחמת זיין שטיין וועט ער אנטשלאפן ווערן אונ וועט ניט קענן ערינשט דאוונן · איז בעסר אז מען זאל זיצין וואו מען מעג זיצין כדי ער זאל ערינשט דאוונען :

דער מגיד משנה שרייבט אז ווייבער באדארפן בשום אופן ניט שטיין אגאנצע נאכט אונ איין גאנצין טאג ווארום אז זיי וועלין אפילו יוא שטיין זיינען זיי ניט באהילפיג דער מיט :

אונ וויל דער סוד פון די הונדערט ברכות איז אגרוישע זאך באדארף מען אלע טאג מאכן הונדרט ברכות · דרום גהער מען אכטונג צו געבן אז מען זאל ניט פאר

הערן קיין שום ברכה אונ אויף אלע ברכות זאל מען אמן נאך זאגן · עס מעג זיין די ברכות פון שמונה עשרה אדר די ברכות וואס מען מאכט איבער די ס"ת אדער דיא ברכות וואס מען זאגט פר דר הפטורה אונ נאך דר הפטורה דאס גלייכן אויף אנדרע ברכות זאל מען זעהן צו ענטפערין אמן :

דער או"ח שרייבט ווען איינער איז קראנק אונ דיא רופאים זאגין ער מוז עסין אונ דער קראנקער וויל זיין איין איבעריגער צדיק אונ וויל פאסטין אזוא טאר ער ניט פאסטין :

ווען אליכט איז פר לאשן גוואורן אום יוה"כ טאר מען ניט הייסן איין אין יהודי ער זאל אן צינדן · אפילו וויגקן טאר מען אויך ניט · אונ דש ליכט וואס עס איז פר לאשן גוואורן זאל מען אום מוצאי יו"כ אן צינדן אונ מיזאל ניט פר לעשין דאס ליכט נאר עש זאל אין גאנצין ווערין אויס גברענט · רבי יצחק לוריא שרייבט ווער עס וויינט אונ טרויערט אום יו"כ אויף די צוויי קינדר פון אהרן הכהן הייני נדב ואביהוא וואש זייא זיינן גשטארבן אין בהמ"ק אונ איז מתחרט אויף זיינע עונות דעם זעלביגן מענטשן פר גיבט מען אים די זינד אונ ווערט בהיט אז זיינע קינדר שטארבן ניט פר זיינם לעבן :

דר מהרי"ל שרייבט ווען מען גייט אום מוצאי יו"כ פון דר שול אהיים זאל מען באלד זיך מתעסק זיין מיט דר מצוה פון דר סוכה דר ווייל די תשובה טעג זיינן שוין אויס גגאנגן איבר דעם זאל ער אן הייבן אמצוה צו טאן דש גלייכן זאל מען נעמן די הבדלה ליכט אונ דר צו דאס יום כפור ליכט אונ מען זאל איבר די ביידע ליכט איין הבדלה מאכין חאטשע אום אלע מוצאי יו"ט נעמט מען ניט די הבדלה ליכט :

דיא טעג וואס נאך יום כפור איז זאל מען זעהען קויפין איין לולב אונ אתרוג אונ הדס אונ ערבה :

הלכות תשובה

אלע צייט אז דר מענטש האט חרטה אויף זיינע עבירות אונ טוט רעכט תשובה אזו ווערט זיין תשובה אן גינומן אבער די תשובה איז גשטעלט גוואורן אויף זיבין מעלות איין מעלה איז גרעסער פון דר אנדרע מעלה :

די ערשטע מעלה איז צום בעסטן אזו באלד אז מען האט די עבירה גטאן אונ בדיינקט זיך אונ האט באלד חרטה אונ טוט תשובה איי ער ווערט שטארק איין גיזונקען אין דר עבירה איז דאס גלייך אזו וויא איינר פר גיסט פעטע זאכן אויף זיין קלייד ווען ער נעמט זיך דר צוא אזו ווערט דאס קלייד גרייניגט אונ עס בלייבט קיין צייכין ניט :

די אנדרע מעלה פון תשובה איז ווען עס איז שוין וויפיל טעג אדר יארן אז ער האט די עבירה גטאן אונ בדיינקט זיך דר ווייל ער איז נאך יונג אונ שטארק צו דר תשובה אונ לאזט זיך אין דעם יצר הרע ווייטר ניט פר פירן דאס איז אויך אגוטע תשובה :

די דריטע מעלה איז פון תשובה וואס ער טוט תשובה דר ווייל ער איז נאך יונג אדר די עבירות זיינן אים ניט אזו צו האנדן צו טאן אזו וויא פריער אדר ער שעמט זיך פר לייטן שלעכטס צו טאן אונ דריבר קערט ער אפ פון דעם בייזן וועג איינצג ווייס · אויף דעם זעלביגן זאגט דר פסוק אשרי איש ירא את ה' איז טייטש וואול איז צו דעם וואש ער טוט תשובה דר ווייל ער איז נאך איש איין יוגינט אונ איין שטארקער מאן :

דיא פערטע מעלה איז פון תשובה ער פארכט זיך פר אצרה אדר לייט וועלן עס אים

אויף

אויף וואַרפֿן דרום פֿאַר לאָזט ער דעם בייזן וועג אונ טוט תשובה :

דיא פֿינפֿטע מעלה איז פֿון תשובה ער האָט חרטה ווייל ער זעהט אַז עס איז אויף אים גקומן פֿיל צרות · עס מעג זיין סיא אים אָדר זיינע קינדער איבר דעם טוט ער תשובה פֿון דעסט וועגין אַנטפֿאַנגט הש״י מיט זיין גרויס דר באַרימקייט די תשובה :

די זעקסטע מעלה איז פֿון תשובה ווען ער קומט אויף זיין עלטר אונ ער זעהט אַז ער קאָן דעם יצה״ר ניט גינוגן טאָן ווייל ער איז שלאַף אַזוּ טוט ער תשובה אויף די מעשים רעים וואָש ער האָט גטאָן אין זיין יוגינט · אונ האָט חרטה אונ טוט רעכט תשובה מיטן גאַנצן האַרצן אַזוּ נעמט הש״י די תשובה אויך אָן אויף דעם ווערט גזאָגט דר פּסוק תשב אנוש עד דכא איז דר טייטש ווען דר מענטש טוט תשובה אויף דר עלטר אַז ער קאָן שוין ניט טאָן קיין עבירות מחמת שלאַפֿקייט ווערט זיין תשובה אויך אָן גינומען · דאָס גלייכן שטייט אין דר גמרא קדושין ווען איינר איז גוועזן אַרשע אַלע זיינע טעג אונ אויף דר עלטער טוט ער תשובה גידיינקט מען אים ניט זיינע שלעכטע מעשים אונ זיין תשובה ווערט אָן גינומן פֿר הש״י :

דיא זיבעטע מעלה פֿון תשובה די איז דאָס ערגשטע · וויפֿיל ער האָט גילעבט איז אים ניט גיקומען אין זיין מחשבה קיין שום חרטה אויף זיינע עבירות וואָס ער האָט גיטאָן · נייערט אַז ער זעהט אַז עס קומט די צייט צו שטאַרבן דענסט מאָל קריגט ער ערשט חרטה אויף זיינע בייזע מעשים אונ זאָגט ווידוי מיט גרויס כוונה · אַזוּ נעמט הש״י אָן זיין תשובה מיט גרויס דר באַרימקייט כדי ער זאָל ניט פֿר שטויסן ווערין :

אונ אַזוּ וויא די תשובה איז צו טיילט אויף זיבן מעלות אַזוּ נעמט הש״י אָן איטליכן זיין תשובה נאָך זיין מדריגה נאָך אָבר ווער עס בלייבט ביי זיין בייזהייט אַפֿילו פֿר זיין טויט האָט ער קיין חרטה ניט אונ טוט קיין תשובה ניט אונ שטאַרבט אָן תשובה דר זעלביגער הייסט איין אַפּיקורס ער גלייבט ניט אין דעם יום הדין אונ פֿאַר דאַרבט זיין לייב אונ זיין נשמה דעם זעלביגין איז מען דן אין דעם גיהנם דורי דורות :

אונ צו שטאַרקן די הערצר פֿון די בעלי תשובות כדי זיי זאָלין ניט פֿאַר לאָרין ווערין פֿון תשובה טאָן ווייל זיי גידיינקן אַז זיי האָבן פֿיל עבירות גיטאָן אַלע זייערע טעג וויא אַזוּ זאָל ער קומן פֿר הש״י שעמט ער זיך וויא איין גנב אַזוּ וועט ער זאָגן אונ דורך דעם וועט ער זיך אָפּ לאָזן פֿון תשובה · נייערט די עבירות מעג ער גידיינקן נאָר ער זאָל איבער געמען אין זיינעם זינען אַז הש״י זאָל מיר מוחל זיין די עבירות מיט פֿיל גינאָד אונ באַרים האַרציקייט ער בגערט ניט צו פֿאַר דאַרבן די וועלט אַזוּ וויא עס שטייט אין יחזקאל הנביא הש״י זאָגט איך בגער ניט אַז דער מענטש זאָל שטאַרבן ווער עס איז שולדיג דעם טויט נייערט ער זאָל תשובה טאָן אונ זאָל לעבן דהיינו לעולם הבא :

אויך גהער מען צו וויסן קיינרליי זאַך בשטייט ניט קעגן תשובה האָטשע ער האָט גיטאָן אַזוּ פֿיל עבירות וואָס האָט גאָר קיין צאָל ניט העלפֿט פֿאָרט תשובה נעמט אייך איין משל פֿון מנשה וואָס ער האָט גשטעלט איין דמות אין דעם היכל אונ האָט דאָס גטאָן כדי צו דר צאָרנן הש״י אונ דר נאָך אַז דר מלך אשור האָט אים גפֿאַנגן אונ הט אים גזעצט אויף איין קופּרנעם פֿערד וואָס דאָס איז גיוועזן אינעווייניג הויל אונ האָט אַרין גיטאָן פֿייער אינווייניג כדי ער זאָל פֿר ברענט ווערן אויפֿן פֿערד דענסט מאָל האָט ער אָן גיהויבן שרייען צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן האָבן די מלאכים אויף אים מקטרג גיוועזן אַז הש״י זאָל זיין תשובה ניט מקבל זיין אויף די שלעכטע מעשים וואָס ער האָט גיטאָן אַלע זיינע טעג דר נאָך האָט זיך הש״י איבר אים דר באַרימט אונ האָט זיין תפֿלה אָן גנומן אונ האָט אים פֿון

דעם פייער מציל געוועזן אונ האט אים געשיקט איין מלאך האט אים דער מלאך געבראכט קיין ירושלים · אונ האט דר נאך גרויסע תשובה געטאן איצונד איז ער דר העכסטער אין גן עדן איבער אלע בעלי תשובות :

אויך געהער מען צו וויסן די בעסטע תשובה איז די חרטה אונ ווידוי אונ די חרטה ווערט אנדרש ניט דר קענט נייערט דורך וויינען אז מען וויינט אונ זיפצט מיט איין צוא בראכן הארץ אויף זיינע זינד :

דער רוקח שרייבט ביז צוא נעילה אום יום כפור קען דער יחיד תשובה טאן · אונ זיין תשובה ווערט אן גינומען ווען ער איז אליין :

אין א"ב פון רבי עקיבא שרייבט די בעלי תשובות זיינען ביי הש"י נעהענטער אז די מלאכים ווארום די בעלי תשובה שטייען גאנץ נאהענט בייא דר שכינה אונ ווער עס באצווינגט זיין יצר הרע אלע טאג אונ זאגט ווידוי זאגט אזו הש"י אויף אים ייענער איז מיינער אונ ער איז זוכה צו עולם הזה אונ צוא עולם הבא :

דאס איז דר סדר פון תשובה טאן · צום ערשטן זאל ער ערינשט ווידוי זאגן צו בקענען זיינע מעשים אז ער זאל זיך מצער זיין דרויף אונ זאל וויינן דרויף · אונ זאל זיינע מעשים בזוכין אונ זאל זיי בזכרון האבן וואס ער האט פר קרימט מיט זיינע בייזע מעשים אונ ער זאל זיך שעמן אונ זאל זאגן ווייא איז צו מיר וואס איך האב געטאן אונ האב ווידר געשפעניגט קעגן דעם מלך מלכי המלכים אונ האב עובר געוועזן אויף זיין תורה אונ האב פגימות גמאכט אין מיין נשמה ווס וועל איך טאן ווען מיין צייט וועט קומן צו שטארבן · ווייא ווייא איז מיר אונ ווייא איז צו מיין הארץ ווען איך דר מאן זיך אז איך האב ווידער גאט געטאן אונ ווידר זיין געבאט ער איז היילג אונ ריין אונ איך מענש בין פול מיט אום פליט וויא אפאר שטונקענער הונט · אונ איך זינדיגר מענטש וויא איך האב מיין גוף אונ מיין נשמה פר אום ריינגט מיט גרויסע זינד איצונד האב איך גרויש חרטה דרויף אונ וועל דיא שלעכטע מעשים שוין מער נישט טאן אלע מיינע לעב טאג אונ וועל מיך ווייטער אפ היטן אז איך זאל צו די בייזע מעשים ניט קומן אונ זאל זאגן די ווידוי מיט איין געבוקט קאפ אונ די אויגן זאלן רינען טרערין אונ זאל די שיך אפ טאן פון די פיס אונ זאל זאגן איך טרויער אויף מיינע עונות חטאים ופשעים וואס איך האב גזינדיגט אונ גמיסטייט אונ וואס איך האב קעגן דעם הער פון דר וועלט גזינדיגט יוצרי עושי בוראי ער האט מיר גרויס גוטש געטאן אונ איך האב אים בייז געטאן איצונד שעם איך מיך פר מיר זעלבסט ווייא ווייא איז צו מיר · אונ איצונד וויל איך געבן אונטער טעניג מיין לייב צו דר ערד איצונד זעצט מען זיך אויף דר ערד מיט איין ביטער הארץ אונ זאל שיטן אש אויף זיין קאפ אונ זאל וויינען אויף זיינע זינד אונ דער נאך זאל ער אויף שטיין אונ זאל אזו זאגן נוא איך שטייא אויף אונ בקען מיינע זינד מיט איין געבוקטע קאפ אונ מיט איין צו בראכן הארץ אונ מיט מיינע שלאפע הענט אונ מיט שווערע פיס אונ מיט אנגבוקטע שדרה אונ מיט צוריסענע קליידר אונ מיט צובראכענע גלידער :

אלהינו אונזער גאט אונ גאט פון אונזערע עלטרן עס זאל קומן פר דיר מיין געבעט אונ דו זאלסט ניט פאר הוילין פון מיין געבעט · איך בין ניט אעזות פנים אונ הארט נאקן צו זאגן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטרין אלס איך בין איין צדיק אונ האב ניט גזינדיגט דען פאר וואר איך האב יוא גזינדיגט :

אשמתי איך האב גשולדיגט בגדתי איך האב גפעלשט גזלתי איך האב גרויבט דברתי דופי איך האב גרעט לעסטערקייט העויתי איך האב פר קרימט והרשעתי איך האב שלעכט געטאן

זדתי איך האב גמוטוויליגט חמסתי איך האב מיט גוואלד ביי יענם איין זאך גקויפט אונ יענר האט קיין לוסט גיהאט צו פר קויפן טפלתי שקר איך האב מיך בהעפט צו פאלשקייט יעצתי רע איך האב יענם ביז גראטין ווען איינער האט מיך איין עצה גפרעגט כזבתי איך האב ליגין גיזאגט לצתי איך האב גישפעט מרדתי איך האב ווידר גשפעניגט נאצתי איך האב דר צארינט סררתי איך האב אפ גקערט פון דעם גוטן וועג עויתי איך האב גזינדיגט מיט פר קרימענש פשעתי איך האב גימסטייט צררתי איך האב יענעם בליידיגט קשיתי עורף איך האב גיהארט מיין אקן רשעתי איך האב איביל גיטאן שחתתי איך האב פר דארבן תעבתי איך האב פר ווירדיגט תעיתי איך האב גיאירט תעתעתי איך האב איין אנדרן פר אירט סרתי איך האב פר קערט פון דיינע

גיבאט אונ פון דיינע גיריכט דיא גוטע אונ האב זייא ניט גיאכט :

ואתה צדיק אונ דו ביסט גרעכט אויף אלעם וואס עס איז אויף מיר גקומן דען דוא טוסט

אלין ווארהפטיג אונ איך האב אלין פר שולדיגט · וואס זאל איך פאר דיר זאגין וואס דו זיצט אין העכסטן הימיל · אונ וואס זאל איך דער ציילין פר דיר וואש דוא רואעסט אין אלע הימלן · פר וואר אלע פר בארגנע זאכן אונ קלארע זאכן ווייסטו אלטין וואול :

דען דוא ווייסט וואול אלע סודות פון דר גאנצער וועלט אונ די פר הוהלינע אונ פאר

בארגינע זאכן פון אלע לעבדיגע · דען דו זוכשט אלע קאמערן פון דעם לייב אונ פרובסט אלע גידאנקען פון דאס הארץ אונ קיין שום זאך איז ניט פר הוילן פון פאר

דיר אונ עש איז ניט פאר בארגין קיין שום זאך פון דיינע אויגין :

אנא איך בעט דיך גאט דו האסט מיך בשאפן אונ האסט מיך גשפייזט ביז דעם היינטיגין

טאג · אונ איך האב דיך מיט איין נארעשקייט דר צארינט אלע טאג מיט מיינע בייזע מעשים אונ האב וויא פיל מאל גזינדיגט מיט פיל עבירות אויף דר וועלט אונ איצונד באקן איך מיינע זינד אונ וויל זיי פר לאזן אונ איך וועל זיי שוין מער ניט טאן אונ האב חרטה דרויף אונ איך בעט דיך גאט דר בארים דיך איבר מיר אונ פר גיב מיר מיינע זינד אזו וויא עס שטייט אין פסוק ווער עס בקענט אונ פר לאזט זיינע מעשים רעים דר ווערט דר בארימט · אונ איצונד נעם איך אויף מיר אז איך וועל זיך דער ווייטערן פון דעם שלעכטין וועג :

אנא איך בעט דיך פאטר דר בארמיגר דא טוא איך מיין הארץ צו רייסן מיט זיפצן · אונ

אין פר בארגניש טוט מיין לייב וויינן · אונ איך בעט אום דר ברימקייט אונ גינאד וויא איין ארום מאן טוט בעטן אויף דעם טיר אז מען זאל אים העלפן אזו זאלסטו מיר העלפן אז איך זאל קענן רעכט תשובה טאן · פאטר קיניג טוא עס פון דעני גרויסן גיאכפרטן נאמן וועגן דו ביסט שטארק אונ פארכצום נוא פון איצונד אן וועל איך צווינגן דעם יצר הרע · עס זאל זיין צו ווילן פר דיר גאט דר בארמיגר אונ לייט זעליגער דר וואס בגערט תשובה עס זאל ווערן פר קערט מיינע זדונות צו זכיות אונ דר בייזר מלאך זאל ניט ווערן · אז דר פסוק שרייבט גאט איז גוט אונ רעכט פארטיג דרום ווייזט ער די זינדיגר דעם גוטן וועג ליבר גאט דיינם וועג לאז מיך ווישן אין דיינע שטעגן זאלסטו מיך לערנן ווארום איך טוא דיך אן רופן מיטן גאנצן הארצן ענטפר מיר גאט דען דיינע גזעץ וועל איך היטן · עס זאל זיין צו ווילן פר דיר די זאג פון מיין מויל אונ די גידאנקן פון מיין הארץ גאט מיין גאט דו ביסט מיין בשעפר אונ מיין דר לייזר :

אין ספר דבר שבקדושה שטייט אזו איי מען זאגט ווידוי זאל מען צום ערשטין דאש

זאגן · הריני איך בין מוחל צו דעם ווער עס האט מיך דר צארינגט עס מעג זיין מיט ווילן אדר אן ווילן אדר מיט הערן אדר מיט זעהן אדער מיט דבור אדר מיט מחשבה אלץ וואס דאס מויל קאן ריידן אדער וואס דאס הארץ קאן גידיינקען כדי אז קיין שום

מענטש זאל ניט גישטראפט ווערין דורך מיר ניט אויף דעם הימיל אונ ניט אויף דער ערד ניט אויף דער וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט :

רבונו של עולם איך וויים גיוויש אז פון אונזערע זינד איז ירושלים חרוב גיווארן אונ דיין שכינה איז פון דעם הייליגן ארט גרירט גיווארן אונ דו האסט דאך גיזאגט ווער עס פר לאזט זיינע עבירות דר ווערט דער בארימט דרום זאל זיין צו ווילן פאר דיר מיין גיבעט :

אונ מען זאגט אלהינו אונ אשמתי ביז אנא דאש האבן מיר גישטעלט פריער :

אונ ווען מען האט שוין גיזאגט דיא ווידוים דער נאך זאגט מען דאש :

יהי רצון עס זאל זיין צו ווילן פאר דיר גאט מיין גאט אז דוא זאלסט מיר פר געבין אלע מיינע זינד אונ פאר קרימענים אונ מיסטייט :

על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט עסן אונ מיט טרינקן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט אלין איך האב דאס בענטשין ניט גיאכט : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט פאר דיר אונ האב גאוה גיטריבן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט דעם ווארט נדר : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט בייזע גידאנקען פון עבירות : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט איין זאמלן צו מחלוקת : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט זנות : על חטא אויף דיא זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט דעם וואס איך האב עובר גיוועזן אויף חרם : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גזינדיגט מיט טריפות : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט טרינקן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט דאש וואש איך האב ניט גיאכט דעם כבוד פון תלמידי חכמים :

על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט רכילות ולה"ר : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט דאס וואס איך האב קיין מעשר ניט גגעבן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט וואס איך האב מיך ניט רעכט גיוואשן צום עסן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט אין פר בארגניש : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט עושר דאס הייסט איך האב יענם גזילות גיטאן : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט וואס איך האב ניט מדקדק גוועזן מיט ציצית ותפילין : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט אונ האב ניט מקדש השם גוועזן : על חטא אויף די זינד וואש איך האב גיזינדיגט מיט רוגז דאש הייסט איך האב גיצארינט : על חטא אויף די זינד וואס איך האב גיזינדיגט מיט שקרים דאס הייסט איך האב ליגן גיזאגט :

על חטא אויף די זינד וואס איך האב עובר גיוועזן אויף תורת משה אונ האב עובר גיוועזן אויף מצות עשה אונ אויף מצות לא תעשה דאס איך בין חייב כרת אונ ארבע מיתות ב"ד איך האב עובר גוועזן אויף תורה שבכתב אונ אויף תורה שבעל פה אונ דיין הייליגן גיאכפרטן נאמען האב איך גלייקינט אין דיין קיניגרייך אונ דיין פארכט האב איך ניט גיאכט · אונ דו גאט ביסט גרעכט אויף אלעם וואס דו האסט אויף מיר גיבראכט אונ דוא ביסט ווארהאפטיג אונ איך האב גימיסטייט :

אין ספר חסידים שטייט ווען איינר האט גיפאסט זאל ער דאס זאגן צו מנחה מיט גיוויין :

עס זאל אויס לעשן מיינע טרערן דיין גרים צארן פון מיר · אונ מיין הארץ וואש איז צו גאנגען וויא איין וואסער זאל עס אויס לעשן די קוילין וואס איך האב אן גיצונדן מיט מיינע עבירות אונ מיין אפ קערן וואס איך האב ווידר גקערט מיט מיין תשובה זאל מאכן ווידר קערן דיין צארן פון מיר אונ מיין פאסטן זאל דיך מאכן דר פילין

אויף

אויף מיר מיט גרויס דר בארימקייט אונ מיין טיש וואס איך האב היינט ניט אן גנרייט זאל פר דיר זיין אזו וויא איין מזבח אונ דעם טאפ וואס איך האב היינט ניט גשטעלט צום פייער זאל פר דיר גירעכינט זיין וויא דס פייער פון דעם מזבח אונ מיין גפעס וואס איך האב היינט ניט אן גירוכט זאל פר דיר גירעכינט זיין אלס וויא איין מנחה · אונ דאס מינערונג פון מיין בלוט אונ מיין חלב זאל פר דיר גירעכינט זיין גליך אז איך האב גשפריינגט בלוט אויפן מזבח אונ גליך אז איך האב דס חלב גידעמפט אויפן מזבח :

אונ די טרערן פון מיינע אויגן זאל זיין גליך ביי השי"ת אז איך וואלט גגאסן אלטן ויין אויפן מזבח · אונ דעם קול פון מיין ויינען זאל גרעכינט ווערן פר השי"ת גליך וויא די לוים האבן גזונגן אין בהמ"ק אונ דס פינצטרניש פון מיינע אויגן פון דעם פאסטן אונ פון ויינען זאל גירעכינט זיין פר השי"ת גליך וויא איך האב ליכט אן גיצונדין אין ליכטן בהמ"ק אונ דאש ריח פון מיין מויל פון פאסטן זאל גרעכינט ווערן גליך וויא דאש ריח פון קטורת אונ דס שלאפקייט פון מיינע גלידר זאל גרעכינט זיין גליך וויא מען האט צו שניטן די גלידר פון דעם קרבן אונ דס וואס מיין הארץ איז צו בראכן זאל גרעכינט זיין אז די שטיינר פון מזבח אונ דס פר ענדרונג פון מיינע קליידר זאל גרעכינט זיין אז די קליידר פון כ"ג · אונ דאס מינערונג פון וואשן זאל גירעכינט ווערן אז די כהנים האבן זיך גיוואשן פון האנט פאס אונ וויא מיין הארץ איז צו ריסן אין מיר אזו זאל צו ריסן ווערן דס בוך וואס מיינע זינד זיינן דרינן גשריבן אונ דס וואס מיין מויל איז אפן צו תפלה אזו זאל פר שטאפט ווערן די מיילר פון די מקטרגים אונ דס שלאפקייט פון מיינם הארץ איבר דעם זאל דר פרייט ווערן די הערצר וואס באגערן גנאד אונ פון וועגן וואס מיין לייב איז פר דארט פון תענוגים איבר דעם זאל איך ניט לער פון דיר ווידר קערן אונ עס זאל דר פילט ווערן מיין טרייסט אונ מיין גיבעט אונ מיין ווידער קערן מיט תשובה זאל דיך רבש"ע מאכן צו מיר ווידר קערן אונ באווילינן מיך ווארום איך האב מיך בדיינקט אויף מיינע בייזע מעשים וואס איך האב אלע מיינע טעג גטאן סייא מיט ווילן אונ סייא אן ווילן אונ דו גאט זעהסט אונ ווייסט פון אלעם אונ פרובסט אלע גדאנקן פון די נירן וואס זיי טראכטן אונ דו גאט ווייסט מיינע גדאנקן וואס איך האב איצונד מיר פיר גינומען זאלן אימער זיין פר דיר גאט אונ פאר דיין טויער · אונ עש זאל זיין דיין ווילין צוא גוטין אויף מיר אמן סלה :

אונ מען גהער צו וויסן וויא מען זאל די תשובה כסדר טאן איינש נאכן אנדרן · דהיינו ווען איינר האט פון זיין חבר גגנבת אדער גיגזלת אזו מוז ער ייענם צום ערשטן די גניבה אדער די גזילה אפ געבן אונ דר נאך תשובה תפלה צדקה תענית טאן אונ מען מוז צום ערשטן חרטה האבן אויף דעם וואס ער האט גטאן אונ זיך מיהע געבן אלע עונות קענין מענטשן ווידער גוט צו מאכין · אונ דער נאך תשובה טאן אונ זאל תורה לערנן ווארום דר עיקר תשובה איז גוט צו מאכן די עבירות אונ תורה לערנען ווארום די תורה ווערט גרופן אור איז טייטש ליכט די תורה מאכט ליכטיג דעם מענטשן זיינע אויגן ער זאל זיין גוט אונ פרום אז ער זאל תשובה טאן כדי זיינע זינד זאלין אים פר געבן ווערן דר נאך ווען מען וויל תשובה טאן מוז מען צום ערשטן חרטה האבן אויף זיינע עבירות אונ תשובה דרויף טאן אונ דער נאך תורה לערנען :

אונ

אונ אזו שטייט אין זוהר בשיידליך אז דר מענטש איז איין גריכט מיט עבירות נעמט מען זיין תורה ניט אן פר הש"י ווארום עס שטייט אין פסוק כל אשר בו מום לא יקרב דס איז טייטש אלדינג וואס האט אין זיך איין מום טאר מען ניט מקריב זיין · אונ דר מענטש שטינקט פון זיינע עבירות ווארום די עבירות ווערן אן גרופן אומריינקייט · נוא וויא וויל דר מענטש זיך גנעהנן צוא הש"י דען הש"י ווערט זיך פון אים אפ קערין דרויף האבן אונזרע חכמים גזאגט וואול איז דעם מענטשן וואס ער לערינט תורה אונ טוט אן נחת רוח צו זיין בשעפר דהיינו ווען ער איז ריין פון עבירות אזו איז זיך הש"י מיט אים משמח אונ מיט זיין תורה ווארום דס איז די ערשטע מעלה אז די תורה וואס ער לערינט זאל פר הש"י אן גנומן זיין · אבר ווער עס איז פול מיט עבירות איז זיין תורה קיין נחת רוח פר הש"י ווארום מיט זיין תורה ציהט ער דיא שנאה אויף זיך :

נעמט אייך איין משל דר צו אזו אויף איין ארט וואו עס איז אומרייניקייט אדר וואו עס איז איין סירחון טאר מען ניט זאגין קיין קדושה אונ אויך ניט אין דער מחשבה האבין · ממילא וויא קען ער תורה לערנען וויל ער איז נאך אום ריין פון עבירות די אלע קדושות לויפן פון אים אוועק וויא דר פסוק שרייבט אם רחץ ה' את צואת בני ציון דאס איז טייטש אז הש"י ווערט אפ וואשן די אומרייניקייט פון ציון דס מיינט דר פסוק די עבירות · דרום קאן מען ניט אנדערש קומן צו תורה לערנען ביירט מען מוז צום ערשטן תשובה טאן כסדר אזו וויא מיר האבן גישריבן · אונ דער עיקר תשובה איז אזו · אז מען זאל איטליכע מצוה טאן גישווינדער איידער פריער :

אויך גהער מען צו וויסן ווען איינר מאכט איין פגם אין זיין נשמה מיט די עבירות וואס ער האט גטאן אונ שטארבט אן תשובה מוז די נשמה קומן אין דעם גיהנם אריין אונ איז אזו לאנג אין דעם גיהנם ביז די נשמה ווערט ריין פון אלע פלעקן וואס זיא האט גיטאן ביין לעבן אבר ווער עס האט פאר ריכט זיינע מעשים בייא זיין לעבין דהיינו ווען איינר האט גיזינדיגט מיט זיין מויל אונ האט גרעט לה"ר אדר ניבול פה אדער מסירות זאל ער מיט זיין מויל תורה לערנען אונ ערינסט תפלה טאן :

אונ ווען איינר האט גיזינדיגט מיט זיינע אויגין זאל ער דער נאך זיינע אויגין אונטער שלאגן · אונ ווען איינר האט לייטן אראפ גיפירט פון דעם גוטן וועג זאל ער זעהן אז ער זאל שוין פירן די לייטן אין גוטן וועג דהיינו ער זאל אכטונג געבין אז זיי זאלין מדקדק במצות זיין אונ זאלן תשובה טאן · אונ ווען איינר האט זיך הויך גהאלטן אונ האט גאוה גטריבן מיט זיין עשירות זאל ער זיך דר נאך בהעפטן צו ארימע לייט · אונ ווען איינר האט גיזינדיגט מיט זיין געלט זאל ער דר פאר צדקה געבן אונ גומל חסד זיין מיט די לייט · דרויף האבן אונזרע חכמים גזאגט די תשובה איז איין פנציר פר די פורעניות דהיינו ווען ער פר ריכט זיינע גלידר אויף דר וועלט ביי זיינעם לעבן בדארף ער שוין ניט קומען אין גיהנם אריין צו פאר ריכטין זיינע גלידער :

אונ פיל ספרים שרייבן ובפרט דער רוקח דאס די תשובה מוז זיין אויף דער גיוויכט כלומר אזוא איז דר פשט אזו איין הנאה וואס ער האט גהאט פון דר עבירה אזו מוז ער זיך פייניגן דהיינו ער האט זנות גיטריבן מוז ער פאסטן פיר אונ אכציג טאג · אונ ווער עס איז גיוועזן ביי איין אשת איש מוז ער פאסטן צוויי הונדרט אונ זעכצעהן טעג · אונ ווער עס האט זנות גיטריבן מוז ער פאסטן פערציג טעג · אונ איין טייל זאגן ער מוז פאסטן ניין אונ

זעכציג טעג: אונ ווען איינר איז גוועזן ביי זיין ווייב אין דר נדה מוז ער פאסטן ניין אונ זעכציג טעג׳ אונ ווען איינר האט פאלש גישווארן׳ מוז ער מודה זיין דאס ער האט פאלש גישווארן אדער ער האט עובר חרם גיוועזן מוז ער פאסטן זעקס אונ דרייסיג טעג:

אונ ווער עס האט גירעט אין שול דברים בטלים אפילו ניט אין דר שמונה עשרה בשעת דר חזן האט גיזאגט מוז ער פאסטן פערציג טעג אונ דער נאך זאל ער שטיין אין שול באימה וביראה אונ זאל זיין תפלה מיט גרוים כוונה טאן:

אונ ווער עס רעט רכילות אדר לשון הרע מוז ער צום ווייניגסטן פאסטן פערציג טאג׳ אונ ווער עס איז איין שפעטער מוז ער צום ווייניגסטן פאסטן הונדרט אונ צוואנציג טעג׳ אונ ווער עס האט גירעט נבול פה בדארף ער איין האלב יאר פאסטן מאנטיג אונ דאנרשטיג׳ אונ ווער עס איז מבזה דעם פאטר אדער די מוטער אדר ער פלוכט זייא מוז ער פאסטן זעכציג טעג אונ זאל זיך לאזין מלקות שלאגן׳ אונ ווער עס איז מבייש זיין חבר פר לייט זאל ער פאסטן פערציג טאג׳ אונ ווער עס גיט זיין חבר איין צו נאמען זאל ער פאסטן דרייסיג טעג׳ אונ ווער עס עסט נבילות אדער טריפות בדארף ער פאסטן איין אונ ניינציג טאג׳ אונ ווער עס לאזט זיך אפ גאלן דיא פאות פון דעם קאפ זאל ער פאסטן זעקס אונ אכציג טעג׳ אונ ווער עס גייט אין שעטנז זאל ער פאסטן הונדערט אונ איין טאג:

אונ ווער עס איז מחלל השם דאס הייסט ער טוט עבירות פר לייט אונ אנדרע לייט לערנען זיך פון אים אפ אונ טוען אויך די מעשים׳ ווען ער איז מבזה איין מצוה פאר איין א״י דהיינו ער איז מחלל שבת אדר ער שטיפט איין חוצפה אין דר שול אונ דער א״י שטייט אונ לאכט אונ איז מבזה אונזר אמונה זייער שטארק דס איז איין גרויסע עבירה דס מיר קענן קיין תשובה דרויף גיפינן אזו זאל ער צום ווייניגסטן אויף זיך נעמן אז ער זאל אזעלכע עבירות שוין ניט טאן אונ זאל זאגן פר פיל לייט חטאתי עויתי ופשעתי איך האב מחלל השם גוועזן אונ זאל פאסטן וויפל טעג אונ זאל תמיד וויינען אונ זאל בעטן צוא השי״ת אז ער זאל אים מוחל זיין:

אונ ווען איינער האט מסיג גבול גיוועזן דעם חבר דעם העלפט קיין תשובה ניט ביז ער מוז אום קערין דעם חבר זיין שאדין אדער ווען ער האט דעם חבר עפים אויש גיקויפט העלפט אויך אים קיין תשובה ניט ביז ער מוז צום ערשטין זיין חבר אום קערין וויפיל ער האט גיקענט פאר דינען אן דעם:

אונ ווען איינער האט גינומען ריבית דער שטייט ניט אויף קיין תחית המתים מוז ער צום ווייניגסטן פאסטן אגאנצין יאר אונ זאל ווידוי זאגין׳ אונ אז ער ווייסט פון וועמען ער האט גינומען ריבית זאל ער אפ געבן׳ אונ אז דר דאזיגער איז גישטארבן וואס ער האט ביי אים גינומען ריבית זאל ער אום קערן צו זיינע יורשים אבער אז ער ווייס ניט פון וועמען ער האט גינומען רווחים זאל ער אנטלייען צו ארעמע לייט געלט אן רווחים אונ זאל פיל צדקה געבן אונ אויף זיך נעמן אז ער זאל ווייטער קיין רווחים ניט נעמען:

אונ ווען איינר איז אום שבת גיגאנגן חוץ לתחום מוז ער פאסטן זיבן וואכן דהיינו עס זאל אן טרעפן פערצג טעג׳ עס שטייט אין ספר שבולי הלקט צוויי ברידר זיינען אמאל גיקומן צו גיין פון וועג אום פרייטאג צו נאכט אז מען איז שוין גיגאנגן פון שול האט מען זיי קיין שלום עליכם ניט גיגעבין׳ אום זונטאג האט מען אויף זיי גוזר גוועזן אז זיי זאלין פאסטין מאנטיג אונ דאנרשטג אונ ווידר מאנטג דר נאך האבין זיי זיך אוים גילייזט מיט צדקה:

אונ דאס זיינן די קליינע אונ די גמיינע עבירות וואס מענטשן האלטן דש פר נישט מוז מען אזעלכע תשובות דרויף טאן אונ מכ"ש ווער עס טוט גאנץ גרוישע עבירות מוז מען גיין צום רב אז דר רב זאל זיי ארויש געבין א תשובה · דר רבינו יונה שרייבט עס זאל הארב זיין די גרינגע עבירות אין די אויגין פון מענטשין אין פיר ערליי זאכין :

דאס ערשטע איז מען זאל ניט זעהען דיא קלייניקייט פון דער עבירה גייערט מען זאל גידיינקען דיא ווארנונג וואס אונזערע ספרים פאר ווארנען :

דאס אנדערע איז דער יצר הרע האט גיכר זיין מאכט דעם מענטשן אן צוא ריידין אז ער זאל עבירות טאן וואס דיא מענטשן האלטן פאר גרינג אונ קליין אונ טוען איינציג ווייס ביז זייא קומען צוא אנאנדר ווערין זיי פיל דר נאך קומט דר פר אזו איין עונש וויא אויף איין גרויסע עבירה דאס איז גלייך אז איין פאדים איז שלאף אז מען נעמט אבר צוויי אדר דריי פעדים צו אנאנדר ווערט עס שוין שטארק אזו זייגען די קליינע עבירות אויך :

דאס דריטע איז ווען דר מענטש ווערט שוין גוואוינט מיט דר עבירה ווערט שוין ביי אים גלייך וויא איין היתר אונ דר נאך טוט ער שוין עבירות אונ היט זיך שוין גאר ניט דר פון :

דאס פערטע איז ווען דר יצר הרע רעט אים איבער צו איין קליינע עבירה דער נאך רעט ער אים איבער צוא איין גרויסע עבירה · אויך אויף דעם האבין אונזערע חכמים גיזאגט איין עבירה ברייגנט די אנדערע עבירה :

דר ראשית חכמה שרייבט ווער עס וויל אין איין מאל תשובה טאן אויף אלע עבירות וואס מען איז דרויף שולדיג ארבע מיתות ב"ד האטשי עס איז בעסר אז מען זאל אויף איטליכם עבירה זיין תשובה טאן · פון דעסט וועגין אז ער וויל אין איין מאל תשובה טאן אויף אלע עבירות איז אויך גוט דהיינו ער זאל אזו טאן ער זאל פאסטן צוויי הונדרט טעג נאך אננדר אונ זאל זאגן אלע טאג די פרשה פון דער עקידה אונ זאל זיך אין זיין מחשבה נעמען גלייך וויא ער איז אליין גבונדין אויפן מזבח אונ מען וואלט אים מקריב זיין :

אונ ווען ער האט גטאן עבירות מיט מוטוויליקייט אונ האט דעם יצר הרע אויף זיך גצויגן איז איין תקנה צו פאסטן הונדערט הפסקות אונ איטליכע הפסקה זאל זיין צווייא טעג אונ צווייא נעכט :

דער נביא האט גזאגט נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה אל יי איז טייטש לאמיר זוכן אונזערע וועגן אונ לאזן מיר פארשטן אונ לאזן מיר תשובה טאן צו גאט · דאס האבן אונזערע חכמים גגליכן צו איין חולה דר חולה מוז וויסן וואס זיין קראנקהייט איז אונ מוז נאך פרעגין נאך רפואות אונ מוז דר ציילן דעם רופא וואס זיין קראנקייט איז כדי דר רופא זאל וויסין וואס פר איין רפואה ער זאל אים טאן · אבר ווען דר חולה ווערט ווען זאגן איך פאר לאז מיך אויף גאט ער ווערט מיר העלפן אן רפואות · רעט דר חולה גאר אן פר שטאנד ווארום דר מענטש באדארף אלש טאן נאך זיין נאטור נאך וואס מיגליך איז · אזו וויא דש פערד איז אן גברייט צו דר מלחמה אונ צו גאט איז די הילף · אזו אויך דר חולה ווען ער זוכט נאך רפואות אזו שיקט אים הש"י צו איין גוטן רופא מיט גוטע רפואות · אזו איז אויך ווען ער איז איין חולה אין זיין נשמה מחמת זיינע זינד מוז ער זוכן רפואות דהיינו נאך תשובה ובפרט עס איז פר האנדן פיל ספרים פון תשובה דרום געהער מען צו זוכן אין ספרים וויא אזו מען זאל תשובה טאן וואש ער זאל יוא טאן אונ וואס ער זאל ניט טאן · אויב ער זאל טאן תשובת המשקל דהיינו ער מוז זיך משער זיין וויא גרויס ער האט איין הנאה גהאט פון דר עבירה אזו פיל מוז ער זיך פייניגן זיין לייב אונ זיין הארץ אונטר טעניגן אונ מוז זיך אליין שפל האלטן

וויא דר פסוק זאגט שעבטונג און איין צו בראכן געמיט און איין צו שטויסן הארץ טוט גאט ניט פאר שעמן · און עס איז גלייך בייא השי"ת אז ער האט מקריב גוועזן אלע קרבנות :

דר ספר מים חיים שרייבט ווען איינר האט גרויסע זינד געטאן און זיין הארץ ווערט אים דר וועקט צו גוטן און וויל זיך בשיצן אונטר די פליגל פון דר שכינה און וויל תשובה טאן · זאל ער צום ערשטן פון זיך אוועק ווארפן אלע עבירות און זאל זיך אין זינען נעמען גלייך וויא ער איז איצונד בשאפן גווארן און האט נאך קיין עבירות און קיין מצות ניט געטאן · און זאל וועגן זיין וועג און שטעג אז ער זאל קומן אין גוטן וועג דר מיט וועט ער קומן צו איין רעכטע תשובה · און זאל זיך אין זין נעמן גאט רעכט צו דינן · און זאל זאגן אנא השם אזו וויא עס שטייט אין דר גרויסר ווידוי · און זאל זיך ווייטר אפ היטן פון אלערליי עבירות און אלע אין דר פריא ווען ער שטייט אויף זאל ער זיינע מעשים בטראכטן · און אז ער גפינט אזו איין זאך וואס ער האט ניט רעכט געטאן זאל ער באלד ווידוי זאגן דרויף און דורך דעם ווידוי וועט ער דר ווייטערט ווערן פון אלע זינד · און ווען ער טוט ח"ו איין עבירה נאך דר ווידוי איז גלייך וויא איינר איז זיך טובל און האלט איין שרץ אין דר האנט איז ער נאך מער זיך מטמא · ממילא וואס העלפט אים זיין ווידוי זאגן אדר זיין תשובה · נייערט ער מוז זיך שטארקן וויא איין לייב צו טאן דעם ווילן פון השי"ת און זאל זיך אפ היטן אפילו פר די גרינגסטע עבירה און זאל זיך אלע מאל בטראכטן וואס ער טוט דהיינו ווען עס קומט די צייט פון עסן און האט זיך בטראכט אז ער האט ניט געטאן קיין שום עבירה זאל ער אפ געבן איין שבח צו השי"ת און דאנקן אים דר פר וואס ער האט אים אפ גהיט פון איין עבירה · דם גלייכן ווען ער גייט שלאפן זאל ער אויך אזו טאן · דם גלייכן אלי חודש און אלי יאר ביז ער וועט אזו גוואונט ווערן :

און השי"ת וועט אויך זיין אין זיין הילף אז ער זאל קיין שום עבירה ניט טאן · און די עבירות וואס ער האט שוין פון לאנג וועט אים השי"ת רעכנען פר זכיות דהיינו ער מוז תפלה טאן צו השי"ת אז השי"ת זאל זיינע עבירות אפ מעקין פון דעם ספר הזכרונות דאס גייט נאר אן בייא די מעשים וואס דר מענטש האט גיטאן אזעלכע מעשים וואס גיהער נאר צוא השי"ת · אבער אזעלכע מעשים וואס גיהער צום חבר דהיינו ער האט בזינדיגט קעגין זיין חבר הין מיט געלד זאכין אדער מיט בזיונות אדר אנדערע זאכין העלפט אנדערש ניט די תשובה ביז ער מוז דעם חבר איבער בעטן אדער דאס געלט דעם חבר אום קערין און דער נאך העלפט ערשט די תשובה :

און ווען איינר קען ניט פיל פאסטן דהיינו ער איז איין שלאפר מענטש · איז אזו דער דין ער זאל זיך פר מיידן פון אלע תענוגים הין פון עסן הין פון טרינקן · אזו אויך האט איינר פון די חסידי עולם גזאגט מען זאל זיך פאר מיידן מען זאל ניט פיל עסן און ניט פיל טרינקן דהיינו ווען דם איז גוט און עסט און וויל נאך עסן זאל ער זיך פר מיידן פון דעם עסן לכבוד השי"ת און דאס איז בעסר איידר ער פאסט איין מאל אין דר וואך ווארום ער קאן גאט דינען און קאן לערנן אויב ער איז איין למדן אבר דאס גיהער דר למדן צו טאן ווען ער פלעגט לערנן איין בלאט זאל ער לערנן צוויי בלעטר · ווארום דאש לערנן ברענגט דעם מענטשן צו גוטע מעשים · און אויב ער איז ניט קיין למדן זאל ער לייענען טייטש ספרים וואש דרינן שטייט פון יראה און פון מוסר און אויב ער איז א האנדילש מאן און הט ניט צייט צו לערנן זאל ער מיט זיין געלט העלפן לומדים און עניים · און זאל קויפן פאר זיין געלט ספרים און זאל די ארעמע לומדים אוועק לייען אדר ער זאל זיי אוועק שיינקן אז זיי זאלן לערנן פון זיינט וועגן אלע טאג · אויב עס איז מיגליך אז דער האנדילש מאן

זאל

זאל גיין צום למדן אלע טאג אונ זאל צו הערין איין שיעור איז צום בעסטן · אונ זאל זיין ליב איבר ענטפערן צו בצווינגן דעם יצר הרע אונ צו לערנן תורה אונ צו טאן מצות אונ זאל זיינע זאכן ניט מאכן אמאל יוא אונ אמאל ניט נייערט ער זאל מאכן איין געזעצטע זאך אז דאס זאל שוין אזו זיין · אונ זאל קיין שום מצוה ניט אוועק לאזן אונ זאל זיך ניט שעמן צו טאן מצות אונ מעשים טובים פר לייטן אונ ווער עס וועט זיך אזו נוהג זיין אזו וויא מיר האבן גשריבן אונ ווען גליך ער וועט חס ושלום שטארבן אין זיינע יונגע יארן גיט מען אים דאך אזו איין גוטן שכר גליך וויא ער האט גלעבט זיבעציג יאר אונ האט אלטין גוטש גטאן אזו שטייט אין מדרש תנחומא :

אונ ווען איין בעל תשובה וועט זאגן וואס זאל איך מיך אום זיסט פייניגן מיין ליב עס וועט ניט העלפן אויף מיינע גרויסע זינד וואס איך האב גטאן דאס מוז בוודאי זיין אז ער האט קיין רעכטע תשובה גטאן ער טוט נאר פון לייטינס וועגן כדי לייט זאלן זאגן אז דאס איז איין בעל תשובה איבר דעם קלאפט אים זיין הארץ אויב זיין תשובה וועט אן גנומן ווערן אונ אויב ניין · אבער ווען דר בעל תשובה האט גטאן איין רעכטע תשובה דער איז בוודאי פאר זיכרט אז זיין תשובה וועט גוויס קומען פאר הש״י ווארום אזו האט הש״י גזאגט דורך יחזקאל הנביא אונ דורך אנדרי נביאים ווען דר רשע וועט תשובה טאן אויף זיינע עבירות וואס ער האט גטאן אונ וועט היטן מיין געזעץ אונ וועט טאן מיין משפט וצדקה וועל איך אים מוחל זיין אויף אלע עבירות וואס ער האט גיטאן אונ שטייט נאך אין פיל ספרים וויא אזו הש״י פר זיכערט דעם בעל תשובה אז ער וועט גיוויס אן נעמען דיא תשובה אונ וועט אים ניט פאר שעמען :

אונ דער ספר חסידים שרייבט אז דאס וואס עס שטייט אין ספרים אז איין בעל תשובה זאל זיך אום ווינטר וועלגערן אין שנייא אונ אום זומר אין ברען נעסטלאך דס איז נאר גיזאגט גיווארן ווער עס איז ניט קיין למדן אבר ווער עס איז איין למדן בדארף ער די זאכן ניט טאן ווארום תורה לערנן איז די גרעסטע תשובה ווארום אז דר למדן וועט זיך אזוא פייניגן וועט ער שלאף ווערן אונ וועט זיך זיין מוח מבלבל זיין וועט ער דר נאך ניט קענען לערנן · דרום ווען דר למדן וועט פאסטן איין מאל אין דר וואך אדער איין מאל אין צוויי וואכן איז אויך גינוג אונ אין דעם טאג וואס ער האט גפאסט זאל ער זיך אויף דר נאכט טובל זיין · אזו וויא עס שטייט אין ירושלמי עס האט זיך איין מאל גיטראפן איין מעשה אמאל איז איין מיידל גיפאנגן גיווארין אונ מען האט זיא אויס גילייזט דער נאך אז מען האט זיא אויס גילייזט האט זיא זיך טובל גיוועזן מחמת זיא האט גימוזט עסן טריפות אין דר תפיסה נוא קען מען דר פון אפ לערנן ווען דאס מיידל האט דאך ניט גיטאן מיטן ווילן נייערט מיט איין אונס דר צוא האט זיא זיך טובל גיוועזן מכל שכן ווער עס טוט עבירות ברצון אונ טוט דער נאך דרויף פאסטין מוז ער פשיטא זיך טובל זיין :

דיא גמרא שרייבט פיר זאכן צו רייסן דעם גזר דין צדקה אונ תפלה מיט וויינען אונ מיט גרויס כוונה אונ ווען מען בענטשט איינם אונ מען גיט אים איין אנדרן נאמן · אונ ווען איינער פר ענדערט זיינע מעשים צו גוטן ווערט דר גזר דין אויך פר ענדערט צו גוטן דאס זיינן פיר זאכן · אונ ווער עס דר וועקט זיין הארץ צו תשובה אונ וויל זיך עוה״ב קויפן אזו זאל ער ניט גיין מיט די מענטשן וואס גייען ארום בטל אונ זאל זיך אפ היטן פר דברים בטלים אונ פר שקרים אונ פר ליצנות אונ פר חניפות אונ פר לשון הרע ווארום אונזרע חכמים שרייבן דס מיינסטע ווערן מענטשן גשטרויכלט מיט גזל אונ

די

דיא וויינגסטע ווערן גשטרויכלט מיט לשון הרע איין בעל תשובה גיהר זיך שטארק אפ היטן פון אזעלכע זאכן אונ גיהער זיך אפ צו היטן פון אזעלכע מענטשן וואס זיי גייען נאך תענוגים נאך · דאס גלייכן זאל זיך א בעל תשובה דר ווייטערין פון עשירים אונ פון רשעים אונ פון שוטים ווארום די זעלביגע חברותות פר מיידן די מענטשן פון תשובה אונ זאל ניט גיין אויף פיל סעודות נייערט נאר אויף איין סעודת מצוה אונ ווען ער גייט אויף איין סעודת מצוה זאל ער ניט פיל עסן אדר טרינקן נייערט אלץ טאן לשם שמים :

דער כלבו שרייבט ווער עס פאסט פיר מאל אין יאר הפסקות צו דריי טעג אונ דריי נעכט אונ ער במיהט זיך אלע זיינע עונות גוט צו מאכן איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות דהיינו ח׳ טבת ט׳ טבת י׳ טבת אונ דער נאך שבעה עשר בתמוז אונ י״ח תמוז אונ י״ט תמוז אונ ט׳ באב אונ י׳ אב אונ י״א אב אונ אין עשרת ימי תשובה אויך דריי טעג דאש איז ווייסיגליך אז דר תענית איז גירעכנט פר איין קרבן ווארום פון דעם קרבן האט מען מקריב גוועזן חלב אונ דם אזו מוז זיך דר מענטש האלטן אין איין תענית גלייך צום קרבן מיט דעם ריידן אונ מיט דר מחשבה אונ מיט דער מעשה דהיינו בייא דעם קרבן האט מען ווידוי גיזאגט אזו גהער מען אויך ווען מען פאסט ווידוי זאגן מיט דעם פר ריכט מען דעם דיבור · אונ מען בדארף אין זינען האבן אז ער פאסט פון גאטס וועגן ווארום אז ער וועט ניט אזו אין זינן האבן איז דר תענית גאר נישט · מיט דעם פאר ריכט מען דיא מחשבה אונ די מעשה איז דער תענית זעלבסט אז ער מינערט זיין חלב אונ זיין בלוט מיטן פאסטן :

אויך גהער מען גוואריגט צו זיין אין די זיבן זאכן · דס ערשטע איז שבועות שקר · דאס אנדרע איז חילול השם · דס דריטע איז ביזוי התורה · דאס פערטע איז ניבול פה · דס פינפטע איז גזילה · דס זעקסטע איז מחלוקת · דאס זיבעטע איז לשון הרע · ווארום א שבועה שקר פר שטויסט הונדרט זכיות · איין חילול השם פר שטויסט הונדרט תפלות · איין ביזוי התורה איז טייטש ער פר שטערט די תורה פר שטויסט הונדרט שמחות · איין מאל ניבול פה פר שטויסט הונדרט הבטחות איז טייטש פר זיכרונג ווען גאט האט אים פר זיכרט · איין מאל גזילה פר שטויסט הונדרט ברכות · א מאל מחלוקת פר שטויסט הונדרט פרנסות · א מאל ל״ה פר שטויסט הונדרט תשובות :

אויך גיהער מען זיך אפ צו היטן פון די פיר אונ צוואנציג זאכן וואס זיי האלטן אויף די תשובה : א) רכילות ב) לשון הרע ג) רוגז ד) שלעכטע מחשבות ה) מען זאל זיך ניט בהעפטן צו רשעים ו) מען זאל ביי יענעם ניט עסן ווען יענער האט אליין קארג ז) ווער עס טיילט זיך מיט גנבים ח) ווער עס קוקט אויף פרעמדע ווייבער ט) ווער עס זאגט איך וועל תשובה טאן י) ווער עס איז מבזה דעם רבי יא) ווער עס פר פירט דעם חבר פון דעם גוטין וועג צום שלעכטין וועג יב) ווער עס מאכט לייט זינדיגן יג) ווער עס ניצט דעם משכון פון איין ארום מאן יד) ווער עס נעמט שוחד טו) ווער עס גיפינט דעם חברש זאכין אונ גיט אים ניט אפ טז) ווער עס האט איין בייז קינד אונ דער ציהט אים ניט צו גוטן יז) ווער עס עסט אויף דם געלט פון ארימע לייט אדר פון יתומים אדר פון אלמנות יח) ווער עס איז זיך פורש פון דעם קהל יט) ווער עס איז עובר אויף די רייד פון די וואס לערנן אים צו גוטן כ) ווער עס טוט זיך פרייען אויפן חברש אום גליק כא) ווער עס איז חושד פרומע לייט כב) ווער עס האט פיינט שטראף כג) ווער עס שפעט אויש די מצות כד) ווער עס איז מקלקל רבים :

אויך מוז ער זיך אפ היטין פון די זאכן · ווער עס איז מבזה איין פרומן · ווען ער רופט דעם

חבר

חבר עבד · ווער עס הערט ניט צוא דיא רייד פון דיא רבנים · ווער עס האלט ביי זיך איין שלעכטע זאך דהיינו איין בייזן הונט אדר איין שלעכטן טרעפ · ווער עס זאגט פאלש עדות אונ דורך דעם פאלשע עדות זאגן ברייננט ער אוים רעם חבר געלט · איין כהן וואס ער גיט ניט אפ דעם אנדרן כהן די מתנות זרוע ולחיים וקיבה · ווער עס איז מחלל יום טוב שני · ווער עס טוט איין מלאכה אום ערב פסח נאך מיטאג · ווער עס דער מאנט איין שם אום זיסט · ווער עס ברייננט אז איין רבים זאלן עסן קדשים אין חוץ לארץ · ווער עס ברייננט פיל מענטשן צו חילול השם · ווער עס איז מעבר שנים אין חוץ לארץ · ווען איינר פרעגט אים איין עצה אונ ער פר ראט אים · ווען מען לאזט מענטשן קיין מצות ניט טאן · ווען איין שוחט איז מאכיל טריפות · ווען אשוחט ווייזט ניט דעם חליף פארין חכם · ווער עס טראכט פון זנות · ווער עס האט גיגעבין זיין ווייב גט אונ טוט דר נאך מיט איר משא ומתן · איין למדן וואס ער האט איין בייזן שם · ווער עס האט פר צייטן מחרים גיוועזן זיין חבר אום זיסט איז דער שולדיג גיוועזן אז מען זאל אים אליין מחרים זיין :

דער זוהר שרייבט עס איז פאר האנדין כתות מלאכים וואס זייא שרייען אויש אין הימיל דער אונ דער איז חייב חרם · אונ איז אזוא לאנג אין חרם אויפין הימיל ביז ער טוט דרויף תשובה · אונ אז ער טוט שוין דרויף תשובה נעמען זיי אים ארויס פון דעם חרם · אונ רופן ווידער אוים דער אונ דער איז שוין ארויס פון דעם חרם · אונ זיין תפלה ווערט ווידער אן גינומען פאר השי"י ווארום אז מען איז איינם מחרים אין הימיל אזוא באלד פאר שטאפט מען פאר אים אלע טירין וואס די תפלות גייען ארויף · דרום גיהער מען זיך אפ צוא היטין פאר חטאים ועונות אונ אפ צו היטן מענטשן אז זיי זאלן ניט גיין אין שלעכטן וועג ובפרט איין בעל תשובה וואס ער האט גימאכט פריער אז מענטשן זאלן זינדיגן אבר איצונד זאל ער זעהען אלץ צוא פאר ריכטין וואס ער האט פריער קיילע גימאכט :

אויך זאל מען זיך גוויינן צו אזעלכע זאכן וואס ברייננט צו קדושה דס ערשטע איז בשעת אז ער גייט אין די תפילין זאל ער קיין שום מחשבה ניט האבן נאר די תפילין · אויך זאל מען גיווארינט זיין אז מען זאל זיך היטן פר צו פיל זיווג · אויך זאל מען גווארינט זיין מיט חמץ אום פסח · אויך זאל מען גווארינט זיין אז מען זאל זיך רעכט וואשן צום עסן אונ בשעת עסן זאל מען זיך אפ היטן פון איין איסור · אויך זאל מען ניט טרינקן אזו איין זאך וואש איין איסור איז · אונ צו ענטפערן אמן נאך איטליכר ברכה · אויך זאל מען קיין שקר ניט זאגן :

אויך זאל מען גיווארינט זיין פון דיא זעקס סגולות ווארום ווער עס איז מקיים די זעקס סגולות איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות :

דיא ערשטע סגולה איז מען זאל זאגין ערינסט אמן יהא שמיה רבא מיט גאר זיין כח דער מיט צוא רייסט מען דעם גזר דין :

דיא אנדערע סגולה איז מען זאל רעכט שבת האלטין דרום זאל מען לערנען הלכות שבת כדי מען זאל קענען רעכט שבת האלטין :

דיא דריטע סגולה איז מען זאל זאגן שירת הים דס מיינט מען אז ישיר מיט גרוים כוונה אונ מיט איין קול אונ מיט שמחה · אונ עס זאל זיך אים אוים ווייזן גלייך וויא ער איז היינט ארוים גיגאנגן פון מצרים אונ איז איבער גיגאנגן דעם ים · ווארום אין מדרש שטייט ווען עס טרעפט זיך דעם מענטשן אנס אונ ער זאגט שירה איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות :

דיא פערטע סגולה איז מען גיהער מוחל זיין ווער עס האט אים אנטקעגן זיין כבוד גטאן ווארום ווער עש איז ייענם מוחל אזו איז אים השי"י אויך מוחל אויף זיינע

זינד

זינד ווארום מען גיהער צו הערן חרפות אונ בושים אונ מען זאל ייענם דרויף ניט אפ ענטפערין אונ גיהער זיך דרויף משמח צוא זיין ווארום דאס איז איין גרויסע רפואה צום גוף אונ צוא דער נשמה אזוא וויא מיר האבין גישריבין אין אות ע׳ :

דיא פינפטע סגולה איז איין מענטש זאל זיך אפ שיידן פון מענטשן אין איין בזונדרן חדר אריין אונ זאל פר ברייגגען זיין צייט אין יראה אונ אין קדושה :

דיא זעקסטע סגולה איז ער זאל צו הערן די פרומע וואס זיי לערנן אדער וואס זיי דרשנן פון תשובה דר כלל איז הש״י וויל ניט אז די וועלט זאל חס ושלום פר דארבן ווערין ׳ נייערט די וועלט זאל האבן איין בשטאנד ׳ אונ בגערט ניט אז דר מענטש זאל שטארבן אונ אויך בגערט ניט הש״י אז דר מענטש זאל זיך אום ברייגגען מיט זיין תשובה דהיינו ער זאל זיך איבריג פייניגן ׳ נייערט הש״י בגערט ער זאל זיינע מעשים רעים פר לאזן ׳ אונ זאל בקענן זיינע זינד אונ זאל חרטה האבן אונ זאל ווידוי זאגן ווארום ווער עם זאגט ווידוי גיט מען זיין משפט צו הש״י אונ הש״י איז אים מוחל ׳ אונ מיר האבן שוין וויפל מאל גישריבין ווען דר בעל תשובה איז אהאנדלש מאן אונ קען ניט פייניגן זיין לייב זאל ער צום ווייניגסטין טאן אזו פיל מצות קענגן די עבירות ׳ אונ זאל שוין ווייטער ניט טאן די בייזע מעשים ׳ אונ ווען עש וועט אים קומן איין מצוה צו דר האנד זאל ער זיא טאן גיך אונ גישווינד :

שער המצות

אונ עם איז פר האנדן פיל גימיינע לייט וואס זיי זיינן ניט גיווארינט אין די מצות וואס זיי זיינן מדרבנן ׳ דר טעם איז ווארום די מצות וואס זיינן מן התורה זיינן די מענטשן ניט אזו גיך עובר ׳ אבר די מצות וואס זיינן מדרבנן זיינן די מענטשן גאר ניט מדקדק אויף זיי אונ זיינן עובר ׳ דרום וייל די מענטשן האלטן דס פר גרינג דרום מוז מען זייא היטין :

אונ נאך איין טעם איז וייל עם איז פר האנדין פיל לייט וואס זיי זיינען ניט מדקדק אז זיי זאלן מקיים זיין די מצות עשה אזו וויא דיא מצות לא תעשה ׳ אונ אויב זיי זיינען עובר אויף מצות עשה האבן זיי גאר קיין חרטה ניט אז זיי זאלן תשובה טאן ווארום זייא טראכטן ווער עם איז מבטל איין מצות עשה האט מען ניט קיין שכר דרויף אונ קיין עונש האט מען דרויף אויך ניט ׳ אונ איבר זייערע שלעכטע מחשבות זיינן זיי מבטל וויפל מצות עשה אונ אויב עם טרעפט זיך איין מצות עשה אן טרחה טוען זיי אבער אז מען בדארף עפעם האבין איין טרחה אדער מען בדארף האבן דער צו געלט טוען זייא שוין ניט :

איצונד וועל איך אייך געבן צו פר שטיין אמצות עשה הייסט אזעלכע זאכין וואש מען איז שולדיג צו טאן ׳ אונ אמצות לא תעשה הייסט אזעלכע זאכן וואש מען איז פר באטן אז מען זאל ניט טאן אין עוה״ז דאס הייסט עולם המעשה איז טייטש אזו איין וועלט וואס מען בדארף נאר מצות טאן אונ עולם הבא הייסט לעולם הגמול איז טייטש אזו אוועלט וואס מען ווערט בצאלט אויף די מעשים וואס מען האט גטאן אויף דר וועלט אזו וויא דר פסוק לערינט אונז וואס דיין האנט קען טאן זאלסטו טאן ׳ ווארום אין גרוב איז קיין חכמה אונ קיין מעשה ניט פר האנדן אזו וויא אויף דר וועלט ׳ אונ ווער עם טוט ניט קיין מעשים טובים אויף דער וועלט איז פאר פאלין :

אויך איז דאס וויסיגליך אז עם איז פר האנדן תרי״ג מצות איז טייטש זעקס הונדרט אונ דרייצעהן מצות צוויי הונדרט אונ אכט אונ פערציג איז מצות עשה אונ דריי הונדרט פינף אונ זעכציג איז מצות לא תעשה אונ אויף איטליכע מצות לא תעשה שטייט זיין עונש

אין

אין דר תורה · אויף איין טייל איז מען חייב כרת · אונ אויף מצות עשה שטייט גאר דר ביי קיין עונש ניט · קען מען פרעגן פר וואס איז דאס אזו · שרייבן דרויף אונזערע חכמים אבר עס איז פיל צו בשיידן · איינס איז וויל הש"י גיט ניט קיין שכר אויף דר וועלט · אונ אויך גאט איז ווארהאפטיג אונ טוט ניט קיין אום רעכט דען אזו וויא הש"י גיט נוטן שכר צו דיא צדיקים בעוה"ב פר די מצות · אזו בצאלט הש"י די רשעים אויף דר וועלט דעם שכר פר די עטליכע מצות וואס זיי האבן גטאן כדי זיי זאלן ניט האבן קיין עולם הבא · אונ אזו וואול אז הש"י בצאלט די רשעים פר זייערע עבירות אויף יענר וועלט אזו שטראפט הש"י די צדיקים אויף דר וועלט אויף די עבירות וואס זיי האבן גטאן כדי זיי זאלן האבן פיל עולם הבא : אויך שרייבן אונזערע ספרי קבלה אז איטליכע מצוה האט איין ארט בייא דר מרכבה אונ

ווען איינר טוט איין מצות עשה ווערט דר פון באשאפן איין מלאך אונ ער איז איין מליץ טוב פר אים אונ האט איין ארט ביי דר מרכבה · אונ די מצות עשה איז מגין אויף אים אז ער זאל ניט האבן קיין פורעניות אויף דר וועלט · אונ אבר אז דר מענטש טוט ניט קיין מצות אויף דער וועלט אונ קומט אויף יענער וועלט אזו האט ער קיין ארט אונ קיין מליץ ניט אזו ווערט ער ניט בשירמט אויף דר וועלט פר פורעניות אונ אויף יענער וועלט פון עונש · ווארום אונזערע ספרי קבלה שרייבן פון איטליכר מצות עשה ווערט אמלבוש דרום איז פר האנדין אין דעם מענטשין צוויי הונדערט אכט אונ פערציג גלידר קעגין די מצות עשה · אונ ווער עס איז מקיים די מצות עשה האט איטליכם גליד איין מלבוש אונ ווער עס איז ניט מקיים די מצות איז ער גאר נאקעט אונ האט גאר קיין מלבוש ניט אונ אז ער שטארבט איז ער ניט זוכה צו קומן צו דעם אור הגדול פון דר שכינה אונ איז ניט זוכה אויף צו שטיין תחית המתים אונ ווערט פר שטויסן אויף דעם ארט וואס עס הייסט נחש ערום איז טייטש איין נאקעטר שלאנג · דר וויל ער קומט אויך נאקעט פון די קליידער וואש עס ווערט גימאכט פון דיא מצות עשה :

איצונד וועל איך שרייבן זיבצעהען תנאים וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט די מצות ·

די מצוה זאל מען טאן בכוונה ווארום עס שטייט מצות צריכות כוונה איז טייטש די מצוה זאל מען טאן בכוונה · ב) מען זאל טאן די מצוה מיט יראה · ג) מען זאל טאן די מצוה מיט אהבה צו ווייזן אז ער האט הש"י ליב · ד) מען זאל טאן איטליכע מצוה מיט שמחה · דען אז עס קומט איין מצוה צו דר האנד איז דס איין מתנה פון הש"י אונ דס האט אונז מגלה גוועזן רבי יצחק לוריא וויל ער האט גיטאן איטליכע מצוה מיט שמחה איבר דעם האט ער זוכה גיוועזן צו גרוים קדושה אונ צו גרויש חכמה · ה) ווער עס הייבט אן צו טאן איין מצוה זאל ער זעהן אז ער זאל זיא גומר זיין · ו) מען זאל טאן די מצות מיט אלע דקדוקים · ז) מען זאל נאך יאגן די מצות צו טאן · ה) מען זאל אליין טאן די מצוה ניט דורך איין שליח · ט) וועלכע מצוה עס קומט אים צום ערשטן זאל מען די ערשטע טאן אונ ניט די אנדרע פר דר ערשטע · י) מען זאל צוויי מצות ניט טאן אין איין מאל ווארום טאמר וועט ער זיי ניט גומר זיין · יא) מען זאל מצות בכבוד האלטן · יב) מען זאל ניט לאזן אז די מצוה זאל אלט ווערן נייערט מען זאל זיא תיכף טאן · יג) מען זאל בשיינן די מצות דהיינו מען זאל האבן איין שיינם טלית אונ שיינע ציצית אונ שיינע תפילין דאס גלייכן אנדרע מצות · יד) מען זאל תמיד האפין אונ גלוסטן אז עס זאל אים קומן איין מצוה · טו) מען זאל זיך פעדערן צו איין מצוה דהיינו וואס פר איין מצוה מען קען טאן פריער זאל מען טאן פריער · טז) עס איז בעסר אז מען זאל טאן איין מצוה מיט איין גוטע חברותה ווארום דר שכר איז גרעסר איידער מען טוט אליין איין

מצוה

מצוה ווארום דאס איז צו הש"י איין כבוד · יז) מען זאל ניט טאן די מצות אום זיסט נייערט פר געלט אונ זאל ניט קארג זיין אויף זיין געלט ווארום מיט דעם מאכט ער אנטלויפן פון אים די תאוות · אונ מען זאל טאן אלע זאכן לשם שמים · אונ ווער עס וועט אזו טאן אזו וויא מיר האבן גשריבן אפילו ווען ער ווערט ח"ו שטארבן אין זיינע יונגע יארן וועט ער האבן שכר גלייך וויא ער האט גילעבט זיבציג יאר אונ הט גטאן גאר מצות · אונ דר ספר הפרדס שרייבט וויא אזו די מלאכים הייסן אונ וואס פר איין ממונים זיינען גזעצט אויף איטליכער מצוה אונ זיינען משגיח אויף די מענטשן וואס זיי טוען זייערע תפלה בכוונה אונ אויף די מענטשן וואס זיי וויינן בשעת דאוונן דען אלע טויערן זיינן פר שלאסן נייערט דאס טויער פון טרערן איז קיין מאל ניט פר שלאסן אונ עס איז פר האנדן איין מלאך וואס ער איז גזעצט איבר זעקס הונדערט מלאכים זיי הייסן חיות דר זעלביגר מלאך נעמט דיא תפלות וואס זיינן גיבעטין גיווארן מיט טרערן אונ ברייננט זיי אויף פר הש"י אונ דער זעלביגער מלאך ברייננט אויף די זכיות פר הש"י פון דיא לייט וואס טוען איין מצוה גישווינד אונ אז דר מענטש לויפט גישווינד צו איין מצוה מיט דעם דר וועקן זיי די מלאכים וואס זיי לויפן אכטונג צו געבן אז זיי זאלן מציל זיין די ישרים פון צרות אונ פון עניות · אונ מכל שכן אז זיי זיינען מציל דעם מענטשן אליין פון אלע צרות אונ פון עניות דר פר וואס זייא זיינען גילאפן צו דר מצוה · דרום האבן גיזאגט אונזערע חכמים דו זאלסט לויפן צו איין גרינגע מצוה אזו וויא מען לויפט צו איין הארבע מצוה · אבר ווער עס לויפט צו איין עבירה דר זעלביגער דר וועקט דיא מלאכים וואס זיי לויפן תמיד צו ברייננען שלעכטס אויף ישרים :

אבער די לייט וואס לויפן אונ פעדערן זיך אז זיי זאלן זיין די ערשטע מענטשן אין שול צום מנין · אזו גייען די גוטע מלאכים אויף דעם הימל אונ שרייבן דס אויף אונ ברייננגן אויף די תפלות פון ישרים אונ זייער זכות · אויך איז פר האנדן ממונים וואס זיי זיינן משגיח אויף די לייט וואס זיי טוען מעשים טובים אויך איז פר האנדין אנדרע ממונים וואס זיינן משגיח אויף די מענטשן וואס זיי טרייסטן ארימע לייט אונ טרויעריגע לייט אונ זיינן זיך מיט זיי מצער חאטשע זיי קענן ניט העלפן צו זיי אויך די מענטשן וואס זיי גייען צו אדבר מצוה אדר זיי זיינן זיך מתעסק מיט מתים לשם שמים אזו ברייננגן אויף די מלאכים אלע זייערע מעשים טובים אויפן הימל אונ קריצן אויש זייער צורה כדי מען זאל זיי תמיד גדיינקן אונ דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו עוה"ב :

אויך זאל מען וויסן אז איטליכע מצוה בדארף גטאן ווערן מיט דיבור דהיינו ער מוז ארויס ריידן דא טוא איך אמצוה פון גאטס וועגן אונ פון כל ישראל וועגן ווארום אלי נשמות פון כל ישראל הייננן אן איינע אן די אנדרע דהיינו ווען איינר טוט אמצוה האבן כל ישראל אין דר מצוה אחלק אפילו די מצות וואס איינר קען ניט טאן דהיינו עס איז פר האנדן אזעלכע מצות וואס גיהר צום כהן אדר צום לוי אדר צום ישראל · פון דעסט וועגין האבן אלע אחלק כדי עס זאל זיין תרי"ג מצות בייא כל ישראל :

אונ אויך מוז גיטאן ווערן מיט מעשה דאס איז טייטש ער מוז טאן אלס רעכט וואס עס גיהער צו דר מצוה · אונ אויך זאל מען טאן די מצוה מיט דר מחשבה דאס איז טייטש ער זאל רעכט כוונה האבן בשעת אז מען טוט די מצות · אונ זאל תמיד זיין כוונה האבן אז ער טוט דאס כדי הש"י זאל האבין נחת רוח דער פון :

אונ אונזערע חכמים זאגן אויף דעם פסוק לא יהיה בך אל זר דס איז טייטש זאלסט אין דיר ניט טראגן קיין רוגזה · ווארום ווען דר מענטש איז זיך מרגז אזו לויפט אים אוועק

די נשמה הטהורה אונ עס קומט אויף דעם ארט איין רוח פון אומריינקייט אונ פר פירט דעם מענטשן צו אלי שלעכטע מעשים · אונ מיר האבן שוין גישריבן וויא אזוא מען זאל פר טרייבן פון זיך דעם כעס אזו באלד וויא עש קומט אים אן דר כעס זאל מען באלד נעמן דיא כנפה פון דיא ציצית אין דר האנט ווארום כנף באטרעפט הונדערט אונ פופציג אונ כעס בטרעפט אויך הונדרט אונ פופציג אונ די מצות ציצית מאכן די שכינה רוען אויפן מענטשן · אונ אז עס איז מיגליך אז דר מענטש זאל טאן די מצוה שטייענדיג עס מעג זיין וועלכע מצוה עס איז זאל ער זעהען צוא טאן שטייענדיג : אויך גיהער מען אויף צו שטיין פאר דיא מענטשן וואס גייען מיט איין מצוה דאש גלייכן זאל מען אויף שטיין ווען מען ברייננט דאס קינד אין שול אריין מל צו זיין וויא דיא גמרא שרייבט אלע די בעלי מלאכות זיינן אויף גשטאנן פר דיא מענטשן וואס זייא האבן גיבראכט בכורים אין בהמ"ק אריין :

דער כלל איז ווער עס וויל האבן אז זיין תורה אונ תפלה אונ מצות זאל אן גינומען ווערן ביי הש"י אונ זאל דורך דעם האבן עוה"ב · זאל מען צום ערשטין פון זיך אוועק ווארפן אלע בייזע מדות אונ זאל זיך שטארק אפ היטן פאר די בייזע מדות ווארום ווען גלייך איינר האט גילערינט פיל תורה אונ האט גיטאן פיל מעשים טובים אונ האט נאר איין בייזע מדה אן זיך פר דארבט ער אלע גוטע מדות וואס ער האט אין זיך · אמשל איז דר צו איינער האט גהאט איין גוטע פאס וויין איז ער גיגאנגן אונ האט גימאכט איין קליין לעכל אין דר פאס איז די וויין אויס גיטריפט גיווארן ביסליך וויים אזוא אויך ווען דער מענטש האט אין זיך פיל תורה אונ מעשים טובים אונ האט נאר אין זיך איין בייזע מדה אזו פר לירט ער אלע זיינע גוטע מדות · דרום ווער עס וויל זיין פרום זאל מען זיין דר ביי קלוג · אונ מען זאל זעהן צום ערשטן פון זיך אוועק ווארפן אלע שלעכטע מדות אונ זאל זעהען צוא פר ריכטין אלע זיינע מכשולות אזוא וועט ער קומען מעלה למעלה :

הלכות סוכה

דיא פיר טעג וואס עס איז צווישן יום כפור אונ סוכות זיינען זיך דיא ישראל מתעסק מיט מצות סוכה אונ לולב אתרוג הדס ערבה אונ דאס מיינט מען די יודן טוען די פיר טעג קיין עבירות ניט · דער מהרא"ה שרייבט פון יום כפור ביז סוכות זאגט מען ניט קיין תחנה ווארום די פיר טעג האט הש"י גיגעבין איין מתנה צוא די יודן אונ איז ניט אזוא מדקדק מיט דיא מענטשין וואס טוען איין עבירה אום גערין אונ דאש רוב פון דיא יודין טוען בוודאי אין דער צייט קיין עבירה ניט :

אונ עס איז איין גרויסע מצוה אז מען זאל אויס צירן די סוכה מיט שיינע זאכן · וואס מיגליך איז · דאס גלייכן מיט שיינע פרות אוים צו צירן די סוכה צו ווייזן אז ער טוט די מצות סוכה מיט ליבשאפט · מען גהער צו לערנן די גימיינע לייט אז זיי זאלין ווישן וואס גהער צו דער סוכה איז אסור בהנאה ביז אסרו חג מען מעג וואול אוים הייגן די סוכה מיט שעטנז נייערט מען זאל אין דער הויך אויף הייגען כדי מען זאל זיך ניט אן לעהנען אין דעם שעטנז · די מענטשן וואס האבן ברעטער פון יאר צו יאר אויף דר סוכה גיהער מען צו צייכענן אזו וויא זיי זיינן גישטאנן צום ערשטין אזו זאל מען תמיד שטעלין · דר שלחן ערוך שרייבט אימליכר יהודי טאר זיך אליין ניט אויש

האקן

האקין סכך צוא דער סוכה · דאש גלייכן ערבה הדס הושענות :

אין זוהר שטייט אז רב המנונא סבא איז אריין גיקומן אין דר סוכה האט ער אנטפאנגען די זיבן אייבערשטע היילגע געסט אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף ודוד די זעלביגע זיבן געסט קומן אונ זעהען אויב עס גייט צו אין דר סוכה בקדושה אזו בענטשן זייא דעם בעל הבית מיט אלירלייא ברכות אבר וואו עס ווערט גטריבן חוצפה אין דר סוכה אדר אנדרע מיאוסע זאכן וואס מען טאר ניט טאן אזו שילטן זיי דעם בעל הבית מיט אלירלייא קללות · אונ בשעת אז מען מאכט די ברכה לישב בסוכה אין דר פריא זאל מען אין זין האבן אז ער זאל יוצא זיין מיט דער ברכה אגאנצין טאג ובפרט דיא מענטשן וואס זיצין אגאנצין טאג אין סוכה גהערן זייא פשיטא אזו זיך נוהג צוא זיין · אויך גיהער מען צו וויסין אז מען זאל מאכן די ברכה לישב בסוכה מיט איין שיינעם נגון · ווארום פאר וואס זאל זיין דיא ברכה ערגער איידער דיא ברכות פון דעם קידוש :

דיא ערשטע צווייא נעכט פון סוכות גהער מען צום ערשטין מאכן דיא ברכה לישב בסוכה אונ דער נאך שהחיינו :

אונ איטליכער מענטש וואס וויל רעכט מקיים זיין די מצוה פון סוכה זאל מען זיך אזוא נוהג זיין · מען זאל ניט ריידן קיין דברים בטלים אין דר סוכה נייערט מען זאל תורה לערנן אדר אנדרע היילגע זאכן טאן · ווארום די סוכה האט אין זיך אגרוים קדושה · וויא הראיה מען טאר ניט אפ ברעכן אפילו איין שפענדיל פון דר סוכה אגאנץ סוכות · אויך זאל מען מודיע זיין אלע די גמיינע לייט וואס זיי האלטן בעו"ה די מצוה פון סוכה פאר גרינג אז עס קומט חוה"מ מאכן זיי נאר איין מוציא אין דער סוכה אונ דר נאך גייען זיי עסן אין שטוב דאס איז גאר ניט רעכט ווארום זיי וועלן דרויף מוזן ליידן אגרויסן עונש · אונ דאס איז די רעכטע מצוה ווען עס רעגינט די ערשטע נאכט פון סוכות זאל מען האטשע צום ווייניגסטין עסין איין כזית · אבער אז עס רעגינט דיא אנדערע נאכט פון סוכות באדארף מען ניט עסן אפילו אכזית אין דער סוכה :

דער לבוש שרייבט ווען עס רעגינט אום סוכות אונ מענטשן גייען עסין אין סוכה · אונ זייא מיינען זיי טוען איין גרוישע מצוה מיט דעם עסן טוען זיי גאר ניט רעכט ווארום דר זעלביגר הייסט איין הדיוט · דר טעם איז ווען עס רעגינט אום סוכות אזו ווייזט הש"י אז ער פארלאנגט ניט אונזר מצוה · עש איז איין משל דר צו ווען איין קנעכט שיינקט זיין האר איין בעכר מיט גיטראנק אונ דר האר גיפינט אין דעם גיטראנק איין זאך וואש מיאוס איז אזו גישט דר האר דאס גיטראנק אוים אויפן קנעכט · אזו אויך ווען הש"י וויל ניט אונזר מצות סוכה לאזט ער רעגינן · דאס גלייכן אז עס איז אזו קאלט דאס עסן קען פר גליווערט ווערן מעג מען עסן אין שטוב אונ ווען עס גייט קיין רעגין ניט אונ עס איז אויך ניט קאלט אונ ער עסט דאך אין שטוב גאר איין מוציא מאכט ער אין דר סוכה טוט ער צוויי עבירות · איינס איז ער פר שטערט די סוכה · אונ דאס אנדערע איז ער מאכט איין ברכה לבטלה מיט דר ברכה וואס ער מאכט לישב בסוכה ווארום דאס ווארט לישב בסוכה איז טייטש דו גאט האסט גיבאטן אונז אז מען זאל זיצן אין סוכה אונ אז ער עסט ניט אין סוכה אזו זאגט ער מיט זיין מויל איין ליגין · אונ האט ניט קיין חלק אין אונזער אמונה :

אויך זאל מען גיווארינט זיין ווען מען מאכט די סוכה נאהנט לעבן איין וואנט בדארפן די גרויסע לייט ניט זיצן לעבן דר וואנט ווארום ער וועט זיצן אונטרן דאך · אבר ווייבער אונ קינדר מעגן יוא זיצן לעבן וואנט · אבר אז די באנק איז ניט לעבן דער וואנט מעגין

זיצן

זיצן אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע אוֹיךְ · וֶוען צְוֵויי אָדֶר דְרַייא בַּעֲלֵי בָּתִּים מַאכְן אִין אֵיינֶעם אֵיין סוּכָּה זָאלְן זֵיי נִיט מַאכְן אִין אֵיינֶם קִדּוּשׁ וָוארוּם צְוֵויי אָדֶר דְרַייא קוֹלוֹת קֶען מֶען נִיט הֶערִין · נֵייעֶרְט אִיטְלִיכֶר בַּזוּנְדֶר זָאל מַאכְן קִדּוּשׁ · מֶען טָאר נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין כֵּלִים אִין סוּכָּה אַרֵיין סַיידְן וָואס מֶען בַּדַארְף צוּם עֶסְן מֶעג מֶען יוֹא בְּרֵיינְגֶען אִין סוּכָּה · וֶוער עֶס הָאט זִיךְ גִילָאזְט אָדֶער אוּנ עֶשׂ אִיז וֵוייניג קִיל מֶעג עֶר עֶסְן אִין שְׁטוּבּ · אֵיין חֲבְרוּתָה וָואס גֵייעֶן צוּ זַאמֶן טְרִינְקֶן מוּזְן זֵיי אִין סוּכָּה טְרִינְקֶען אוּנ מוּזְן מַאכְן דִי בְּרָכָה לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה אָבֶּר צוּם בֶּעסְטִין אִיז אַז מֶען זָאל פְרִיעֶר עֶפֶּעס עֶסִין פַארְן טְרִינְקֶען אַזוֹ זַיינֶן זֵיי יוֹצֵא מִיט דֶר בְּרָכָה לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה אַזוֹ פַּסְקֶנְת דֶער טוּרֵי זָהָב אוּנ דֶער מָגֵן אַבְרָהָם :

אוֹיךְ שְׁרֵייבְּט דֶר טוּרֵי זָהָב וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן ווילְן שְׁפִּילְן זָאלְן זֵיי גֵיין אִין סוּכָּה שְׁפִּילְן דָאס גְלַייכְן וֶוען אֵיינֶר הָאט עֶפֶּעס צוּא רֵיידְן מִיט דֶעם אַנְדֶרִין עֶס מֶעג זַיין וָואשׁ עֶס אִיז זָאלְן זֵיי גֵיין אִין סוּכָּה אַרֵיין רֵיידְן · אוֹיךְ זָאל מֶען מוֹדִיעַ זַיין דִי גִימֵיינֶע לַייט אַז מֶען טָאר נִיט שְׁמֶעקְן דֶעם אֶתְרוֹג בְּשַׁעַת אַז מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה עַל נְטִילַת לוּלָב :

וֶוען אֵיינֶר אִיז אוּנְטֶר דֶער וֶועגִינָם אוּנ הָאט אַהָאפְנוּנְג צוּ קוּמֶן אוֹיף אַזוֹ אֵיין אָרְט וואוּ עֶס אִיז דָא אַאֶתְרוֹג בַּדַארְף עֶר מֶער נִיט וַוארְטְן מִיט עֶסְן נָאר בִּיז מִיטָאג אוּנ נִיט וַוייטֶר :

דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סוּכּוֹת טָאר מֶען נִיט בֶּענְטְשְׁן אוֹיף קֵיין פְרֶעמְדְן אֶתְרוֹג נֵייעֶרְט זַיין אֵייגֶענֶם אָדֶר דֶעם קְהָלִישְׁן אֶתְרוֹג · אָבֶּר דֶעם אַנְדֶרְן טָאג סוּכּוֹת מֶעג מֶען יוֹא בֶּענְטְשְׁן מִיט דֶעם חֲבֵרְשׁ אֶתְרוֹג אוּנ וֶוען מֶען וויל דֶעם לוּלָב בִּינְדְן מִיט דִי אַנְדֶרֶע מִינִים דְהַיְינוּ מִיט דֶעם הֲדַס אוּנ מִיט דֶר עֲרָבָה זָאל מֶען אַזוֹ טָאן מֶען זָאל נֶעמֶן דֶעם לוּלָב מִיט דֶר שִׁדְרָה צוּם פָּנִים אוּנ מֶען זָאל לֵייגְן דֶעם הֲדַס בַּיי דֶר רֶעכְטֶע זַייט פוּן דֶעם לוּלָב אוּנ דִי עֲרָבָה בַּיי דֶער לִינְקֶער זַייט פוּן דֶעם לוּלָב · אוּנ דֶער הֲדַס זָאל זַיין הֶעכֶער אֵיידֶער דִיא עֲרָבָה :

מֶען גִיהֶר אוּם חוה״מ אָפּ לֵייגְן דִי תְּפִילִין אֵיידֶר מֶען בֶּענְטְשְׁט דֶעם לוּלָב · אוּנ אַז דֶר חַזָּן וויל נִיט אָפּ לֵייגְן דִי תְּפִילִין פַר דֶעם עַמּוּד מֵחֲמַת כְּבוֹד הַשֵּׁ״י מוּז עֶר צוּם ווייניגְסְטְן חַאטְשֵׁי אָפּ וויקְלֶען דִי רְצוּעוֹת פוּן דֶר הַאנְט · אוֹיךְ אִיז רֶעכְט מֶען זָאל לֶערְנֶן צוּ דִי גְמֵיינֶע לַייט וויא זֵיי זָאלְן אֶתְרוֹג בֶּענְטְשְׁן צוּם עֶרְשְׁטְן זָאלְן זֵיי הַאלְטְין דֶעם אֶתְרוֹג בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט דֶעם פִּיטָם אַרָאפּ אוּנ אַז מֶען לָאזְט אוֹיס דִי בְּרָכָה זָאל מֶען אִיבֶּרְקֶערְן דֶעם אֶתְרוֹג אַז עֶס זָאל זַיין מִיט דֶעם פִּיטָם אַרוֹיף אוּנ מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם לוּלָב אוּנ מֶען זָאל שָׁאקְלִין :

הלכות הושענא רבה

אוֹיךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרֵייבְּן פַר וָואס בַּדַארְף מֶען זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה · ווייל עֶס אִיז דֶר גְמַר הַחֲתִימָה · אוּנ אִיבֶּר דֶעם אִיז מֶען אוֹיף אֵיין גַאנְצֶע נַאכְט · אוֹיךְ וֶועל אִיךְ שְׁרֵייבְּן וויא פִיל צְווייגְלִיךְ זָאל מֶען נֶעמֶען צוּא דֶער הוֹשַׁעְנָא · צוּם בֶּעסְטְן אִיז אַז מֶען זָאל נֶעמֶן פִינְף צְווייגְלִיךְ אוּנ אוֹיף אִיטְלִיכְן צְווייגְל זָאל זַיין פִינְף בְּלֶעטְלִיךְ אוּנ מֶען זָאל דֶר פוּן מַאכְן אֵיין הוֹשַׁעְנָא · אוּנ עֶס אִיז דְרוֹיף אֵיין גְרוֹיסֶר סוֹד · אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִין דֶר פְרִיא זָאל מֶען הַאלְטְן דֶעם לוּלָב בִּיז תַּעֲנֶה אֱמוּנִים · אוּנ בְּשַׁעַת מֶען הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן תַּעֲנֶה אֱמוּנִים זָאל מֶען נֶעמֶן דִי הוֹשַׁעְנָא אִין דֶר הַאנְט :

דִיא תְּפִלָּה זָאגְט מֶען נָאךְ דֶעם שְׁלָאגִין פוּן דֶער הוֹשַׁעְנָא :

יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין דֶר ווילְן פַר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט דֶר דָא הָאט אוֹיס דֶר ווֵיילְט אִין זַיינֶע גוּטֶע נְבִיאִים אוּנ אִין דִי גוּטֶע מִנְהָגִים אַז דוּ זָאלְסְט אָן נֶעמֶן אוּנְזֶר גִיבֶּעט מִיט

דער

דר בארימקייט אין אונזר אום רינגלן וואס מיר רינגלן ארום דאס אלמער · אונ גידיינק דם זכות פון די זיבן צדיקים · אונ טוא אפ פון צווישן דיר אונ צווישן אונז דעם אייזערנם מויער וואס אונזרע זינד האבן גימאכט כדי די תפלות זאלן ניט קענן קומען פר דיר · אונ פר בעסר אונז צו גוטן די חתימה אז דו זאלסט אונז אן התמנן צו גוטן לעבן אז עס זאל קומן אויף אונז איין הילף פון דיין הייליקייט פון דר שכינה דורך דעם אפ שלאגן פון דיא הושענות אונ דר וועק איין ליבשאפט צווישן אונז אונ צווישן דיר · אונ עס זאל זיך דער וועקן גבורה אונ דינים צו דיין הייליגע שכינה אונ פון דאנן זאלסטו מאכן נידערן צו דיין קנעכט וואס ער טוט דא בעטין פון צוא פר דיר איין פר געבונג צו דער ליינגערין זיין לעבן אונ צו פר געבין זיינע זינד · אונ זאלסט אויס שטרעקן דיין הייליגע האנט אן צוא נעמן מיין תשובה פר דיר · אונ זאלסט עפנן דיין אוצר מיט גוטע וואסר צו מיין לייב וואס עס גלוסט צו דיין הילף אזוא וויא דער פסוק שרייבט אונ פר זיכערט אונז אזו · גאט וועט עפנן צו דיר זיין גוטן אוצר אז די הימל וועט געבן רעגן אין דער צייט אונ וועסט ווערן גיבענטשט אין אלע דיינע ווערק פון דיין האנט :

הלכות חול המועד

מען לייגט אום חוה"מ תפילין אבר די ברכה זאל מען ניט מאכן אין דר הויך · אויך שרייבט דער מגן אברהם אום חוה"מ זאל מען ניט גיין אין שול אריין איבער דער גאס אין דיא תפילין · נייערט מען זאל לייגן די תפילין אין פאליש · אונ ווער עס האט יוא שוין גילייגט די תפילין אין דער היים זאל ער צו דעקן מיט דער היטל דיא תפילין אונ זאל גיין אין שול אריין · אונ ווען מען זאל אפ לייגן דיא תפילין האבין מיר שוין גישריבן אין הלכות הושענא רבה :

דיא גמרא שרייבט מען טאר ניט מבזה זיין חוה"מ · ווארום אונזערע חכמים האבן אונז ניט מתיר גיוועז צו טאן איין מלאכה אדר האנדלן נייערט אזו איין זאך וואס איז איין דבר האבוד דאס איז טייטש דהיינו אזו איין זאך וואס ער וועט דאס ניט פאר ריכטין אדער פאר קויפין אום חול המועד וועט ער האבין שאדין פון דעם קרן נאך יו"ט דאס מעג ער יוא פאר קויפין אדער פאר ריכטין · דען מען טאר ניט הייסן אום חוה"מ אפילו איין א"י זאל טאן איין מלאכה ביי איין יהודי · דאס גלייכין אפילו האלין האקן טאר מען אויך ניט · ומכ"ש אליין האלץ האקן טאר מען פשיטא ניט אפילו האלץ קויפן טאר מען אויך ניט ווארום מען האט גיקענט קויפן פר יו"ט :

דער מהר"ל שרייבט איין אדם חשוב זאל זיך אפ היטן צו טאן אזו איין זאך האטשע עס איז מותר ווארום מענטשן וועלן זעהן פון אים אונ וועלן זיך טועה זיין אונ וועלן זאגן אז אזו אזאך טוט איין אדם חשוב מעג איך טאן אנדרע זאכן אויך · דרום גיהער מען צוא ווארנן די גימיינע לייט וואס זיינן מבזה דעם חוה"מ אונ טוען אלירליי מלאכות אונ ווייסן ניט וועלכע זאכן זיינן אסור צו טאן אונ וועלכי זאכן איז מותר צו טאן אום חוה"מ אונ עש איז פר האנדן איין טייל מענטשן וואס זיי ווייסן גאר ניט די דינים פון חוה"מ אונ עס איז ביי זיי גלייך חוה"מ וויא אין דר וואכן · איבר דעם וועל איך שרייבן עטליכע דינים פון חוה"מ :

דער שולחן ערוך שרייבט אום חוה"מ איז אסור איין צו קויפן אלע סחורות אונ צו פר קויפן אבער אז עס טרעפט זיך אים איין גרויסין רווח מעג ער יוא האנדלען נייערט נאר בשתיקה אונ זאל זעהן דר פר מער אויס געבן לכבוד יו"ט אז אנדר יו"ט ווארום ער האט

פר דינט געלט אום יו"ט · אויך מעג מען בארגן אום חוה"מ · אונ ווען איינר האט סחורה אונ אז ער וועט ניט פר קויפן די סחורה אום חוה"מ וועט ער נאך יום טוב האבן היזק אפילו פון דעם קרן מעג ער פר קויפן · אבר אז ער וועט נאך יום טוב ניט האבן קיין היזק פון דעם קרן טאר מען ניט פר קויפן אום חוה"מ דיא סחורה · אונ ווען איינער האט סחורה אונ אז ער וועט ניט פר קויפן דיא סחורה אום חול המועד וועט ער ניט האבן אויף הוצאות יו"ט מעג ער פר קויפן · אבר אז ער ווייסט קלאר וואול אז ער וועט נאך יו"ט ניט האבן קיין שאדן פון דעם קרן זאל מען מער ניט פאר קויפן נאר אזו וויפל ער בדארף האבן אויף יום טוב אויך מעג מען זיך לאדן מיטן חבר פר ב"ד אום חוה"מ כדי ער זאל אפ נעמן דעם חוב · אויך ווען עס טרעפן זיך סוחרים אום חוה"מ אונ נאך יום טוב וועלין זייא ניט זיין דהיינו שיפן אדר היילות זיינן גיקומן אין שטאט אריין אום חול המועד · אדר זיי זיינן גוועזן אגאנץ יאר אין שטאט אונ נאך יום טוב וועלין זיי אוועק גיין ווילין זיי פאר קויפן די סחורה וואלוויל אדר זיי קויפן טייער · אויף אזו איין אופן מעג מען פר קויפן אדר קויפן · דאס גלייכן יאר מארקן אין אשכנז ווערט גיהייסן מעשן מעג מען איין קויפן אונ פאר קויפן · אונ מען מעג פארן אפילו פלייש פאר קויפן אויפן יאר מארק · אבר אין וואכן מארק טאר מען ניט פר קויפן אדער איין קויפן נייערט אזעלכס וואס מען בדארף האבן אויף יום טוב מעג מען איין קויפן אויף יום טוב · אויך טאר די לאדן פון די קראמען ניט זיין אין גאנצין אפין :

איין וועקסלער טאר ניט זיין געלט וועקסלין אום חוה"מ אונ עס איז פאר האנדן איין טייל מענטשן וואס זיי האבין גרינגע דיעות זייא גייען אום חול המועד מיט דיא ישמעאלים אין די ווײן גערטנר אונ העלפן רייסין די ווײן טרויבין דאש טוען זייא ניט רעכט אונ מען גיהער זייא דרויף צו ווארענען · דאס גלייכן גייען זייא אונ רייסן אפ דיא הולדער פון דיא בוימער איז דאס אויך ניט רעכט :

ווען מען וויל שרייבן אזוא איין זאך וואס נייטיג איז מעג מען שרייבן נאר מען זאל פאר ענדרן דאס כתב כדי מען זאל ווישן אז עס איז גשריבן גיווארן אום חוה"מ · אונ עס איז פר האנדן מענטשן וואס זיי שרייבן אום חוה"מ שרייבן זיי די אייבערשטע קרום אונ די אנדרע שורות גלייך הייסט דאס ניט פאר ענדרט נייערט דאס גאנצע כתב זאל זיין פאר ענדרט · חשבונות אונ הוצאות וואס מען גיט אוים אום חול המועד אונ חובות וואס מען לייט אום חוה"מ אויף משכנות דאש מעג מען פאר שרייבן · אונ ווען ער האט שוין פר שריבין די חובות אונ היינט וויל ער פר שרייבן די חובות אין בוך טאר מען ניט · דאס גלייכן טאר מען ניט שרייבן תקופות אדר מולדות חשבונות · אבר ווען ער האט גהערט איין נייע זאך פון דער תורה אונ האט מורא טאמר וועט ער פר געסן דאס מעג מען אויף שרייבן :

דינים וויא דער אבל זאל זיך נוהג זיין אום חול המועד דאס גייט מען נאכן מנהג נאך קען מען פרעגין דעם למדן וואס איז אין שטאט :

דיא תורה האט גישריבן אז דר מענטש זאל זיך פרייען אום יום טוב מיט זיין הויז גיזינד בדארף דר מענטש זעהן אז די נשמה זאל זיין אויך אין שמחה דער גוף גהער זיך צו פרייען מיט גוטן פלייש אונ גוטן ווײן · דיא נשמה זאל זיין פריילך מיט תפלות אונ שירות ותשבחות אונ מען גיהער צו גידיינקען אין די ניסים וואס עס איז גיטאן גיווארן אין דר זעלביגע צייט אונ מען גיהער הש"י דרויף צו דאנקען · אזו וויא מיר גיפינן אין דער גמרא · אז די חסידים האבן גיטאנצט אונ גישפרונגן מיט פלאם פייער אין זייערע הענט · אונ דיא לוים האבן גישפילט מיט אלערליי כלי זמר · איז

בוודאי ביא דער שמחה ניט גיוועט קיין חוצפה אונ עס איז גיוויס גוועזן לשם שמים:
אונ ווער עס איז מקיים אזו וויא מיר האבן גישריבן אזו ווערט גרופן דר יום טוב מועדי

ה איז טייטש דר יו"ט איז צו גאט · אבר ווען די כוונה איז ניט פון יו"ט · נאר דעם בויך אן צו פילן אונ ווען זיי פילן שוין אן דעם בויך גייען זייא דר נאך שפאצירין אונ שטיפן אונ גידייננקן גאר ניט וואס יו"ט בטייט אונ זינגן הורן לידר · אזו איין יו"ט הייסט ניט גאטס יו"ט נייערט אייער יו"ט אונ טוען מער ניט נאר דעם ווילן דער פילן · אויף דעם ווערט גיזאגט אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים האב איך פיינט:
דאס איז וויסגליך אז פיר צייטן אין יאר איז מען דן די וועלט · אום פסח איז מען דן אויב די תבואה זאל גראטן · אום שבועות איז מען דן אויב דיא פירות זאלין גראטן · אום ראש השנה איז מען דן אלע בשעפניש אונ מען פירט זיי פר הש"י אזוא וויא די לעמליך · אונ אום סוכות איז מען דן וואסר וויא אזו זיי זאלן זיין איין גאנץ יאר פיל אדר ווייניג · נוא קען מען זעהן אז איטליכר יום טוב איז איין יום הדין אונ שטייט אויך גישריבן אין דר גמרא קידושין אז דר מענטש זאל תמיד האבן אין דר מחשבה אז די וועלט איז העלפט צדיקים אונ העלפט רשעים אונ ווען ער טוט איין עבירה איז וויי צו אים אונ צו זיין נשמה ווארום ער וועגט איבר די גאנצע וועלט צו ביין · אונ ווען ער טוט אמצוה איז וואול צו זיין נשמה ווארום ער וועגט איבר די גאנצע וועלט צו גוטן:
נוא ווער עס איז גירופן מיט דאס ווארט יהודי בדארף ער זעהן מען זאל ניט זינדיגין אין איטליכם יום טוב וואס ער איז איין יום הדין ווארום ווען איינער זינדיגט אום יום טוב אונ מען איז דענסט מאל דן די וועלט ברייננגט דר זעלביגר פיל שלעכטס אויף דער וועלט אונ שטארבין אוים פיל לייט מחמת הונגער אדער מחמת דארשט:
איבר דעם גהער איטליכר מענטש אין זין האבן דם דאזיגע אונ גיהער נאך דעם עסן גיין תורה לערנן אונ ווער עס קען ניט לערנן זאל גיין הערן דעם שיעור אדר גיין הערן די דרשה אזו וויא די גמרא זאגט מען גהער צוא דרשנען הלכות פסח אום פסח · הלכות שבועות אום שבועות · הלכות סוכות אום סוכות · ווארום ווען מען הערט צו איין למדן דרשנן אונ מען זאגט דרויף קדיש אונ מען ענטפערט אויפן קדיש אמן יהא שמיה רבא איז זיך הש"י משמח אונ זאגט צו די מלאכים קומט לאמיר זעהן דאס ליבע פאלג וואס איך האב באשאפין זיי לויבין מיך אפילו ווען דער למדן טוט דרשנן אונ זאגין אמן יהא שמיה רבא אזוא ווערט דער גזר דין צוא ריסין אונ איז זייא מוחל:
דיא גרעסטע מצוה איז אז מיזאל די ארימע לייט משמח זיין ווארום הש"י זאגט צו די יודין פיר ערלייא האט איר אין אייער גזינד · איין זון · אונ איין טאכטר · אונ איין קנעכט · אונ דינסט מיידן · אונ איך האב אויך פיר ערלייא · לוי · גר · יתום · אלמנה · ווערסטו מיין גיזינד דער פרייען אום יום טוב אזוא וועל איך דער פרייען דיין גזינד:
אום שמיני עצרת מאכט מען קידוש אין סוכה אונ נאך דעם קידוש עסט מען איין כזית גרוים אונ דער נאך זאל מען אזו זאגין:

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי כשם שקימתי וישבתי בסוכה זו כן אזכה לשנה הבאה לישב בסוכה של לויתן אמן כן יהי רצון:

הלכות חנוכה

עס איז איין גרויסע מצוה אז מיזאל בענטשין די חנוכה ליכט מיט בוים אייל ווארום
ווייל

זוייל דר נס איז גישעהן מיט בוים אייל · אונ ווער עס בענשט מיט וועקסנע ליכטליך
איז איין מצוה אז מיזאל אן קלעפן די ליכטליך אויף אזו איין ארט אז עס זאל ווינציגר
זיין צעהן טפחים פון דר ערד ווארום אז עס וועט זיין מער פון צעהן טפחים פון דר
ערד וועט מען זיי ניט רעכט אן זעהען :

דער בית חדש שרייבט מען טאר ניט ארום גיין מיטן שמש אזו וויא מען גייט ארום
מיט אנדערע ליכט נייערט מען מוז דעם שמש צווא קלעפין לעבן דיא חנוכה
ליכטליך ביז דיא ליכטליך ווערין אויס גיברענט · ווען עס קומט די צייט פון חנוכה
ליכטליך בענטשין דהיינו אייא דיא שטערן גייען ארויס טאר מען נישט עסין אונ
מען טאר אפילו ניט לערנען ביז מען מוז פריער די חנוכה ליכטליך בענטשין :
אונ ווען די ליכטליך האבן שוין אויס גברענט איר צייט דהיינו איין האלבע שעה אדר זיי
זיינען פאר לאשן גיווארן טאר מען דער פון קיין הנאה ניט האבן · אויך טאר מען
ניט טראגן די חנוכה ליכטליך פון איין ארט צום אנדרין ארט אפילו זיי האבן שוין אויש
גברענט איין האלבע שעה · אונ עס איז פר האנדן איין טייל מענטשן וואס זיי נעמן דעם
שמש נאך דעם אז זיי האבן אפ גיבענטשט די חנוכה ליכטליך אונ שטעלין אים אנידער
אויפן טיש · אונ איין טייל מענטשן זיינען זיך נוהג זיי נעמן דעם שמש אונ גייען מיט אים
ארום פון איין ארט צום אנדערן ארט טוען זיי ניט רעכט · ווארום מען טאר ניט הנאה האבן
פון די חנוכה ליכטליך כל זמן אז זיי ברענן · אונ אז מען נעמט צו דעם שמש וויא איז דען
מיגליך אז מען זאל זייא ניט זעהן · דרום ווען דר שמש וועט זיין אויף זיין ארט אונ וועט
אפילו הנאה האבין פון דער ליכט · קען מען זאגין איך זעה פון דעם שמש :
אונ ווען דר שמש איז אויש גילאשן גיווארן טאר מען ניט אן צינדן ביי די חנוכה ליכטליך
איין אנדר ליכט · איין טייל מענטשן זיינן זיך נוהג אז עס איז פר האנדן אין איין שטוב
עטליכע מענטשן וואס זיי בדארפן בענטשן די חנוכה ליכטליך בענטשן זיי מיט איין שמש
איז דאש ניט רעכט · נייערט איטליכער מענטש באדארף האבן איין באזונדערן שמש :
דער לבוש שרייבט די מענטשין וואס זיי בענטשן די חנוכה ליכטליך מיט בוים אייל אדר
אייל · בדארפן זיי ניט מאכן אלע נאכט איין נאייע קנייטל · ווען עס איז איבר גבליבן
מעג מען די אנדרע נאכט אויך בענטשן די חנוכה ליכטליך מיט דעם קנייטל · אונ עס איז
איין מצוה אז עס זאל זיין די חנוכה ליכטליך ביי דר לינקר זייט פון דר טיר · בדי אז מען וועט
אריין גיין אין שטוב אריין · וועט מען גיין דורך צוויי מצות דהיינו פון דר רעכטע זייט וועט זיין
די מזוזה אונ פון דר לינקר זייט וועט זיין די חנוכה ליכטליך · אונ מען זאל פר שטעלין די
חנוכה ליכטליך אז דער ווינט זאל ניט פר לעשן · איין אורח ווען ער וויל זיך ניט פר לאזן
אויף זיין ווייב מעג ער בענטשן די חנוכה ליכטליך וואו אהין ער קומט · אדר ער גיט עפעס
דעם בעל הבית צו שטייאר אזו איז ער אויך יוצא · איין טייל מענטשן דאוונן מנחה אום ערב
שבת אין דער היים אונ בענטשן אפ די חנוכה ליכטליך אונ דער נאך גייען זיי אין שול אריין
טוען זיי ניט רעכט · נייערט עס איז בעסר אז מען זאל דאוונן מנחה אין שול אונ נאך זאגין
אמן יהא שמיה רבא אונ דר נאך זאל מען גיין די חנוכה ליכטליך בענטשין · דער שארית
יוסף שרייבט ווען איינר עסט ביי זיינם חבר אונ עס איז גקומען די צייט פון חנוכה ליכטליך
צו בענטשן זאל ער גיין אהיים בענטשן די חנוכה ליכטליך · אבער אז ער ווייסט גיוויש אז
דאס ווייב וועט אן צינדן די ליכטליך פון זיינט וועגן מעג ער זיין ביי דעם חבר · איביג הייבט
מען אן צינדן די חנוכה ליכטליך פון דר לינקר זייט צו דר רעכטער זייט · אונ איי מען הייבט

אן צו צינדן די ליכטליך זאל מען מאכן די ברכות · אונ ניט וויא איין טייל צינדן אן די ליכטליך בשעת מען זאגט די ברכה · דר מגן אברהם שרייבט אום שבתות צו נאכט בענטשט מען די חנוכה ליכטליך פר ויתן לך · אבר אין דר היים בענטשט מען די חנוכה ליכטליך נאך הבדלה :

הלכות מגילה ופורים

אלע זאכן וואס דר מענטש איז שולדיג צו טאן מיט זיין געלט דם זעלביגע געלט זאל ער געמן פון אזו איין געלט וואס עס איז ניט גזאגט גיווארן אז דם געלט זאל זיין פון אקדושה וועגן דרום דם וואס מען גיט אין שול מעות פורים איידר מען לייענט די מגילה פורים אין דר פריא אדר משלוח מנות זאל ער ניט נעמן פון זיין מעשר געלט :
דיא מצוה פון מגילה לייענען איז גאנץ גרוים אונ זייער הארב אונ עס פאר שטויסט אלע גרויסע מצות דהיינו ווען עס זאל זיך טרעפין איין גרויסע מצוה צו טאן אין דער צייט ווען מען באדארף די מגילה לייענן אזו לאזט מען די מצוה שטיין אונ מען גייט צו הערין די מגילה דרום גיהער מען גיווארינט צו זיין אז מען זאל רעכט צו הערן אונ אכטונג צוא געבין וואס דר חזן לייענט אויס איין כשרה מגילה · אבער עס איז מיר ניט גיפעלן וואס אין די ישובים איז איין גרוים גישרייא ווען דר חזן לייענט דיא מגילה אונ אנדערע מענטשין האלטין איין חומש אין די הענט אונ הערן ניט רעכט פון דעם חזן זיינן זיי ניט יוצא מיט דעם די מצוה פון מגילה לייענן · דרום זאל איטליכר מענטש דר וועקן אונ טאן איינם פון די צוויי זאכן · ענטפער מען זאל רעכט צו הערן פון דעם חזן אדר מען זאל לייענן מיטן חזן אוים איין כשרה מגילה · אונ ווער עס זעהט אז עס ווערט איין חוצפה בשעת מגילה לייענן אונ מען ווערט דרויף ניט · וועלן זיי דרויף האבן איין גרויסן עונש · ווען מען מאכט איבר דער מגילה דיא ברכה שהחיינו גיהער מען אין זין האבן אז מען זאל יוצא זיין אויף סעודת פורים אונ משלוח מנות :
דער שולחן ערוך שרייבט דר מנהג איז אז מען זאל מאכן די סעודת פורים נאך מנחה אונ מעריב דאוונן ביי דר נאכט אונ דר בעסטר מנהג איז מען זאל קאנצן ביי טאג אונ ווען פורים גפאלט אום פרייטאג גהער מען מאכן די סעודה פר נאכט פון כבוד שבת וועגן · אונ ווער עס וויל מאכן די סעודת פורים אין דער פריא מעג ער מאכן אפילו אז עס גיפאלט ניט אום ערב שבת אונ מען גיהער צו לערנן אביסל תורה פר דר סעודה · אבר איטליכר מענטש זאל גיווארינט זיין אז מען זאל ניט פר געסן מעריב דאוונן אונ ניט וויא איין טייל מענטשין טרינקן זיך אן אונ שיכרן זיך אן אונ פאר געסן מעריב דאוונן איז דען דאס איין לויב צו השי"ת וואס ער האט אונז בהיט פר פיין אונ שמארצן אונ האט אונז אפ גיהיט פון די פיינד ניט גינונג וואס מען זאגט ניט דרויף שירות ותשבחות זאל מען נאך די אלטע גזעצטע תפלות ניט מסדר זיין · דרום גהער מען די סעודה בצייטן אן צו הייבן אונ דר נאך זאל מען גיין רופן אין שול אריין מעריב דאוונן · אונ מען מעג מפסיק זיין אין מיטן דר סעודה גיין דאוונן אונ ווער עס איז זיך אזו נוהג אונ גייט אין שול רופן האט ער דר פר איין גרויסן שכר ווארום ווען איינר וועט ניט קיין צייט האבן צו גיין דאוונן אין שול אריין מחמת ער איז איין טרוד מיטן משלוח מנות אזו וועט ער אויך ניט פר געסן דאוונן ווארום מען האט גירופן אין שול אריין וועט ער דאוונן אין דער היים אונ ווער עס מאכט די סעודת פורים פריער דר אין גלויבט ווארום סעודת פורים איז איין גדעכעניש פון סעודת אסתר · אונ אסתר האט גיוויש גימאכט איר סעודה אין דר פרי אזו וויא דר סדר איז פון מלכים אונ מען גיהער אין דעם בענטשין זאגין על הנסים חאטשע דיא סעודה ווערט גיצויגין אין דער נאכט אריין :

משלוח

משלוח מנות גיהר מען שיקן פלייש פיש מעד וויין אונ ניט וויא די נארישע מענטשן וואס זיי שיקן אלערלייא נארישקייט מיט דעם זייגען זיי ניט יוצא גאר מען מוז שיקן אזעלכע זאכן וואס דרך כבוד איז אונ מען מוז צו איינם אליין שיקן צווייא ערליי זאכן · אונ דר נאך אז ער האט שוין איינם גישיקט צוויי ערלייא זאכין מעג ער שוין שיקן דר נאך וועמן ער וויל אונ וויפל ער וויל אונ עס איז איין מצוה אז מען זאל פריילך זיין אום פורים אבר מען זאל זעהען אז עס זאל זיין איין שמחה של מצוה: דער רמב"ם שרייבט עס איז בעסר אז מען זאל זעהן שיקן אום פורים גאר צו די ארמע לייט

אונ נויט בדערפטיגע לייט דען עס איז קיין גרעסרע מצוה ניט פר האנדן אז מען דר פרייט ארעמע לייט אונ נויט בדערפטיגע לייט אונ יתומים אונ אלמנות · ווארום ווער עס דר פרייט די הערצר פון די דאזיגע לייט דר דאזיגר טוט אן איין גרוישן נחת רוח צו דר שכינה ווארום הש"י האט ליב די ארעמע לייט · אונ וויל דר נס פון פורים איז גישעהן דורך שיכרות מעג מען אויך אום פורים זיין לוסטיג אונ צו גידיינקען אין דעם נס וואס עס איז אונז גישעהן אונ ניט וויא איין טייל לייט וואס זייער כוונה איז גאר צו פרעסן אונ שיכרן אונ זויפן אונ שטיפן אונ גידיינקען גאר ניט אין דעם נס אונ בענטשן ניט אונ דאוונן ניט קיין מעריב אונ אנדרע לייט דאוונן ניט אפילו מנחה אונ זיינן גאר ניט משגיח אז זיי זאלן הערין די מגילה לייענן זיי מיינן אז די צוויי טעג פורים איז אלטס מותר צוא טאן די זעלביגע שמחה ווערט גיוויס פר שטערט · אזו ווי שלמה המלך ע"ה הט גזאגט אלע שמחות איז דם אן הייב פון טרויערקייט · דרום זאל מען זיך זעהן אפ היטן פון די נארישע מנהגים · אונ אפ צו היטן זיך אז מען זאל ניט גיין אין שעטנז אום פורים · אונ ווער עס וועט צו הערן צו אונזרע רייד וועט ער גוויש האבן עולם הזה והעולם הבא אונ וועט זוכה זיין צו גרויש גוטש:

הלכות צדקה

דיא מעלה פון צדקה איז גאנץ גרויש · דרום מוז מען גיווארינט זיין אלע שעה אונ אלע רגע צדקה געבן אונ ווער עש פר מייד זיך פון צדקה דר האט איין גרויסן עונש · אונ ווער עס גיט צדקה דר איז זוכה צו זעהן די שכינה · אבר ווען מען גיט צדקה זאל מען געבן פון גאטש וועגן אונ ניט כדי די לייט זאלן אים לויבן · אונ ווער עס גיט צדקה לשם שמים · דעם וועט הש"י בגליקן כדי ער זאל קענן נאך צדקה געבן אונ הש"י שיקט אים צו גוטע פרומע לייט כדי זיין צדקה זאל זיין איין רעכטע צדקה · אונ איז זוכה צוא גוטע קינדר זיי וועלן זיין בעלי תורה אונ בעלי חכמה אונ עשירים · דאס איז דר שכר אויף דער וועלט · אונ אויף יענר וועלט וועלן אים אנטקעגן קומן מלאכים וואס זיי זיינן די ממונים אויף דער צדקה · אונ וואס די ווייבר גיבין צדקה איז נאך מער חשוב ביי הש"י וואס דיא מאנזבילן גיבן · ווארום די ווייבר זיינן תמיד אין דר היים אונ אז דער ארום מאן קומט אין שטוב אריין גיבן די ווייבר אים תיכף עסן ווארג אזו האט דר ארום מאן תיכף הנאה דר פון · אבר ווען דר מאן איז דר פון ניט צו פרידן טארן די ווייבר ניט געבן אן דעם מאנש וויסן קיין צדקה אונ די ארימע לייט וואס נעמן פון די ווייבר וואס זייערע מאנן זייגען ניט צוא פרידן דר פון הייסן די ארימע לייט גזלנים אבר ווען די צדקה טרעפט אן ווייניג וואס דאש ווייב גיט מאגן יוא דיא ארמע לייט נעמן ביי דיא ווייבר ווארום אויף איין קליינע זאך איז דר מאן ניט מדקדק אזו וויא עס שטייט אין דר גמרא · רבינא איז גקומן אין דר שטאט מחוזא זיינן גקומן די ווייבר אונ האבן אים צו גווארפן גלדערנע קייטן אונ האלז בענדליך

האט

האט ער ביי זיי צו גנומען האט אים גיפרעגט רבה מיר האבן דאך גילערנט איין קליינע זאך מעג מען יוא נעמן פון די ווייבר אבר איין גרויסע זאך טאר מען ניט נעמען פון דיא ווייבר · אונ ווארום נעמשטו אזעלכע גילדערנע זאכן פון זיי · האט רבינא געענטפערט ביא די לייט פון מחוזא איז דאס גאלד איין קליינע זאך · ווארום זיי זיינן גרוישע עשירים · נוא איז דר פון גדרונגן אז איין אשה מעג צדקה געבן אן איר מאנש ווישן נאך איר פר מעגין · דרום איז רעכט אז איטליכר מאן זאל געבן די ווייב רשות אז זיא זאל צדקה געבן נאך איר ווילן נאך ווייל איר צדקה איז ביי השי"ת זייער חשוב אזו וועט זיין שכר גרויש זיין ווייל עש הייגגט אן אים אבר מען מוז ווישן ווען מען זאל צדקה געבן · ווארום אז מען גיט צו איין שלעכטן מענטשן צדקה האט מען נאך דר פר איין עונש :

אונזערע חכמים שרייבן ווער עס מאכט אז אנדערע לייט זאלן צדקה געבן האט דער מענטש וואס ער מאכט יענעם צדקה געבן איין גרעשערן שכר וואס יענר אליין גיט צדקה · ווארום ווער עס גיט אליין צדקה גיט ער מער ניט צדקה נאר וועדליג זיין פר מעגן אבר דר וואס רעט יענעם אן אז יענר זאל געבן צדקה קען ער די מענטשן אן ריידן אז זיי זאלן צדקה געבן אונ קען דאס תמיד טאן אבר דר מענטש וויש רעט יענעם אן אז ער זאל צדקה געבן בדארף ער אליין אויך צדקה געבן · אבר איין ארום מאן טאר מען אים ניט גייטן אז ער זאל צדקה געבן ווארום עס איז גלייך אזו ווי מגלה בייא אים · אזו שטייט אין ספר חסידים סימן של"ב :

אונזערע חכמים שרייבן ארימע לייט זאלן זיין דיין הויז גזינד מיינט מען ווען דוא בדארפסט אימיצר זאל דיר בדינן פר שכר זאלסטו נעמן איין ארום מאן פון דיינע פריינט דען ער איז בילכר פר איין פרעמדן אונ האטשע דו גישט אים ניט אום זיסט פון דעסט וועגן הייסט דאס פארט איין צדקה אבר דו זאלסט ריידן מיט זיי בנחת אונ אז עס קומט דיא צייט פון עסן זאלסטו זיי געבן עסן מיט איין פריילך פנים אונ בשעת אז דו הייסט זיי גיין איין מלאכה טאן זאלסטו אזו זאגן רבש"ע איך גיב מיינע פריינד אונ ניט פרעמדע כדי איך זאל מקיים זיין וחי אחיך עמך דו זאלשט דר גערן דיין ברודער מיט דיר דאס גלייכן אז דו שפייזט דיינע קליינע קינדר זאלסטו זאגן איך טוא דאש פון גאטס וועגין :

אויך שרייבן אונזערע חכמים ווען דר מענטש זעהט אז די פרנסה גייט אים קארג זאל ער זעהן צדקה געבן אבר מען טאר ניט מיט דעם פרובן כדי השי"ת זאל אים ווידר רייך מאכן נייערט ביי מעשר פון תבואה מעג מען יוא השי"ת פרובן אבר ביי מעשר פון געלט טאר מען ניט פרובן השי"ת האטשע עש איז מיין גוזמא אז השי"ת בשערט ווידר דעם מענטשן דער פאר וואש מען גיט מעשר אזו וויא עס שטייט אין פיל פסוקים פון דעסט וועגן טאר מען ניט אזו מכוון זיין נייערט מען זאל נאר טאן לשם מצוה וועגן · אבר דאס מעג מען יוא טאן בשעת אז מען גיט די צדקה זאל מען תפלה טאן פר השי"ת אז השי"ת זאל אים בהיטן פון צדקה נעמן אונ אויך זיינע קינדר אזו ווי אונזערע חכמים שרייבן אלע צייט זאל דר מענטש תפלה טאן צו השי"ת אז ער זאל אים בהיטן פאר דלות דען דר דלות האט איין אום גאנג ווען ער האט ניט אליין דעם דלות אלע זיינע טעג וועלן זיינע קינדר האבן דעם דלות אונ אז דיא קינדר האבן אויך ניט דעם דלות וועלן האבן זיינע אייניקליך דעם דלות דרום ווער עס נעמט ירושה זאל ער זעהן דער פון מעשר געבן האטשע ער ווייסט וואול אז זיינע עלטערן האבן דאש גמעשרת · אויך טאר מען ניט האנדלן מיט מעשר געלט אדר מיט צדקה געלט אפילו ניט אוועק צו לייען

דאס

דאס אויף רווחים ווארום טאמר וועט זיך טרעפן איין ארום מאן וועט מען ניט קענען אים געבן · אבר אז ער פר מאגט אויס לייגן זיין געלט מעג ער יוא אוועק לייען דאס מעשר געלט אדר צדקה געלט אויף רווחים · דר ספר חסידים שרייבט ווען איינר גיט צדקה לשם שמים אזו זייעט דאס הש"י ווי תבואה אונ עש איז אלע יאר נושא פירות אונ עס וואקשט צו גלייך וויא איינר קויפט אלע יאר תבואה אונ זייעט דאס אזו איז דאש אויך אונ דר נאך טוט דאש הש"י אריין אין איין אוצר אונ ווען ער שטארבט ברייננט מען דאס אים אנטקעגין :

אויך שרייבט דער ספר חסידים עס איז געווען אמאל איין עושר וואס פלעגט געבן געלט צום גבאי צדקה אז ער זאל געבן צוא פרעמדע ארימע לייט אונ האט גהאט איין ארימען ברודער אונ ארימע פריינד · האט איין חכם צוא אים גזאגט דו וועסט האבן איין גרויסין עונש אויף דיין צדקה וואס דו גיסט ווארום עש וואלט בעסער גיוועזן אז דו זאלסט געבן צו דיינע פריינד · אויך שרייבט דר ספר חסידים ווען דוא זעהשט צווייא ארימע לייט קומן אין שטאט אריין איינר איז גוט אונ פרום אונ דר אנדרר איז ניט אזו גוט אונ די שטאט לייט גיבן גראד צו דעם וואס עס איז ניט גוט אונ פרום בטייט דאש אויף צווייערליי זאכין איינש איז אז די שטאט לייט זיינן ניט גוט אונ פרום איבר דעם שיקט זיי צו הש"י אזעלכע לייט כדי זייער צדקה זאל ניט הייסן איין רעכטע צדקה אונ דאס אנדרע איז מחמת דיא עלטערן פון דעם גוטין פרומען מאן האבין גמוזט זיין גרויסע עשירים אונ האבין ניט גיגעבין די צדקה פון הש"י וועגן נייערט פון גאוה וועגן אונ ווען עס איז צו זיי גיקומען איין פריינד אדער איין ארום מאן וואס זיי האבן גוואושט אז זייא וועלן ניט געבין קיין שבח צוא זייא האבן זייא געגעבין ווייניגער אדער גאר נישט איבר דעם בצאלט זייא הש"י אין די קינדער מדה כנגד מדה והא ראיה אויף אנדערע ארימע לייט דער בארעמט מען זיך יוא אונ אויף זייערע קינדר דר בארימט מען זיך ניט אזו ווי דר פסוק שרייבט אל יהי חונן ליתומיו איז טייטש מען וועט זיך ניט דר בארימן איבר זיינע יתומים · אויך שרייבט דר ספר חסידים אין פסוק שטייט יהללך זר ולא פיך איז טייטש עש זאל דיך לויבן פרעמדע לייט אונ ניט דיין מויל אבער ווען איינער קומט אין איין שטאט וואו מען קאן אים ניט אונ אז ער וועט שווייגן וועט מען אים מיין ניט העלפן אזו וויא איין עם הארץ טאר ער ניט זאגן איך בין איין למדן נייערט ער זאל זאגן איין מעט דברי תורה אזו וועט מען שוין גוואר ווערן וויש ער איז · אויך שרייבט דער ספר חסידים ווען איינר איז איין ארום מאן זאל ער באשטעלן אז מיזאל אים בעסער געבן פון דער קופה של צדקה אונ זאל ניט גיין פון בית לבית ווארום דאש וואס מען גיט פון דער קופה של צדקה טוט קיינעם ניט שמארצן דאס הארץ אבער ווען ער גייט מבית לבית אזוא וועט ייענעם פאר דרישין נאך וואש ער גייט ארום חאטשע דאש געבין וועט בטרעפן איין פרוטה אונ טאמער האט דר בעל הבית קיין פרוטה ניט צו געבן אזוא וועט דער בעל הבית מבויש ווערן :

אויך שרייבט דר ספר חסידים ווען איינר וויל פארן אין וועג אונ דר וועג איז איין מקום סכנה זאל ער צום ערשטן צדקה געבן דהיינו גרייטע זאכן עסן ווארג אדר ברויט אבער ווען דר ארומן שעמט זיך מיט אזעלכי זאכן זאל ער געבן געלט · אויך שטייט אין ספר חסידים דר פסוק שרייבט והייתם נקיים מיי ומישראל איז טייטש מען מוז יוצא זיין פר מענטשן אזו וויא מען בדארף יוצא זיין פאר הש"י אבר מען בדארף זיך ניט פר ענטפערן פר אלע מענטשן דען צו צייטן גיט דר גבאי צו איין ערליכן מאן וואס ער וויל ניט האבן אז איטליכר זאל וויסן דר פון נייערט צווי אדר דריי דען אז אלע וועלן וויסן וועט זיין צום ערליכן מאן איין בזיון ווארום

טאמר

טאמר וועט מען אים אויף נארפן גיי נעם צדקה אונ אז די שטאט לייט פר וואונדערן זיך אונ שרייען וואו קומט אהין די צדקה איז בעסר אודר גבאי זאל זיך לאזן פר שעמן אונ זאל ניט אויש זאגן וועמן ער האט געגעבן די צדקה · אויך שטייט אין ספר חסידים ווען עס קומט צו דיר איין גאסט זאלסטו אים ניט פרעגן קיין תורה זאגן נייערט אז ער איז אלמדן מעגסטו יוא מיט אים עוסק זיין אין דר תורה · דר עיקר איז אז מען זאל יענם ניט מבייש זיין · אויך שטייט אין ספר חסידים ווען איינר איז איין גבאי אונ עס איז גקומן צו אים ארמע לייט וואס זיי זיינן זיינע קרובים זאל ער זיי מער ניט געבן פון דר צדקה נאר גלייך ווי איין פרעמדין עני · אונ ווען ער וויל זיי מער געבן זאל ער זיי געבן פון זיין געלט · אויך שטייט אין ספר חסידים ווען דר גבאי צדקה הערט ווי מענטשן ריידן פון אים אונ זיינן אים חושד זאל ער אויף דעם ניט פרעגן אבר ווען פיל לייט ריידן פון אים זאל ער גיין צו די פרנסים אונ זאל זייא דר ציילן אז די שטאט לייט זיינן ניט מסכים אז ער זאל זיין איין גבאי צדקה בבן מאכט אייך איין אנדר גבאי צדקה · דר ספר תולעת יעקב שרייבט אויף דר צדקה גרויסע וואונדערליכע סודות אונ רבי שמעון בן יוחאי שרייבט איר זאלט זיך ניט פר וואונדרן פר וואס האבן איין טייל פון די גרויסע צדיקים דעם דלות דהיינו רבי חנינא בן דוסא אונ רבי אלעזר בן פדת אזו ווי מיר זעהן איצונד אז דיא בעסטע לייט האבן דעם דלות אונ עס איז דר פון פיל צו שרייבן דרום זאל איטליכר מענטש זעהן אז ער זאל געבן צדקה אונ די צדקה זאל זיין לשם שמים אזו וועט ער האבן די וועלט אונ יענע וועלט ׃

הלכות גמילות חסדים

דיא מצוה פון גמילות חסדים איז מען זאל זיך מתעסק זיין מיט מתים אונ מלוה זיין דעם מת אונ טרויערן אונ קלאגן אויף זיי · אויך זאל מען גווארינט זיין אין דער מצוה פון הכנסת אורחים אונ אונזערע חכמים שרייבן אז עס איז איין גרויסע מצוה אורחים מקבל צו זיין מער וויא ער איז מקבל דיא שכינה · אונ ווען עס קומט צו אים איין אורח זאל ער אים שיין צוא נעמן אונ זאל באלד גרייטן צום טיש אונ לייגן דעם ברויט ווארום טאמער איז דר אורח הונגעריג אונ שעמט זיך צו זאגן אז מען זאל אים געבן עסן · אין פסוק שטייט הלא פרוס לרעב לחמך איז טייטש דו זאלסט באלד איין טישטאך אויף שפרייטן ווען עס קומט צו דיר איין גאסט כדי צו ווייזן אז דוא גיסט יענם עסן מיט דרך כבוד · אונ נאך איינש איז צו טייטשן דאס ווארט פרוס איין שטיק דהיינו ווען דוא זעהעסט אז דער גאסט שעמט זיך צו שניידן דעם ברו"ט זאלסטו אליין שניידן דעם ברויט · אונ דיא מצוה פון הכנסת אורחים מיינט מען אפילו עשירים ווען ער איז אין וועג הייסט ער דאך אויך איין עני ווארום ער האט מיט קיינעם ניט ארום צו גיין דרום ווען מען זעהעט אז איין אורח קומט ער מעג זיין ארום אדר רייך זאל מען זאגן צום אורח קומט צו מיר · דען מיר לערנן דאס אפ פון אברהם אבינו אזו באלד וויא ער האט דר זעהן די מלאכים האט ער גמיינט אז דאש זיינן מענטשן האט ער זייא באלד אריין גרופן צו זיך אונ האט גשאכטן דרייא אקסן אונ האט זייא געגעבן די דרייא צינגער מיט חריין אונ דיא גרעסטע מצוה איז סייא צדקה געבן אונ סייא איין אורח מקבל זיין זאל מען נאר אליין טאן · אזו וויא מיר געפינן ביי אברהם אבינו אז ער האט זיך אליין מתעסק גוועזן מיט די אורחים דרויף האבן גזאגט אונזערע חכמים וואס אברהם אבינו האט אליין גטאן צו דיא אורחים דש האט השם יתברך אליין גיטאן צו זיינע קינדר ישראל · אונ וואס אברהם אבינו האט גטאן צוא דיא אורחים דורך איין

שליח הט השי"י אויך גטאן דורך איין שליח דהיינו ביי ברויט שטייט אז אברהם אבינו הט אליין גגעבן צוא דיא אורחים איבר דעם האט השי"י אויך אליין גגעבן דעם מן אין דער מדבר צו דיא קינדער ישראל · אונ בייא דער וואשער געבן איז גוועזן דורך איין שליח · איבר דעם האט השי"י אויך גגעבן דיא וואשער דורך משה רבינו :

דער בחיי שרייבט איין שיינעם מנהג פון די ספרדים ווען איינר איז איין מכבד אורח אונ אז ער שטארבט מאכט מען פון דעם טיש וואס דיא אורחים האבן גגעסן איין ארון כדי מען זאל גדיינקן אז מען נעמט ניט מיט אויף יענר וועלט פון זיין גאנץ עשירות נאר די מעשים טובים וואס מען טוט אויף דר וועלט · אונ ווען דר בעל הבית האט איין זארג בשעת אז דר אורח איז ביי אים זאל ער דעם זארג פון דעם זינן ארויס שלאגן אונ זאל ניט ווייזן קיין שום זארג פארין אורח אונ ווען דר בעל הבית זעהעט אז דר אורח איז אין צער זאל ער אים אויס ריידן אונ טריישטן אונ דאס איז נאך מער מצוה וואס ער גיט אים עסן · אונ אויך זאל דר בעל הבית ניט דר ציילן זיין צער פאר דעם אורח ווארום דר אורח האט ניט דר פון קיין נחת רוח · אונ ווען מען רופט דעם אורח זאל מען אים פרעגן וואש פר אנאטור ער האט דען טאמר קאכט מען אזעלכע תבשילים וואס דר אורח האט דאש ניט ליב אזוא וועט דר אורח קיין הנאה ניט האבן פון דעם עסן אונ ווען דר אורח בלייבט בייא אים איבער נאכט זאל ער מאכן דעם אורח איין גוטן גלעגר דען דאס איז נאך מער מצוה אז פון דעם עסן ווארום טאמר איז ער מיד אזו וועט ער זיך אפ רוען אונ ווען דער ארח וויל שוין אוועק גיין זאל מען אים ברויט מיט געבן · דען מיר גפינן אין דר גמרא דוד אונ יהונתן זיינן גוועזן די בעסטע פריינד אין דר וועלט אונ וייל יהונתן האט ניט מיט גגעבן קיין ברויט צו דוד בשעת ער איז אנטלאפן גווארן פון שאול המלך האט דוד גמוזט עסין בייא די כהנים היילג ברויט · איבר דעם איז דער שלאגן גווארין דיא גאנצע שטאט מיט דיא כהנים וואס זיא הייסט נוב עיר הכהנים אונ אז דר אורח גייט אוועק זאל מען אים באלייטן דען ווער עש בלייט ניט דעם אורח איז גלייך וויא מען פאר גישט ייענעם בלוט · אין דרייערלייא זאכן איז גרעסר גמילות חסד פון צדקה · איינש איז צדקה איז נאר מיט געלט אונ גמילות חסד איז מיט געלט אונ מיטן גוף · דאס אנדערע איז צדקה איז נאר צו ארימע לייט אבר גמילות חסד איז צוא ארימע אונ אויך צו עשירים · דאש דריטע איז צדקה איז נאר צו די לעבדיגע אונ גמילות חסד איז צו די לעבדיגע אונ אויך צו די טויטע · אונ אונזרע חכמים שרייבן ווער עס איז גומל חסד מיט מענטשן דער זעלביגר איז בוודאי איין ירא שמים · אונ וועלכר מענטש עס האט אין זיך די דריי זאכן דהיינו ער איז איין גומל חסד אונ איז איין ביישן אונ איז איין רחמן דער זעלביגר איז גוויש פון זרע אברהם · אונזערע חכמים שרייבין ווער עש וויל זיך באהעפטין אין דר שכינה כלומר ער וויל אויך טאן וויא השי"י טוט אזו זאל ער דיא זאכן אויך האלטן דהיינו בקור חולים. איז טייטש מבקר חולה זיין אונ הכנסת כלה איז טייטש מען זאל ארום גיין ווען עס פעלט דר כלה הן פון נדן הן מלבושים הן אנדערע זאכן כדי דיא כלה זאל גיין צו דר חופה בכבוד אונ מלביש ערומים איז טייטש אן צוא קליידן נאקעטע :

הכנסת כלה

די גמרא שרייבט מיר גפינען ביי דיא תנאים האבן גטאנצט אונ גשפרונגן פר דער כלה אונ האבן משמח גוועזן חתן אונ כלה · אונ חאטשע זייא זיינן גוועזן גרויסע פיינע בריות

פון

פון דעסט וועגן האבן זייא זייער כבוד גאר ניט גאכט איבער דעם בדארף מען דער פון אפ לערנען ווען איינר איז איין גרויסער חשוב אונ חתן כלה זיינן גמיינע לייט זאל מען דאך דעם כבוד אוועק לייגן אונ מען זאל די חתן כלה משמח זיין · אונ דש וואס אונזרע חכמים שרייבן אז הכנסת כלה איז טייטש מען זאל העלפן דר כלה צו איר נדן אונ צו איר צירונג אונ צו אירע מלבושים כדי זיא זאל קענן בכבוד גיין צו דר חופה · אונ ניט וויא די דאזיגע מענטשן וואס זיי נארן אפ דעם חתן · אונ רייסן אים אפ פון דעם נדן מיט גוואלד אונ בייטן אים אז ער זאל גיין אונטר דר חופה טוען זיי גאר ניט רעכט אונ דאס הייסט גזל · נייערט דאס וואס דר מנהג איז אפ צו רייסן פון דעם נדן מעג מען יוא ווארום דר חתן האט פריער גוואוסט אז מען וועט אים אפ רייסן פון דעם נדן אבר עס איז איין גרויסע מצוה אז מען זאל דעם חתן איין ריידן מיט גוטע רייד אונ מען זאל אים זאגן טוא ניט פון געלט וועגן נייערט פון גאטש וועגן ווארום ווער עס פר לאזט זיך אויף גאט איז גאט אין זיין הילף דר כלל איז אלע גמילות חסדים וואס דר מענטש טוט זאל ער ניט אין זין האבן אויף קיין בצאלונג נייערט מען זאל אלץ טאן פון גאטס וועגן צו ווייזן אז מען וויל זיין דינסט :

הלכות ביקור חולים

דיא מצוה פון ביקור חולים האט קיין שיעור ניט אפילו הונדערט מאל אין איין טאג · אפילו איין גרויסער צוא איין קליינעם אדר איין חשוב צו איין גמיינעם חאטשע ער ווייסט וואול אז ער איז אין דעם מזל גבארן גיווארן וואש דער חולה איז אונ אז דער דאזיגער גייט צום חולה נעמט ער צו איין זעכציגט חלק פון זיין קריינק פון דעסט וועגן בדארף ער גיין מבקר חולה זיין דעם חולה אונ ביקור חולים איז מיט געלט אונ מיטן גוף אונ מיטן נפש צום ערשטן בדארף מען מיטן גוף לויפן אונ זוכן אלערלייא זאכן וואס גהער צום חולה איין רפואה · אויך גהער מען זעהען אז מען זאל ריין האלטן דאס ארט וואו דר חולה איז אזו וויא מיר גפינען בייא רבי עקיבא ער איז אמאל גיקומען צוא איין חולה אים מבקר חולה זיין האט ער גזעהען אז עס איז אום ריין האט רבי עקיבא אליין גנומען איין בעזים אונ האט אויש גקערט האט דער חולה גזאגט צו רבי עקיבא דו האסט מיך בייא מיינעם לעבן דער האלטן ווארום דארטן וואו עס איז אום ריין איז דארטן קיין גוטיץ ניט :

אונ מיטן נפש בדארף מען בעטן צו השי"י אז השי"י זאל דעם חולה איין רפואה שלמה שיקן · אונ מיטן געלט בדארף מען זעהן אז דר חולה האט ניט קיין געלט זאל מען דעם חולה אנטלייען אונ אז דר מענטש וואס ער גייט מבקר חולה זיין האט אליין אויך ניט קיין געלט זאל ער אנטלייען בייא אנדערע מענטשן פון דעם חולה וועגן ווארום איין חולה בדארף האבן זייער פיל געלט :

אויך שרייבט די גמרא ווען מען קומט צו איין חולה מבקר חולה זיין זאל מען זיך ניט זעצן צו קאפינש בייא דעם חולה · ווייל די שכינה איז צו קאפינש בייא דעם חולה · נייערט מען זאל זיך זעצן צו פוסענש פון דעם חולה אונ ווען מען גייט מבקר חולה זיין זאל מען זיך אן טאן דיא קליידר וואס מען גייט מיט זיי אין שול אריין ווארום ווייל די שכינה איז בייא דעם חולה :

נוא איצונד מעגט איר פר שטיין ווען עס איז איין מצוה מבקר חולה זיין וואש עס גייט אן דעם גוף אונ מען מוז אים פר זארגן מיט אלע זאכן אזו וויא מיר האבן פריער גשריבן איז שוין איין כל שכן אז מען זאל פר זארגן די נשמה פון דעם חולה דהיינו מען זאל זעהן אז

דער

דר חולה זאל ווידוי זאגן מיט אצוברעכן הארץ אונ זאל חרטה האבן אויף זיינע זינד אונ זאל בעטן צו הש"י אז ער זאל אים מוחל זיין אויף זיינע זינד אונ זאל צוואה טאן ווען ער איז שולדיג · אונ ניט וויא איין טייל לייט וואס זיי ווארטן ביז דר חולה ווערט זייער שלאף אונ דר חולה האט שוין קאם פר שטאנד אזו קען ער שוין ניט רעכט תשובה טאן אונ ווידוי זאגן מיט איין רעכטע כוונה כדי איטליכער זאל ארויס ריידן אונ בפרט דענסט מאל איז שוין גאר פאר שטאפט דאש הארץ פון דעם חולה אז ער זאל קענן ווייגן בשעת ווידוי זאגן דרום די לייט וואש זיי גייען מבקר חולה זיין ווען זיי זעהען עפים איין סכנה ביי דעם חולה זאל מען צו אים זאגן גיב איין לויב צו הש"י ער איז איין רופא ער קאן דיך היילין אונ זאג ווידוי דען די ווידוי מאכט קיינעם ניט דעם טויט עס האבן פיל מענטשן ווידוי גזאגט אונ זיינן ניט גשטארבן והא ראיה אום יום כפור זאגן דאך אלע מענטשן ווידוי אונ שטארבן ניט · אונ אויך עס איז פר האנדן מענטשן וואס זיי זאגן ווידוי אין דר פרי"א אונ פאר נאכט אונ שטארבן ניט · אויך זאל מען זאגן דעם חולה אז ער זאל מחילה בעטן די מענטשן וואס ער האט אקעגן זיי גזינדיגט · ווארום הש"י איז מיין מדקדק וואס איין מענטש זינדיגט אנטקעגן דעם חבר אייד(ר) מען זינדיגט אנטקעגן אים אליין :

דער זוהר שרייבט ווער עש רעט אן דעם חולה אז ער זאל רעכט תשובה טאן דער זעלביגער ווערט גהייסן מלאך מליץ ווארום ער איז מציל דעם חולה פון דעם גיהנם אונ ברייגגט אים צום אייביגן לעבן · אונ וואויל איז צום חולה וואס ער דער וועקט זיך אליין ווידוי זאגן אונ תשובה טאן איי מען דר מאנט אים דער צו :

דרום זאל זיך איטליכער מענטש ריכטן אלע טאג אויפן טויט וויל ער איז נאך גזונט אונ זאל זיך לאזן מאכן תכריכים פון פיל טעמים ווען איינש איז טאמר שטארבט ער אום יום טוב וועט מען מוזן מאכן תכריכים ניט אזו וויא מען דארף מאכן אזו וויא אום דער וואכין מאכט מען די תכריכים ווארום דר מת האט קיין רוא ניט אז ער ליגט אויף דר ערד אונ דאס אנדרע איז אז מען טוט אקוק אויף די תכריכים דר מאנט מען זיך אן דעם טויט דער וויל וועט מען תשובה טאן אונ ווען מען לאזט זיך מאכן תכריכים זאל מען לאזן מאכן דיא תכריכים פון גמיינע לייווינט אונ ניט וויא די נארישע מענטשן וואס זיי מאכן די תכריכים פון טייערע לייווינט אויך זאל ביי א איטליכן מענטשן גשריבן זיין די צוואה :

אויך גהער מען דר מאנן דעם חולה אז ער זאל אפ זאגן אויף ארימע לייט דאש גלייכן ער זאל מנדר זיין אויף די לומדים דען ווען איינר טוט איין מצוה פארין טויט וועגט איבר דיא מצוה אלע עבירות וואס ער האט גטאן אונ די מצוה איז גרעסער פון אלע מצות וואס ער האט גטאן ביי א זיינעם לעבן :

דער הרקנטי שרייבט אונ אנדערע ספרי קבלה שרייבן מען זאל גווארינט זיין אזו באלד וויא די נשמה ארויס גייט פון דעם מענטשן זאל מען איבר דעקין אז מען זאל קיין שום גליד ניט ארויס זעהן פון דעם מת :

סדר הוידוי

צום ערשטן זאל ער צוואה טאן אונ מחילה בעטן ווען ער האט דר ווידער גיטאן סייא מיט געלט אונ סייא מיט ריידן אונ אז יענער לאזט זיך ניט איבער בעטין זאל ער שיקן צום חבר מענטשן אז זיי זאלן ריידן ביז דר חבר וועט אים מוחל זיין · אונ זאל וואשן די הענט אונ זאל אן טאן די ציצית אונ איין גארטעל אן טאן · אונ עס

איז צום בעשטן אז דער חולה זאל נעמען איין פרוטה אין דער האנט אונ זאל זאגין דא ברייט איך אן מיינע הענט צו געבן צדקה אונ זאל זאגן לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם בשם כל ישראל אונ עס זאלן אין אים בשטעטיגט ווערין וואס די צדקה טוט בטייטן דער נאך זאל ער זאגן די ווידוי אשמתי וואס עש שטייט אין הלכות תשובה · אונ דר נאך זאל ער דאס זאגין :

רבונו של עולם דו ביסט איין הער איבער דר גאנצר וועלט איך ליג קראנק אין דיינר מאכט אונ מיין רפואה איז אין דיין האנט אונ מיין מיתה איז אויך אין דיין האנט אזו בעט איך דיך דו אלמאכטיגר גאט וואס דו הייסט אל רחום וחנון דו זאלסט מיר שיקן מיט דיין דר בארימקייט איין רפואה שלימה צווישן אנדרע חולים פון ישראל ווארום איך האב חרטה אויף אלע מיינע עבירות וואש איך האב אלע מיינע לעבן טאג געטאן פון דר צייט וואש איך בין גבארין גיווארן ביז דעם היינטיגן טאג סייא אזו איין עבירה וואס איך האב געטאן בשוגג אונ סייא אזו איין עבירה וואס איך האב געטאן ברצון אדער וואס איך האב קיילע געמאכט מיט מעשה אדר מיט דבור אדער מיט מחשבה אויף אלדינג האב איך חרטה · אונ ווען איך וועל זוכה זיין געזונט ווערן מיט דיין הילף וועל איך שוין אזעלכע שלעכטע מעשים ניט טאן · אונ אויב עס איז שוין געקומען מיין צייט אז איך זאל שטארבן אזו בעט איך דיך אז מיין נשמה זאל ארויש גיין פון מיר גאנץ גרינג אזו וויא מען ציהט איין האר אויס דר מילך · אונ זאלסט שיקן מלאכים אז זיי זאלן מקבל זיין מיין נשמה · אונ זאלן זאגן צו מיין נשמה מיט שלום זאל זיין דיין קומען אונ זאלן מיר זעצן צווישן אנדערע צדיקים אונ זאלן לאזין אויף מיר שיינן די שונהייט אונ דיא צימליכקייט פון דער שכינה אמן וכן יהי רצון :

אונ דער נאך זאל דער חולה דאס זאגן :

איך גלויב מיט אמת אז גאט איז איינציג אונ ער איז משגיח צוא געבין שכר צו די צדיקים אונ דעם עונש צו די רשעים אונ איך גלויב אין תורת משה אז זיא איז גיגעבין גיווארן פון דעם הימעל אויפן בארג סיני מיט אלע מצות וואס מדרבנן איז :

אונ דער נאך זאל דער חולה דאס זאגן :

אשמתי איך האב גישולדיגט איך האב וויא פיל מאל גיגעסין אונ האב דיא הענט ניט גיוואשין אונ איך האב וויא פיל מאל גגעסן אונ גטרונקן אן איין ברכה פריער אונ דער נאך · דען איך האב ניט גוואושט אז עס איז אזוא איין גרויסע עבירה אז עס איז גלייך וויא מען האט הנאה פון הקדש אונ איך האב געגעסן אזעלכע זאכין וואס עש איז אסור · אונ האב גטרונקען ויין וואס עס איז ניט געמאכט גווארן בהכשר :

בגדתי איך האב גפעלשט איך האב דיינע מצות ניט רעכט געהאלטן וויא עס געהער צו זיין · איין אשה זאל זאגן איך האב מיינע מצות חלה נדה הדלקת הנר ניט רעכט געהאלטן :

גזלתי איך האב גרויבט איך האב לייטן אום רעכט געטאן איך האב ניט בצאלט דעם שכר צו די מענטשן וואס האבן ביי מיר פר דינט אין דער צייט · איך האב מסיג גבול גוועזן איך האב גנארט לייטן אין אלע זאכן איך האב גנבת דיא דעה פון לייטן איך האב מיט מיין מויל גירעט צווא יענעם אונ מיין הארץ האט אנדערש גימיינט :

דברתי דופי איך האב גרעט לעשטערקייט איך האב גרעט לשון הרע אונ רכילות איבער דעם האב איך געמאכט מחלוקת צווישן מענטשן אונ האבן דריבער גהאט שנאת חנם איינר אויפן אנדרן איך האב גרעט אונ האב מפסיק גוועזן פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה אונ דאס איז איין גרויסע עבירה איך האב גרעט מיט

לייטין

לייטן בשעת דער חזן האט שמונה עשרה גיזאגט אדער איך האב תהלים ומעמדות גזאגט בשעת דער חזן האט שמונה עשרה גזאגט דען דאס איז אויך ניט רעכט · איך האב ניט אכטונג גיגעבן אמן נאך צו זאגין נאך איטליכער ברכה :

איך האב גשווארן שבועת חנם איז טייטש אום זיסט גשווארן · איך האב גישווארין שבועת שקר איז טייטש פאלש גשווארן איך האב קללות גפלוכט צו מיין הויז גזינד אונ אויך אנדערע לייט · העויתי איך האב פאר קרימט · איך האב גהאט אין מיין תפלה אלערלייא מחשבות איבר דעם האב איך ניט גהאט קיין כוונה אין מיין תפלה אונ האב ניט גדאכט ארוים צו שלאגן די פרעמדע מחשבות אויס מיינם זין דר מיט איך זאל גדיינקן פאר וועמן איך שטייא אונ פר וועמן איך טוא תפלה וואלט אריין אין מיר די יראה אונ איך האב גלאכט אונ נארישקייט גטאן בשעת איך האב גדאווינט אונ בשעת איך בין גגאנגען אין די תפילין האב איך גאר קיין יראה ניט גהאט · אונ האב צו צייטן משא ומתן גטאן אונ דברים בטלים גרעט אין די תפלין אונ איך האב גאר ניט גטראכט אז עס איז איין גרויסע עבירה אז מען איז מזלזל די קדושה פון תפלין · נאכן עסן האב איך ניט רעכט גיבענשט אדער איך האב גבענטשט אן כוונה · אונ ווען מען האט גבענטשט מיטן מזומן האב איך ניט צו גהערט אונ האב גרעט ממילא האב איך נאך אנדרע אויך מבטל גוועזן ווארום זיי האבן ניט גקענט צוא הערן איבר מיר דש בענטשין · והרשעתי איך האב שלעכטש גיטאן אונ ניט איך אליין האב גטאן שלעכטש נייערט איך האב נאך אנדרע מענטשן אויך גפירט אין שלעכטן וועג :

זדתי איך האב גימוטוויליגט איך האב זנות גטריבן מיט דער מחשבה אונ בפועל :

חמדתי איך האב גילוסט אזעלכע זאכין וואס זיינן ניט גיוועזן מיינש · אונ ווען איך האב פאר לאנגט פון איינעם איין זאך צו קויפן אונ יענער האט ניט גוואלט פר קויפן האב איך אזו לאנג ניט אפגלאזן די זאך ביז ייענער האט גמוזט פר קויפן אזו האב איך עובר גוועזן אויף לא תחמוד :

טפלתי שקר איך האב מיך בהעפט צו שלעכטע לייט אונ האב זיך אפ גילערינט פון זייא פיל שלעכטע זאכין :

יעצתי רע איך האב שלעכטע עצות גגעבן צו לייטן איבער דעם זיינען זיי גקומן צוא גרויסע היזיקות :

כזבתי איך האב ליגן גרעט · איך האב חניפה גטריבן דהיינו ווען איך האב גזעהן איינעם איין עבירה טאן אונ איך וואלט אים גיקענט דרויף ווערין אונ האב ניט גווערט · לצתי איך האב פון לייטין גישפעט :

מרדתי איך האב ווידער גישפעניגט איך האב נדרים גיטאן · אונ האב זייא ניט גיהאלטין דער מיט האב איך פאר זינדיגט אז מיינע קינדר זיינן גשטארבן איז גלייך וויא איך אליין האב זייא ממית גיוועזן :

נאצתי איך האב דיך גאט דער צארינט דאש מיינט מען איך האב ניט גיהאלטין דיין תורה אונ מצות :

סררתי איך האב אפ גיקערט פון דעם גוטין וועג אונ פון דיין יראה איבר דעם האב איך ניט גיטראכט מקיים צו זיין דיינע מצות אדער איך האב מיך ניט גהיט פאר עבירות : עויתי איך האב פאר קרימט :

פשעתי איך האב מוטוויליג גיטאן עבירות · צררתי איך האב מיינע חברים מצער גיוועזן מיט מעשים אונ מיט דבורים · קשיתי עורף איך בין גיוועזן הארט

אקענדיג

אקענדיג ווען מען האט מיך גשטראפט אדר ווען איך האב גיהערט לערנן וואס מען מעג יוא טאן אונ וואס מען טאר ניט טאן פון דעסט וועגין האב איך דאס ניט רעכט גהאלטן: רשעתי איך האב גיאיבעלט אונ שלעכטע מעשים גיטאן:

שחתתי איך האב פאר דארבן דהיינו וואס איך וואלט בדארפן טאן גאטש דינסט האב איך גראד פאר קערט גטאן • תעבתי איך בין ווארן פר אום ווירדיגט • תעיתי איך בין ווארין פאר אירט:

תעתעתי איך האב אנדרע לייט פר אירט אונ פר פירט אונ האב זיי גמאכט זינדיגן:

סרתי איך האב אפ גיקערט פון דיינע גבאט אונ פון דיינע גוטע גירעכטיקייט אונ האב זייא גאר ניט גיאכט:

ואתה צדיק אונ דוא גאט ביסט גירעכט אויף אלין דינג וואס אויף מיר איז גקומן דען דיא ווארהייט האסטו גטאן אונ איך האב פר שולדיגט:

איין אשה זאל אזו זאגין אין דער ווידוי:

איך האב מיך גלאזט זעהן פר פרעמדע מאנן • אונ איך האב גוויזן מיינע בריסט אונ מיין בלויז לייב • אונ איך האב גלאזט הערן מיין קול פאר פרעמדע מאנען אונ איך האב זיי צו עבירות גבראכט אונ איך האב גטאנצט מיט די פרעמדע מאנן • דען עס איז איין עבירה צו טאנצן אפילו מיט איין קליינעם יונג וואס ער איז אפילו נאך ניט בר מצוה אויב ער איז איין פרעמדער:

די ספרים שרייבין ווען דער מענטש איז נוטה למות אזו קומט דר שטן אונ שטעלט זיך בייא דעם חולה אויף דר רעכטער זייט אונ רעט אים אן אז ער זאל ח"ו לייקענן אן גאט ב"ה אונ קען ח"ו אמאל גובר זיין דעם מענטשין ווען ער איז נוטה למות:

איז אזו די תקנה אז דר חולה זאל זאגן די דרייצהן עיקרים דאש גפינט מען אין אות (א) אונ אויב דר חולה האט שוין ניט קיין פר שטאנד אדער דר חולה האט ניט קיין כח זאלן זייגע זין אדער זיין ברודער פאר אים זאגין דיא דרייצעהען עיקרים אונ דער חולה זאל צוא הערין איז שוין גינוג:

ווייטר שרייבן זיי פיל גוטע פסוקים ווש מען זאל פיר זאגן דעם חולה ווען ער הייבט אן גוסס צו זיין דוקא צו זאגין אויף לשון הקודש דרום האב איך דאש דא ניט גשטעלט ובפרט עס איז פר האנדן אספר חיים גפינט מען דארטן וואס דר צו גהער:

תיקון חבוט הקבר

דאס איז ווישעגליך דאס וואס מיר האבין גישריבן אין אות (ק) אזו באלד אז דער מענטש קומט אין קבר אזו פרעגט מען אים וויא ער הייסט אונ וויא זיין נאמען איז אזוא האבין אונזרע חכמים גיפונען איין מיטל פאל אז מען זאל זאגין נאך שמונה עשרה אין אלהי נצור פאר יהיו לרצון איין פסוק וואס הייבט זיך אן מיטן ערשטן אות פון זיין נאמן אונ מיטן היגטערסטין אות פון זיין נאמן אזו איז מען פר זיכערט אז ער וועט זיין נאמן ניט פר געסן דרום האבין מיר גישטעלט דיא נעמן (ע"פ א"ב):

אות א

אברהם אתה הוא ה' האלהים אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים ושמת שמו אברהם:

אהרן אשמחה ואעלצה בך אזמרה שמך עליון:

אליהו אשרי שאל יעקב בעזרו שברו על ה' אלהיו:

אפרים אל יקנא לבך בחטאים כי אם ביראת ה׳ כל היום :

אליקום אין כאל ישורון רוכב שמים בעזרך ובגאותו שחקים :

אלישע אל נקמות ה׳ אל נקמות הופיע :

אליעזר׳ איתמר׳ אשר׳ אביגדור׳ אבנר׳ אל תרחק ממני כי צרה קרובה כי אין עוזר :

אבי עזרי אל תבואני רגל גאוה ויד רשעים אל תנדני :

אות ב

ברוך ברוך אתה ה׳ למדני חקיך :

ברכיה בטח בה׳ ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה :

בועז ביום קראתי ותענני תרהיבני בנפשי עוז :

בונם בכל מקום עיני ה׳ צופות רעים וטובים :

אות ג

גדליה גול על ה׳ דרכך ובטח עליו והוא יעשה :

גד גאות אדם תשפילנו ושפל רוח יתמוך כבוד :

גרשון גרש לץ ויצא מדון וישבות דין וקלון :

גבריאל גם אני אודך בכלי נבל אמתך אלהי אזמרה לך בכנור קדוש ישראל :

אות ד

דוד דרשו ה׳ ועזו בקשו פניו תמיד :

דן׳ דניאל דן ידין עמו כאחד שבטי ישראל :

אות ז

זבולן זבולן לחוף ימים ישכון והוא לחוף אניות וירכתו על צידון :

זכריה זכרו נפלאותיו אשר עשה מופתיו ומשפטי פיהו :

זרח זרח בחושך אור לישרים חנון ורחום וצדיק :

זאב זכר צדיק לברכה ושם רשעים ירקב :

אות ח

חיים חונה מלאך ה׳ סביב ליראיו ויחלצם :

חנוך חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה :

חסדא חיי בשרים לב מרפא :

אות י

יצחק יהוה אדני עוז ישועתי סכות לראשי ביום נשק :

יעקב יענך ה׳ ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב :

יוסף ה׳ יגמור בעדי ה׳ חסדך לעולם מעשי ידיך אל תרף :

יהודה יודוך ה׳ כל מעשיך וחסידיך יברכוכה :

ישי ה׳ לי בעוזרי ואני אראה בשונאי :

ישראל׳ יואל׳ יקותיאל׳ ירחמיאל ימין ה׳ רוממה ימין ה׳ עושה חיל :

ירוחם יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם :

יאיר ה׳ שמך לעולם ה׳ זכרך לדור ודור :

ישעיה׳ ירמיה יראת ה׳ מוסר חכמה ולפני כבוד ענוה :

יששכר ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר :

יהושע יחוס על דל ואביון ונפשות אביונים יושיע :

יונה יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה :

יונתן׳ יוחנן יושב בסתר עליון בצל שדי יתלונן :

אות כ

כלב כי לא יטוש ה׳ את עמו ונחלתו לא יעזוב :

אות ל

לוי לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי :

אות מ

משה׳ מנשה מחשבה בעצה תכון ובתחבולות תעשה מלחמה :

מנחם מאור עינים ישמח לב ושמועה טובה תדשן עצם :

מתתיהו מה דודך מדוד היפה בנשים מה דודך מדוד שככה השבעתנו :

מאיר מי זה האיש ירא ה׳ יורנו בדרך יבחר :

משולם מכל משמר נצור לבך כי ממנו תוצאות חיים :

מרדכי מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי :

אות נ

נחמיה נחלתי עדותיך לעולם כי ששון לבי המה :

נחמן׳ ניסן׳ נתן נר אלהים נשמת אדם חופש כל חדרי בטן :

נפתלי נדבת פי רצה נא ה׳ ומשפטיך למדני :

אות ע

עקיבה עזי וזמרת יה ה׳ ויהי לי לישועה :

עזריאל על דעתך כי לא ארשע ואין מידך מציל :

עוזר עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר :

עזרה עבדו את ה׳ בשמחה בואו לפניו ברננה :

אות פ

פתחיה פתחו לי שערי צדק אבוא בם אודה יה :

אות צ

צבי צר ומצוק מצאוני מצותיך שעשועי :

אות ר

רפאל ראו עתה כי אני אני הוא ואין אלהים עמדי אני אמית ואחיה מחצתי ואני ארפא ואין מידי מציל :

ראובן ראה זה מצאתי אמרה קהלת אחת לאחת למצוא חשבון :

אות ש

שמואל שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול :

שלמה׳ שמחה׳ שמעיה שומר כל עצמותיו אחת מהנה לא נשברה :

אות ת

תנחום תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם :

ווען

ווען איין אשה גייט שווער צו קינד זאל מען זאגין דעם למנצח צוועלף מאל :

למנצח גאט זאל דיר ענטפערין אין דעם טאג וואס איינג איז זאל דיך שטארקין דער נאמען פון גאט וואס יעקב אבינו האט גיגלייבט ער זאל שיקין דיין הילף פון זיין הייליג ארט אונ פון גאט וואס רואט אין ציון זאל דיך אונטער לעהנען ער זאל גדיינקען אלע מנחות ועולות דאס מיינט מען די תפלות עש זאל זיין גרעכינט וויא פעטע קרבנות ער זאל דיר געבן וויא דיין בטראכטן זאל ער דר פילן מיר וועלן זינגן אז דו וועסט העלפן אונ מיט אונזער גאטס נאמן וועלין מיר אן צייכינגן אויף אלע דגלים גאט זאל דער פילן גאר דיין גיבעט איצונדערט וויים איך אז גאט העלפט זיין גזאלבטין טוט אים ענטפערן פון זיין הייליגן הימל מיט דעם שטארקייט פון זיין רעכטע האנט העלפט ער די דאזיגע האבן בטחון אויף רייט וועגן מיט זייער פערד ׳ אבער מיר מיט אונזער גאטש נאמען טוען מיר דער מאנען ׳ זיי האבין זיך גקניט אונ זיינען גפאלן מיר זיינן אויף גשטאנען אונ האבן זיך גשטארקט גאט העלף דער מלך הקב״ה זאל אונז ענטפערין אין דעם טאג וואס מיר וועלין צו אים רופין :

דער נאך זאלין זאגין די מענטשין וואס זיינען אין שטוב דעם יהי רצון :

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילן פר דיר גאט וואס דו האסט בשאפן הימל אונ ערד ׳ גאט פון אברהם ׳ גאט פון יצחק ׳ גאט פון יעקב ׳ דו ביסט גוועזן מיט אונז אין דיא ערשטע צייטין אונ ביסט היינט אויך מיט אונז דר בארמיגר גאט גרעכטער גאט אלמאכטיגר גאט ׳ וואש דו ענטפערסט איטליכן אין זיין נויט ׳ בכן בעטן מיר דיך גאט אז דו זאלסט אן נעמן אונזער גיבעט וואס מיר בעטין אויף דער אשה (פב״פ) צווישין די תפלות וואס דיין פאלק ישראל בעטין אז דוא זאלסט צוא הערין דאס גישרייא וואס זיא שרייט אין איר ווייטאג ׳ אונ וואש זיא זיצט אויף דעם בראך שטול אונ האפט צו דיר גאט אונ זאלסט זעהען אן איר לייד ׳ אונ זאלסט דער הערין איר גבעט מיט דיין דער בארימקייט ׳ אונ זאלסט זיא מאכן אנטרינן אונ בשירמן פון איר ווייטאג מלך מלכי המלכים הקב״ה דו האסט געענטפערט אויף דיא תפלות פון אונזער מוטער שרה רבקה רחל ולאה וואס זייא זיינען גיבארין אין דעם מזל אז זיי זאלין ניט האבין קיין קינדער אונ האסט פר ענדערט זייער מזל אונ האסט זייא גיגעבין גוטע קינדער אזוא בעטין מיר דיך גאט אז דוא זאלסט אויך גדיינקען דיא אשה (פב״פ) וואס זיא זיצט אויף דעם בראך שטול אירע אויגין טוען צוא דיר הייגן אונ האפן אזוא וויא איין דינסט מויד טוט האפין צו איר הארינטע ׳ אונ אויך בעטין מיר דיך גאט אז דוא זאלסט איר ענטפערין אזו וויא דו האסט גיענטפערט צוא דוד המלך עליו השלום בשעת אז ער האט גמאכט דעם מזמור אונ האט גזונגען דעם מזמור ׳ אונ עש זאל בייא דיר גאט חשוב זיין איר גבעט אזוא וויא עס איז בייא דיר גאט חשוב גוועזין דאס דעמפונג פון קטורת אויפן מזבח אונ אזוא וויא מיר טוען דיך גאט אן רופן מיטן גאנצן הארצן אזו זאל זיין דיינע גרויסע חסדים אויף דר אשה (פב״פ) אז זיא זאל האבין דאס קינד גיך אונ באלד אונ דאס קינד זאל זיין גוט אונ פרום אונ משיח זאל קומען במהרה בימינו אמן :

דאש איז דער בריף וואש דער רמב"ן האט גישיקט פון עכו קיין קטלוניא צוא זיין זון אויף דיא מדת ענוה אונ ער האט אים פאר באטין אז ער זאל דאש לייענען איין מאל אין וואך כדי אז אנדערע זאלין דאש אויך לערנען אונ זאלין רגיל זיין אויש ווייניג צוא גיוואונען זייא אין דער יוגענט אין יראת שמים אונ האט אים אן גיזאגט אז אין דעם טאג וואש ער וועט לייענען דעם בריף וועט ער גענטפערט ווערין פון הימל וואס ער וועט בעטין אונ ווער עש וועט גיוואונען זיך דאס צוא זאגין וועט ער בוודאי ניצול ווערין פון אלע צרות אונ איז פאר זיכערט אז ער וועט זיין איין בן עולם הבא :

שמע הער צו מיין זון דיא שטראף פון דיין פאטער אונ פאר לאז ניט דיא לערנונג פון דיין מוטער דוא זאלסט זיך פירין שטענדיג צו ריידן דיינע רייד מיט נחת צוא איטליכש מענטשן אלע צייט · אונ דר מיט וועסטו בשירמט ווערן פון כעס וואס דאס איז די ערגשטע מדה וואס מאכט זינדיגין די מענטשין אונ אזו האבן אויך די חכמים גזאגט דר וואס איז אין כעס זיינן אלע מיני גיהנם שולט אן אים אז דר פסוק זאגט והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך דאס איז טייטש טוא אפ דעם כעס פון דיין הארצין וועסטו מאכין איבר פארין די שלעכטש פון דיין לייב אונ רעה איז גיהנם אז דר פסוק זאגט וגם רשע ליום רעה אונ אז דו וועסט בשירמט ווערין פון כעס וועט אויף דיר אויף גיין די מדת ענוה וואס דאס איז די בעסטע מדה פון אלע מדות טובות אז דר פסוק זאגט עקב ענוה יראת ה' דאס איז טייטש דער שכר פון ענוה איז יראה אונ פון וועגין די מדת ענוה וועט אויף גיין אויף דיין הארצין דיא יראה אז דוא וועסט זיך נעמען צום הארצין שטענדיג פון וואנען דו ביסט גקומען אונ וואו הין דו וועסט גיין אונ אז דו ביסט מאדין אונ ווערים פאר דיין לעבין אונ מכל שכן נאך דיין טויט · אונ פאר וועמען דוא ביסט אן גיבריית צוא געבין דין אונ חשבון פאר דעם מלך הכבוד אז דער פסוק זאגט הלא השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי לבות בני אדם דאס איז טייטש די הימל קאן דיר ניט פאר נעמען אונ מכל שכן די הערצר פון מענטשין · אונ נאך איין פסוק זאגט הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה' דאס איז טייטש פאר וואר די הימל אונ ערד בין איך פול אזוא זאגט גאט · אונ אז דו וועסט טראכטין דיא אלע זאכין וועשטו מורא האבין פאר דיין בשעפר אונ וועסט זיך היטן פון זינד · אונ מיט די דאזיגע מדות וועסטו זיין פריילך מיט דיין חלק · אונ אז דו וועסט זיך פירין מיט מדת ענוה צוא שעמען זיך פאר אלע מענטשין אונ וועסט זיך פארכטין פאר גאט אונ פאר דיא זינד דענסט מאל וועט רוען אויף דיר דיא לויטערקייט פון דר שכינה · אונ וועסט קומען צו חיי עולם הבא · איצונד מיין זון זייא ווישן אונ זעה אז דער וואס האלט זיך גרויס איבר לייטן איז ער מורד אן מלכות שמים דען ער בארימט זיך מיט די קלייד פון מלכות שמים · אז דר פסוק זאגט ה' מלך גאות לבש דאס איז טייטש גאט דער קיניג איז גיקליידעט מיט גרוישקייט · אונ פאר וואס זאל זיך דר מענטש גרויש האלטין אויב מיט רייכקייט פאר וואר גאט מאכט ארום אונ רייך · אונ אויב מיט כבוד איז דאך צו גאט דאס כבוד · אז דר פסוק זאגט והעושר והכבוד מלפניך דאס איז טייטש דיא רייכקייט אונ דאס כבוד איז דיין · אונ אויב דוא וועסט זיך בארימען מיט חכמה פאר וואר גאט טוט אפ דעם שכל פון דיא חכמים דרום איז אלץ גלייך פר הקב"ה דען מיט זיין כעס מאכט ער נידעריג די וואס

האלטין

האלטין זיך גרוים אונ מיט זיין וויל'ן דר הויבט ער די וואש האלטן זיך שפל · דערי בר זאלסטו זיך שפל מאכין ווערט דיר דער הויבין הש"י · דרום וועל איך דיר בשיידן וויא דו זאלסט זיך פירן שטענדיג מיט מדת ענוה · דייגע רייד זאל זיין מיט נחת · דיין קאפ זאל זיין איין גבויגן אונ דייגע אויגן זאלן לוגן אראפ · אונ דיין הארץ זאל זיין צו דעם וואס איז אין הימל · אונ זאלסט קיין מענטשן איין זעהן אין פנים אז דו רעטשט מיט אים · אונ איטליכער זאל זיין גרעסער פאר דיר אין דייגע אויגן אויב ער איז רייכער דארפסטו אים אן טאן כבוד אונ אויב ער איז איין ארימר אונ דו בישט רייך אדער קליגר פר אים זאלסטו זיך טראכטן אז דו ביסט חייב אונ ער איז זכאי אונ ווען ער איז איין חוטא זאלסטו זיך טראכטין אז ער איז איין שוגג אונ דו ביסט איין מזיד אין דייגע רייד אונ אין דייגע מעשים אונ אין דייגע גידאנקען · אונ אלע צייט זאלסטו זיך טראכטין אין הארצין גלייך וויא דו שטייסט פר הקב"ה אונ דיא שכינה איז אויף דיר דען זיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט · אונ דייגע רייד זאל זיין מיט פארכט אונ מיט יראה גלייך אז איין קנעכט שטייט פאר זיין הארין · אונ זאלסט זיין גיהיט צו לערגען תורה שטענדיג אז דוא זאלסט קאנן איר מקיים זיין אונ אז דוא גיישט אוועק פון ספר זאלסטו זוכין אין וואס דוא האסט גילערינט אויב עס איז דא אין אים איין זאך אז דו זאלסט קענען מקיים זיין · אונ דוא זאלסט איבער זוכין דייגע מעשים אין דער פריא אונ ביי נאכט · דער מיט וועט זיין אלע דייגע טעג מיט תשובה אונ טוא אפ אלע וועלט זאכן פון דיין הארצן בשעת תפלה אונ בריים אן דיין הארץ צוא גאט · אונ רייניג דייגע גידאנקן אונ טראכט דייגע רייד איידר דו לאזט ארוים פון מויל אונ אזוי זאלסטו טאן אלע דייגע טעג וואס זיינן הבל אין איטליכש זאך דורך דעם וועסטו ניט זינדיגן אונ דער מיט וועט זיין דייגע רייד אונ דייגע מעשים אונ דייגע מחשבות רעכט פארטיג אונ דיין תפלה וועט זיין זייער קלאר אונ ריין אונ אן גינומען פאר הקב"ה אז דר פסוק זאגט תכין לבם תקשיב אזנך · דאס איז טייטש דו זאלסט אן בריייטין דיין הארץ עס זאל פאר נעמן דייגע אויערין · דוא זאלסט לייענן דעם בריף איין מאל אין וואך · אונ זאלסט ניט מינערין מקיים צוא זיין אים · אונ צוא גיין מיט אים שטענדיג נאך הש"י כדי דוא זאלסט מצליח זיין אין אלע דייגע וועגין · אונ וועסט זוכה זיין צו עולם הבא וואס עס איז פאר בארגין צוא דיא צדיקים · אונ אלע טאג וואס דוא וועסט אים לייענן וועט מען דיר ענטפערין פון הימיל וואש עש וועט דיר אויף גיין אויף דיין הארצין צוא בעטין ביז אייביג אמן סלה: